STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09930

GESHIKHTE FUN GANTS AMERIKE

Ph. Krantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געשיכטע
פון
גאנץ אמעריקע

פון

פיליפ קראנץ

מיט הוספות און הקדמה פון

דר. יעקב שאצקי

אין צוויי בענדער
מיט 125 בילדער און לאנדקארטען,
און אן אינדעקס

צווייטע פארגרעסערטע אויפלאגע

ערשטער באנד

די געשיכטע פון פאראייניגטע שטאטן, קאנאדע
מעקסיקא און צענטראל אמעריקא

היברו פאבלישינג קאמפאני
34־632 בראדוויי, ניו יארק
1929

HISTORY OF ALL AMERICA

HISTORY OF ALL THE COUNTRIES IN THE NEW WORLD

BY

PHILIP KRANTZ

IN TWO VOLUMES

WITH INTRODUCTION AND SUPPLEMENTS BY

JACOB SHATZKY, Ph. D.

HEBREW PUBLISHING COMPANY

632 BROADWAY, NEW YORK

COPYRIGHT, 1915

BY EDUCATIONAL COMMITTEE OF THE WORKMEN'S CIRCLE

COPYRIGHT, 1929

BY HEBREW PUBLISHING CO.

הקדמה.

פיליפ קראנצעס בוך „גאַנץ אַמעריקע" איז דערשינען אין יאָר 1915, אַרויסגעגעבן פון דעם „עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטאַמענט" פון ארבעטער רינג. דאָס דאָזיקע בוך איז אויפגענומען געוואָרן זייער וואַרים פון דעם לייענער, און עס איז ניט קיין וואונדער, ווייל דאס בוך האט עס כשר פאַרדינט.

קראַנץ האָט אָנגעשריבן אַ סך פּאָפּולער־וויסנשאַפטליכע ביכער; אָבער קיין איינס פון זיי טראגט ניט אויף זיך דעם סטעמפּעל פון אמתער געלערזאַמקייט אין דער מאָס, ווי דאס בוך איבער אמעריקע.

אַמאָליקע צייטן האָט מען זיך נוהג געווען אין דער יידישער אַמעריקע צו פאַרשווייגן די קוועלן מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט ביים שרייבן אַ בוך. דער דאָזיקער, היינט ממש אומפאַרשטענדלאַכער מנהג, האט זיך גענומען דערפון, וואָס דער ניט רייפער אידישער לייענער האָט געהאַט אַ מיינונג, אַז קוים גיט דער מחבר אָן פון וואַנען ער האט געשעפּט זיינע ידיעות, איז דאָס בוך שוין ניט „זיינס".

מאַנכע יידישע שרייבער האָבן פשוט „מורא" געהאַט, אַז אַן אַנדערער זאָל ניט אויסכאפּן זייער תורה און באַמיט זיך צו באַהאַלטן, ווי ווייט מעגליך, די מקורים פון זייער אינפאָרמאַציע.

וואָס פאַר אַ סיבה זאָל ניט האָבן געווירקט ביים פאַרשווייגן די קוועלן, איין זאַך איז קלאָר: זי האָט געשאַפן מאַנכע שרייבער ניט קיין גינסטיקע רעפּוטאַציע, אַ רעפּוטאַציע וואס זיי האָבן ניט פאַרדינט. זייערע ווערק האָט מען אָפטמאָל אָנגערופן: פּלאַגיאַט אָדער אין בעסטן פאַל קאָמפּילאַציע־דאַן ווען אין דער אמתן זענען דאָס געווען גאָר גוטע ווערק מיט אַן אייגנאַרטיקן צוגאַנג, קריטישן בליק און גאָר אַ באַדייטנדעם סכום פון נויטיקע ידיעות.

צו די ווערק, וואָס האָבן מאָראַליש געליטן, אַ דאַנק דעם ניט אָנגעבן די מקורים, געהערט קראַנצעס בוך: „גאַנץ אַמעריקע". דער קוועלן מאַטעריאַל מיט וועלכן קראַנץ האָט אַפּערירט אין זיין בוך איז גאָר אַ באַדייטענדער. ווען ער וואָלט אָפּגעדרוקט צום סוף פון זיין בוך אַ רשימה פון ביכער, וועלכע ער האָט איבערגעליינט כדי אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע בוך, וואָלט דער צעטל געווען גענוג גרויס און אַרויסגערופן אַ גרעסערן דרך ארץ צום שרייבער און צו זיין ווערק.

קראַנץ ווייזט אַרויס אין דעם דאָזיקן בוך אַ סך וויסן און קריטישן חוש

פאַר דער ליטעראַטור איבער אַמעריקע. מיר איז אויסגעקומען נאָכקאָנט־ראָלירן אַ סך פאַקטן וואָס ווערן אין דעם בוך באַלויכטן אַנדערש, ווי אין מאַנכע גוט באַקאַנטע ביכער איבער אַמעריקע. איך האָב זיך איבערצייגט אַז דער פּראָפעסאָר פון „גאַנץ אַמעריקע" איז געווען אַזוי געוויסנהאַפט, אַז ער האָט אַריינגעקוקט אין אַזעלכע ווערק אָדער צייטשריפטן, וואָס נאָר אַ ספּעציאַליסט נוצט־טיקט זיך אין זיי און ביים שרייבן אַ פּאָפּולערע געשיכטע פון אַמעריקע קען מען מיט אַ ריינעם געוויסן די דאָזיקע קוועלן פאַרבייגיין.

באַ די אומות העולם ווערט אַזאַ בוך, ווי קראַנצעס געשיכטע פון אַמע־ריקע אַנערקענט פאַר אַ גוטן „טעקסט־בוך", אויב עס ווערט נאָר אָנגעגעבן צום סוף דער גאַנצער וויסנשאַפטליכער קלאַפּערגעצייג, וואָס ווערט אָפט־מאָל מיט רעכט אָבער זייער אָפט מיט אומרעכט געפאָדערט.

ניט איין פּראָפעסאָר פאַר אַמעריקאַנער געשיכטע וואָלט זיך געפילט צופרידן, ווען ער קען אָנשרייבן אַזאַ פּאָפּולער און גוט בוך, ווי קראַנץ האָט אָנגעשריבן.

געשריבן לייכט, געבויט אויף גוטע אינפאָרמאַציעס, קאָנסטרואירט דורכזיכטיג און געשילדערט לויט אַ שטרענג אויסגעהאַלטענעם סיסטעם פון געבן דאָס וויכטיקסטע, דאָס כאַראַקטעריסטישע און היסטאָריש ווערט־פולע־איז דאָס בוך ביי היינט צו טאָג אַ נוצלאַך בוך, וואָס פירט אַריין דעם לייענער אין דער אינטערעסאַנטער וועלט פון אַמעריקאַנער געשיכטע.

קראַנץ האָט דערפירט זיין געשיכטע ביזן יאָר 1915. מיין אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דערגענצן די פאַקטן ביזן יאָר 1928. איך האָב עס געטאָן אויפן סמך פון די קוועלן, וואָס ווערן פון מיר אָנגעגעבן צום סוף פון מיין טייל אין דעם בוך.

ווען מען טראַכט זיך אַריין טיפער אין קראַנצעס אַרבעט איבער אַמע־ריקע מוז מען קומען צום שלוס, אַז ווען ניט די טרויעריקע אומשטענדן פון יענער האַרטער צייט, ווען דאָ אין אַמעריקע האָט זיך געבויט די אידישע ליטעראַטור אין ברייטסטן זין פון וואָרט, וואָלט אפשר פיליפּ קראַנץ אונז מזכה געווען מיט מערערע גוטע, פּאָפּולער־וויסנשאַפטליכע ווערק פון דעם מין, ווי די געשיכטע פון אַמעריקע. און ווייל דער פאַרדראָס איז אַזוי גרויס, אַז דאָס איז ניט באַשערט געווען דעם דאָזיקן אונערמידליכן בויער און פּיאָנער פון דער אידישער קולטור אין אַמעריקע—דעריבער דאַרף די צופרידענ־הייט זיין נאָך שטאַרקער, אַז דאָס נוצלאַכע האַנד־בוך וועגן דער געשיכטע פון אַמעריקע דערשיינט אין אַ צווייטער אויפלאַגע. זי וועט זיכער האָבן אַזוי פיל לייענער, וויפיל די אויסגאַבע מיט קנאַפּע פופצן יאָר צוריק האָט געהאַט.

ניו־יאָרק, דעם 3 מאַיי 1929

ד"ר. יעקב שאַצקי.

אינהאלט פון ערשטען באנד

זייט

די געשיכטע פון יונייטעד סטייטס:

איינלייטונג: אמעריקא ביז קאָלומבוס 5

ערשטער קאפיטעל:

די אנדערע רייזען און די ערשטע בעזעצונגען אין נאָרד־אמעריקא 20

צווייטער קאפיטעל:

די מלחמה מיט די פראנצויזען 29

דריטער קאפיטעל:

דער אָנפאנג פון דער אמעריקאַנער רעוואָלוציאָן 32

פערטער קאפיטעל:

דער קאַמפף פאר אונאבהענגיגקייט 40

פינפטער קאפיטעל:

די קאָנסטיטוציאָן פון דער נייער רעפובליק און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איהר ערשטער פרעזידענט 44

זעקסטער קאפיטעל:

טהאָמאַס דזשעפערסאָן און די פערגרעסערונג פון דער רעפובליק דורך די „לואיזענע פוירטשעס" 52

זיבעטער קאפיטעל:

די מלחמה מיט ענגלאַנד 55

אכטער קאפיטעל:

די נעגער שקלאווערייַ און דער מיזורי קאָמפראָמיס 57

נייַנטער קאפיטעל:

די מאָנראָ דאָקטרין און די מלחמה מיט מעקסיקאָ 62

צעהנטער קאפיטעל:

דער בירגער־קריעג וועגען די בעפרייאונג פון די נעגער 68

עלפטער קאפיטעל:

נאָך'ן בירגער־קריעג ביז צו דער מלחמה מיט שפּאַניען 89

צוועלפטער קאפיטעל:

פון דער מלחמה מיט שפּאַניען ביז אונזערע טעג 89

די געשיכטע פון קענעדע

פאָרוואָרט 105

ערשטער קאפּיטעל:
די ערשטע רייזען נאָך נאָרד־אמעריקא און די ענטדעקונג פון קענעדע .. 108

צווייטער קאפּיטעל:
די ערשטע פּראָבעס צו גרינדען קאָלאָניעס 117

דריטער קאפּיטעל:
די גרינדונג פון פּאָר־ראָיאַל און פון קוויבעק 122

פערטער קאפּיטעל:
קוויבעק נאָך דעם אָנפאַל פון די ענגלענדער 128

פינפטער קאפּיטעל:
פראנצויזען און ענגלענדער אין אַקאַדיע און אין ניו־פאונדלענד 131

זעקסטער קאפּיטעל:
דער קאַמפּף מיט די איראָקוואָים און די ענדערונג אין 1663 136

זיעבעטער קאפּיטעל:
די גרויסע ענטדעקונגען פון פראַנצויזישע רייזענדע 142

אַכטער קאפּיטעל:
ניו־פראנקרייך און ניו־ענגלאנד אין 18־טען יאהרהונדערט 147

ניינטער קאפּיטעל:
דער סוף פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין קענעדע 153

צעהנטער קאפּיטעל:
די קענעדער פראנצויזען און די אמעריקאנער רעוואָלוציאָן 162

עלפטער קאפּיטעל:
די לאָיאַליסטען און די ענגליש־אַמעריקאַנער מלחמה אין 1812 169

צוועלפטער קאפּיטעל:
די אורזאכען און די פאָלגען פון דעם אויפשטאַנד אין 1837 174

דרייצעהנטער קאפּיטעל:
דער פערבאנד פון די פּראָווינצען אין 1867 180

פערצעהנטער קאפּיטעל:
די נייע פּראָווינצען אין נאָרד־וועסט 185

די געשיכטע פון מעקסיקא:

פאָרוואָרט צו דער לאטיינישער אמעריקא 193

ערשטער קאפּיטעל:
די אינדיאַנישע ציוויליזאציאָן 199

צווייטער קאפּיטעל:
די מלוכות אין אַנאַהואַק 210

דריטער קאפיטעל :
די ערשטע עקספעדיציעס נאך מעקסיקא 220
פערטער קאפיטעל :
דער מארש נאך מאנטעזומא׳ס הויפטשטאדט און די „טרויעריגע נאכט“ .. 230
פינפטער קאפיטעל :
די צערשטערונג פון דער אצטעקישער מלוכה 240
זעקסטער קאפיטעל :
די קאלאניאלע צייט 245
זיבעטער קאפיטעל :
די רעוואלוציאן און די אבשאפונג פוי דער שפאנישער הערשאפט 256
אכטער קאפיטעל :
אונענדליכע רעוואלוציאנען און דיקטאטורען 264
נייגטער קאפיטעל :
בעניטא כוראעץ און מאקסימיליאן 275
צעהנטער קאפיטעל :
דיאץ, מאדערא און הוערטא 286

די געשיכטע פון צענטראל אמעריקא.

ערשטער קאפיטעל :
אינערליכע איבערקעהרעניסען און געגענזייטיגע מלחמות 303
צווייטער קאפיטעל :
פאנאמא : איסטמוס, קאנאל און רעפובליק 314

———000———

צום סוף פון צווייטען באנד קומט אן א י נ ד ע ק ס אדער אלאפאבע־טישער אנצייגער פון אלע נעמען און ענינים אין דיעזען היסטארישען ווערק.

בילדער און לאַנד־קאַרטען פון ערשטען באַנד

זייט

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן 3
קריסטאָפער קאָלומבוס 5
איינע פון קאָלומבוסעס'עס שיפען 6
אַלטע האַנדעלס־וועגען צווישען אייראָפּא און אינדיען 16
די לאַנד־קאַרטע פון קאָלומבוס'עס 4 רייזען 18
אַמעריגאָ וועספּוטשי 21
דער ים־פאָהרער קאַבאָט 22
די לאַנד־קאַרטע פון פראַנצויזישע, ענגלישע, שוועדישע און האָלענדישע בעזעצונגען
אין נאָרד־אמעריקא אין מיטען פון 17־טען יאהרהונדערט 23
סער וואָלטער ראָלי 24
וויליאַם פּען 28
ראָבערט לאַסאַל 30
סטעמפּס און געברויך אין 1765 34
סעמיועל אדאמס 36
דזשאהן הענקאק 37
אן אמעריקאנער סאָלדאַט אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן 38
אינדעפּענדענס האָל אין פילאדעלפיא אין 1776 40
די פרייהייטס־גלאָק אין אינדעפּענדענס האָל 41
בענדזשאמין פראנקלין 42
מאַרקיז לאַפאַיעט 43
קאָנגרעס האָל אין פילאדעלפיא אין 1790 45
אלעקסאַנדער האַמילטאָן 49
פעדעראל האָל אין ניו יאָרק 50
דזשאהן אַדאַמס 52
טהאָמאס דזשעפערסאָן 53
דזשעימס מאָנראָו 59
די לאַנדקאַרטע פון יונייטעד סטייטס אין 1820 60
סעמיעל האַוסטאָן 64
איווברעהעם לינקאָלן 70
דזשעפערסאָן דייוויס 71

פאָרט סאַמפּטער פאר די באָמבאַרדירונג 72
דער פלאַג פון די קאָנפעדעראַטען 73
גענעראַלען וויליאַם שערמאַן און ראָבערט לי 74
גענעראַל יוליסעס גראַנט 77
דזשעימס גאַרפיעלד 82
גראָווער קליוולענד 83
וויליאַם און בענדזשאמין העריסאָן 84
וויליאַם מעקקינלי 89
אדמיראל דיואי 92
טהעאָדאָר רוזוועלט 95
וויליאַם טאַפט 100
וויליאַםברייען 103
יודזשין וו. דעבס 104ג
וואודראָו ווילסאָן 104ז
זשאַק קאַרטיע 111
די אינדיאַנער שטאָדט האָשעלאַגאַ 114
אַ לאַנגע הויז פון די איראָקוואָיס 115
די „דאָפין קאַרטע“ פון נאָרד אמעריקא 119
סאַמועל דע שאַמפלעין 124
דער אינדיאַנער פאָרט אָנאָנדאַגאַ 126
סער וויליאַם אַלעקסאַנדער 131
קאַרדינאַל רישעליע 132
א וואַלד־לויפער אויף שנעע־שיך 138
ראָבערט דע לאַסאַל 145
גראף פראָנטענאק 148
מאַרקיז מאָנקאַלם 156
גענעראַל דזשעימס וואָלף 158
קוויבעק און די ארומיגע פעסטונגען אין 1759 160
לואי פאַפּינאָ 175
וויליאַם לייאָן מעק־קענזי 176
די טעמפּעל־פּיראמידע אין פּאַפּאַנטלאַ, מעקסיקאָ 200
א זייל פון טולאָ 202
חורבות פון אַ טעמפּעל אין קסאָטשיקאַלקאָ 201
א סטאַטוע פון קוועצאַלקאָאַטל 203
פיגורען פון די געטער קוועצאַלקאָאַטל און טעפּעיאָלאָטלי 204
א זייל מיט פיגורען און היעראָגליפען 205
א סטאַטוע פון פּאַלענקע 207

פיגורען מיט היעראָגליפען פון פּאַלענקע 208
דער קרייץ פון פּאַלענקע 209
א סקולפּטור וואס שטעלט פאָר, ווי מען האָט מקריב געווען מענשען 214
א שטיינערנער מעסער צו עפענען די הערצער פון מענשליכע קרבנות 215
א סטאַטוע פון א פּריעסט אין דער הויט פון א מענשליכען קרבן 215
א סטאַטוע פון מעקסיקאַנער גאָט פון טענץ און ספּאָרטס 216
דער אַצטעקישער קאַלענדער־שטיין 217
אַ געקרייציגטע פיגור 218
א לאַנד־קאַרטע פון וועסט־אינדיען און צענטראַל־אמעריקא 221
הערנאַנדאָ קאָרטעץ 223
קאָרטעץ אין פולער בעוואַפנונג 225
מאָנטעזומאַ 234
בעניטאָ כואַרעץ 276
מאַקסימיליאַן 282
גענעראַל פּאָרפירא דיאַץ 287
פראַנציסקאָ מאַדעראָ 293
גענעראַל וויקטאָריאַנאָ הוערטאַ 296
וואַסקאָ נוניעץ דע באַלבאָאַ 315
לאַנד־קאַרטע פון דאַריען און פּאַנאַמא 316

די פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא

United States of America


G. Washington

איינלייטונג

אַמעריקאַ ביז קאָלומבוס'עס צייט

באלד נאָך קאָלומבוס'עס ערשטע רייזע איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאָן אין יאָהר 1492 האָבען זיך פיעלע אַנדערע מוטהיגע ים־פאָהרערס אַ לאָז געטהאָן אויף דעם זעלבען אונבעקאַנטען וועג, וועלכער האָט ווער ווייסט וויפיעל טויזענדע יאָהרען אָבגעזונדערט די אַלטע פון דער נייער וועלט, וועלכער האָט געטראָגען אין די גריכיש־רוימישע צייטען דעם נאָמען "דער ים פון פינסטערניס" און וועלכער איז פאָרגעשטעלט געווען אויך ביי די פאָרטגעשריטענסטע וועסט־אייראָפּעאישע פעלקער אַלס אַ טהייל פון דער ערד, וואָס איז פול מיט שרעקענס־בילדער, בעוואָהנט פון שרעקליכע בעשעפעניסען.



קריסטאָפער קאָלומבוס.

אָבער אַלע דיעזע רייזענדע, וועלכע זיינען געקומען צו פערשיעדענע פונקטען פון אַמעריקאַ און האָבען אויך מעהר אָדער ווייניגער נאָכגעפאָרשט דיא ברעגען פון דיעזער נייער וועלט אויף לאַנגע שטרעקען, האָבען גאָר ניט גערעכענט, אַז זיי געפינען זיך ווירקליך אין אַ גאַנץ נייער וועלט. זיי האָבען אַלע געמיינט אַזוי וויא קאָלומבוס, דאָס זיי זיינען צוגעקומען צו דיא ווייטעסטע מזרח־ברעגען פון אינדיען אָדער פון כינא און יאַפּאַן, וויא דיזע לענדער זיינען בעשריבען געוואָרען פון דעם איטאַליענישען רייזענדער מאַרקאָ פּאָלאָ צו ענדע פון 13טען יאָהרהונדערט. דער צוועק פון זייערע רייזען איז יעדענפאַלס געווען צו געפינען אַ נייעם וועג צו דיעזע רייכע מזרח־לענדער, ספּעציעל צו אינדיען, מיט

וועלכע דיא אייראָפּעאישע פעלקער האָבען קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו פיהרען האַנדעל אויף וועגען, וועלכע זיינען שוין געוועזען איינגעפיהרט און געברויכט לאַנג־לאַנג פאר דער צייט, ווען אלכסנדר מוקדון האָט זיך אהין אריינגעריסען נאָך זיין זיעג איבער דעם הערשער פון פּערסיען.

ערשט מיט א יאָהר דרייסיג נאָך קאָלומבוס׳עס גרויסע ענטדעקונג, נעמליך: נאָך מאַגעלאַן׳ס ערשטע רייזע ארום דער ערד אין 1521 — א רייזע, וועלכע האָט אונבעשטרייטבאר בעוויעזען אז דיא ערד איז קיילעכדיג — האָט מען זיך גענומען ארומזעהן, אז אויף דער מערב־זייט פון אטלאַנטישען אָקעאַן האָט מען ניט צו טהאָן מיט אינזלען אָדער האלב־אינזלען פון אַזיאַטישע לענדער, זאָנדערן מיט א גאַנץ נייען וועלט־טהייל.


איינע פון קאָלומבוס׳עס שיפען.

קאָלומבוס האָט טאַקע ביז זיין טויט ניט געוואוסט, אז ער האָט אין דער אמת׳ן ענטדעקט א נייע וועלט. פאר דיא אייראָפּעאישע פעלקער איז אמעריקא געוועזען א גאַנץ נייע וועלט, ניט אזוי דערפאר, וואָס זיי האָבען פריהער גאָר ניט געהערט פון איהר, אָבוואָהל עס האָט אפשר געקענט פּאַסירען, וויא מען דערצעהלט עס געוועהנליך אין דיא געשיכטען איבער דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ, אז דיא מוטהיגע ים־רויבער פון סקאַנדינאַוויען האָבען על פּי סבה דערגרייכט אין 10טען יאָהרהונדערט ביז גרענלאַנד און לאַבראַדאָר אין נאָרד אַמעריקאַ, וויא מיר וועלען עס באלד זעהען; אויך ניט דערפאר, וואָס מען האָט אויף איהר געפונען נייע חיות און פלאַנצען, נור ספּעציעל דערפאר וואָס זיא איז בעוואָהנט געוועזען פון א גאַנץ נייע ראַסע מענשען — דיא רויט־הויטיגע ראַסע, וועלכע מען רופט געוועהנליך מיט דעם אלגעמיינען, אָבער ניט ריכטיגען נאָמען אינדיאַנער.

דער אורשפּרונג פון דיעזער ראַסע, דיא פראַגע, אויב דיא רויט־הויטיגע מענשען זיינען אויפגעקומען אין אמעריקא גופא, אָדער זיי זיינען אין גרוי־אַלטע צייטען אריבערגעקומען פון אזיען אָדער פון אן אנדער טהייל פון דער אלטער וועלט — דאָס איז נאָך ביז היינט צו טאָג ניט אויסגעפאָרשט געוואָרען. מען וויים נור מיט זיכערהייט, אז דיא אינדיאַנער שטאַמען און שבטים אין דיא

נאָרד־וועסטליכע טהיילען פון אמעריקא זיינען לאנג־לאנג פאר דיא רייזען פון קאָלומבוס געווען אין פערקעהר מיט דיא שטאמען פון דיא נאָרד־אָסטליכע טהיילען פון סיביר דורך דעם שמאָלען וואסערוועג, וואָס טראָגט יעצט דעם נאָמען בעהרינג (נאָך דעם נאָמען פון דעם דענישען ים־פאָהרער, וואָס האָט דעם דאָזיגען וועג ענטדעקט אין 1728) און וואָס טהיילט אָב אזיען פון אמעריקא. עס איז דארום מעגליך, אז אמאָל האָבען מענשען אריבערגעוואנדערט פון אזיען נאָך אמעריקא, וואו זיי האָבען זיך צושפּרייט ביסלעכוויוז. דיא רויט־הויטיגע ראַסע האָט טאקע אזוי פיעל עהנליכקייט צו דער מאָנגאָלישער, אז איניגע גע־לעהרטע רעכענען, דאָס זיא שטאמט פון אזיען.

יעדענפאלס, וואָס מען זאָל ניט דענקען וועגען דעם אורשפּרונג פון דיא אינדיאנער, נור דאָס איז בעשטימט, אז אויף דער גאנצער לענג און ברייט פון דער נייער וועלט, פון קענעדע ביז ארגענטיניען, זיינען זיי געווען שטאַמען אָדער שבטים פון איין ראַסע.

פאר זיי איז דיא נייע וועלט נאטירליך געווען א גאנץ אלטע. לאנג־לאנג פאר קאָלומבוס'ען האָבען זיי אפילו געגרינדעט גרויסע מלוכות אין איניגע גע־גענדען. ביי אויסגראבונגען אין געוויסע ערטער האט מען געפונען אונבעשטרייט־באַרע בעווייזע, אז מענשען האָבען געלעבט אין אמעריקא נאָך אין דער צייט ווען איהר נאָרד־טהייל איז געווען בעדעקט מיט אייז, דאָס הייסט אלזאָ, נאָך דיא רעכנונגען פון געלעהרטע געאָלאָגען אָדער ערד־פאָרשער, מיט הונדערטע טויזענד יאָהרען צוריק.

ביי דיא ברעגען פון ביידע אָקעאנען — דעם אטלאנטישען אָקעאן אין מזרח־זייט און דעם פאסיפישען אָדער גרויסען אָקעאן אין מערב־זייט פון אמעריקא — און אויך ביי דיא ברעגען פון גרויסע אמעריקאנער טייכען האָט מען געפונען לאנגע און ברייטע בערגלעך פון שאָלעכץ אָדער שיסעלעך פון ראַקעס, אָיסטערס און פון אנדערע אזעלכע ים־בעשעפעניסען. דיעזע בערגלעך טראָגען דעם נאָמען "קיך־הויפענס" און זיינען היינט דיא איינציגע סמנים פון מענשען, וועלכע האָבען אמאָל דאָרטען געלעבט און זיך ערנעהרט דערמיט, וואָס דער ים האָט זיי צגעוואָרפען אָדער וואָס זיי האָבען שוין געקענט פאנגען.

אין פערשיעדענע ערטער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, בעזאָנדערס אין דעם שטאאט אָהייאָ, האָט מען געפונען צעהנדליגע טויזענדע ערד־אנשיטונ־גען, וואָס טראָגען דעם ענגלישען נאָמען "מאונדס" און וואָס זיינען געמאכט געוואָרען פון מענשען, פון וועלכע דיא אינדיאנער שטאַמען אין קאָלומבוס'עס צייט האָבען שוין גאָר ניט געוואוסט. ווייטער האָט מען אין דיא וויסטע טהיילען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, ספּעציעל אין שטאאט ניו־מעקסיקאָ, געפונען הייזער אויף הויכע בערג און אזעלכע שטעדט, וואָס טראָגען דעם שפּאנישען נאָמען "פּועבלאָ" און וואָס זיינען שוין לאנג פערלאָזען געווען בשעת דיא

ערשטע שפּאַנישע גאָלד־זוכער זיינען אהין צוגעקומען. דיא איינוואָהנער פון דיעזע מערקווירדיגע פּועבלאָס, וועלכע עס האָט געוויס גענומען לאַנגע יאָהרען אויפצובויען אין אזעלכע ערטער, וואָס זיינען היינט גאָר וויסטע, — זיינען פערשוואונדען לאַנג פאַר קאָלומבוס'עס צייט. אמאָל האָט דאָרטען געלעבט א צימליך געדיכטע בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך פלייסיג בעשעפטיגט מיט אקערבוי און וועלכע האָט זאָגאר געגראָבען קאנאַלען.

אין דיא געדיכטע וועלדער פון אייניגע געגענדען אין צענטראַל־אַמעריקא האָט מען געפונען חורבות פון פּאַלאַצען און טעמפּלען, וועלכע זיינען געבויט געוואָרען פון פעלקער, וועלכע זיינען שוין פערשוואונדען געוועזען אין דער צייט ווען הערנאַנדאָ קאָרטעץ האָט איינגענומען דיא מלוכה פון דיא אַצטעקען אין מעקסיקאָ. דיעזע חורבות ווערען בעוואונדערט פון רייזענדע און געלעהרטע נאכפאָרשער און צייגען, אז דיא געהיימניספאָלע פעלקער, וואָס האָבען דאָרטען געלעבט, זיינען געשטאַנען אויף א צימליך הויכער שטופע פון קולטור.

ארום דער צייט, ווען שפּאַנישע שווערד־העלדען האָבען גענומען אויס־וואנדערען נאָך דער נייער וועלט, אום דאָרטען צו געפינען גאָלד און א שם אלס העלדען — כמעט אלעס צו וואָס זיי האָבען געשטרעבט אין לעבען — האָבען אין אמעריקא עקזיסטירט צוויי גרויסע און אין פיעלע הינזיכטען זעהר מערק־ווירדיגע אימפּעריעס: איינע אין דעם נאָרדליכען טהייל וואָס דיא יעצטיגע רעפּובליק מעקסיקאָ פערנעהמט, און דיא אנדערע אין דעם זידליכען טהייל וואָס איז נאכהער צוטהיילט געוואָרען צווישען דיא רעפּובליקען פּערו, טשילי, עקוואַ־דאָר און ארגענטיניען.

דיא ערשטע פון דיעזע אימפּעריעס, וועלכע האָט אונטער דער הערשאַפט פון דעם קריעגערישען אינדיאַנער שטאַם אַצטעקען מיט זייער קעניג מאָנטעזומאַ ארויפגעיאָגט א שרעק אויף פיעלע ארומיגע פעלקער, איז צושטערט געוואָרען אין יאָהר 1521 פון א הייפעלע שפּאַניער אונטער דער קאָמאַנדע פון הערנאַנדאָ קאָרטעץ, וועלכער איז געוועזען אזוי גרויזאם וויא העלדיש, אזוי קלוג וויא פאַנאַ־טיש און וועלכער איז בכלל א מערקווירדיגע פיגור אין דער וועלט־געשיכטע.

דיא צווייטע אימפּעריע, דיא פּערואַנישע, וועלכע האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט איהרע קאָמוניסטישע איינריכטונגען, איז צושטערט גע־וואָרען אין יאָהר 1536 פון א הייפעלע שפּאַניער אונטער דער קאָמאַנדע פון פראַנציסקאָ פּיזאַראָ, וועלכער האָט אפילו ניט געקענט אונטערשרייבען זיין נאָמען.

דיא שפּאַנישע שווערד־העלדען האָבען דאן בעוויזען וואונדער איבער וואונדער אין זייער קאַמפּף מיט דיא אינדיאַנער, בעזאָנדערס אין מעקסיקאָ, וואו דיא קריעגערישע און בלוטיגע אַצטעקען האָבען זיך געוועהרט מיט ווילדער פערצווייפלונג. דיא געשיכטע פון דיעזע שפּאַניער און פון זייערע מיליטערישע

גבורות קלינגט יעצט וויא א ראָמאַן. עס גלויבט זיך ניט, אז מענשען זאָלען קענען זאָ עטוואס בעווייזען, אָבער זייערע וואונדערבארע אויפטואונגען זיינען דאָך היסטאָרישע פאַקטען.

אין מיין בוך "אמעריקא פאר קאָלומבוס" האָב איך אויספיהרליך בע־שריבען, וואָס מען איז ביז אונזערע צייטען דערגאַנגען דורך אויסגראָבונגען און דורך אנדערע וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען וועגען דיא פערשוואונדענע אמע־ריקאנער פעלקער און זייער קולטור, וויא אויך וועגען דיא האלב־ציוויליזירטע פעלקער, וועלכע דיא ערשטע אייראָפּעער האָבען געפונען אין דער נייער וועלט. דאָ האָב איך נאָר אָנגעוויעזען אויף דעם, אום דער לעזער זאָל וויסען, דאָס ניט אלע איינגעבאָרענע פון אמעריקא זיינען געוועזען אזעלכע ווילדע מענשען, וויא מען שטעלט זיך עס געוועהנליך פאָר אונטער דעם וואָרט אינדיאַנער.

* * *

וואָס אנבעלאַנגט דיא חורבות פון טעמפּלען און פּאַלאצען, וואָס מען האָט מיט אונגעפעהר א יאָהר 150 צוריק ענטדעקט אין דיא פערוואָרפענסטע ווינקע־לעך פון דיא געדיכטע טראָפּישע וועלדער אין צענטראַל־אמעריקא, ספּעציעל אין יוקאַטאַן, זאָ בלייבט עס ביז היינט צו טאָג א טיפע געהיימניס, ווער זייערע בויערס זיינען געוועזען און וואָס עס איז פון זיי געוואָרען.

וועגען דעם זיינען אָנגעשריעבען געוואָרען א סך ספּעציעלע ביכער. מאַנכע פאָרשער האָבען געזוכט צו בעווייזען, אז דיעזע טעמפּלען פון דיא פערשוואונ־דענע פעלקער אין צענטראַל אמעריקא האָבען זעהר פיעל עהנליכעס מיט דיא בודדהיסטישע טעמפּלען אין אַזיען, אָבער אנדערע האָבען עס געזוכט אָבצור־שטרייטען און צו צייגען, דאָס דיא סטאַטועס און אנדערע סקולפּטורען דאָרטען האָבען גאָר מעהר עהנליכקייט צו עגיפּטישע און גריעכישע.

דיא מערקווירדיגסטע און אינטערעסאַנטעסטע פון דיעזע געהיימניספאָלע חורבות זיינען לכל הדעות דיא יעניגע, וואָס זיינען ענטדעקט געוואָרען לעבען דעם מעקסיקאַנער דאָרף סאַנטאָ־דאָמינגאָ־דע־פּאַלענקע. מען רופט זיי דארום דיא טעמפּלען אָדער חורבות פון פּאַלענקע. דיא סקולפּטורען דאָרטען האָבען ווירקליך א שלאָגענדע עהנליכקייט צו געוויסע סקולפּטורען אין אלטע בודדהיסטישע טעמפּלען אין אַזיען. דיא סקולפּטור אין דער פאָרמע פון א קרייץ, וואָס טראָגט טאַקע דעם נאָמען "דער קרייץ פון פּאַלענקע", האָט ער־וועקט דעם גרעסטען אינטערעס צווישען אַרכעאָלאָגען אָדער פאָרשער פון אַל־טערטהימער און בלייבט א גרויסע רעטעניס אין דער געשיכטע פון דער נייער וועלט.

אויף יעדען שריט אין דיא וועלדער ארום פּאַלענקע שטויסט מען זיך אָן אויף טיעפע געשיכטליכע געהיימניסע. דיא שטומע עדות פון אן אמאָליגע קול־

טור גיבען אונז קיין אנטוואָרט ניט אויף אַלע אונזערע פראַגען מכח דיעזע פער־לאָזענע טעמפּלען. ווער האָט זיי געבויט? דאָס ווייס מען ניט, טראָטץ אַלערליי פאָרשונגען און אויסגראָבונגען וואָס זיינען דאָרטען ביז יעצט געמאַכט געוואָרען פון פערשיעדענע אַרכעאָלאָגען. ווען זיינען זיי געבויט געוואָרען? דאָס קען מען ווידער ניט בעשטימען. וואו זיינען אהינגעקומען דיא מענשען, וואָס האָבען מיט יאהרהונדערטע צוריק געבויט אַזעלכע ריעזיגע טעמפּלען? דאָס איז ווידער א געהיימניס.

זיכער איז עס, אַז דיא פערשיעדענע אינדיאַנער שטאַמען אין צענטראַל אַמעריקא האָבען שוין צו דער צייט פון קאָלומבוס'עס רייזען ניט געוואוסט, ווער עס זיינען געוועזען דיא בויערס פון דיא וואונדערבאַרע טעמפּלען מיט דיא היעראָגליפישע אויפשריפטען, צו וועלכע מען האָט נאָך ליידער ניט געפונען און מען וועט שוין וואהרשיינליך קיינמאָל ניט געפינען א שליסעל. אפילו צווישען דיא פאָרטגעשריטענסטע פון דיא דאָרטיגע פעלקער, דיא מאיאס, האָט זיך צו דער צייט פון הערנאַנדאָ קאָרטעז ניט געפונען אימיצער צו קענען לעזען אָדער ערקלערען דיא דאָזיגע צייכענס, וואָס וואָלטען אונז געגעבען א קלאָרע תשובה אויף פיעלע קולטור־געשיכטליכע פראַגען, וועלכע וועלען וואהרשיינליך אייביג בלייבען אונפערענטפערט.

נאָר אָט געפינט מען גאָר אין אַלטע כינעזישע שריפטען און כראָניקעס א שילדערונג מכח א ווירקליך מערקווירדיגע רייזע פון בודהיסטישע מיסיאָנערען אין א וואונדערבאַרער געגענד אויף דער אַנדער זייט פון גרויסען אָקעאַן, אַ לאַנד צום מזרח פון כינאַ, אַ לאַנד וואָס איז פערצייכענט געוואָרען אונטער דעם נאָמען "פוזאַנג" אָדער "פוזו", ווייל דאָרטען זיינען געוואַקסען וואונדער־באַרע בוימער מיט דעם דאָזיגען נאָמען.

אין דיא כינעזישע כראָניקעס איז נעמליך פערשריעבען, אַז א געוויסער בודדהיסטישער מיסיאָנער מיט'ן נאָמען הוי־שען, א געבאָרענער פון דער שטאָדט קאַבול, וועלכע איז אַמאָל געוועזען א גרויסער צענטער פון דער בודדהיסטישער רעליגיאָן, איז צו דער צייט פון דעם כינעזישען קייזער יונג־יואַן געקומען צוריק פון א געהיימניספאָלע לאַנד מיט'ן נאָמען פוזאַנג. נאָך דיא רעכנונגען פון געלעהרטע היסטאָריקער איז דאָס געשעהן צו ענדע פון 5־טען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג, אַלזאָ מיט 1400 יאָהר צוריק. אין כינאַ זיינען דאַן געווען גרויסע פּאָליטישע אונרוהען. עס האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד וואָס האָט זיך געענדיגט, ווען דער קייזער וואו־טי פון א נייער דינאַסטיע איז ארויף אויף'ן "הימלישען" טראָן.

ערשט דאַן, נעמליך אין 502טען יאָהר פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג, האָט עס דער בודדהיסטישער מיסיאָנער הוי־שען געהאַט דיא מעגליכקייט אָבצו־געבען דעם כינעזישען קייזער א בעריכט מכח זיין וואונדערבאַרע נסיעה און צו

דער זעלבער צייט אויף ברייגגען מתנות און קוריאָזיטעטען פון דיא אונבעקאַנטע ערטער מעבר לים. צווישען דיעזע זאכען איז אויך געווען א מאַטעריאַל וואָס האָט אויסגעזעהן ווי זייד, נאָר דיא פעדים און שנירלעך זיינען געווען שטאַר־קערע וויא זיידענע. מען רעכענט, אז דאָס איז געווען דער שטאָף פון דיא מעקסיקאַנער בוימער וואָס טראָגען איצט דעם נאָמען "אגאַווע".

דער כינעזיישער קייזער וואוּ־טי האָט אויפגענומען דעם בודדהיסטישען מי־סיאָנער זעהר פריינדליך און האָט בעפוילען, אז איינער פון זיינע מיניסטערס זאָל גוט אויספרעגען דעם מיסיאָנער און אַלעס ריכטיג פערשרייבען. דעריבער האָט מען עס יעצט אַ ווירקליך היסטאָרישען בעריכט, אויב עס איז נאָר געווען אמת דאָס, וואָס הוי־שען האָט איבערגעגעבען.

הוי־שען האָט נעמליך דערצעהלט, אז צו דער צייט פון דעם כינעזישען קיי־זער טאַ־מינג (אונגעפעהר אין 458טען יאָהר פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג) האָבען פינף בודדהיסטישע גלחים פון קאַבול געמאַכט א רייזע איבער'ן ים נאָך דעם לאַנד פוזאַנג, וואו דיא בעפעלקערונג האָט פריהער גאָר ניט געהערט פון דעם גרינדער פון דער בודדהיסטישער רעליגיאָן. זיי האָבען אויך מיטגענומען דיא הייליגע ביכער און חפצים פון דיא בודדהיסטישע טעמפלען. אין פוזאַנג זיינען זיי פערבליבען אזוי לאַנג ביז זיי איז געלונגען צו בעקעהרען א סך איינ־געבאָרענע און אויך אויסצובילדען היימישע גלחים און פרעדיגער.

דאָ בעט זיך דיא פראַגע: וויא אזוי האָבען דיעזע מיסיאָנערען געקענט אריבערפאָהרען דעם גרעסטען אָקעאַן, וואָס טהיילט אָב מזרח־אזיען פון מערב־אַמעריקא? הוי־שען ענטפערט אויף דיעזע פראַגע מיט א בעשרייבונג פון דעם איינציגען מעגליכען וועג פאַר אזא לאַנגע און שווערע רייזע אין יענע צייטען.

דאָס איז נעמליך דער וועג פון דעם האַלב־אינזעל קאַמטשאַטקאַ אין סיביר ביז צום האַלב־אינזעל אַלאַסקאַ אין אמעריקא. דיעזע קאַלטע געגענדען ווערען אָבגעטהיילט דורך דעם אויבען דערמאָנטען בעהרינג־וואַסערוועג. אין אונזערע צייטען האָט מען צוזאַמענגעקליבען א סך בעווייזע מכח דעם, וויא דיא ווילדע שטאַמען דאָרטען פלעגען אין דיא עלטעסטע צייטען אריבערוואַנדערען אויף קליינע שיפלעך איבער דעם בעהרינג וואַסערוועג און דיא וואַסערען צווישען דיא פיעלע אינזלען דאָרטען. מען האָט למשל געפונען א סך מערקווירדיגע עהנליכ־קייטען אין דיא מנהגים, שפּראַכען, בילדער־שריפטען א. ז. וו. פון דיא אינדיאַנער שטאַמען אין נאָרד־קענעדע און אין אַלאַסקאַ פון איין זייט און פון דיא טשוק־טשים, אַלעאוטען א. ז. וו. אין סיביר פון דער אנדער זייט.

פאַר דיא עסקימאָסען און אנדערע יעגער־שטאַמען פון דיעזע קאַלטע גע־גענדען זיינען אזעלכע רייזען גאָר ניט אזוי שווער און געפעהרליך, וויא מען קען עס מיינען פון ערשטען בליק. וויא געזאָגט, דיעזער וועג איז לאַנג־לאַנג פאַר קאָלומבוס'עס רייזען דורכגעמאַכט געוואָרען פון פערשיעדענע ווילדע שטאַמען

און קען אויך יעצט דורכגעמאכט ווערען פון זיי אויף דעם זעלבען שטייגער און מיט דיא זעלבע מיטעל, וויא אפילו מיט טויזענדער יאָהרען צוריק.

הוי־שען'ס בעריכט ערקלערט, אז בודדהיסטישע מיסיאָנערען, וועלכע האָבען שוין לאנג פריהער דערגרייכט צו דיא פעלקער אין נאָרד פון סיביר, האָבען זיך אויך א לאַנג געטהאָן אויף דעם וועג פון קאמטשאטקא נאָך אַלאַסקאַ, אום צו פּרעדיגען זייער רעליגיאָן צו נייע פעלקער (מען דארף וויסען, אז נאָך מיט 200 יאָהר פאר יעזוס'עס געבורט איז בודדהא'ס תורה פערשפּרייטעט געוואָרען פון מיסיאָנערען אין דעם גרעסטען טהייל אזיען). נאכהער האָבען זיך דיעזע מיסיאָנערען ארונטערגעלאָזען לעבען דיא ברעגען פון אמעריקאַ אַלץ וויטער צום זידען ביז זיי האָבען דערגרייכט דיא רייכע געגענדען פון דיא "פּוזאַנג" בוימער. מאנכע פון דיא בעשרייבונגען פון דיעזע בוימער שטימען מיט דיא מעקסיקאַנער בוימער מיט'ן נאָמען "אגאַווע". אויך מאנכע אנדערע בעשרייבונגען פון הוי־שען ווערען אָנגענומען פאר סמנים, אַז בודדהיסטישע מיסיאָנערען האָבען טאקע דערגרייכט ביז צו מעקסיקאָ און וויטער צום זידען אין צענטראל־אמעריקאַ.

נאָר וואָס, וועט דער לעזער פרעגען, איז דערפון געדרונגען, ווען מען זאָל שוין גאָר ניט צווייפלען אין דעם, אז בודדהיסטישע מיסיאָנערען זיינען טאקע געוועזען אין צענטראל־אמעריקאַ וויינעסטענס מיט 1400 יאָהר פריהער פאר דיא קריסטליכע?

געדרונגען איז, ענטפערען פיעלע ארכעאָלאָגען און פאָרשער, אז דיא וואונדערבארע טעמפּלען אין צענטראל־אמעריקאַ, דארונטער אויך פון פּאַלענקע, זיינען עס געבויט געוואָרען פון דיא אינדיאַנער שטאמען, וועלכע זיינען בעקעהרט געוואָרען פון דיא בודדהיסטישע מיסיאָנערען. מען זוכט יעצט יעדענפאלס צו פערבינדען דיא כינעזישע כראָניקעס מכח הוי־שען'ס רייזען מיט דיא געהיימניספאָלע טעמפּלען אין צענטראל־אמעריקאַ.

מען ווייזט למשל אָן, אז אויף דיא וואנד פון דעם פּאַלענקע טעמפּעל געפינט זיך אויך א סקולפּטור פון אן עלעפאַנט'ס קאָפּ. דאָס איז ווירקליך ערשטוינענד. דיא רויט־הויטיגע ראסע האָט דאָך גאָר ניט געקענט וויסען פון עלעפאנטען, ווייל דיעזע חיות האָבען זיך ניט געפונען אין אמעריקאַ. פון דער אנדער זייט איז אן עלעפאנט איינער פון דיא געוועהנליכסטע סימבאָלען פון בודדהאַ אין אזיען.

אין וויטערע איינצעלהייטען מכח דיעזען העכסט אינטערעסאנטען און זעהר דונקעלען ענין קענען מיר זיך דאָ ניט אריינלאָזען. דאָס איז אן עסק פאר ספּעציעלע קולטור־געשיכטליכע פאָרשונגען און פאר ארכעאָלאָגישע שריפטען. נאָך די נייעסטע פאָרשונגען פון געלעהרטע שיינט עס אַלץ מעהר צו זיין א היסטאָרישער פאקט, אז אמעריקאַ איז ענטדעקט געוואָרען פון אזיאטען לאנגלאנג פריהער פאר די אייראָפּעער. קאָלומבוס'עס כבוד און גרויסקייט ווערט

דורך דעם אויף א האאר ניט פערקלענערט, ווייל ער האט דאך נאטירליך קיין אהנונג ניט געהאט דערפון; אבער אין דער וועלט־געשיכטע איז דאס א זעהר אינטערעסאנטער און ווייט בעלעהרענדער קאפיטעל.

* * *

דאס זעלבע קען מען אויך זאגען וועגען דיא בעריכטען און שילדערונגען מכח דעם, אז דיא מוטהיגע נארד־מענער האבען מיט א יאהר 500 פאר קריסטא־פאר קאלומבוס ענטדעקט געוויסע נארד־טהיילען פון אמעריקא. ניט נאר האט קאלומבוס קיין מאל אין זיין לעבען ניט געהערט און ניט געקענט הערען דערפון, זאנדערן עס איז א גרויסע פראגע, אויב דיא לעגענדען און מעשות אויף וועלכע דיא נארוועגיער און בכלל דיא סקאנדינאווישע פעלקער שטיצען זיך אין זייערע בעהויפטונגען, אז אייניגע פון זייערע אורעלטערן האבען אין 10טען יאהרהונ־דערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג דערגרייכט ביז דיא ברעגען פון אן ארט, וואס זיי האבען גערופען ″ווייןלאנד″, האבען ווירקליך א ראיעלען גרונד און א היסטארישען ווערטה.

געוועהנליך, גוען מען בעשרייבט, וויא אזוי קאלומבוס האט נאך לאנגע צרות געקענט אויספיהרען זיין טרוים צו פאהרען זוכען א נייעם וועג צו דער אלטער אינדיען (הודו), זעגלענדיג אלץ ווייטער צו מערב איבער דעם אטלאנטי־שען אקעאן, און וויא אזוי ער האט אויף'ן וועג זיך אנגעשטויסען גאנץ אונער־ווארטעט אן א נייעם קאנטינענט און ענטדעקט דעם וועלט־טהייל, וואס האט געקראגען דעם נאמען אמעריקא — פערפעהלט מען דערביי ניט צו בעמערקען, אז אייגענטליך איז שוין דיזע נייע וועלט לאנג פריהער פאר איהם ענטדעקט געווארען, נאר דיא ציוויליזירטע מענשהייט האט וועגען דעם גאר ניט געוואוסט.

בעזאנדערס שטיצט מען זיך אין דיזען פאל אויף א לעגענדע, וועלכע גע־לעהרטע פארשער האבען אויסגעגראבען אויף דעם אינזעל אייזלאנד ערשט אין אנפאנג פון פאריגען יאהרהונדערט. דאס איז נעמליך דיא יעצט בעריהמטע ″זאגע (מעשה) פון עריק דעם רויטען″, א נארוועגישען העלד, וועלכער זאל האבען ענטדעקט אייזלאנד, וויא אויך גרענלאנד, און וועלכער זאל האבען נאכ־הער געשיקט זיין זוהן לעיף צו פאהרען ווייטער ארונטער זידליך ביי דיא ברעגען פון נארד־אמעריקא. דער דאזיגער לעיף, עריק'ס זוהן (עריקסאן), זאל עס האבען אויף דער דאזיגער רייזע ענטדעקט א לאנד, וואו עס האבען געוואקסען אזוי פיעל וויינטרויבען, אז דערפאר האט ער עס א נאמען געגעבען ″ווייןלאנד″.

זייט דער דענישער פראפעסאר ראפן האט אין 1837 פערעפענטליכט זיין נאכפארשונג מכח דיא לעגענדען, וועלכע מען האט צוזאמענגעקליעבען אין אייז־לאנד, ספעציעל מכח דיא רייזען פון עריק דעם רויטען און פון זיין זוהן לעיף, האט מען שוין אנגעשריעבען בערג מיט ביכער וועגען דעם זעלבען ענין, אבער ביז היינט צו טאג האט מען קיין שום נייע בעווייזע ניט אויסגעפונען. אלץ

וויעדערהאָלט מען דיא זעלבע פאַנטאַזיעס מכח עפּעס א "וויינלאַנד", וויא דאָס איז פערצייכענט געוואָרען אין דער "זאַגע פון עריק דעם רויטען".

איינינע געלעהרטע האָבען שוין לאַנג אויסגעדריקט זייער צווייפעל אין דער גאַנצער מעשה און האָבען געזוכט צו ערקלערען, אַז דיא דאָזיגע לעגענדע האָט גאָר קיין היסטאָרישען גרונד ניט, אַז אונטער "וויינלאַנד" דאַרף מען גאָר פערשטעהן עפּעס אַן איינגעבילדעטע גליקליכע געגענד, א מין גן־עדן, לויט וויא דיא נאָרד־מענער האָבען זיך עס פאָרגעשטעלט מיט 1000 יאָהר צוריק, ווען זיי זיינען נאָך געווען ווילדע געצענדיענער. זיי זאָגען, אַז אין דער ווירקליכקייט האָט עס גאָר ניט עקזיסטירט אַזאַ "וויינלאַנד", וויא עס ווערט בעשריעבען אין דער זאגע פון "עריק דעם רויטען". וויא פיעל מען האָט ניט געזוכט אין אונזערע צייטען א ווינקעל ביי דיא ברעגען פון נאָרד־אַמעריקאַ, וואָס זאָל עפּעס האָבען א שטיקעל עהנליכקייט צו דעם "וויינלאַנד" פון דער דאָזיגער לעגענדע — האָט מען עס ניט געפונען.

דר. נאַנסען, דער וועלט־בעריהמטער נאָרד־פּאָל רייזענדער, לייקענט אויך גאַנץ ענטשיעדען דיא אַלטע מעשה מכח דעם, אַז זיינע אַמאָליגע לאַנדסלייט, דיא מוטהיגע נאָרד־מענער, וועלכע האָבען ענטדעקט דיא גרויסע קאַלטע אינזלען אייזלאַנד און גרענלאַנד, האָבען אויך ענטדעקט אַמעריקאַ מיט א יאָהר 500 פאַר קאָלומבוס'ן.

מען האָט בעהויפּטעט און מען האָט א געוויסע צייט גערעכענט אָדער, ניכער, געוואָלט גלויבען, אַז איינינע זאָנדערבאַרע קריצונגען אויף א פעלז אין דאַיטאָן, מאַססאַטשוזעטס, זאָלען עס האָבען אַן עהנליכקייט צו א מין שריפט פון דיא אַמאָליגע סקאַנדינאַווען, וויא עריק דער רויטער; אָבער מען האָט נאָכהער בעוויעזען, אַז עס איז ניטאָ קיין שום גרונד צו מאַכען אַזעלכע בעהויפּטונגען. דיעזע אויסקריצונגען האָבען געקענט געמאַכט ווערען פון אינ־דיאַנער פונקט אַזוי גוט וויא פון דיא אייזלענדער מיט א 1000 יאָהר צוריק.

דיא סקאַנדינאַווען, ספּעציעל דיא איינוואָהנער פון דעם אינזעל אייז־לאַנד, האָבען אָבער גאָר ניט געוואָלט צווייפלען אין דעם היסטאָרישען גרונד פון דיא לעגענדען מכח דיא העלדישע ים־פאָהרערס עריק און זיין זוהן לעיף. זיי האָבען אַלץ געגלויבט און גלויבען היינט אויך, אַז דער ערשטער ענטדעקער פון אַמעריקאַ איז ניט געווען קאָלומבוס, נאָר לעיף עריקסאָן. דיא אייזלענדער האָבען זאָגאָר געשטעלט א מאָנומענט צום אַנדענקען פון דיעזען לעגענדאַרי־שען העלד. דאַרום זיינען דיא נאָרוועגיער גאָר ניט צופריעדען, וואָס זייער גרויסער און בעריהמטער לאַנדסמאַן, פּראָפעסאָר נאַנסען, איז אויך געוואָרען אַן אפּיקורס אין דער דאָזיגער "וויינלאַנד" מעשה. ער האָט צוקלאַפּט אין גאַנצען זייערע איינבילדונגען, וועלכע זיינען אייגענטליך בעגרינדעט געווען אויף נאַ־ציאָנאַלע אייטעלקייט.

יעדענפאַלס, וואָס פאַר א מיינונג מען זאָל ניט האָבען וועגען דער "וויינ־לאַנד"־לעגענדע און וועגען דיא רייזען פון לעיף עריקסאָן, איז עס זיכער, אז מען וואָלט דערפון טאָקע גאָר ניט געוואוסט אפילו אין אונזערע צייטען, אויב גע־לעהרטע וואָלטען ניט געפאָרשט דיא מיטהען, לעגענדען, פאַבלען, ליעדער א. ז. וו. פון אַלע פעלקער און לענדער.

אזוי וויא קאָלומבוס האָט אין זיינע יונגע יאָהרען, לויט וויא זיינע ביאָ־גראַפען דערצעהלען עס, אויך געמאַכט רייזען אַלס א מאַטראָז אין נאָרד־מעער, זאָגאר ביז אייזלאַנד, דארום האָבען מאַנכע געוואָלט אויספיהרען, אז ער האָט עפּעס דאָרטען געמוזט הערען מכח א מעשה, וויא לעיף עריקסאָן האָט ענט־דעקט א וואונדערבארע "וויינלאַנד" אויף דעם אַנדערען ברעג פון אַטלאַנטישען אָקעאַן. וויא אזוי האָט ער אָבער דאַן געקענט הערען פון אַזעלכע מעשות, וועלכע זיינען געבליבען פערבאָרגען און געהיימניספאָל אפילו פאַר דיא מייסטע אייזלענדער אליין?

ווען עס וואָלטען זיך צו דער צייט פון קאָלומבוס אָדער נאָך פריהער גע־פונען אזעלכע נאָרוועגישע ים־פאָהרער, וואָס זאָלען פּרובירען זייער גליק אי־בערצושווימען דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן נאָך דעם ביישפּיעל פון לעיף עריקסאָן, וואָלט מען עס געוויס געהערט אין גאַנץ אייראָפּא. דיא אייזלענדער האָבען אָבער אליין פערגעסען אָן יענע רייזען, אויב אזעלכע האָבען ווירקליך ווען עס איז שטאַטגעפונען, און האָבען נאָכהער קיין מאָל גאָר ניט פּרובירט צו לאָזען זיך ווייטער איבער דעם אַטלאַנטיק זוכען דעם וואונדערבארען "וויינלאַנד".

וואָס אָנבעלאַנגט קאָלומבוס'ן, זאָ וואָלט ער געוויס זיך געשטיצט אויף אזא מעשה אין זיינע ביטעס און שריפטען צו פּרינצען, קאַרדינאַלען און קעניגע, אז מען זאָל איהם געבען דיא מעגליכקייט אויסצופיהרען זיין פּלאַן, וועלכען מען האָט געהאַלטען דאַן פאַר אַן אפּיקורסות און פּשוט פאַר א משוגעת, אויב ער וואָלט נאָר עפּעס געהערט פון אַזעלכע רייזען. אזא געשיכטע וואָלט דאָך פאַר איהם געווען דער בעסטער און שלאַגענדסטער בעווייז, וויא ריכטיג זיינע אויספיהרונגען זיינען. ער האָט אָבער אין קיינע פון זיינע שריפטען א וואָרט ניט דערמאָנט מכח דיא אמאָליגע נאָרוועגישע ים־פאָרשער פון אייז־לאַנד נאָך גרענלאַנד און פון דאָרטען ווייטער ביז צו א "וויינלאַנד", וואָס זאָל זיך האָבען געפונען, וויא מאַנכע גלויבען עד היום — אָבער וויא שוין בעמערקט אָהן שום היסטאָרישען גרונד — ערגעץ ביי דיא ברעגען פון מאַססאַ־טשוזעטס.

קורץ, ניט מען האָט געפונען אירגענד וועלכע גרינדליכע היסטאָרישע בע־ווייזע, אז אירגענד וועלכע אייראָפּעער האָבען ווען עס איז בעפאָר קאָלומבוס'ן איבערגעשניטען דעם אַטלאַנטיק, און ניט עס לאָזט זיך דענקען, אז גראָדע קאָלומבוס זאָל עס האָבען געהערט פון דיא אייזלענדישע לעגענדען, נאָר ער האָט

גאָר ניט געהאַלטען פאַר נויטיג אָדער וויכטיג דאָס בעקאַנט צו מאַכען אין זיינע אייגענע אינטערעסען.

* * *

מיט איין וואָרט, די עהרע פון דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ געהערט טאַקע צו קיין אַנדערן ניט, וויא נאָר צום אָרימען און געניאַלען איטאַליענישען ים־פאָהרער קריסטאָפאָר קאָלומבוס. ער האָט עס, נאָך לאַנגיעהריגע קאָפּ־ברעכענעס, מאַטערניסען, ערנידעריגונגען און הארצקלעמענעס, געוויזען דעם וועג צו אַ נייער וועלט, אָבוואָהל עס קען גאָר קיין צווייפעל ניט זיין, דאָס ווען ער וואָלט ניט געוואַגט צו לאָזען זיך אין יאָהר 1492 אַלץ ווייטער צו מערב־זייט איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, וואָלט עס אַן אַנדער מוטהיגער קאַפּיטאַן בעוויזען מיט עטליכע יאָהר שפּעטער, ווייל דער היסטאָרישער מאָ־מענט פאַר אַזעלכע ענטדעקונגען איז שוין דאַן געקומען. די זון פון דער נייער צייט איז שוין אויפגעגאַנגען צו ענדע פון 15טען יאָהרהונדערט, און איהרע בעלעבענדע שטראַהלען האָבען אַלץ מעהר דורכגעבראָכען די פינסטערניס און די געדיכטע וואָלקענס פון מיטעלאַלטער.



די אַלטע האַנדעלס־וועגען צווישען איירָאפּאַ און אינדיען.

ים־רייזען צו געפינען נייע וועגען צו די מזרח־לענדער און בעזאָנדערס צו אינדיען זיינען געוואָרען אַ סאָציאַל־פּאָליטישע נויטווענדיגקייט פאַר די וועסט־איירָאפּעאישע פעלקער, כפּעציעל פאַר געוויסע פּאָרט־שטעדט און צענטערס פון האַנדעל אין מיטעלמעער, וויא יעדער סטודענט פון דער וועלט־

געשיכטע ווייס עס. קאָלומבוס'עס ערשטע רייזע איז דארום ניט געווען א צופאַל, וויא משונה'דיג און אויך אפּיקורסיש זיא האָט ניט אויסגעזעהען אין דיא אויגען פון דיא גלחים.

דערביי איז נאָר געשעהן דער צופאַל, וואָס האָט איהם אראָפּגעפיהרט אביסעל מעהר צום זיד (דרום) אויף זיין וועג איבער דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן. עס איז שווער צו זאָגען, וויא דיא נייע וועלט וואָלט פערטהיילט געוואָרען צווישען דיא אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האָבען דאַן געזוכט א חלק אין איהר, נעמליך: צווישען שפּאניען, ענגלאנד, פראנקרייך און פּאָרטוגאל, ווען קאָלומבוס וואָלט זיך געהאלטען אויף זיין ערשטען אָנגענומענען וועג און וואָלט דאָרום ניט געלאַנדעט אויף איינעם פון דיא פיעלע אינזלען, וועלכע ליעגען אין דעם גרויסען וואסער־גוס (זיין געאָגראַפישער נאָמען איז אין ענגליש: מעקסיקען גאָלף) פון אַטלאַנטישען אָקעאַן צווישען דעם נאָרדליכען און זידליכען טהייל פון אמעריקא און וועלכע טראָגען דעם אַלגעמיינעם נאָמען אַנטילען אָדער וועסט־אינדיען. וואָלט קאָלומבוס ניט א קירעווע געטהאָן אַן א זייט צוליעב אורזאכען, וועלכע עס איז דאָ ניט דער אָרט צו ערקלערן, וואָלט ער געווייס געלאַנדעט ערגעץ ביי דיא ברעגען פון דעם האַלב־אינזעל פלאָרידאַ, וואָס איז יעצט א טהייל פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. דאָרטען וואָלטען נאַטירליך דאַן געגרינדעט געוואָרען דיא ערשטע שפּאַנישע קאָלאָניעס און דיא שפּאַניער וואָלטען זיך ווייטער צושפּרייט איבער די טהיילען פון נאָרד־אַמעריקא, וואָס זיינען נאכהער פערנומען געוואָרען פון ענגלענדער און פראַנצויזען. דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז ניט דיא ענגלישע ציוויליזאַציאָן וואָלט איינגעפיהרט געוואָרען אין נאָרד־אַמעריקאַ, נאָר דיא שפּאַנישע. אויב עס וואָלט זיך איבערהויפּט ענטוויקעלט אזא גרויסע רעפּובליק, וויא אונזערע יונייטעד סטייטס, וואָלט זיא דאַן געהאַט א גאַנץ אַנדערע געשיכטע און א גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

יעדענפאַלס האָט עס אַזוי פּאַסירט, דאָס גראַדע דיא ציוויליזירטעסטע און דאַרום אויך אַם געדיכטעסטען בעפעלקערטע לענדער פון דער נייער וועלט זיינען אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא גרויזאַמע און פאַנאַטישע שפּאַנישע שווערד־העלדען, וועלכע האָבען דאָרטען אַלעס חרוב געמאַכט אין א גאַנץ קורצע צייט.

דאָ האָבען מיר א בעזאָנדערס מערקווירדיגען ביישפּיעל, וויא א פּשוט'ער צופאַל שפּיעלט אמאָל א זעהר גרויסע ראָלע אין דעם שיקזאַל פון פיעלע פעלקער, אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענשהייט. אָט צוליעב אַזאַ סיבה, א קאַפּריז מעג מען זאָגען, איז עס געשעהען, דאָס קאָלומבוס האָט גאָר זיין פוס קיין מאָל ניט געשטעלט אויף דעם נאָרדליכען טהייל פון דער נייער וועלט — וויא מיר וועלען עס באַלד זעהען, איז נאָרד־אַמעריקאַ, ספּעציעל ניי־ענגלאַנד,



MAP OF THE VOYAGES OF COLUMBUS.

דיא קאַרטע פון קאָלומבוס'עס פיער רייזען.

גאָר ענטדעקט געוואָרען פון דעם ים־פאָהרער דזשאָהן קאַבאָט — און דאָס איידער די שפּאַנישע אַוואַנטוריסטען, גאָלד־זוכערס און קאַפּיטאַנען זיינען צוגעקומען צום האַלב־אינזעל פלאָרידאַ, האָט שוין די ענגלישע מלוכה גע־האַט אַ טענה און, נאָך די אינטערנאַציאָנאַלע פיהרונגען, אויך אַ חזקה אויף אַ גרויסען טהייל פון די געגענדען ביי די אַטלאַנטישע ברעגען פון נאָרד־אַמעריקאַ.

ערשטער קאַפּיטעל.

דיא אַנדערע רייזען און דיא ערשטע בעזעצונגען אין נאָרד־אַמעריקאַ

מיר ווּלען יעצט וואַרפען אַ קורצען בליק אויף'ן אָנפאַנג פון דער געשיכטע פון אונזער נייעס פאָטערלאַנד, — דיא גרעסטע, מעכטיגסטע און פאָרטגעשריטענסטע רעפּובליק אין דער וועלט, דיא וויגעלע פון פּאָליטישע און רעליגיעזע פרייהייטען, דער מוסטער פאַר אַנדערע רעפּובליקען אין דער נייער וועלט.

אויבען איז שוין דערמאָהנט געווען, אַז קאָלומבוס, וועלכער האָט געמאַכט פיער רייזען נאָך אַמעריקאַ, האָט גאָר ניט געזעהען נאָרד אַמעריקאַ. ער האָט מייסטענס אַרומגערייזט צווישען דיא אַנטיללען אינזלען, זוכענדיג אַלץ אַ וועג נאָך אינדיען. בלויז איין מאָל איז ער צוגעקומען צום הויפּט־לאַנד פון זיד־אַמעריקאַ (נעמליך: צום טייך אָרינאָקאָ אין ווענעצועלאַ). וויא בעוואוסט, איז ער געשטאָרבען אין יאָהר 1506, געבראָכען פון צרות און אַרמוטה, פערלאָזען פון אַלעמען, ניט האָבענדיג אַפילו דיא טרייסט, דאָס ער האָט טאַקע ענטדעקט אַ גאַנצע נייע וועלט, וועלכער עס איז בעשערט געווען צו מאַכען אַ גרויסע איבערקעהרענים אין דער אַלטער וועלט. איהם זיינען נור געבליעבען דיא קייטען, אין וועלכע מען האָט איהם איינגעשמידט, ווען מען האָט איהם געבראַכט נאָך שפּאַניען אויף דער פאַלשער בעשולדיגונג, דאָס ער האָט געוואָלט ווערען אַ קעניג אין דיא ערטער, וועלכע ער האָט ענטדעקט. מיט דיא פרוכטען פון זיין וועלט־בעגליקענדער ענטדעקונג, צוליעב וועלכער ער האָט זיין גאַנצען לעבען געליטען, האָבען זיך בענוצט אַנדערע. איהם איז אפילו ניט בעשערט געווען, דאָס דיא וועלט, וואָס ער האָט ענטדעקט נאָך אַזוי פיעל הארצקלעמענעס און אָפּפער, זאָל טראָגען זיין נאָמען.

דאָס לעצטע איז אָבער געשעהען ניט אויס אונדאַנקבאַרקייט צו איהם, נור איינפאַך דורך דעם, וואָס מען האָט ניט געוואוסט, אַז ער האָט טאַקע ענט־

דעקט א נייע וועלט. דער נאָמען אמעריקאַ קומט פון דעם איטאַליענער ים־פאָהרער אַמעריגאָ וועספוטשי, וועלכער האָט אין 1499, אַלזאָ בלויז מיט 7 יאָהר נאָך קאָלומבוס'עס ערשטע רייזע, נאָכגעפאָלגט קאָלומבוס'עס וועג און זיך אויך בענוצט מיט קאָלומבוס'עס קאַרטען. ער האָט ארומגערייזט דיא ברעגען פון זיד אמעריקאַ און האָט נאכהער בעשריבען אַלעס וואָס ער האָט געזעהן. אין יאָהר 1507 האָט א דייטשער פראָפעסאָר מיט דעם נאָמען וואַלדזעע־מילער אָבגעדרוקט א ביכעל איבער געאָגראַפיע און האָט דאָרט ערקלערט, דאָס אזוי וויא דער פערטער וועלט־טהייל איז ענטדעקט געוואָרען פון אמעריגאָ אָדער אמעריקוס, דארום מעג מען איהם אָנרופען אַמעריקאַ. דיזער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרען פון אנדערע געאָגראַפען און רייזענדע, זאָ דאָס דיא גאַנצע נייע וועלט וועט שוין טראָגען דעם דאָזיגען נאָמען זאָ לאַנג מענשען וועלען עקזיסטירען אויף'ן ערד־קוגעל.

אמעריגא וועספוטשי.

אנפאנגס האָט בלויז דער זידליכער טהייל פון דער נייער וועלט געטראָגען דיעזען נאָמען, נאָר נאָכהער, אזוי וויא מען האָט ניט געוואוסט ריכטיג דיא גרענעצען פון דיא ענטדעקטע לענדער, האָט מען אויך דעם נאָרדליכען טהייל אריינגערעכענט אונטער דעם זעלבען נאָמען.

דער אמת'ער ענטדעקער פון נאָרד־אמעריקאַ איז אָבער געווען דזשאָהן קאַבאָט. ער איז אויך געווען אַן איטאַליענער, נאָר אין דער צייט, ווען קאָלומבוס איז צוריק געקומען פון זיין ערשטע רייזע, האָט ער געלעבט אין ענגלאַנד. אזוי שנעל וויא ער האָט דערהערט מכח קאָלומבוס'עס ענטדעקונג, האָט ער זיך געווענדעט צום ענגלישען קעניג הענרי דעם זיבעטען צו געבען איהם דיא מעגליכקייט צו מאַכען א רייזע איבער דעם אטלאַנטישען אָקעאַן אין נאָרד. זיין צוועק איז געווען צו געפינען א נאָרדליכען וועג צו כינאַ און צו אינדיען, אום ענגלאַנד זאָל קענען האָבען א דירעקטען האנדעלס־וועג מיט אזיען.

דער קעניג האָט אָנגענומען דיזען פאָרשלאָג אין 1497, און אזוי וויא קאבאָט האָט זיך אָנגעשטויסען אויף זיין וועג אָן די מזרח־ברעגען פון דיא טהיילען פון נאָרד־אמעריקא, וועלכע זיינען געבליבען א טהייל פון אונזער רעפובליק, — האָט דורך דעם ענגלאַנד געקראָגען א חזקה אויף דיעזע ניי־ענט־

דעקטע לאנד. נאר אזוי וויא קאבאט האט ניט בעשטימט דיא גרענעצען פון דיא ברעגען, וועלכע ער איז פערבייגעפאהרען (מען ווייס אפילו ניט אויף זיכער וואו ער האט געלאנדעט; מען רעכענט, אז ער האט אויסגעפארשט דיא אטלאנטישע ברעגען פון נאווא סקאשיע אין קענעדע ביז דעם סטייט דזשארדזשיא) האבען דיא פראנצויזען אויך געקראגען א חזקה אויף א טהייל פון נארד־אמעריקא, נעמליך אויף קענעדע, נאך דער רייזע פון דעם פראנצויזישען ים־פאהרער זשאן קארטיע אין 1535 (ער האט עס ענטדעקט דעם סענט־לארענס טייך, זוכענדיג אויך אליין א וועג נאך אינדיען).

דער ים־פאהרער קאבאט.

אזוי זיינען אין אנפאנג פון 16טען יאהרהונדערט דיא ברעגען פון נארד־אמעריקא לעבען דעם אטלאנטישען אקעאן געוויסער מאסען צוטהיילט געווארען צווישען דריי לענדער: שפאניען אין זידען, פראנקרייך אין נארד און ענגלאנד אין מיטען צווישען דיזע ראמאנישע שכנים.

מיט הונדערט יאהר שפעטער איז נאך צוגעקומען האלאנד, וועלכע האט אויך געשיקט אן עקספעדיציאן אין דער נייער וועלט, מיט דער האפנונג דאך צו געפינען דעם וואסערוועג וואס אלע האבען דאן געזוכט, נעמליך א וועג נאך אינדיען.

דער ענגלישער קאפיטאן האדסאן, וועלכער האט געדיענט אין דער האלענדישער פלאטע, האט אין 1609 ענטדעקט דעם גרויסען און הערליכען טייך, וועלכער טראגט זייט דאן זיין נאמען. ער איז אריין אין דעם האפען, וואו עס ליגט יעצט דיא גרעסטע שטאדט פון דער נייער וועלט, ניו יארק, און איז געשוואומען אויף דעם טייך ביז אלבאני, וואו ער האט זיך ארומגעזעהן, אז אויף דיעזען וועג וועט ער ניט קענען דערגרייכען ביז אינדיען. דער רעזולטאט פון זיין רייזע איז געווען, דאס א האלענדישע קאלאניע איז געגרינדעט געווארען אין דער געגענד, וועלכע איז יעצט דער ניו יארק שטאאט. דיזע קאלאניע האט אנפאנגס געטראגען דעם נאמען ניי־ניעדערלאנד און איהר הויפטפארט — ניי־אמסטערדאם. אבער אין 1664 נאכדעם וויא דיא שטארקערע ענגלענדער האבען פעריאגט דיא האלענדער אויף דעם גרונד, דאס דזשאהן קאבאט האט דער ערשטער ענטדעקט דיא ברעגען פון דיעזער קאלאניע, האט מען איהר געגעבען דעם ענגלישען נאמען ניו יארק לכבוד דעם קעניג'ם ברודער. אזוי וויא דיא האלענדער האבען אנגעהאלטען זייער קאלאניע אונגעפעהר 50



EUROPEAN COLONIES--ABOUT 1650.

די קארטע פון פראנצויזישע, ענגלישע, שפאנישע, שוועדישע און האלענדישע בעזעצו־
נגען אין מזרח זייט פון נארד־אמעריקא אין מיטען פון 17טען יאהרהונדערט.

יאָהר, האָבען זיי אייגענטליך קיין ראָלע ניט געשפּיעלט אין דער געשיכטע פון נאָרד־אַמעריקאַ.

דיא גרעסטע און שטאַרקסטע געגנער אין נאָרד־אַמעריקאַ זיינען דאַן געבליבען דיא שפּאַניער און ספּעציעל דיא ענגלענדער און פראַנצויזען. דיא זיעגער זיינען שליסליך פערבליבען דיא ענגלענדער און נאכהער זייערע נאָכפאָלגער, דיא ניי געבילדעטע אמעריקאַנער נאַציאָן, וועלכע איז אויך געוואָרען דיא הערשענדע מאַכט אין דער גאַנצער נייער וועלט.

פון דיא ערשטע רייזען און ענטדעקונגען ביז צו דיא ערשטע שטענדיגע בעזעצונגען אין נאָרד־אַמעריקאַ זיינען פאַריבער איבער הונדערט יאָהר. דעם גאַנצען 16טען יאהרהונדערט זיינען ענגלאַנד און פראַנקרייך נאָר געבליעבען ביי זייערע פּרעטענזיעס און חזקות. ערשט אין אָנפאַנג פון 17טען יאָהרהונדערט האָבעןביידע לענדער זיך ערנסט אַ נעהם געטאָן צו גרינדען קאָלאָניעס אין דיא געגענדען, וועלכע זיי האָבען בעטראַכט אַלס זייערע. דיא ערשטע ענגלישע קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1607 (אַלזאָ, מיט גאַנצע 110 יאָהר נאָך קאַבאָט'ס ערשטע רייזע) אין דער געגענד, וועלכע טראָגט דעם נאָמען ווירדזשיניאַ. דעם דאָזיגען נאָמען האָט איהר געגעבען דער בעריהמטער ענגלישער אַדמיראַל סער וואָלטער

סער וואלטער ראלעי.

ראַלעי אין 1584 צו עהרע פון דער קעניגין־בתולה עליזאַבעטע (ווירדזשין בעדייטעט בתולה). דיעזער בראַווער אַדמיראַל איז געווען דער ערשטער ענגלענדער, וואָס האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען און אויך געאָפּפערט זיין פערמעגען צו גרינדען קאָלאָניעס, אָבער אַלע זיינע אונטערנעהמונגען האָבען גאָר קיין ערפאָלג ניט געהאַט, ווייל אויסער דיא געוועהנליכע שוויריגקייטען, וואָס קאָלאָניסטען טרעפען און מוזען טרעפען אין ווילדע ערטער, אין אונבעזעצטע געגענדען, האָט מען אויך געהאַט צו קעמפּפען מיט ווילדע און זעהר מוטהיגע איינגעבאָרענע, דיא רויט־הויטיגע שטאַמען, אָדער וויא מען רופט זיי אינדיאַנער. אַלעס וואָס ער האָט אויפגעטהאָן מיט זיינע רייזען איז געווען,

דאָס ער האָט איינגעפיהרט צוויי בעזאָנדערס וויכטיגע אמעריקאַנער פלאַנצען — טאַבאַק און קאַרטאָפעל — אין דער אַלטער וועלט.

דיא ערשטע פראַנצויזישע קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם בעריהמטען פראַנצויזישען רייזענדען שאַמפלעין אין 1608 אין דער שטאָדט לעבען דעם טייך סענט־לאָרענס, וואָס טראָגט יעצט דעם נאָמען קוויבעק. דערמיט איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין קענעדע און אויך אין דער אונגעהייערער געגענד, וואָס ווערט בעוואַסערט פון דעם מעכטיגען טייך מיסיסיפי, און דערמיט האָט זיך אויך אָנגעפאַנגען דער גרויסער קאַמפף צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך פאַר דיא איבערהערשאַפט אין גאַנץ נאָרד־אַמעריקא, א קאַמפף, וועלכער האָט זיך געצויגען 150 יאָהר, ביז דעם זיעג פון דיא ענגלענדער אין דער בעריהמטער שלאַכט פון קוויבעק אין 1759, וויא דאָס וועט געשילדערט ווערן אין דער געשיכטע פון קענעדע.

אין 1620, מיט 13 יאָהר נאָך דער גרינדונג פון דער ערשטער ענגלישער קאָלאָניע דזשיימסטאָון אין ווירדזשיניא, איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון א נייע ענגלישע קאָלאָניע אין א טהייל פון נאָרד אַמעריקא, וואָס טראָגט דעם נאָמען ניי־ענגלאַנד. דיעזע קאָלאָניע האָט געשפּיעלט דיא וויכטיגסטע ראָלע אין דער געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. דאָס איז געוועזען דיא קאָלאָניע פון דיא זאָגענאַנטע פּוריטאַנער אין פּלימוטה, מאַססאַטשוזעטס. דיא גרינדער פון דיעזער קאָלאָניע האָבען ניט געזוכט גאָלד, וויא דיא שפּאַניער, אויך ניט רייכטהום און הערשאַפט בכלל, זאָנדערן איינפאַך רעליגיעזע פרייהייט, דיא מעגליכקייט צו ארבייטען און צו לעבען נאָך זייערע איבערצייגונגען. אין דעם איז בעשטאַנען זייער קראַפט און צוליעב דעם האָבען זיי עס טאַקע, מעג מען זאָגען, געשאַפען א נייע גייסטיגע וועלט אין דער נייער פיזישער וועלט.

מען דאַרף וויסען און געדענקען, אַז אין אָנפאַנג פון 17טען יאָהרהונדערט איז אין אייראָפּאַ נאָך ניט געווען אַזאַ לאַנד, וואו רעליגיעזע פרייהייט איז פאָלשטענדיג אָנערקענט געווען. אין ענגלאַנד זיינען ניט נאָר דיא פּאַפּיסטען (וויא מען האָט גערופען דיא קאַטאָליקען), זאָנדערן אויך פּראָטעסטאַנטישע סעקטאַנטען פערפאָלגט געווען. א טהייל פון דיעזע סעקטאַנטען, א געוויסע צאָהל פון דיא זאָגענאַנטע פּוריטאַנער, האָבען עמיגרירט נאָך האָלאַנד, דיא איינציגע מדינה, וואו פערפאָלגטע פאַר זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, דאַרונטער אויך אידען, האָבען דאַן געקענט געפינען א מקום מנוחה. נאָר דיעזע פּוריטאַנען האָבען זיך ניט געפיהלט בעקוועם אין האָלאַנד און האָבען אויך געוואָלט פערבלייבען ענגלענדער, דארום האָבען זיי בעשלאָסען אויסצוואַנדערען אין גאַנצען פון דער אַלטער וועלט און צו בעזעצען זיך ערגעץ אין דער נייער וועלט, וואו זיי האָבען געהאָפט

צו לעבען פּאָלשטענדיג נאָך זייערע אייגענע רעליגיעזע און אויך פּאָליטישע איבערצייגונגען.

דיעזען הויפּט־צוועק האָבען זיי אויך אויסגעפיהרט, ווייל דיא ענגלישע רעגיערונג, וועלכע האָט איבערהויפּט געוואונשען צו קריעגען קאָלאָניסטען אין איהרע נייע פּאָסעסיעס, האָט זיי ניט געשטערט אין זייערע רעליגיעזע מיינונגען און אויך ניט אין זייערע קהל'שע פיהרונגען און פּאָליטישע איינריכטונגען. זיי האָבען אויסגעוועהלט איינעם פון זייערע מיטגליעדער פאר אַ גובערנאַטאָר און האָבען אליין פערפאַסט דיא געזעצע נאָך וועלכע זיי האָבען זיך געפיהרט.

דאָס איז געווען אַ פּאָלקס־רעגיערונג אין דעם פולסטען זינען פון דיזען וואָרט, טאַקע אַן אמת'ע דעמאָקראַטיע. פון אַזאַ מין רעגיערונג האָט מען דאַן אין אייראָפּאַ ניט געוואוסט, אויסער אין עטליכע קאַנטאָנען פון דער שווייץ. אַלע פאָרשלעגע פלעגען בעשפּראָכען און אָנגענומען ווערען דורך אַ מאַיאָריטעט אויף אַן אסיפה. אַלע מיטגליעדער האָבען געהאַט גלייכע רעכטע און אַ גלייכע דעה.

אָבער רעליגיעזע פרייהייט האָבען דיעזע פרייהייט־זוכענדע פּוריטאַנער דאָך ניט אַנערקענט אפילו אין פּרינציפּ. וויא זאָנדערבאַר דאָס זאָל ניט שיינען, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז זיי האָבען ניט געדולדעט אַנדערע, וועלכע האָבען ניט געגלויבט גראַדע וויא זיי. זיי האָבען נאָר גערן אויפגענומען זייערע מיטגלויביגע; אַנדערע סעקטאַנטען האָבען זיי אָבער צוריקגעוויזען פון זייער קאָלאָניע. דיא איינציגע פרייהייט, וואָס זיי האָבען געגעבען עמיגראַנטען מיט אַנדערע רעליגיעזע אַנזיכטען, איז געווען צו בעזעצען זיך ערגעץ אַנדערסוואו און טאַקע וואָס ווייטער פון זייערע קאָלאָניעס.

אָנפאַנגס האָבען נאָר איינגעוואַנדערט אַהין פּוריטאַנער, זאָ דאָס אַלע האָבען געלעבט רוהיג און אָהן שטרייטען. נאָר ארום 1630, ווען עס זיינען צוגעקומען אַנדערע קאָלאָניסטען, האָבען זיך אָנגעפאַנגען שוויריגקייטען און פיינדליכקייטען. דיא פּוריטאַנער האָבען זאָגאָר ניט געוואָלט אַנערקענען, אַז אַנדערע סעקטאַנטען זאָלען האָבען אַ שטימרעכט אין מאַסאַטשוזעטס. אזוי ווייט אינטאָלעראַנט זיינען געווען דיא זעלבע מענשען, וואָס האָבען פערלאָזען זייער פאַטערלאַנד און האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר אַלע דאַמאָלסדיגע געפאַהרען אריבערצופאָהרען אין דיא קליינע זעגעל־שיפען פון יענער צייט דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן און צו לעבען אין ווילדע ערטער צווישען ווילדע אינדיאַנער, אבי נאָר צו פיהרען זיך נאָך זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען! דאָס צייגט, וויא וועניג אפילו פּראָטעסטאַנטען האָבען דאַן פערשטאַנען, וואָס רעליגיעזע פרייהייט איז, וויא ווייניג טאָלעראַנט אַפילו דיא פאָרטגעשריטענסטע פעלקער זיינען געווען ערשט מיט אַ פּאָאָר הונדערט יאָהר צוריק.

דיא פוריטאַנער זיינען געווען אַזוי אַבערגלויביש און פאַנאַטיש, דאָס זיי האָבען אפילו געברענט דיא אונגליקליכע פרויען, וועלכע מען האָט גראַדע אָנגענומען פאַר מכשפות, פונקט וויא מען האָט עס געטאָן אין אייראָפּאַ אין דערזעלבער צייט!

דער שטאַאט רהאָד־איילאַנד, וועלכער איז פערבליבען דער קלענסטער אין אונזער פעדעראַטיווער רעפובליק, איז געגרינדעט געוואָרען נאָר צוליעב דיא רעליגיעזע פערפאָלגונגען פון דיא פוריטאַנער. דער גייסטליכער ראָדזשער וויליאַמס איז געווען איינער פון דיא וועניגע מענשען אין יענער צייט, וועלכער האָט געגלויבט אין פולע רעליגיעזע פרייהייט. ער האָט אונערשראָקען ערקלערט, אַז מען טאָר קיינעם ניט צווינגען צו בעלאַנגען צו אירגענד וועלכער קירכע געגען זיין אייגענעם ווילען. דערמיט האָט ער אַזוי אויפגעבראַכט געגען זיך דיא פוריטאַנער, דאָס זיי האָבען איהם בעפוילען צו פערלאָזען דיא קאָלאָניע אין דער צייט פון אַ ביטערע ווינטער קעלט. דיא אינדיאַנער זיינען שוין געווען פריינדליכער צו דיזען גייסטליכען, וועלכער מעג גערעכענט ווערען פאַר דעם פאָטער פון פאָלשטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט אין דער נייער וועלט, וויא דיא פרייהייטס־זוכענדע פוריטאַנער. דיעזער מאַן האָט עס געגרינדעט אין 1638 ניו־פּאָרט און נאַכהער פּראָווידענס, דיא הויפּט־שטאָדט פון רהאָד־איילאַנד.

אין דער זעלבער צייט האָט דיא הערשענדע פוריטאַנער סעקטע פערבאָטען דיא באַפּטיסטען צו פּרעדיגען אין מאַסאַטשוזעטס, און דיא יעניגע וואָס האָבען ניט געפאָלגט, האָט מען בעשטראָפט. אַ פרוי מיט'ן נאָמען אַנאַ הוטשינסאָן האָבען דיא פוריטאַנער געצוואונגען אויסצואוואַנדערן פון מאַסאַטשוזעטס, ווייל זיא האָט קריטיקירט זייערע פיהרונגען.

דיא ערשטע ענגלישע קאָלאָניע אין אַמעריקאַ, וועלכע האָט ערקלעהרט פולע רעליגיעזע פרייהייט — אָבער בלויז נאָר פאַר קריסטען — איז גראַדע געווען מערילענד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין 1634 פון קאַטאָליקען, וועלכע האָבען אויך פערלאָזען ענגלאַנד צוליעב רעליגיעזע פערפאָלגונגען. דיזע קאַטאָליקען, אונטער דער פיהרונג פון לאָרד באַלטימאָר, זיינען אין אַלגעמיינען געווען אַ סך טאָלעראַנטער פאַר דיא פוריטאַנער אין מאַסאַטשוזעטס. אין זייער קאָלאָניע האָבען זיי אויך פריינדליך אויפגענומען דיא פוריטאַנער, וועלכע מען האָט פערפאָלגט אין ווירדזשיניאַ, און דיא קוויקערס און באַפּטיסטען, וועלכע דיא פוריטאַנער האָבען געיאָגט פון מאַסאַטשוזעטס. דאַרום איז טאַקע דיא בעפעלקערונג פון מערילענד זעהר שנעל געוואַקסען.

פאָלשטענדיגע רעליגיעזע פרייהייט פאַר ניט־קריסטען — און דאָס האָט דאַן פּראַקטיש געמיינט פאַר אידען — אַזוי גוט וויא פאַר קריסטען, איז נאָר איינגעפיהרט געוואָרען אין רהאָד־איילאַנד אַזוי שנעל וויא ראָדזשער ווי־

ליאמס האט געקראגען אן ערלויבניס פון דער ענגלישער רעגיערונג אין 1644 איינצופיהרען א קאלאניאלע פערוואלטונג נאך דעם וואונש פון דיא גרינדערס. דארום איז טאקע דיא ערשטע אידישע קאלאניע געגרינדעט געווארען אין ניו־פארט, רהאד־איילאנד. דיעזע קליינע ענגלישע קאלאניע איז דאן געוועזען דער איינציגער ארט אין דער נייער וועלט, וואו אידען האבען געקענט לעבען גאנץ פריי און זיך פיהלען פאלשטענדיג זיכער, אזוי גוט וויא יעצט אין אלע טהיילען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

ווען מען זאל אבער ניט רעכענען זייער אינטאלעראנץ און ענג־רעליגיעזען סעקטאנטישען גייסט און נאר נעהמען אין אנבעטראכט זייערע פאליטישע פיהרונגען, מוז מען צוגעבען, אז דיא פוריטאנער זיינען געוועזען אמת'ע דעמאקראטען. זיי האבען מוטהיג בעשיצט זייערע פרייהייטען. זייער פאליטישע פערוואלטונג איז געוועזען א מוסטער פאר דיא אנדערע קאלאניסטען וואס האבען זיך בעזעצט אין נארד־אמעריקא נאך זיי. אין אלע ענגלישע קאלאניעס, פון וועלכע עס האבען זיך נאכהער געבילדעט דיא ערשטע דרייצעהן שטאאטען פון אונזער רעפובליק, איז איינגעפיהרט געווארען דיא סיסטעם פון פאלקס פערוואלטונג, וועלכע איז פערבליעבען ביז היינט צו טאג אלס דער פונדאמענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

וויליאם פען.

צו ענדע פון 17טען יאהרהונדערט איז צוליעב רעליגיעזע פערפאלגונגען אין ענגלאנד געגרינדעט געווארען נאך א קאלאניע, וועלכע האט געשפיעלט א העכסט וויכטיגע ראלע אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס. דאס איז געוועזען דיא קאלאניע פון דער סעקטע קוויקערס, וועלכע איז אנגערופען געווארען פענסילווייניא נאך דעם נאמען פון זייער פיהרער **וויליאם פען** (סילווייניא מיינט: א וואלדיגע געגענד).

צווייטער קאַפּיטעל.

דיא מלחמה מיט דיא פראַנצויזען

וואָס פעסטער דיא ערשטע ענגלישע קאָלאָניסטען, דיא פּיאָנערען פון וויר־דזשיניא און פון מאַסאַטשוזעטס, זיינען געבליבען אויף זייערע ערטער, אַלץ לייכ־טער איז עס געוואָרען פאַר נייע איינוואַנדערער צו בעזעצען זיך אַרום זיי. פּלאַץ איז דאָך געווען איבערגענוג. דיא בעפעלקערונג פון נאָרד־אַמעריקאַ איז דארום אַלץ געוואַקסען, לאַנגזאַם אָבער שטענדיג. יעדען פריהלינג פלעגען זעגעל־שיפען ברייננגען מענשען, וואָס פלעגען אויסוואַנדערען פון דער אַלטער וועלט, ניט צו זוכען גאָלד אין דער נייער וועלט, וויא דיא שפּאַנישע שווערד־העלדען פלע־גען עס טאָן, נאָר צו בעאַרבייטען דיא פעלדער און צו פערבלייבען אויף דיא נייע ערטער. דיא מייסטע איינוואַנדערער זיינען געווען ענגלענדער און פּראָ־טעסטאַנטען, וועלכע האָבען צוליעב רעליגיעזע און עקאָנאָמישע אורזאַכען פער־לאָזען זייער פאָטערלאַנד. זיי זיינען פון דעסטוועגען געבליעבען אַזוי טריי צו ענגלאַנד דאָס זיי האָבען אויך געקעמפּפט געגען דיא פראַנצויזען פון קענעדע, אָבוואָהל פערזענליך האָבען זיי קיינע אינטערעסען ניט געהאַט זיך צו שלאָגען מיט זייערע פראַנצויזישע שכנים.

ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען יאָהרהונדערטע געפיהרט אַ ביטערען קאַמפּף. צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט האָבען זיי אָנגעפאַנגען אַ נייע מלחמה, וועלכע האָט זיך כמעט אונאויפהערליך געצויגען גאַנצע הונדערט יאָהר. דיע־זער לאַנגער קאַמפּף, וועלכער האָט זיך שליסליך געענדיגט מיט אַ זיעג פאַר ענגלאַנד, איז אויפגעפלאַקערט געוואָרען צוליעב זייערע פּאָליטישע און קאָ־לאָניאַלע אַמביציעס.ביידע מלוכות האָבען בעזאָנדערס געשטרעבט צו בלייבען דיא אויבער־הערשער אין אינדיען און אין נאָרד אַמעריקאַ. דיא קאָלאָניסטען פוןביידע נאַציאָנען זיינען ביסלעכווייז אריינגעשלעפּט געוואָרען אין דיעזען קאַמפּף און האָבען געפיהרט שלאַכטען עפּעס אַזוי וויא עס וואָלט זיי ענג געווען צו לעבען אין דער נייער וועלט וואו עס איז נאָך היינט צו טאָג פאַראַן פּלאַץ פאַר הונדערטע מיליאָנען איינוואַנדערער.

דיא צאָהל פון פראַנצויזען איז שטענדיג געווען אַ סך קלענער פאַר דיא צאָהל פון ענגלענדער אין נאָרד־אַמעריקאַ. דיא פראַנצויזען האָבען איבערהויפּט ניט ליעב אויסצואוואַנדערען פון זייער פאָטערלאַנד. אין דער צייט, ווען דער ענגליש־פראַנצויזישער קאַמפף האָט זיך אויך פאַנאַנדערגעברענט אין נאָרד־אַמעריקאַ, זיינען שוין געווען ווענינסטענס 15 ענגלענדער אויף יעדען פראַנצויז. אָבער דיא פראַנצויזען האָבען געהאַט הילפע פון דיא מייסטע אינדיאַנער שטאַממען אויף זייער זייט. זיי האָבען איבערהויפּט מערקווירדיג פריינדליך געלעבט מיט אייניגע אינדיאַנער שטאַממען, פריינדליכער פון אירגענד וועלכע אַנדערע אייראָפּעער. צוליעב דעם האָבען זיי ניט נאָר געקענט אריינדרינגען אין רעכטען מיטען פון נאָרד־אַמעריקאַ, ווען זייערע רייזענדע, פאָרשער און מיסיאָנערען האָבען זיך אַ לאָז געטאָן אַליין ווייטער פון זייער צענטראַל־פּונקט קוויבעק אין קענעדע דורך דעם סענט־לאָרענס טייך און דיא גרויסע לעיקס (אָזערעס) און נאכהער דורך דיא גאַנצע לענג פון דעם טייך מיסיסיפּי ביז ניו־אָרלעאַנס און דעם מעקסיקאַנער ים (מעקסיקען גאָלף), זאָנדערן זיינען געווען אין שטאַנד זיך צו האַלטען אַזאַ לאַנגע צייט געגען דיא אַטאַקעס פון דיא ענגלענדער צוזאַמען מיט דיא אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען.

ראָבערט לאַסאַל.

ווען דיא פראַנצויזישע מלוכה וואָלט געקענט אָנהאַלטען דיזע ריעזיגע געגענד און דיא עטליכע קליינע פעסטונגען, וואָס דער בעריהמטער **ראָבערט לאַסאַל** (ער האָט עס דער ערשטער געמאַכט דיא געוואַגטע רייזע איבער דער גאַנצער לענג פון מיסיסיפּי) און אַנדערע מוטהיגע פראַנצויזישע רייזענדע האָבען אויפגעבויט אין אייניגע סטראַטעגישע פּונקטען (יעצט זיינען נאָר פערבליבען סמנים דערפון אין דיא פראַנצויזישע נעמען פון עטליכע טייכען און שטעדט אין דיא שטאַאטען מישיגאַן, אילינאָי, אייאָווא, וויסקאָנסין, מיזורי, א. ז. וו.) — וואָלטען דיא ענגלישע קאָלאָניעס ניט געקענט פערשפּרייטען זיך צו מערב־זייט און וואָלטען איבערהויפּט קיין גרויסע צוקונפט ניט געהאַט. זיי וואָלטען געבליבען בעגרענצט צווישען דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן אין מזרח און אַ שמאָלען פּאַס לאַנד אין מערב ביז דיא אַפּאַלאַטשיאַן בערג.

דער קאַמפף צווישען דיא ענגלענדער און פראַנצויזען אין נאָרד־אַמעריקא טראָגט דארום אין דער געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען דעם נאָמען: "דיא פראַנצויזישע און אינדיאַנער מלחמה". זיא האָט אויסגעבראָכען אין 1689,

האָט זיך געצויגען אַ יאָהר זיעבציג, אריינרעכענענדיג דיא צווישענצייטען פון שטילשטאנד און פריעדען, און האָט זיך אָפיציעל געענדיגט אין 1759, ווען דיא ענגלענדער האָבען געשטורמט דיא פעסטונג פון דער קאַנאַדישער הויפּט שטאָדט קוויבעק, וואָס מען האָט גערופען "דער גיבראַלטאַר פון אַמעריקאַ". דיזע שלאַכט איז דיא וויכטיגסטע נאָך איהרע רעזולטאַטען אין דער געשיכטע פון דער נייער וועלט. זיא האָט ניט נאָר געגעבען דיא אויבער־הערשאַפט אין נאָרד־אַמעריקאַ צו ענגלאַנד, זאָנדערן האָט אויך געפיהרט דערצו, אַז דיא פראַנ־צויזען זאָלען זיך אין גאַנצען צוריקציהען פון נאָרד־אַמעריקאַ. נאָך דעם פריע־דענס־אָפּמאַך פון 1763 האָט פראַנקרייך געמוזט איבערגעבען צו ענגלאַנד גאַנץ קענעדע און אויך דיא גרויסע און ווייניג אויסגעפאָרשטע געגענדען ביז דיא מזרח־ברעגען פון מיסיסיפּי טייך.

איינער פון דיא רעזולטאַטען פון דיזען גרויסען און לאַנגען קאַמפּף איז אָבער אויך געווען אַזעלכער, דאָס ענגלאַנד האָט מיט 13 יאָהר נאָך דיזען פריעדען מיט פראַנקרייך פערלאָרען איהרע 13 אַמעריקאַנער קאָלאָניעס און איז נאָר פערבליעבען אין קענעדע. אין דיא שלאַכטען מיט דיא אינדיאַנער און פראַנצויזען זיינען דיא אַמעריקאַנער קאָלאָניסטען פערהאַרטעוועט געוואָרען און האָבען זיך געפיהלט אַזוי שטאַרק און אונאַבהענגיג, דאָס זיי האָבען זיך ניט געשראָקען פאַר אַ קאַמפּף מיט ענגלאַנד זעלבסט, אום צו בעשיצען זייערע רעכטע, זייער זעלבסטפערוואַלטונג, זייערע פריווילעגיעס און פרייהייטען. זיי־ענדיג געצוואונגען צו אַרבייטען מיט ביקסען ביי דער זייט אויף דיא פעלדער, אום זיך צו בעשיצען געגען דיא אינדיאַנער, וועלכע האָבען נאַטירליך געהאַסט דיא ווייסע און געזוכט זיי אויסצוראָטען, זיינען דיא קאָלאָניסטען געוואָרען גוטע שיסערס און האָבען איבערהויפּט זעהר גוט געטויגט צו מלחמה. יעדער פאַרמער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער, מען מעג זאָגען, אַ געבאָרענער סאָל־דאַט.

דאָס האָט ענגלאַנד גלייך אויסגעפונען, וויא נאָר עס איז געקומען אַזוי ווייט אַז דיא קאָלאָניסטען האָבען אָנגעפאַנגען צו קעמפּפען פאַר זייער אונ־אַבהענגיגקייט.

מיר קומען דאָ צו דעם וויכטיגסטען מאָמענט אין דער געשיכטע פון נאָרד אַמעריקאַ, צו דער גרויסער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט געפיהרט צו דער גרינ־דונג פון אונזער רעפּובליק — דיא פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקאַ.

דריטער קאַפּיטעל.

דער אָנפאַנג פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן

ענגלאַנד האָט גראַדע אין אָנפאַנג זעהר קלוג און גוט בעהאַנדעלט איהרע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט. זיא האָט געהאַנדעלט זעהר קלוג און פּראַקטיש. זיא האָט ערלויבט דיא קאָלאָניסטען זעלבסטפערוואַלטונג און האָט זיי געלאָזען צו רוה אין זייערע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. עס איז אמת, אַז דיא ענגלישע רעגיערונג האָט דאַן געהאַט אין אויג צו צוציהען וואָס מעהר מענשען אין דיא קאָלאָניעס, אום צו קענען בעסער און מיט מעהר קרעפטע קעמפּפען געגען דיא פראַנצויזען. עס איז אויך אמת, אַז פון דער ווייטענס איז עס זעהר שווער געווען צו קאָנטראָלירען דיא צווייטע און צושפּרייטע קאָלאָניסטען איבער ריעזיגע ווילדע געגענדען. אָבער דעם פּרינציפּ פון קאָלאָניאַלע זעלבסטפערוואַלטונג האָט ענגלאַנד אייגענטליך קיין מאָל ניט אָבגעשטריטען אין גאַנצען.

פון דער אַנדערער זייט זיינען דיא קאָלאָניסטען געווען צו שוואַך און צו ווייט אָבגעזונדערט, אַז זיי זאָלען קענען האַנדלען צוזאַמען. דערצו נאָך האָבען זיי אויך מורא געהאַט איבערוועלטיגט צו ווערען פון דיא פראַנצויזען, זאָ דאָס זיי האָבען ניט נאָר קיין געדאַנקען ניט געהאַט וועגען אָבטהיילען זיך פון ענגלאַנד, זאָנדערן זיי האָבען נאָך בעטראַכט זייער מוטערלאַנד אַלס זייער בעשיצערין און זיינען טאַקע געווען צוגעבונדען צו איהר, אָט אַזוי וויא היינט, למשל, דיא קענעדער אָדער דיא אויסטראַליער.

אָבער דיא לאַגע האָט זיך שנעל געענדערט אַ קורצע צייט נאָך דעם, וויא ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבען געשלאָסען פריעדען. דיא ענגלישע רעגיערונג האָט זיך דאַן אַרומגעזעהן, אַז זיא קען אויך ציהען אַ גרויסען פינאַנציעלען נוצען פון איהרע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, וועלכע זיינען אַלץ רייכער געוואָרען. זיא האָט אויך געוואָלט האָבען מעהר דעה אין זייערע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען. זיא האָט נעמליך אָנגעפאַנגען איינצופיהרען גרעסערע טעקסעס אָדער שטייערען, וואָס עס האָט נאַטירליך גאָר ניט געשמעקט דיא קאָ־

לאָניסטען, וועלכע זיינען צוגעוואָהנט געוואָרען צו אָטאָנאָמיע און פּראַקטישע אונאַבהענגיגקייט אין פערלויף פון די אָנדערהאַלבען הונדערט יאָהרען זייט זייער גרינדונג. פיהלענדיג זייער מאַכט, זייער פעהיגקייט צו בעשטעהן זייער שטעטעל מיט געוועהר אין די הענד, האָבען די קאָלאָניסטען זעהר ענערגיש פּראָטעסטירט געגען די אַלץ גרעסערע פּרעטענזיעס און שטרעבונגען פון דער ענגלישער רעגיערונג זיי צו בעהערשען און צו בעשטייערן, וויא א געוועהנליכע ענגלישע פּראָווינץ.

קוים צעהן יאָהר זיינען פאַריבער זייט ענגלאַנד איז געוואָרען די הערשע־רין פון קענעדע און פון די ריעזיגע געגענדען אין דער מזרח־זייט פון מיסי־סיפּי נאָך דעם זיעג איבער די פראַנצויזען אין דער בעריהמטער שלאַכט פון קוויבעק, וויא די זעלבע קאָלאָניסטען, וואָס האָבען פריהער געקעמפּפט ביי דער זייט פון די ענגלישע סאָלדאַטען און האָבען איהר אַזוי פיעל געהאָלפען צו זיעגען, זיינען אַרויס אין אַן אויפשטאַנד געגען זייער מוטערלאַנד. נאָך מעהר, זיי האָבען גערופען צו הילפע די פראַנצויזען, וועלכע זיי האָבען ערשט מיט א יאָהר פופצעהן פריהער געהאָלפען צו פעריאָגען פון נאָרד־אַמעריקא! דער זעלבער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וואָס איז געוואָרען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע און נאָכהער דער ערשטער פּרעזידענט פון דער ניי־געשאַפענער רעפּובליק, האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער מלחמה מיט די פראַנצויזען אַלס א הייסער ענגלישער פּאַטריאָט.

אַזוי שנעל און אַזוי שטאַרק האָבען זיך געביטען אפילו די געפיהלען פון דיזע קאָלאָניסטען.

די הויפּט אורזאַכען פון אַזאַ ווירקליך מערקווירדיג שנעלער איבערקעה־רענעס זיינען מייסטענס געווען עקאָנאָמישע. אין דער צייט פון דעם קאַמפּף מיט פראַנקרייך האָט די ענגלישע רעגיערונג געקוקט און האָט אויך געמוזט קוקען צווישען די פינגער אויף דעם, וואָס די קאָלאָניסטען האָבען גאָר ניט אָבגעהיט די אַלטע פאָרשריפטען וועגען האַנדעל. עס איז נעמליך פערבאָטען געווען די קאָלאָניסטען צו האַנדלען מיט אַנדערע לענדער אויסער מיט ענגלאַנד און צו גרינדען פאַבריקען. דער צוועק דערפון איז געווען צו געבען די ענגלישע קויפלייטע און פאַבריקאַנטען די מעגליכקייט צו מאַכען וואָס מעהר געלד דורך דעם האַנדעל מיט די קאָלאָניעס. די קאָלאָניסטען פלעגען אָבער שטענ־דיג אריינשמוגלען סחורות פון אַנדערע לענדער. אין דער צייט ווען די ענגלישע רעגיערונג איז פערנומען געווען מיט דער מלחמה מיט פראַנקרייך, האָבען די קאָלאָניסטען פון ניו־אינגלאַנד אַלץ מעהר און אָפענער געהאַנדעלט מיט די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין וועסט־אינדיען. דורך דיזען האַנדעל זיינען די קאָ־לאָניסטען פון ניו־אינגלאַנד אַלץ רייכער געוואָרען. דאַרום איז זייער אונצו־פריעדענהייט געוואָרען גאָר פייערדיג, ווען די ענגלישע רעגיערונג, וועלכע

האָט געזוכט מיטעל צו דעקען דעם ריעזיגען חוב דורך איהרע מלחמות אין איי־ ראָפּאַ, אזיען און אַמעריקאַ, האָט ניט נאָר בעשלאָסען אָבצוהאַקען דיזען קאָנט־ ראַבאַנדע האַנדעל, זאָנדערן אויך איינצופיהרען געוויסע אָבצאָהלונגען אָדער אַ טאַריף אויף פערשיעדענע ארטיקלען.

אויף'ן ענגלישען טראָן איז דאַן געזעסען דזשאָרדזש דער דריטער, וועלכער איז איינפאַך געווען אַ משוגענער דעספּאָט. וואָס מעהר דיא קאָלאָניסטען האָבען פּראָטעסטירט געגען דיא נייע בעשטייערונגען און טיראַנישע האַנדלונגען, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרען זיין דעספּאָטישע לוסט צו ברעכען זייער וויעדער־ שטאַנד און צו צווינגען זיי מיט געוואַלט צו פאָלגען. צוערשט האָט דיא ענגלי־ שע רעגיערונג אויסגעשטעלט לעבען דיא ברעגען פון דיא קאָלאָניעס קריעגס־ שיפען, אום צו פאַנגען דיא אַמעריקאַנער שיפען, וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט וועסט־אינדיען. דאַן האָבען ענגלישע בעאַמטע געמאַכט אין באָסטאָן און אין אַנדערע פּאָרט־שטעדט הויז־זוכונגען צו פערכאַפּען געשמוגעלטע סחורות און נאַכהער, אין 1765, האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט בעשטימט איינצופיהרען אין דיא קאָלאָניעס דעם זאָגענאַנטען "סטעמפּ־אַקט".



דיא סטעמפּס אין געברויך אין 1765.

מען האָט נעמליך געצוואונגען דיא קאָלאָניסטען צו געברויכען פערשיע־ דענע סטעמפּס אָדער מאַרקעס אויף פערשיעדענע אַרטיקלען, אום זיי זאָלען דערמיט ביישטייערן צו דיא אויסגאַבען פון דער ענגלישער רעגיערונג. דאָס איז געווען, וואָס מען רופט, אַן אינדירעקטע טאַקסע. דיעזע אָבצאָהלונגען זיינען אין דער אמת'ן געווען קליינע, און דיא קאָלאָניסטען זיינען ניט נאָר געווען אים שטאַנד אַזוי פיעל בייצושטייערן צו דיא אויסגאַבען פון זייער מוטערלאַנד, זאָנדערן האָבען נאַכהער געמוזט פיעל מעהר צאָהלען, ווען זיי האָבען נאָך זייער לאַנגען און שווערען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף איינגעפיהרט זייער אייגענע רע־ גיערונג. אָבער עס האָט זיך ניט געהאַנדעלט וועגען דיא סומע פון דיא אָבצאָה־ לונגען, נאָר וועגען פּרינציפּ פון אַזאַ שטייער. דיא קאָלאָניסטען האָבען פּראָ־

טעסטירט געגען יעדע טאקסע וויא באלד דיא ענגלישע רעגיערונג האט זיי וועגען דעם פריהער ניט אנגעפרעגט. זייער פאדערונג איז געוועז, אז מען זאל זיי ערלויבען צו שיקען זייערע פערטרעטער אין ענגלישען פארלאמענט און דאן בעשטימען צוזאמען, וויא פיעל זיי דארפעןביישטייערן פאר דיא אויסגאבען פון דער מלוכה.

"קיינע טאקסעס אהן פערטרעטונג" — איז געוועזען זייער קריעגס־געשריי געגען דיא שטרעבונג פון דער ענגלישער רעגיערונג זיי צו צווינגען צו צאהלען, וויא פיעל און ווען זיא וועט עס בעשטימען נאך איהר ווילען, אזוי וויא מען טהוט עס אין א דעספאטישע מלוכה. דיא קאלאניסטען האבען גאנץ גוט געפיהלט און פערשטאנען, אז וויא באלד זיי וועלען נאכלאזען זייערע רעכטע אין דער פראגע וועגען שטייערן, דאס הייסט, ווען זיי וועלען ערלויבען דיא ענגלישע רעגיערונג ארויפצולייגען אויף זיי טאקסעס אהן זייער דעה און צושטימונג, וועלען זיי אין א קורצער צייט ארום פערליערען זייער זעלבסט־פערוואלטונג און מוזען אויסשטעהן אלע קאפריזען פון דיא ענגלישע גובערנאטארס.

דארום האבען זיך אנגעפאנגען צו שיטען פראטעסטען פון אלע זייטען געגען דעם "סטעמפ־אקט". דעלעגאטען פון דיא קאלאניעס האבען זיך צוזאמענגעטראפען אין ניו יארק, אום אויסצודריקען אן ענערגישען פראטעסט אין נאמען פון גאנצען פאלק אין אלע קאלאניעס, 13 אין צאהל. אין פיעלע ערטער האט מען דיא פערהאסטע סטעמפס איינפאך צוריסען אונטער דיא געשרייען: "טאקסעס אהן פערטרעטונג איז טיראניי!" אדער "פרייהייט און קיינע סטעמפס!"

ווען דיא נאכריכטען וועגען דיזע פראטעסטען זיינען אנגעקומען אין ענגלאנד, האט זיך דיא רעגיערונג ארומגעזעהן, אז זיא איז פערקראכען צו וויית. דער פארלאמענט האט דארום אבגעשאפט דעם סטעמפ־אקט; אבער דערביי האט מען געגעבען דיא פיעל בעדייטענדע ערקלערונג, אז דיא ענגלישע רעגיערונג האט דאס רעכט צו בעשטייערן דיא קאלאניעס און בכלל איינצופיהרען אזא ארדנונג, וויא זיא זיא געפינט עס פאר נויטיג.

אט דער שטרייט וועגען דיזען פונקט האט עס געפיהרט צו דער רעוואלוציאן און נאכהער צו דער ערקלערונג פון אונאבהענגיגקייט פון דיא דרייצעהן פעראייניגטע קאלאניעס אם 4טען יולי 1776 וויא מיר וועלען עס באלד זעהען.

דער רעוואלוציאנערער קאמפף האט זיך אנגעפאנגען, ווען דער קעניג דזשארדזש דער דריטער האט געשיקט סאלדאטען אין דיא גרעסטע שטעדטע פון דיא קאלאניעס אויף דער רעכנונג פון דער דארטיגער בעפעלקערונג. אין ניו יארק האט דאס פאלק זיך ענטשיעדען ענטזאגט אויפצוהאלטען דיא סאלדאטען, וואס דער קעניג האט געשיקט זיי צו אונטערדריקען. אין באסטאן איז עס אין 1770 געקומען צו א בלוטיגען געשלעג צווישען דיא בירגער און דיא סאל־

דאטען, א געשלעג וואס טראגט אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס דעם נאמען "באסטאן מעסעקר (אויסשלאכטונג)", און אין רהאד־איילאנד האט מען צושטערט דיא קריעס־שיף "גאספי", וואס דיא ענגלישע רעגיערונג האט דארט געהאלטען געגען שמוגלערס.

סעמיועל אדאמס.

דאס זיינען אלץ געוועזען בליצען פון דעם קומענדען שטורם. נאר דער משוגענער קעניג מיט זיינע מיניסטארען זיינען אזוי בלינד גע־וועזן, אז זיי האבען אלץ ווייטער געטריעבען דיא קאלאניסטען צו אן אפענעם אויפשטאנד און צו פערצווייפלונג. זיי האבען נעמליך ארויפגעלעגט אין 1767 א נייע טאקסע: גע־וויסע אבצאהלונגען אויף גלאז, פאפיער, פארב און טהעע. דיא קאלאניסטען האבען דאן בע־שלאסען ניט צו אימפארטירען און בכלל ניט צו געברויכען דיזע ארטיקלען אום אזוי אויס־צומיידען פון איין זייט צו פאלגען און פון דער אנדער זייט צו קומען אין א צוזאמענשטויס מיט ענגלישע בעאמטע און סאלדאטען. אנדערע זיי־נען געגאנגען ווייטער אין זייער ווידערשטאנד און האבען געפאלגט דעם ביישפיעל פון סעמיועל אדאמס פון באסטאן, גענאנט "דער פאטער פון דער רעוואלוציאן", ניט צו עסען, טרינקען אדער טראגען איר־גענד וועלכע אימפארטירטע זאך פון ענגלאנד ביז דיא נייע טעקסעס וועלען אב־געשאפט ווערען.

דער ענגלישער פארלאמענט האט דאן ווידער געמוזט צוריקרופען דיזע טעקסעס. אבער פון זיין רעכט צו בעשטייערן דיא קאלאניעס אהן זייער צו־שטימונג האט ער זיך אלץ ניט ענטזאגט. כדי דיא קאלאניסטען זאלען ניט מיינען, אז זייער פאדערונג מכח א דעה אין דיא איינקינפטע און אויסגאבען פון דער רעגיערונג ווערט אנערקענט אין פארלאמענט, האט מען איבער־געלאזען א קליינע אבצאהלונג אויף טהעע. דיא קאלאניסטען האבען אבער אויך דערפון ניט געוואלט הערען, ווייל זיי האבען געוואלט צווינגען דיא ענגלישע רעגיערונג נאכצוגעבען דעם פרינציפ פון פערטרעטערשאפט אין פארלאמענט און פון פולע זעלבסט־פערוואלטונג. זיי האבען ערקלערט, אז זיי וועלען ניט נעהמען טהעע אפילו אלס א געשאנק, אויב דיא אבצאהלונג וועט פערבלייבען. דיא ענגלישע רעגיערונג האט אבער גאר ניט געאכטעט דערויף, און שיפען מיט טהעע זיינען ארויסגעשיקט געווארען פון לאנדאן נאך ניו יארק, באסטאן, פי־לאדעלפיא, טשארלזטאן און אנאפאליס. אום דיא קאלאניסטען זאלען קריעגען

חשק צו קויפען דיזע טהעע, האט מען ארונטערגעלאזען דיא פרייזען אזוי, דאס צוזאמען מיט דער טאקסע איז עס געווען ביליגער פאר דיא טהעען, וואס מען פלעגט קריעגען אריינגעשמוגעלט פוז האלאנד.

דיא גרעסטע אויפרעגונג האט דאן געהערשט אין באסטאן. דיזע שטאדט איז איבערהויפט געווען דער צענטער פון דעם ווידערשטאנד געגען דיא ענגלישע קרוין. דארטען איז דאן אויפגעקומען א פארטיי, וועלכע איז געקרוינט געווארען מיט'ן נאמען "באסטאן טי פארטי". ווען דריי שיפען מיט טהעע זיינען אנגעקומען אין באסטאן, האבען דיא בירגער בעשלאסען ניט צו דערלאזען, אז דיעזע סחורה זאל אויסגעלאדען ווערען. איין נאכט זיינען א געוויסע צאהל בירגער, וועלכע האבען זיך פערמאסקירט וויא אינדיאנער, בעפאלען דיעזע שיפען און האבען אריינגעשליידערט אלע קאסטענס מיט טהעע אין ים.

דאס האט פאסירט אין 1773 און דאס איז אייגענטליך געווען דער אנפאנג פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן. דער שאדען איז געווען אן אונבעדייטענדער, סך הכל א הונדערט טויזענד דאלאר, אבער דער אקט איז אנגענומען געווארען אין דיא ענגלישע רעגיערונגס־קרייזען איינפאך פאר א מרידה במלכות. דער קעניג און זיינע מיניסטארען זיינען העכסט אויפגעבראכט געווארען אויף דיזע "מיאטעזשניקעס" און האבען געשיקט דעם גענעראל גיידזש אלס גובערנאטאר פון מאסאטשוזעטס צוזאמען מיט עטליכע רעגימענטען סאלדאטען, אום צו פערוואלטען דיא קאלאניע אויף א דעספאטישען שטייגער, גאר אהן שום צערעמאניעס. זיי האבען אויך בעשלאסען צו האלטען געשלאסען דעם פארט פון באסטאן ביז דיא איינוואהנער וועלען בעצאהלען פאר די טהעע וואס מען האט אריינגעשליידערט אין ים.

דזשאהן הענקאק.

דיעזע האנדלונגען פון דעם קעניג האבען אויפגערעגט אלע קאלאניסטען, און אין עטליכע מאנאט ארום האבען זיך פערטרעטער פון דיא קאלאניעס פערזאמעלט אין פילאדעלפיא צו בעטראכטען וואס זיי זאלען טאן. דאס איז געווען דער ערשטער קאנגרעס פון דיא קאלאניעס. ער האט געקראגען דעם נאמען: "קאנטינענטאלער קאנגרעס". איינער פון דיא דעלעגאטען פון ווירדזשיניא, וועלכע איז דאן געווען דיא גרעסטע און וויכטיגסטע קאלאניע, אויף דיעזען קאנגרעס איז געווען דזשארדזש וואשינגטאן. א קורצע צייט שפעטער (אין 1775) האבען דיא בירגער פון מאסאטשוזעטס, ניט אכטענדיג אויף דעם קעניג מיט

דער גאַנצער ענגלישער רעגיערונג, אויסגעוועהלט אַלס זייער אייגענעם גובערנאַטאָר א געוויסען דזשאהן הענקאָק, א רייכען קויפמאַן פון באָסטאָן. אויך האָבען זיי אָרגאַניזירט א מיליץ פון 12 טויזענד מאַן.

דיא צאָהל פון איינוואָהנער אין אַלע דרייצעהן קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקאַ איז דאַן געוועזען ניט מעהר פון 3 מיליאָן; אָבער דיא בירגער האָבען דאָך בעשלאָסען זיך ניט אונטערצוגעבען אָהן א ביטערען קאַמפּף און צו ענטפערען מיט געוואַלט אויף געוואַלט. אָבוואָהל זיי זיינען געווען צוואָרפען אויף א ריעזיגע שטרעקע לאַנד, פון דיא גרענעצען פון קענעדע ביז פלאָרידא, זיינען זיי דאָך מייסטענס געווען אייניג און פעסט ענטשלאָסען צו בעשיצען מיט געוועהר אין דיא הענד זייער פרייהייט, זייער זעלבסטפערוואַלטונג.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט עס געמוזט קומען צו א רעוואָלוציאָנערען אויסברוך. עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט ביז בלוט איז פערגאָסען געוואָרען אין א צוזאַמענשטויס צווישען ענגלישע סאָלדאַטען און קאָלאָניאַלע מיליץ. דאָס איז וויעדער געשעהן אין מאַסאַטשוזעטס, טאַקע לעבען באָסטאָן. דער ערשטער בלוטיגער צוזאַמענשטויס איז געשעהן, ווען דער ענגלישער גובערנאַטאָר, גענעראַל גיידזש, האָט אַרויסגעשיקט סאָלדאַטען צו צושטערן דיא פּולווער און פּראָוויזיעס, וואָס דיא בירגער, וועלכע האָבען זיך דאַן אָנגעפאַנגען צו רופען פּאַטריאָטען, האָבען צוזאַמענגעקליבען אין קאָנקאָרד, א מייל 12 פון באָסטאָן. דיא סאָלדאַטען איז געלונגען צו צושטערן איינִיגע מיליטערישע מאַגאַזינען פון דיא פּאַטריאָטען; אָבער אויף'ן וועג צוריק האָבען זיי זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט אַלץ מעהר בירגער, וועלכע זיינען געקומען צו לויפען פון אַלע זייטען, און 300 פון זיי זיינען געפאַלען טויט. דאָס איז געווען דיא ערשטע שלאַכט פון דער רעוואָלוציאָן. דיא פאַרמערס זיינען געווען גוטע שיסערס און האָבען אויך גוט געציעלט. פון הינטער יעדער וואַנד און בוים האָבען דיא זאָגענאַנטע "מיניוט־מען" (דיזען נאָמען האָבען דיזע פּאַטריאָטישע מיליציאַנטען בעקומען, ווייל צו יעדער מינוט האָבען זיי בעדאַרפט זיין גרייט צום קאַמפּף) געשאָסען אויף דיא ענגלישע סאָלדאַטען. דיזער צוזאַמענשטויס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "דיא שלאַכט לעבען לעקסינגטאָן" און האָט פּאַסירט דעם 19טען אַפּריל 1775.

אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט אין אָנפאַנג פון דער רעוואָלוציאָן.

נאָך דיזער בלוטפערגיסונג האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען פּשרות און פרידליכע פערהאַנדלונגען. פון ביידע זייטען האָט מען זיך גענומען

צוגרייטען צו מיליטערישע אָפּעראַציאָנען און צו גרויסע שלאַכטען. מיט קנאַ־פּע דריי מאָנאַט שפּעטער, ווען דער ענגלישער גובערנאַטאָר, גענעראַל גיידזש האָט געקראָגען פערשטערקונגען פון ענגלאַנד און האָט געצעהלט אַן אַרמעע פון 8000 רעגעלע סאָלדאַטען, איז עס געקומען צו אַ פיעל ערנסטערע שלאַכט, וויא לעבען לעקסינגטאָן, נעמליך: צו דער שלאַכט פון בונקער הילל אין דעם טהייל פון באָסטאָן, וואָס הייסט טשאַרלסטאָון. דריי מאָל האָבען דיא ענגלישע סאָלדאַטען געמוזט שטורמען דעם דאָזיגען באַרג, אום צו פּעריאָגען דיא אַמעריקאַנער, וואָס האָבען זיך דאָרט בעפעסטיגט, און ערשט ווען זיי האָבען פער־לאָרען איבער 1000 מאַן און דיא פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען פערלאָרען אַ 500 מאַן, זיינען געבליבען אָהן פּולווער און קוילען, האָבען זיי פערנומען דיא פּאָזי־ציעס פון דיא פּאַטריאָטען.

דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט דאַן אויסגעקליבען דזשאָרדזש וואַ־שינגטאָן פאַר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דיא אַמעריקאַנער קרעפטע. קיין בעסערע אויסוואַהל האָבען גאָר דיא פערטרעטער פון דיא קאָלאָניעס ניט גע־קענט מאַכען, ווייל ער איז וויא געשאַפען געוועזן צו דער גרויסער ראָלע, וועלכע ער האָט געשפּיעלט אין דער רעוואָלוציאָן און נאָכהער אַלס פּרעזידענט פון דער נייער רעפּובליק, וויא מיר וועלען עס באַלד זעהען.

פיערטער קאַפּיטעל.

דער קאַמפּף פאַר אונאַבהענגיגקייט

דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּף, וועלכער האָט אויסגעבראָכען, וויא דאָס איז געשילדערט אין פאָריגען קאַפּיטעל, האָט זיך געצויגען איבער זעקס יאָהר, נעמליך: ביז דער שלאַכט פון יאָרקטאַון אין 1781, ווען דיא ענגלישע ארמעע



אינדעפּענדענס האָלל אין פילאַדעלפיא אין 1776.

אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראל קאָרנוואַליס איז ארומגערינגעלט געוואָרען און האָט זיך געמוזט אונטערגעבען. דעם ערשטען יאָהר האָבען דיא קאָלאָניסטען ניט גערעכענט זיך אָבצוטהיילען אין גאַנצען פון ענגלאַנד. דערזעלבער קאָנטי־נענטאַלער קאָנגרעס, וואָס האָט אויסגעוועהלט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פאַר דעם גענעראַל־קאָמאַנדיר און האָט בעשטימט צו שאַפען אַן ארמעע פון 15 טויזענד מאַן, האָט פונדעסטוועגען ערקלערט, אַז ער אַנערקענט דזשאָרדזש דעם דריטען פאַר דעם אויבערהאַר אויף איבער דיא קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקאַ. אָבער דיעזע טרייהייט צום ענגלישען טראָן איז שנעל פערשוואונדען.

דעם נעכסטען יאָהר, נעמליך: דעם 4טען דזשולאַי (יולי) 1776 האָט דיעזער קאָנגרעס אָנגענומען דיא וועלט בעריהמטע "דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס" (ערקלערונג פון אונאַבהענגיגקייט), וועלכע טהאָמאַס דזשעפערסאָן, איינער פון דיא גרעסטע און עדעלסטע מענער וואָס זיינען ווען געבאָרען געוואָרען אין דער נייער וועלט, האָט פערפאַסט און וועלכע איז פערבליבען אַזאַ פונדאַמענט פון אַמעריקאַנער פרייהייט וויא דיא קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. דער טאָג, ווען דיעזע ערקלערונג איז אונטערשריבען געוואָרען פון דזשאַהן הענקאָק, פּרעזידענט פון קאָנגרעס, ווערט זייט דאַן יעדעס יאָהר געפייערט אַלס דער גרעסטער נאַציאָנאַלער יום טוב פון אונזער רעפּובליק. ער איז אויך איינער פון דיא גרעסטע און גלענצענדסטע טעג אין דעם קאַמפּף פון פעלקער פאַר פּאָליטישע פרייהייטען.


די פרייהייטס-גלאָק אין אינדעפּענדענס האָלל, פילאַדעלפיא.

זייט דיזען אויף אייביג אונפערגעסליכען טאָג, זייט יענעם 4טען דזשולאַי, האָבען דיא קאָלאָניסטען געקעמפּפט ציעלבעוואוסט פיר זייער אונאַבהענגיגקייט אַלס אַ בעזונדערע נאַציאָן. פריהער וואָלטען אַפילו דיא הייסעסטע פּאַטריאָטען פון דיא קאָלאָניעס געבליבען טריי צו ענגלאַנד, ווען דער קעניג און דער פּאַרלאַמענט וואָלטען בעוויליגט זייערע גערעכטע פאָדערונגען. אָבער נאָך דער דעקלאַראַציאָן פון אונאַבהענגיגקייט האָט זיך דיא שטימונג פון דיא קאָלאָניסטען בכלל אַזוי געענדערט, אַז מען האָט גאָר ניט געוואָלט הערען פון פשרות מיט דער ענגלישער רעגיערונג און אַז מען האָט זאָגאַר אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען דיא זאָגענאַנטע "טאָרים", דאָס הייסט אַזעלכע בירגער, וואָס זיינען געווען געגען דיא אונאַבהענגיגקייט פון דיא קאָלאָניעס און האָבען געוואָלט בלייבען פערבונדען מיט זייער מוטערלאַנד. דער קאַמפּף איז יעדענפאַלס געווען זעהר אַ שווערער און אונגלייכער פאַר דיא קאָלאָניסטען, און עס האָט ניט פיעל געפעהלט, אז זיי זאָלען שליסליך פערלירען.

גליקליכערווייזע האָבען זיי אָבער אין דער ריכטיגער צייט, אין דעם סאַמע קריטישען מאָמענט, געקראָגען דיא הילפע פון דעם זעלבען פאָלק, געגען וועלכען זיי האָבען אַזוי מוטהיג געקעמפּפט מיט אַ יאָהר 18 צוריק צו שטיצען ענגלאַנד. דיא הילפע איז נעמליך געקומען פון פראַנקרייך, וועלכע האָט ניט נאָר אַנערקענט דיא אונאַבהענגיגקייט פון דער נייער רעפּובליק, זאָנדערן האָט נאָך געשיקט געלד און קריעגס-שיפען מיט סאָלדאַטען געגען דיא ענגלישע אַרמעע. אויף דיעזען שטייגער האָט זיך עס פראַנקרייך אָפּגערעכענט פאַר

איהרע נידערלאַגעס אין דעם לאַנגען קאַמפּף מיט ענגלאַנד, פאַר איהר פערלוסט פון קענעדע. דער מאַן, וואָס האָט אויסגעפיהרט, אַז פראַנקרייך זאָל אויס־שטרעקען איהר מעכטיגע האַנד צו דער ניי־געשאַפענער רעפּובליק, איז געווען בענדזשאַמין פראַנקלין, וועמען דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט געשיקט אַלס אַמבאַסאַדאָר צום פראַנצויזישען קעניג. דערמיט, קען מען זאָגען, האָט דיעזער מערקווירדיגער מאַן, וועלכער האָט זיך אויך אונשטערבליך געמאַכט מיט אַן ענטדעקונג אין פיזיקע, אַזוי פיעל אויפגעטהאָן פאַר דיא פעראייניג־טע שטאַאטען, וויא וואַשינגטאָן מיט זיין שווערד און דזשעפערסאָן מיט זיין "דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס". דיא נעמען פון דיעזע דריי גרעסטע מענער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן זיינען אַ צירונג ניט בלויז פאַר דיא אַמעריקאַ־נער נאַציאָן, זאָנדערן אויך פאַר דיא גאַנ־צע מענשהייט.

בענדזשאַמין פרענקלין.

פראַנקרייך'ס אַנטהייל אין דער רע־וואָלוציאָנערער מלחמה האָט באַלד געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז דיא ענגלישע רע־גיערונג האָט פאָרגעשלאַגען שלום און בעוויליגט אַלעס וואָס דיא קאָלאָניסטען האָבען פערלאַנגט מכח זעלבסטפערוואַלטונג, מיט אויסנאַהמע, נאַטירליך, פון אונאַבהענגיגקייט. אָבער דיזער פאָרשלאַג איז שוין געקומען צו שפּעט. דיא שטיצע פון פראַנקרייך האָט צוגעגעבען מוטה דיא פּאַטריאָטען. זיי האָבען דאַ־רום זיך ענטזאָגט אָנצונעהמען אַלעס וואָס דיא ענגלישע רעגיערונג האָט זיי אָנ־געבאָטען און האָבען בעשלאָסען צו קעמפּפען ביז'ן ביטערען סוף פאַר זייער אונאַבהענגיגקייט, פאַר אַ זעלבסשטענדיגע רעפּובליק.

צווישען דיא פראַנצויזען, וועלכע זיינען געקומען אַלס וואָלאָנטירען צו העלפען דיא קאָלאָניסטען צו קעמפּפען פאַר פרייהייט און אונאַבהענגיגקייט, האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט דער יונגער מאַרקיז לאַפאַיעט, וועל־כער האָט שפּעטער אויך געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע אין דער גרויסער רעוואָלוציאָן פון זיין פאַטערלאַנד.

דער קאַמפּף, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר דאָס רעכט פון זעלבסט־פערוואַלטונג, האָט זיך אַלזאָ שנעל אומגעוואַנדעלט אין אַ קאַמפּף פאַר פאָל־שטענדיגע אָבטהיילונג פון ענגלאַנד. אין דיא פינף יאָהר, וואָס דיא מלחמה פיר אונאַבהענגיגקייט האָט זיך געצויגען, זיינען פאָרגעקומען פיעלע שלאַכטען,

וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט זיעגען און נידערלאַגען אמאָל פאַר איין צד, אמאָל פאַר דעם אַנדערען. מיט איינצעלהייטען וועגען דיזע שלאַכטען וועלען מיר זיך דאָ ניט פערנעהמען, ווייל מען דארף האָבען עפּעס קענטניסע אין מיליטערישע אַנגעלעגענהייטען אום דאָס צו פערשטעהן. פאַר ניט־מיליטאַריסטען זיינען איינצעלהייטען מכּה שלאַכטען, ווי זיי זיינען געפיהרט געוואָרען און וויא מען האָט זיי בעדאַרפט פיהרען — בכלל זעהר לאַנגווייליג.

מארקיז לאפאיעט.

נאָך יעדען קלאַפּ, וואָס וואַשינגטאָן האָט געקראָגען פון דיא ענגלענדער, איז איהם מייסטענס געלונגען זיך אָפּצורעכענען נאָך מיט אַ בעסערען קלאַפּ. ווען דיא פראַנצויזען האָבען צוגעשיקט סאָלדאַטען און אַ פלאָטע, האָט זיך וואַשינגטאָן זעהר גוט און געשיקט בענוצט דערמיט צו דערלאַנגען דיא ענגלענדער אַזאַ קלאַפּ, אַז זיי זאָלען פערלירען דעם חשק ווייטער צו פיהרען דיעזע מלחמה. דאָס איז געשעהן, וויא שוין אויבען דערמאָנט, אין דער שלאַכט לעבען יאָרקטאַון, ווען דער ענגלישער גענעראַל איז אַרומגערינגעלט געוואָרען און האָט זיך געפונען וויא אין אַ פאַסטקע. פון איין זייט איז געשטאַנען דיא פראַנצויזישע פלאָטע, פון דער אַנדער זייט האָט זיך אויסגעשטעלט אויף גוטע פּאָזיציעס אַן אַרמעע פון 9000 אַמעריקאַנער און 7000 פראַנצויזען, געגען וועלכע דיא ענגלענדער האָבען זיך אומזאָנסט געווּעהרט אַ וואָך. שליסליך האָבען זיי קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט וויא זיך אונטערצוגעבען. דאָס איז געשעהן דעם 19טען אָקטאָבער 1781.

דערמיט האָט זיך געענדיגט דיא מלחמה פאַר אונאַבהענגיגקייט. דיא ענגלישע רעגיערונג האָט ביי דער ערעפענונג פון פאַרלאַמענט אין 1782 געמוזט אַנערקענען דיא אונאַבהענגיגקייט פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען, דיא ערשטע רעפּובליק אין דער נייער וועלט, און דעם נעכסטען יאָהר איז אין פאַריז אונטערשריבען געוואָרען אַן אָפּמאַך, נאָך וועלכען דיא נייע רעפּובליק האָט געקראָגען דאָס לאַנד פון אַלע 13 קאָלאָניעס, וועלכע זיינען געוואָרען שטאַאטען, און אויך דאָס הינטערלאַנד, וואָס מען האָט גערופען "נאָרד וועסט טעריטאָרי" און וואָס האָט זיך געצויגען ביז דעם טייך מיסיסיפּי. צוזאַמען האָט דאָס פערנומען איבער 800 טויזענד סקוועּר (קוואַדראַט) מייל.

פינפטער קאַפּיטעל.

די קאָנסטיטוציאָן פון דער נייער רעפּובליק און דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איהר ערשטער פּרעזידענט

די 13 קאָלאָניעס, וועלכע האָבען זיך פערבונדען געגען ענגלאַנד און האָבען נאָך אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף אין פערלויף פון אַכט יאָהר געוואונען זייער אונאַבהענגיגקייט, וויא דאָס איז געשילדערט אין די פאָריגע קאַפּיטלעך, זיינען נאָך אָבער ווייט ניט געווען פעראייניגט צווישען זיך. זאָלאַנג די מלחמה געגען ענגלאַנד האָט געדויערט, האָבען די קאָלאָניסטען געקעמפּפט אַלע צוזאַמען וויא איין נאַציאָן געגען אַ געמיינשאַפטליכען שונא; אָבער אַזוי שנעל וויא מען האָט געשלאָסען פריעדען מיט ענגלאַנד און מען האָט פונאַנדערגעלאָזען די רעוואָלוציאָנערע ארמעע, האָט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז אמת׳ע אינערליכע איינינקייט עקזיסטירט נאָך ווייט ניט צווישען די קאָלאָניעס. דער קאָנטינענטאלער קאָנגרעס האָט געהאט ווייניג אָטאָריטעט, און יעדע קאָלאָניע האָט זיך געהאלטען פאר א פאָלשטענדיג אונאבהענגיגען שטאַאט.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מיסטרויען פון די קלענערע שטאַאטען צו די גרעסערע. אלע צוזאמען זיינען זיי געווען פערשולדעט זעהר פיעל צוליעב די קאָסטען פון דער לאַנגער מלחמה פאַר אונאַבהענגיגקייט. די לאַגע אין אַלגעמיינען איז געווען אַ זעהר טרויעריגע און פערפּלאָנטערטע. דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס איז געווען צוגלייך אַ פּאַרלאַמענט און אַ רעגיערונג; אָבער זיין מאַכט איבער די שטאַאטען איז געווען אַ זעהר שוואַכע. קיין ריכטיגע צענטראַל־רעגיערונג און קיין פּרעזידענט האָבען די שטאַאטען ניט געהאַט. דער קאָנטינענטאַלער קאָנגרעס האָט געהאַט דאָס רעכט צו בעשטימען געוויסע געזעצע פאַר׳ן גאַנצען לאַנד און ארויפלייגען געוויסע אַלגעמיינע שטייערן; אָבער ער האָט ניט געהאַט די מאַכט צו צווינגען די בירגער אין די נייגעשאַפענע שטאַאטען דאָס אויסצופיהרען.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט עס ניט פיעל געפעהלט, אַז דער ביי־

באנד פון דיא 13 שטאאטען זאָל אויפהערען. דיא הויפט אורזאכע, ווארום
זיי האָבען זיך דאָך געהאַלטען צוזאַמען אַלס איין רעפּובליק איז געווען צוליעב
דעם אינטערעס, וואָס זיבען פון זיי האָבען געהאַט אין דער "נאָרד וועסטליכער
טעריטאָריע", וועלכע זיי האָבען געקראָגען דורך דעם פריהערן זיעג פון דיא ענג־
לענדער איבער דיא פראנצויזען אין קענעדע, וויא מיר ווייסען עס שוין פון
פאָריגען קאַפּיטעל. יעדער פון דיא שטאאטען, וואָס האָבען זיך געגרענעצט
מיט דער דאָזיגער ריזיגער טעריטאָריע ווייט אין מערב זייט ביז דעם מיסי־
סיפּי ריווער, האָט נאַטירליך געזוכט צו קריגען וואָס אַ גרעסערען חלק פון דער
דאָזיגער, זאָ צו זאָגען, פראַנצויזישער ירושה. נאָך לאַנגע טענות און פערדרעהע־
נעסען האָבען דיא שטאַרקסטע און וויכטיגסטע פון דיא אָריגינעלע 13
שטאאטען, נעמליך: ווירדזשיניא, ניו יאָרק, מאַסאַטשוזעטס און קאָנעקטיקוט,
אָפּגעמאַכט צווישען זיך,
אַז דער קאָנטינענטאַלער
קאָנגרעס זאָל ענטשיידען
זייערע שטרייט־פראַגען
און זאָל פערטהיילען דיא
"נאָרד־וועסטליכע טערי־
טאָריע" צום וואָהל און
בעסטען פון דעם גאַנצען
לאַנד.


קאָנגרעס האָלל אין פילאַדעלפיא, 1790.

דאָס האָט, זעלבסט־
פערשטענדליך, פער־
שטאַרקט דיא אָטאָריטעט
און דיא מאַכט פון דעם
קאָנגרעס; אָבער דאָס איז
נאָך אַלץ ווייניג געווען צו
האַלטען דיא שטאאטען
אַזוי פעראייניגט צוזאַמען,
וויא דאָס האָט בעדאַרפט
צו זיין און וויא דאָס איז גליקליכערווייזע אַלץ מעהר איינגעפלאַנצט געוואָרען
אין דיא אינטערעסען פון אַלע בירגער פון אונזער גרויסער פעדעראַטיווער רע־
פּובליק. דיא בעסטע און איינפלוסרייכסטע מענער פון דיא שטאאטען האָבען
אַלץ מעהר פערלאַנגט, אַז מען זאָל אויסאַרבייטען אַן אַלגעמיינע קאָנסטיטו־
ציאָן און איינריכטען דיא נייע רעפּובליק אויף אַ פעסטען נאַציאָנאַלען פונ־
דאַמענט.

ענדליך האָט מען אין 1787 אָפּגעהאַלטען אין פילאַדעלפיא אַ קאָנווענציאָן

פון 55 פערטרעטער פון דיא שטאאטען אונטער דעם פאָרזיץ פון דזשאָרדזש וואשינגטאָן, אום צו בילדען א שטארקערען און פעסטערען פערבאנד. דיזע קאָנ־וועגציאָן האָט געהאלטען געהיימע זיצונגען אין פערלויף פון 4 מאָנאט. פיעלע שטרייטען זיינען פאָרגעקומען איידער מען האָט אָנגענומען דיא אַרטיקלען פון דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציאָן.

דער וויכטיגסטער שטרייט־פונקט איז דאן געווען וועגען דיא פערטרעטער־שאפט פון דיא שטאאטען אין קאָנגרעס. דיא 13 קאָלאָניעס זיינען פון אָנפאנג אָן געווען און זיינען געבליבען וויים ניט גלייך אין זייער שטח און אין בע־פעלקערונג. אונטער דער אויבערמאכט פון ענגלאנד איז יעדע פון זיי נאטירליך געווען אין גאנצען אונאבהענגיג פון דיא אנדערע. דאָס וואָס איין קאָלאָניע האָט פערנומען מעהר לאנד אָדער איז געוואָרען גערדיכטער בעפעלקערט — דאָס האָט גאָר ניט אויסגעמאכט, וויא באלד יעדע האָט געהאט איהר אייגענע פער־וואלטונג און איז ניט געשטערט געוואָרען פון דיא ענגלישע גובערנאטאָרס. אַזוי שנעל אָבער, וויא זיי האָבען אָראָפּגעשליידערט פון זיך דעם ענגלישען יאָך און האָבען זיך פערבונדען צוליעב געוויסע געמיינשאפטליכע אינטערעסען אין איין רעפּובליק, האָבען דיא קלענערע אָנגעפאנגען זיך צו שרעקען, אז זיי וועלען איינגעשלונגען ווערען פון דיא גרעסערע, אָדער אז זייער דעה אין דער רעפּובליק וועט זיין אָן אונבעדייטענדע.

דיא קליינע שטאאטען האָבען דארום געקעמפּפט געגען פאָרשלעגע, אז יעדער שטאאט זאָל שיקען מיטגליעדער אין קאָנגרעס פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין בעפעלקערונג. זיי האָבען געטענה'ט, אז דיא מעהר בעפעלקערטע און גרעסערע שטאאטען וועלען האָבען דיא גרעסטע דעה אין דער רעפּובליק און וועלען קאָנ־טראָלירען דיא גאנצע רעגיערונג פון לאנד. זיי האָבען דארום פערלאנגט אַזעל־כע פונקטען אין דער אַלגעמיינער קאָנסטיטוציאָן, אז זיי זאָלען קענען האָבען אַזאַ דעה אין קאָנגרעס, וויא דיא גרויסע שטאאטען. אום צו בעפרידיגען דיא פאָדערונגען פון דיא קלענערע שטאאטען, האָט מען דארום בעשטימט צו ביל־דען א סענאַט, אין וועלכען יעדער שטאאט, גרויס און קליין, זאָל זיין גלייך פערטראָטען דורך צוויי מיטגליעדער.

אַזוי איז עס פערבליבען עד היום און אַזוי וועט עס נאָך ווער ווייסט וויא לאנג פערבלייבען אין אונזער פעדעראטיווער רעפּובליק. פון ערשטען בליק שיינט עס זעהר זאָנדערבאַר און אויך גאָר ניט גערעכט, אז אַזאַ שטאאט וויא, למשל, ניו יאָרק וואָס צעהלט ניט ווייניגער פון א צעהנטעל פון דער גאנצער בעפעלקערונג פון יונייטעד סטייטס (נאָך דעם צענזוס פון 1910 געפינען זיך אין ניו יאָרק סטייט 9,113,279 נפשות), זאָל זיין פערטראָטען אין יוניי־טעד סטייטס סענאַט דורך צוויי מיטגליעדער פונקט וויא דער שטאאט נעוואַדאַ, וואָס צעהלט סך הכל 82 טויזענד נפשות. לויט נאָך זייערע בעפעלקערונגען קע־

נען דיא סטייטס נעוואדא, וויאָמינג, מאָנטאנא, יוטאה, איידעהאָ, אריזאָנא און ניו מעקסיקאָ צוזאמען אפילו מיט קאָלאָראדאָ זיך בעהאַלטען אין מען־העטען און בראָנקס (בלויז 2 טהיילען פון דער שטאָדט ניו יאָרק); אָבער נאָך זייער שטח איז יעדער פון זיי פיעל גרעסער פאַר גאַנץ ניו יאָרק סטייט. אָט טאקע נעוואדאַ, וואָס איז דער קלענסטער סטייט אין בעפעלקערונג, איז צוויי און אַ פינפטעל מאָל גרעסער אין שטח פאַר ניו יאָרק סטייט.

ניט וויינינער אויפפאַלענד איז אַ פערגלייך צווישען אזעלכע צוויי שטאַאטען וויא טעקסעס און רהאָוד איילאַנד. טעקסעס פערנעהמט 265,780 סקווער מייל (דאָס איז גרעסער פאַר דיא גאַנצע דייטשע אימפעריע צוזאמען מיט דער שווייץ, מיט דענעמארק, האָלאַנד און בעלגיען, ניט רעכענענדיג זייערע קאָלאָניעס). דאָס איז אונזער גרעסטער שטאַאט אין שטח, און רהאָוד איילאַנד איז דער קלענסטער (ער פערנעהמט בלויז 1250 סקווער מייל, אָבער דערפאַר איז ער איינער פון דיא אינדוסטריעלסטע און אויך זעהר געדיכט בעפעלקערט; צעהלט איבער 542 טויזענד נפשות).

ווען מיר בעטראַכטען דיא 48 שטאַאטען פון אונזער רעפובליק, וויא זיי זיינען אָבגעגרענעצט געוואָרען און וויא זיי זיינען אין אונזערע צייטען בעפעל־קערט, ווארפט עס זיך פשוט אין דיא אויגען, אז דיא וויינינער בעפעלקערטע קענען בעהערשען אין יונייטעד סטייטס סענאט דיא מעהר בעפעלקערטע. עס קומט אַלזאָ אויס פונקט פערקעהרט, וויא דיא פערטרעטער פון דיא קלענערע קאָלאָניעס האָבען עס גערעכענט בשעת דיא קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען איז אויסגעארבייט געוואָרען.

אָבער בשעת מען האָט אויסגעארבייט דיא קאָנסטיטוציאָן פון דער נייער רעפובליק, האָט מען זיך אויך פערזאָרגט געגען אַזאַ מעגליכקייט. פון איין זייט האָט מען טאקע נאָכגעגעבען דיא פאָדערונגען פון דיא קליינע שטאַאטען, אָבער פון דער אַנדער זייט האָט מען אָנגעהאַלטען דעם דעמאָקראטישען פרינציפ, אז דער ווילען פון דער מאַיאָריטעט שטעהט העכער פאַר דעם ווילען פון דער מינאָריטעט אין אַ לאַנד — אחרי רבים להטות.

דיא פאָטערס פון אונזער רעפובליק האָבען נעמליך געמאַכט אַזאַ פשרה צווישען דיא גרעסערע און דיא קלענערע פון דיא ערשטע דרייצעהן שטאַאטען:

דער קאָנגרעס זאָל בעשטעהן פון צוויי געזעצגעבענדע הייזער, וועלכע זאָ־לען, זאָ צו זאָגען, קאָנטראָלירען איינע דיא אַנדערע צום וואָהל און בעסטען פון גאַנצען פאָלק, אין דיא קליינע סטייטס אַזוי גוט וויא אין דיא גרויסע. איין הויז, גענאַנט "האוז אָוו רעפּרעזענטייטיווס", זאָל בעשטעהן פון פאָלקס־פערטרעטער אין פראָפּאָרציע צו דער בעפעלקערונג פון יעדען שטאַאט בעזונדער. אַזעלכע פאָלקספערטרעטער, וועלכע מען רופט אויך קאָנגרעסמען, זאָלען ערוועהלט ווערען דורך אַ דירעקטע אָבשטימונג פון די בירגער. די אַנדע־

רע הויז, גענאַנט "סענאַט", זאָל בעשטעהען פון סטייט־פּערטרעטער, צו צוויי פון יעדען סטייט, אָבגעזעהען פון זייער בעפעלקערונג אָדער שטח. אַזעלכע, זאָ צו זאָגען, אַמבאַסאַדאָרען אָדער געזאַנדטע פון דיא פּריוויליגּ פּער־בונדענע שטאַאטען זאָלען שוין ניט ערוועהלט ווערען דירעקט פון דיא בירגער, נאָר אינדירעקט דורך אַן אָבשטימונג פון דיא אויסערוועהלטע סטייט־פּערטרע־טער, נעמליך: פון דיא געזעצגעבענדע הייזער אָדער לעדזשיסלייטשורס פון דיא סטייטס.

בקיצור, דיא גרעסערע שטאַאטען האָבען זיך פּערזיכערט געגען דיא קלע־נערע דערמיט, וואָס זיי האָבען געקענט שיקען מעהר דעפּוטאַטען אין דער האוז אָוו רעפּרעזענטייטיווס, און דיא קלענערע שטאַאטען האָבען זיך בעשיצט געגען דיא גרעסערע דערמיט, וואָס אין סענאַט זיינען זיי געווען גלייכע יחסנים. אַט, למשל, ניו יאָרק סטייט איז אויף דעם גרונד פון דער לעצטער פאָלקסצעהלונג (1910) בערעכטיגט צו שיקען 43 פּערטרעטער אין דער האוז אָוו רעפּרעזענ־טייטיווס, וועהרענד נעוואַדאַ וועט נאָך דער נעכסטער פאָלקסצעהלונג (אין 1920) וואַהרשיינליך אויך ניט קענען שיקען מעהר פון איין קאָנגרעסמאַן.

דיא פאָלקסצעהלונגען ווערען געמאַכט אין אונזער רעפּובליק יעדע צעהן יאָהר, און נאָך יעדער פאָלקסצעהלונג ווערט עס אויך בעשטימט אין קאָנגרעס, וויא פיעל פאָלקספּערטרעטער יעדער סטייט האָט דאָס רעכט אויסצואוועהלען פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין בעפעלקערונג. אָבער מיט דיא פּערטרעטער פון דיא סטייטס אין סענאַט האָבען דיא פאָלקסצעהלונגען גאָר ניט צו טאָן. דיא צאָהל פון יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס העננט נאָר אָפּ פון דער צאָהל פון דיא סטייטס און בלייבט דיא זעלבע (וויא שוין געזאָגט, צו 2 פון יעדען סטייטס) זאָלאַנג עס קומען ניט צו נייע סטייטס.

אויב דיעזע סיסטעם פון פּערטרעטערשאַפט אין קאָנגרעס איז אַ גוטע און אַ ריכטיגע; אויב עס איז פאַראַן אָדער אויב מען קען אויסטראַכטען אַ בעס־סערע רעפּרעזענטאַטיווע סיסטעם און בכלל פערפאַסען אַ בעסערע קאָנסטי־טוציאָן — דאָס זיינען פראַגען, וועלכע עס איז ניט דאָ דער אָרט צו בעטראַכ־טען. מיר שרייבען דאָך ניט דיא געשיכטע פון קאָנסטיטוציאָנען. זיכער איז עס יעדענפאַלס, אַז דאָס איז געווען און בלייבט דער פונדאַמענט פון אונזער פעדעראַטיווער רעפּובליק. אָהן דיזע פּשרות צווישען דיא גרעסערע און קלע־נערע ערשטע דרייצעהן שטאַאטען וואָלט דיא עקזיסטענץ פון דער נייער רע־פּובליק גאָר ניט מעגליך געווען.

וויא מיר וועלען עס זעהען אין אַ נעכסטען קאַפּיטעל, ווען עס וועט גע־שילדערט ווערען דער שרעקליכער בירגער־קריעג, דער ריזיגער קאַמפּף פאַר דיא אָבשאַפונג פון דער נעגער־שקלאַווערייּ — האָט עס ניט פיעל געפעהלט, נאָך אַלע פּשרות און קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פאַר דיא סטייטס, אַז

אונזער רעפּובליק זאָל צושפּאָלטען ווערען וויינינגסטענס אין צוויי טהיילען. אָבער צו דער צייט, סך הכל מיט אַ יאָהר 120 צוריק, ווען דיא קאָנסטיטוציאָן פון יונייטעד סטייטס איז נאָך פיעלע שטרייטען און פשרות אָנגענומען געוואָרען אין קאָנטינענטאַלען קאָנגרעס, זיינען אַלע ערשטע שטאַאטען געוועזען אַזוי שוואַך צוזאַמענגעבונדען און אַזוי שטאַרק פערקאָכט אין זייערע שטאַאט־רעכטע און אזוי מיסטרויעריש און אייפערזיכטיג צו אַ צענטראַלער אָדער אַן אַלגעמיינער רעגיערונג פון דער גאַנצער פעדעראַציאָן אָדער רעפּובליק, אַז עס האָט נאָך געדויערט אַ היבשע צייט ביז דיא בירגער אין יעדען שטאַאט האָבען, וויעדער נאָך לאַנגע טענות און שטרייטען, געשטימט פאַר דיזע קאָנסטיטוציאָן און אַזוי בעשלאָסען צו ווערען בירגער פון אַ גרויסער פעדעראַטיווער רעפּובליק.

אלעקסאנדער האמילטאן.

עס האָט געדויערט א צוויי יאָהר צייט ביז דיזע קאָנסטיטוציאָן, פון וועלכער אפילו איין אות איז ניט געענדערט געוואָרען עד היום (ניט רעכענענדיג נאַטירליך דיא 17 צוזעצונגען אָדער אַמענדמענטס, וועלכע מען האָט שוין געמוזט אָננעהמען, און אנדערע, וועלכע שטעהען היינט אויף דער טאַגעס אָרדנונג און וועלען אין דיא נעכסטע יאָהרען אָנגענומען ווערען), ווייל דיא אַמעריקאַנער נאַציאָן קוקט אויף איהר וויא אויף אַ היילינגטהום, איז אָנגענומען געוואָרען נאָך אַ רעפערענדום־וואוט פון דיא בירגער. אין איינינע סטייטס איז עס געוועזען בעזאָנדערס שווער צו בעוועגען דיא בירגער צו שטימען פאַר איהר, ווייל זיי האָבען גערעכענט, אַז מען האָט געגעבען דער צענטראַלער אָדער נאַציאָנאַלער רעגיערונג צו פיעל מאַכט.

דער מאַן וואָס האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זיינע אָנשטריינגונגען איינצורעדען דאָס פאָלק צו אַנערקענען דיא קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט אונזער פעדעראַלע און דעמאָקראַטישע רעפּובליק, איז געוועזען דער פעהיגער שטאַאטסמאַן **אַלעקסאַנדער האַמילטאָן**, אַ בירגער פון ניו יאָרק.

עס האָבען זיך געבילדעט צוויי פאַרטייען: דיא **פעדעראַליסטען**, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז דיא רעפּובליק נויטיגט זיך אין אַ שטאַרקער צענטראַל־רעגיערונג און האָבען דאַרום געשטימט פאַר דיא קאָנסטיטוציאָן, און דיא **אַנטי־פעדעראַליסטען**, וועלכע האָבען מורא געהאַט, אַז אַ שטאַרקע צענטראַל־רעגיערונג קען ווערען געפעהרליך פאַר דיא פרייהייטען פון פאָלק און פאַר דיא

אַטאָנאָמיע פון דיא שטאאטען און וועלכע האָבען דארום געשטימט געגען דיא קאָנסטיטוציאָן.

מען מעג זאָגען, אז דיזע פּארטייען עקזיסטירען אין אונזער רעפּובליק אויך היינט צו טאָג, נאָר זייערע נעמען האָבען זיך מיט דער צייט געענדערט, נעמליך: דיא אַנטי־פעדעראַליסטישע פּארטיי איז אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין דער דעמאָקראַטישער און דיא פעדעראַליסטישע האָט א געוויסע צייט געטראָגען דעם נאָמען וויהיגס (Whigs) און הייסט יעצט דיא רעפּובליקאַנישע.

אין 1789 האָבען זיך דיזע ביידע פּארטייען פעראייניגט, אום אויסצוקלייבען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פאַר פּרעזידענט פון דער ניי־געשאַפענער רעפּובליק, וועלכע האָט ערשט דאַן מיט רעכט געקענט טראָגען דעם נאָמען: יונייטעד סטייטס (פעראייניגטע שטאאטען) פון אמעריקא. דיא הויפּט שטאָדט פון דער רעפּובליק איז דאַן געוועזען ניו יאָרק, וואו וואַשינגטאָן האָט אויך געשוואָרען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן. דיזע שבועה האָט ער אזוי עהרליך געהאַלטען, דאָס ביידע פּארטייען האָבען איהם ערוועהלט צום צווייטען מאָל אין 1793.


פעדעראַל האָלל אין ניו יאָרק.

ער איז אזוי געוועזען פּרעזידענט פון דער נייער רעפּובליק 8 יאָהר און האָט אויך מיט זיין געזונטען פערשטאַנד און מיט זיין מעסיגקייט אין דיא פּאָליטישע פראַגען, שוין ניט ריידענדיג פון זיין בעוואוסטע עהרליכקייט און בעוויזענע מיליטערישע פעהיגקייטען, זעהר פיעל געהאָלפען צו פערשטארקען און צו בעפעסטיגען אונזער רעפּובליק. ער טראָגט דארום דעם כשר פערדיענטען נאָמען "פאָטער פון דער רעפּובליק", און זיין געבורטס־טאָג (22 פעברואר) ווערט געפייערט אַלס א נאַציאָנאַלער יום טוב פון אמעריקאַנער פאָלק.

ער פערנעהמט אויך א בעזונדערן פּלאַץ אין דער וועלט־געשיכטע אַלס א מאַן, וואָס האָט זיך ניט געוואָלט בענוצען מיט זיין גרויסער מאַכט אַלס קאָמאַנדיר פון דער רעוואָלוציאָנערער ארמעע און אַלס פּרעזידענט, אום צו ווערן קייזער, וויא נאַפּאָלעאָן און אַנדערע האָבען עס געטאָן אין אזא לאַגע.

אַ יאָהר נאָכדעם, וויא וואַשינגטאָן איז געוואָרען פרעזידענט, האָט מען געמאַכט דיא ערשטע פאָלקסצעהלונג אין אַלע שטאַאטען, און מען האָט אויסגעפונען, אַז דיא נייע רעפובליק האָט געצעהלט קנאַפע 4 מיליאָן נפשות. זייט דאַן איז דיא בעפעלקערונג פון יונייטעד סטייטס געוואַקסען מיט אַ וואונדערבאַרער שנעלקייט ניט נאָר צוליעב דיא ליבעראַלע איינוואַנדערונגס־געזעצע און דיא גרויסע פרייהייטען און דעמאָקראַטישע פיהרונגען בכלל, זאָנדערן אויך צוליעב דיא ריעזיגע פרוכטבאַרע געגענדען, וואָס מען פלעגט פערטהיילען צווישען איינוואַנדערער. דיא בעפעלקערונג האָט זיך אַלץ ווייטער גערוקט צו וועסט, וואו עס זיינען שנעל געגרינדעט געוואָרען נייע טעריטאָריעס, פון וועלכע עס זיינען אויך שנעל געוואָרען שטאַאטען.

זעקסטער קאַפּיטעל.

טהאָמאַס דזשעפערסאָן און דיא פערגרעסערונג פון דער רעפּובליק דורך דיא "לואיזיענע פּוירטשעס"

דער צווייטער פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס איז געווען דזשאָהן אַדאַמס, וועלכער האָט געשפּיעלט איינע פון דיא גרעסטע ראָלען אין דעם רע־וואָלוציאָנערען קאַמפּף געגען ענגלאַנד און וועלכער האָט פאָרטגעזעצט וואַשינגטאָן'ס פּאָליטיק.

דזשאָהן אַדאַמס

צוויי יאָהר נאָכדעם, וויא וואַשינגטאָן האָט אָפּגעטראָטען זיין פּלאַץ צו דזשאָהן אַדאַמס, איז ער געשטאָרבען אויף זיין פאַרם אין מאַונט ווערנאָן, ווירדזשיניא, בעווייזענט פון דער גאַנצער נאַציאָן אַלס דער מאַן, וועל־כער איז טאַקע געווען, וויא דאָס פאָלק האָט וועגען איהם געזאָגט: "דער ערשטער אין קריעג, דער ערשטער אין פריעדען און דער ערשטער אין דיא הערצער פון זיינע מיט־בירגער".

דער דריטער פּרעזידענט איז געווען טהאָמאַס דזשעפערסאָן, וועלכער האָט געהערט צו דער אַנטי־פעדעראַליסטי־שער פּאַרטיי און וועלכער ווערט אויך גערעכענט פאַר דעם פאָטער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער איז געווען איינער פון דיא עדעלסטע מענער פון זיין צייט, וועלכע איז בכלל רייך געווען אין גרויסע און ערהאַבענע כאַראַקטערען. מיט זיין פעדער האָט ער אַזוי פיעל אויפגעטהאָן פאַר דיא גרינדונג פון דער רעפּובליק, וויא וואַשינגטאָן מיט זיין שווערד. ער איז אויך געווען צוויי טער־מינען פּרעזידענט (פון 1801 ביז 1809), אַזוי וויא וואַשינגטאָן.

דיא וויכטיגסטע פּאַסירונג אונטער זיין פּרעזידענטשאַפט איז געווען דיא זאָגענאַנטע "לואיזיענע פּוירטשעז", דאָס הייסט: דיא אָפּקויפונג ביי פראַנקרייך

פון דעם ריזיגען טהייל לאַנד אין רעכטען מיטען פון נאָרד־אַמעריקאַ, וואָס האָט זיך געצויגען פון דיא מערב־ברעגעס פון מיסיסיפּי ביז צו דיא הויכע בערג, וואָס טראָגען דעם נאָמען "ראָקי (פעלזען) מאונטינס (בערג)". דיעזע ריזיגע געגענד, וואָס איהרע גרענעצען זיינען נאָך דאַן ניט געווען גענוי בעשטימט, האָט זיך אַלץ גערעכענט אונטער דער אויבער־הערשאַפט פון פראַנקרייך. נאַפּאָלעאָן דער ערשטער, וועלכער האָט דאַן גע־פיהרט אַ גרויסע מלחמה מיט ענגלאַנד, האָט זיך שטאַרק גענויטיגט אין געלד און האָט אויך מורא געהאַט, אַז ענג־לאַנד וועט שיקען אַ פלאָטע און פער־כאַפּען דיא פראַנצויזישע קאָלאָניע, וועל־כע האָט דאַן געטראָגען דעם נאָמען לו־איזענע, און איהר הויפּט־שטאָדט ניו־אָרליענס. דארום האָט ער בעשלאָסען צו פערקויפען דיעזע קאָלאָניע צו דער

טהאָמאַס דזשעפערסאָן.

נייער רעפּובליק, וועלכע ער האָט דערמיט אויך געוואָלט פערשטאַרקען געגען ענגלאַנד.

דזשעפערסאָן האָט זיך נאַטירליך אָנגעכאַפּט אָן אַזאַ אויסגעצייכענטע גע־לעגענהייט צו פערדאָפּלען מיט איין קלאַפּ דיא רעפּובליק אין לאַנד. אין 1803 איז דיעזער היסטאָרישער מסחר געשלאָסען געוואָרען. דיא יונגע רעפּובליק האָט דאַן געקויפט בלויז פאַר 15 מיליאָן דאָלאַר אַ געגענד, וועלכע איז געווען גרע־סער פאַר אַלע 13 שטאַאטען צוזאַמען מיט דער נאָרד־וועסט טעריטאָריע ביז דיא מזרח־ברעגען פון מיסיסיפּי. דאָס האָט אויסגעמאַכט צו צוויי און אַ האַלב סענט פאַר אַן אַקער; אָבער ווען מען וואָלט בעצאָהלט טויזענד מאָהל אַזוי פיעל, וואָלט עס אויך ווערטה געווען פאַר אונזער רעפּובליק.

דעם ווערטה פון דיעזען גרויסען מסחר איז גאָר ניט אָפּצושאַצען, ווייל דורך דעם האָט דיא יונגע רעפּובליק געקראָגען דיא מעגליכקייט ניט נאָר צו פערדאָפּלען איהר טעריטאָריע, זאָנדערן אויך צו פערשפּרייטען זיך פרידליך פון איין ברעג ים ביז צום אנדערן, פון דעם אטלאנטישען אָקעאַן ביז צום פּאַסי־פישען, פון ניו יאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ. ווען דיא "לואיזענע טעריטאָרי" וואָלט פערבליבען אין פראַנצויזישע הענד, וואָלט דער וועסטליכער גרענעץ פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען געווען דער טייך מיסיסיפּי וואָס פערנעהמט דעם רעכטען מיטען פון אונזער לאַנד. אויף דיעזער טעריטאָריע, וועלכע האָט פער־נומען אַ 900 טויזענד סקווער מיילען, ליעגען היינט אַזעלכע גרויסע און רייכע

אַקערבוי־שטאַאטען וויא קענסעס, מיזורי, אַרקענסאָ, לואיזיענע, אייאָווא, נעבראַסקאַ, מינעסאָטאַ,ביידע דאַקאָטאַס און טהיילען פון אַ פּאָאר אנדערע שטאַאטען. צום 100־יעהריגען יובילעאום פון דיעזער העכסט וויכטיגער פּאַסירונג אין דער געשיכטע פון אונזער רעפּובליק האָט שטאַטגעפונען אין סענט לואי (איינע פון דיא גרעסטע שטעדט אין דער אָפּגעקויפטער געגענד) אַ וועלט־אויסשטעלונג.

דעם נעכסטען יאָהר (1804) האָט פּרעזידענט דזשעפערסאָן אַרויסגעשיקט אַן עקספּעדיציאָן אויסצופאָרשען דיא ווייטעסטע נאָרד־וועסטליכע גרענעצען פון דער "לואיזיענע טעריטאָרי". דיא "מרגלים" זיינען צוגעקומען אין 1805 צו אַן אָרט פון דיא הויכע פעלזען־בערג, וואָס זיי האָבען אָנגערופען דיא "טויערן פון דיא ראָקי־מאונטינס". פון דאָרט זיינען זיי אַריבער דיזע בערג און זיינען צוגעקומען צום אָנפאַנג פון אַ טייך, אויף וועלכען זיי זיינען געשוואומען אויף שיפלאַך אַלץ ווייטער ביז זיי זיינען צוגעקומען צום פּאַסיפיק אָקעאַן. דיזער טייך טראָגט דעם נאָמען קאָלומביאַ און ציהט זיך דורך אַ גרויסע געגענד, וועלכע ווערט יעצט פערנומען פון דיא גרויסע און פרוכטבאַרע שטאַאטען אָרעגאָן און וואַשינגטאָן. אויף דיזער אַרט האָט אונזער רעפּובליק דערגרייכט ביז צו דיא ברעגען פון פּאַסיפיק אָקעאַן נאָך אין דזשעפערסאָן'ס צייט און האָט דעריבער געקראָגען דאָרטען אַ חזקה אויף אַ זעהר גרויסע געגענד, גענאַנט "אָרעגאָן טעריטאָרי" פריהער פאַר ענגלאַנד און אויך פריהער פאַר שפּאַניען, ווייל דיזע מלוכות האָבען אויך געהאַט פּרעטענזיעס אויף איהר.

זיעבעטער קאַפּיטעל.

דיא מלחמה מיט ענגלאַנד

אזוי זיינען פּאַריבער דיא ערשטע 25 יאָהר פון דער עקזיסטענץ פון דער נייער רעפּובליק. אין דיזער קורצער צייט איז זיא אָבער אַזוי שנעל געוואַקסען אין דער צאָהל פון איהר בעפעלקערונג און אין מאַכט, דאָס זיא האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען צו ערקלערען קריעג צו ענגלאַנד, אום צו בעשיצען איהר רעכט אַלס אַן אונאַבהענגיגע מדינה.

דאָס איז געשעהן אין 1812, ווען דער פּרעזידענט איז געווען דזשיימס מעדיסאָן, וועלכער האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט ביי דער פערפאַסונג פון דער קאָנסטיטוציאָן פון יונייטעד סטייטס. דער אַמעריקאַנער האַנדעל מיט אייראָפּאַ האָט דאַן זעהר פיעל געליטען דורך דיא מלחמה צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד. דיא פלאָטען פוןביידע לענדער פלעגען אָהן צערעמאָניעס פערהאַלטען אַמעריקאַנער שיפען און שלעכט בעהאַנדלען דיא מאַטראָזען. דיא ענגלישע רעגירונג איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איהרע שיפס־קאַפּיטאַנען פלעגען זאָגאַר פאַנגען דיא מאַטראָזען פון דיא פערהאַלטענע אַמעריקאַנער שיפען און זיי צווינגען אַריינצוטרעטען אין ענגלישען מיליטערישען דיענסט.

דאָס האָט ענדליך אַזוי אויפגעבראַכט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, אַז אין זומער פון 1812 האָט דער קאָנגרעס ערקלערט קריעג געגען ענגלאַנד. דיזע מלחמה, וועלכע ווערט אויך גערופען "דיא צווייטע מלחמה פאַר אונאַבהענגיג־קייט", האָט זיך געצויגען ביז דעם אָנפאַנג פון 1815. דיא אַמעריקאַנער האָבען ווידער בעוויזען, אַז זיי קענען אַזוי גוט פיהרען מלחמה וויא דיא ענגלענדער. אין דיא מייסטע שלאַכטען אויף'ן וואַסער און אין אייניגע אויף דער יבשה האָבען דיא אַמעריקאַנער געזיעגט. נאָר זייער פלאָטע איז געווען זעהר אַ קליינע, און דיא ענגלענדער האָבען דאַרום געקענט בלאָקירען דיא אַמעריקאַנער פּאָרטען און באָמבאַרדירען און פערברענען עטליכע שטעדט. דיא ענגלענדער איז אויך געלונגען צו פערכאַפּען דיא הויפּט שטאָדט וואַשינגטאָן גראַדע אין דער צייט, ווען פּרעזידענט מעדיסאָן האָט זיך געקליבען צו עסען מיטאַג־שפּייז. דער ענגלישער אַדמיראַל מיט זיינע אָפיצירען האָבען זעהר לוסטיג אויפגעגעסען

אַלעס, וואָס זיי האָבען געפונען אין דעם פּרעזידענט'ס הויז. נאָכהער האָבען זיי געהייסען פערברענען דיא געביידע פון קאָנגרעס. דיא פלאַמען האָבען זיך צו־שפּרייט אַלץ ווייטער און ווייטער, און דיא אַמעריקאַנער הויפּטשטאָדט איז אַזוי אומגעוואנדעלט געוואָרען אין אַ בארג אַש.

אין דיזער מלחמה האָבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט קאַפּיטאַן פּעררי מיט אַ גרויסען זיעג אויף לעיק אירי און גענעראַל דזשעקסאָן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען פּרעזידענט (פון 1829 ביז 1837).

דיא לעצטע שלאַכט איז פאָרגעקומען אין ניו אָרליענס אַ צוויי וואָכען נאָכדעם, וויא דער פריעדענס־אָפּמאַך איז אונטערגעשריבען געוואָרען פון דיא ענגלישע און אַמעריקאַנישע פערטרעטער אין דער בעלגישער שטאָדט גהענט (דעם 24 דעצעמבער 1814). אין יענער צייט האָט עס גענומען אַ מאָנאַט און זאָגאַר 6 וואָכען אריבערצופאָהרען דעם אַטלאַנטישען אָקעאַן, און דארום האָט מען נאָך אין אַמעריקא ניט געוואוסט וועגען דעם פריעדען, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין אייראָפּאַ צו דער צייט (8טען יאַנואר 1815), ווען אַן ענגלישע אַר־מעע פון 10 טויזענד מאַן האָט אַטאַקירט ניו אָרליענס אום ענגלישע קריעגשיפען זאָלען קענען אריינקומען אין דעם טייך מיסיסיפּי און דאָרטען באָמבאַרדירען אַמעריקאַנער שטעדט. נאָר גענעראַל דזשעקסאָן האָט אַזוי גוט פערטהיידיגט דעם פּאָרט פון ניו־אָרליענס, אַז אין איין שטונדע האָבען דיא ענגלענדער פער־לאָרען אַזוי פיעל סאָלדאַטען, דאָס זיי האָבען גלייך בעשלאָסען זיך צוריק צו ציהען.

דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון דיזער מלחמה איז געווען, דאָס ניט נאָר ענגלאַנד, זאָנדערן אויך אַנדערע אייראָפּעאישע מלוכות האָבען זיך איבערצייגט, אַז דיא יונגע רעפּובליק איז אויך אַ מיליטערישע מאַכט, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען, וויא מיט אַ נייער וועלטמאַכט.

אין דיזער מלחמה מיט ענגלאַנד האָט זיך ארויסגעוויזען אַן אונטערשיעד צווישען דיא נאָרדליכע און זידליכע שטאַאַטען — אַן אונטערשיעד, וועלכער האָט ביסלעכווייז געפיהרט צו דעם גרויסען בירגער־קריעג אין דיא זעכציגער יאָהרען פון 19טען יאָהרהונדערט, ווען דיא נעגער־שקלאַווערייַ איז אין גאַנצען אָפּגעשאַפט געוואָרען אין דיא יונייטעד סטייטס. ניו־ענגלאַנד און איבערהויפּט דיא נאָרדליכע שטאַאַטען זיינען אייגענטליך געווען געגען דיא מלחמה מיט ענגלאַנד, ווייל זייער האַנדעל האָט דורך דעם זעהר שטאַרק געליטען. זיי האָבען אויך געוואָלט לעבען בשלום מיט זייערע שכנים אין קענעדע, וועלכע זיינען געבליבען טריי צו ענגלאַנד. דיא זידליכע שטאַאַטען זיינען גראַדע געווען זעהר היים פאַר דער מלחמה מיט ענגלאַנד. בכלל זיינען דיא בעציהונגען פון דיא נאָרד־ליכע און זידליכע שטאַאַטען אַלץ פיינדליכער געוואָרען צוליעב דיא שוואַרצע שקלאַווערייַ, וויא מיר וועלען עס זעהען אין נעכסטען קאַפּיטעל.

אכטער קאפיטעל.

דיא נעגער־שקלאווערייא און מיזורי־קאמפראמיס

דער אנפאנג פון נעגער־שקלאווערייא אין נארד־אמעריקא איז געמאכט געווארען אין ווירדזשיניא אין 1619 בשעת דיזע קאלאניע האט זיך גענומען צו פערזייהען טאבאק, וואס עס האט איהר געשטעלט עקאנאמיש אויף דיא פיס און ערלויבט צו ענטוויקלען זיך ווייטער. וויא בעוואוסט, האט מען צוערשט אנגע־פאנגען צו פיהרען נעגערן אין דיא שפאנישע קאלאניעס, ווייל פון איין זייט האבען דיא איינגעבארענע רויטהויטיגע, דיא זא־גענאנטע אינדיאנער, ניט גע־טויגט צו שווערע און בכלל ניט צו רעגעלמעסיגע טאג־טעגליכע ארבייט און ווייל פון דער אנדער זייט האבען דיא ווייסע נאר געוואלט זיין הערען און שנעל רייך ווערען. ביסלעכווייז זיינען נעגער־שקלאווען אימפארטירט געווארען אין אלע קאלאניעס אין דער נייער וועלט, ספעציעל אין דיא זידליכע שטאאטען, וואו זיי האבען זעהר גוט געטויגט צו אקערבוי אונטער דער ברענענדער זון.

צו דער צייט ווען דיא נארד־אמעריקאנער קאלאניעס האבען ערקלערט אין זייער "דעקלאריישען אוו אינדעפענדענס", אז אלע מענשען זיינען גלייך און פריי, האבען זיי שוין בעזעסען מאסען שווארצע שקלאווען. דיא נעגערן האט מען כמעט גאר ניט גערעכענט פאר מענשען, בעזאנדערס אין דיא גע־גענדען, וואו מען האט געצויגען דעם גרעסטען נוצען פון זייערע עבודת פרך. דיא גרעסטע און בעסטע מענער פון דער נייער רעפובליק, אפילו דזשעפערסאן און וואשינגטאן, זיינען אויך געווען שקלאווען־האלטערס.

ווען מען האט פערפאסט דיא קאנסטיטוציאן פון דיא פעראייניגטע שטאא־טען, איז איינער פון דיא שווערסטע און אויך געפעהרליכסטע שטרייט־פונקטען געווען וועגען דעם, אויב מען זאל אריינרעכענען דיא נעגערן אין דער צאהל פון דער בעפעלקערונג פון יעדען שטאאט. דיא זידליכע שטאאטען וואו דיא שווארצע זיינען אלץ געוואקסען אין צאהל, ווייל אהן זיי וואלט מען ניט געקענט בעאר־בייטען דיא פלאנטאציעס פון טאבאק, בוימוואל און רייז, האבען נאטירליך געוואלט, מען זאל אריינרעכענען דיא נעגערן אין דער צאהל פון דיא איינוואה־

נער פון אַ שטאַאט, אום ער זאָל קענען האָבען מעהר פערטרעטער אין דער האוז אָוו רעפּרעזענטײַטיווס, נעמליך: פּראָפּאָרציאָנעל צו דער טאָטאַלער בעפעלקע־רונג. דיא נאָרדליכע שטאַאטען האָבען אָבער פערלאַנגט, אַז מען זאָל שיקען פערטרעטער אין קאָנגרעס בלויז נאָך דיא צאָהלען פון ווײַסע אײַנוואָהנער. נאָך לאַנגע און הײַסע דעבאַטען איז מען שליסליך אויך אין דיזען פאַל געקומען צום קאָמפּראָמיס (פּשרה), אַז נאָר דרײַ פינפטעל פון דיא נעגער־שקלאַווען זאָל גע־רעכענט ווערען אין בעצוג אויף שיקען פערטרעטער אין קאָנגרעס און אויך שטייער־צאָהלונגען.

דערפון קען מען זעהן, אַז דיא פראַגע וועגען נעגער־שקלאַווערײַ איז שוין פון אָנפאַנג אָן געווען וויא אַ דאָרן אין דער זײַט פון דער נײַער רעפּובליק. וואָס ווײַטער איז דיזע צרה אַלץ ערגער געוואָרען. דיא שוואַרצע מכה אויף דעם געזונטען קערפּער פון אַמעריקאַנער פאָלק איז אַזוי שנעל און ברייט געוואַקסען, אַז זיא האָט פריהער אָדער שפּעטער געמוזט פּלאַצען. נאָר לײַדער איז דאָס ניט אָבגעלאָפען אָהן שרעקליכע בלוט־פערגיסונגען נאָך ריזיגע שלאַכטען, וויא מיר וועלען עס זעהען.

אין דיא נאָרדליכע שטאַאטען האָבען זיך שטענדיג געפונען בירגער, וועלכע פלעגען אַלץ העפטיגער פּראָטעסטירען געגען דיא נעגער־שקלאַווערײַ און האָבען אַלץ ענערגישער געשטרעבט איהר אָבצושאַפען. אין 1808, אונטער דער פּרע־זידענטשאַפט פון טהאָמאַס דזשעפערסאָן, וועמעס עדעלע הארץ האָט געבלוטעט, וואָס דיא שקלאַווערײַ פון נעגערן איז אַזוי אײַנגעוואָרצעלט געוואָרען אין ווירדזשיניאַ (זײַן געבורטס־שטאַאט) און אין אַנדערע זידליכע שטאַאטען, האָבען דיא נאָרדליכע געגנער פון שקלאַווערײַ דורכגעפיהרט אַ געזעץ אין קאָנגרעס, אַז מען זאָל ווייניגסטענס מעהר ניט ברײַנגען נײַע שקלאַווען פון אַפריקאַ. מען דערצעהלט וועגען איהם, אַז ער פלעגט זאָגען, דאָס "דיא שוואַרצע שקלאַווערײַ שרעקט מיך וויא אַ פײַערגלאָק בײַ נאַכט". ער האָט געזוכט אויסצומײַדען דיסקוסיאָנען איבער דיזער מכה, ווײַל ער האָט געזעהען, אַז דאָס מוז פיהרען צו גרויסע שפּאַלטונגען און אַ ביטערן קאַמפּף צווישען דיא נאָך אַלץ שוואַך־פערבונדענע שטאַאטען, בעזאָנדערס טאַקע צווישען דיא נאָרדליכע און זידליכע.

ווען דזשיימס מאָנראָו איז נאָך דער מלחמה מיט ענגלאַנד געוואָרען פּרע־זידענט (פון 1817 ביז 1825), האָט אויסגעבראָכען אַ פײַערדיגער שטרײַט אין קאָנגרעס און אין גאַנצען לאַנד וועגען דעם, אויב מען זאָל ערלויבען אײַנצו־פיהרען נעגער־שקלאַווערײַ אין דיא נײַע שטאַאטען, וואָס זײַנען אויפגעקומען אויף דער מערב־זײַט פון מיסיסיפּי (דאָס הײַסט אין דער "לואיזיענע טעריטאָריע" וואָס מען האָט אָבגעקויפט בײַ פראַנקרײַך). דיא נאָרדליכע שטאַאטען זײַנען געווען געגען דיא ווײַטערע פערשפּרײַטונגען פון שקלאַווערײַ ניט נור אויס

געפיהלען פון מענשליכקייט, זאָנדערן אויך ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די זידליכע שטאַאטען וועלען דורך דעם קריגען אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן אַנדער גרויסע אור־זאַכע פון שטענדיגע רייסערייען צווישען פערשיעדענע, ספּעציעל צווישען אינדוסט־ריעלע און אגריקולטורעלע (אַקערבויערשע) שטאַאטען. אַלץ העפטיגער איז אויך אויפ־געשוואומען די שטרייט־פראַגע וועגען "פריי־טרעיד" (פריי־האַנדעל) און "פּראָטעק־שען" (שוץ־צאָל אָדער טאַריף אויף אויס־לענדישע סחורות) — אַ פראַגע, וועלכע איז נאָך עד היום דער וויכטיגסטער אונטערשיעד צווישען די צוויי גרויסע לאַנד־פּאַרטייען: די דעמאָקראַטישע און די רעפּובליקאַנישע.

דזשיימס מאָנראָו.

אין מאַסאַטשוזעטס און אין אַנדערע ניו־ענגלאַנד שטאַאטען האָט מען שוין צו יענער צייט געהאַט איינגעפיהרט פיעלע פאַב־ריקען, און די דאָרטיגע בירגער האָבען געוואָלט, אַז דער קאָנגרעס זאָל אַרויפ־לייגען וואָס העכערע אָבצאָהלונגען אויף אויסלענדישע אַרטיקלען, אום צו בע־שיצען די ניי־געשאַפענע היימישע אינדוסטריען געגען אויסלענדישע קאָנקורענץ. די זידליכע שטאַאטען אָבער, וואָס האָבען זיך נור בעשעפטיגט מיט אַקערבוי און געמוזט אימפּאָרטירען אַלע פאַבריק־סחורות, זיינען נאַטירליך געווען גע־גען אַזעלכע אָבצאָהלונגען. אַזוי איז עס געוויסער־מאַסען פערבליבען ביז היינט צו טאָג: די אינדוסטריעלע שטאַאטען, מייסטענס די נאָרדליכע, זיינען פאַר זעהר הויכע פּראָטעקטיוו טאַריפען און שטימען דארום מייסטענס פאַר די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, און די לאַנד־ווירטהשאַפטליכע שטאַאטען, מייסטענס די זידליכע, זיינען געגען אַזעלכע טאַריפען און שטימען דארום מייסטענס פאַר די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי.

צו דער צייט, ווען די פרוכטבאַרע געגענדען אויף דער מערב־זייט פון מיסיסיפּי זיינען פערנומען געוואָרען פון אַלץ גרעסערע צאָהלען קאָלאָניסטען, איז די פראַגע וועגען נעגער־שקלאַווערייַ געוועזן ענג פערבונדען מיט דער פראַגע וועגען פּראָטעקציאָניזם און פרייען האַנדעל. די בירגער פון די אינדוסט־ריעלע נאָרד־שטאַאטען האָבען בעזאָנדערס מורא געהאַט, דאָס ווען מען וועט ער־לויבען איינצופיהרען די נעגער־שקלאַווערייַ אין די ניי־געשאַפענע שטאַאטען, וועלען די זידליכע שטאַאטען קריגען דורך דעם אַזאַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס, אַז זיי וועלען אויך קענען דורכפיהרען געזעצע צו גונסטען פון פרייען האַנדעל.



די טהײלען מיט פּינטעלעך אין מיטען פון דיעזער לאַנדקאַרטע פון יונייטעד סטייטס אין 1820 צייגען די געגענדען פון דעם "מיזורי קאַמפּראַמיס".

דיא זידליכע שטאאטען האבען, פערקעהרט, מורא געהאט, דאס וויא באלד דיא נעגער־שקלאוועריי וועט ניט אנגעהאלטען ווערען אין דיא נייע שטאאטען, וועלען זייערע נעגנער פון נארד קריגען דיא אויבערמאכט און זיי דארום אויך צווינגען צו צאהלען העכערע פרייזען צוליעב דיא פראטעקטיווע טאריפען אויף אימ־פארטירטע ארטיקלען.

עס איז זעהר וויכטיג צו נעהמען אין אנבעטראכט דיזען עקאנאמישען פונקט, אום צו פערשטעהן, וויא אוןווארום דער קאמפף וועגען דיא נעגער־שקלא־וועריי איז געווארען אזא פייערדיגער, אז ער האט געפיהרט און געמוזט פיהרען צו א מורא׳דיגען בירגער קריעג, וואס האט געסטראשעט צו צושפאלטען דיא פעראייניגטע שטאאטען וויינינגסטענס אין צוויי בעזונדערע רעפובליקען.

אין 1819, ווען פרעזידענט מאנראו האט געמאכט א פיינעם מסחר מיט שפאניען, אבקויפענדיג ביי איהר דעם האלב אינזעל פלארידא, א טעריטאריע פון אונגעפעהר 60 טויזענד סקווער מייל, פאר 5 מיליאן דאלאר, איז עס גראדע אויסגעקומען, אז דיא צאהלען פון דיא פרייע און שקלאוועריי סטייטס זיינען געווען גלייכע, נעמליך א העלפט פון דיא עקזיסטירענדע 22 סטייטס. יעדער צד האט דארום בעזאנדערס אייפערזיכטיג אויפגעפאסט, אז דיזער פאלי־טישער גלייכגעוויכט זאל ניט צושטערט ווערען דורך א צו־וואקס אויף דער אנדער וואגשאל.

אויף א צייט האט מען דיזע געפעהרליכע מכה פערדעקט מיט א פלאסטער, וואס טראגט דעם נאמען "מיזורי קאמפראמיס". אין 1820, ווען א געוויסער טהייל פון דער גרויסער טעריטאריע, וועלכע מען האט דאן גערופען "מיזורי" (דאס איז געווען דער נארד וועסטליכער טהייל פון דער "לואיזענע טעריטאריע", זעה ביילינגענדע קארטע), איז געווארען אזוי בעפעלקערט, אז ער האט געקרא־גען א רעכט צו ווערען א שטאאט, האט מען ענדליך נאך א רייסעריי אין קאנ־גרעס צווישען דיא פערטרעטער פון נארד און סאוטה (דרום), וועלכע האט זיך געצויגען צוויי יאהר, זיך געאייניגט אויף דעם פשרה־פארשלאג, דאס אין דעם נייען שטאאט, וועלכער האט טאקע געקראגען דעם נאמען מיזורי, זאל שקלאוועריי ערלויבט ווערען, נאר דערפאר זאלען דיא צוקינפטיגע שטא־אטען צום נארד־וועסט פון דיזען סטייט ניט טארען האלטען שקלאווען. דאן זיי־נען אויך דיא פרייע שטאאטען (דאס הייסט: אהן נעגער־שקלאוועריי) און דיא שקלאוועריי־שטאאטען געבליבען גלייך אין צאהל, נעמליך: צו צוועלף. פאלגליך האבען זיי געהאט א גלייכע דעה אין סענאט, אין וועלכען יעדער שטאאט ווערט פערטראטען פון צוויי מיטגליעדער, וויא מיר ווייסען עס שוין. ביידע זייטען האבען זיך דארום בערוהיגט נאך דעם דאזיגען קאמפראמיס, און קורצזיכטיגע מענשען האבען אנגעפאנגען צו גלויבען און צו רעכענען, אז דיא שקלאוועריי־פראגע איז שוין געלייזט געווארען אויף אימער.

ניינטער קאַפּיטעל.

דיא מאָנראָ־דאָקטרין און דיא מלחמה מיט מעקסיקאָ

ווען מאָנראָ איז געווען פּרעזידענט, איז פאָרגעקומען נאָך אַ פּאַסירונג, וועלכע האָט געהאַט אַן אונגעהייער גרויסע ווירקונג אויף דעם שיקזאַל פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. דיזע פּאַסירונג איז בעקאַנט אין דער גאַנצער וועלט אונטער דעם נאָמען: „מאָנראָ דאָקטרין".

דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס האָבען אין אָנפאַנג פון 19־טען יאָהרהונדערט אָנגעפאַנגען צו מאַכען אויפשטאַנדען, אום צו ווערען אונאַבהענגיגע רעפּובליקען. מעקסיקאָ, ווענעצועלאַ, פּערו א. ז. וו. האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם שפּאַנישען יאָך. דיא אייראָפּעאישע מלכים האָבען דאַן גערעכענט זיך צו בע־נוצען דערמיט, אום צו קענען בעהערשען דיזע שוואַכע רעפּובליקען און יעדענ־פאַלס צו פערכאַפּען שטיקער לאַנד אין צענטראַל און זיד־אמעריקאַ. מאַנכע וואָלטען עס געטהאָן מיט דער אויסריידע, אַז זיי געהען העלפען דעם שפּאַנישען קעניג צו אונטערדריקען דיא אויפשטאַנדען אין דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס. עס פערשטעהט זיך, אַז דיא בירגער פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען האָבען סימ־פּאַטיזירט מיט דיא רעוואָלוציאָנערען אין דיא שפּאַנישע קאָלאָניעס און אַז זיי האָבען בכלל געוואונשען צו האָבען נאָר רעפּובליקען אין דער נייער וועלט. אויסער דעם האָבען זיי טאַקע מורא געהאַט פאַר אַ צו נאָהענטע שכנות מיט דיא אייראָפּעאישע מאָנאַרכיעס. דאָרום איז עס פּרעזידענט מאָנראָ ארויס אין 1823 מיט זיין בעריהמטער ערקלערונג, וועלכע לויטעט:

„מיר וועלען בעטראַכטען יעדען פערזוך פון דיא אייראָפּעאישע מעכטע צו פערשפּרייטען זייער סיסטעם אויף אירגענד וועלכען טהייל פון דער נייער וועלט אַלס געפעהרליך פאַר אונזער פריעדען און זיכערהייט און אַלס אַן אַקט פון אונפריינדליכקייט צו דיא פעראייניגטע שטאַאטען."

מיט אַנדערע ווערטער האָט עס געהייסען, אַז „אַמעריקאַ דאַרף געהערען צו איהרע איינוואָהנער" און אַז דיא פעראייניגטע שטאַאטען וועלען ניט דערלאָזען דיא אריינמישונג פון אייראָפּעאישע מעכטע אין דיא אינערליכע אָנגעלעגענ־הייטען פון דיא נאַציאָנען אין דער נייער וועלט. דערביי האָט מאָנראָ אויך

ערקלערט, דאָס דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען ענטשלאָסען ניט אריינצומי־שען זיך אין אייראָפּעאישע אנגעלעגענהייטען. דיזע ערקלערונג איז עס דיא "מאָנראָו־דאָקטרין". זיא איז פערבליבען דער גרונד־שטיין פון דער אויסלענ־דישער פּאָליטיק פון אונזער רעפּובליק. א דאנק דיזער זעהר קלוגער אויסלענ־דישער פּאָליטיק האָט עס אונזער רעפּובליק געקענט וואקסען און זיך ענטוויקלען פריעדליך, אָהן דיפּלאָמאטישע פערדרייהעניסען מיט אייראָפּא און אָהן פורכט פאר מלחמות.

דיא אמעריקאנער נאציאָן, זייענדיג געזיכערט דורך איהר געאָגראַפישע לאגע, וועיטקייט פון אייראָפּא און דיא "מאָנראָו־דאָקטרין" געגען אויסלענדישע אטאקעס און האָבענדיג דיא מעגליכקייט צו פערשפּרייטען זיך אלץ ווייטער איבער דיא אונגעהייערע גרויסע געגענדען צו מערב־זייט ביז צו דיא ברעגעס פון פּאסיפישען אָקעאן, איז זעהר שנעל געוואקסען אי דורך דיא נאטירליכע פערמעהרונג אונטער גינסטיגע אומשטענדען, אי דורך דיא אלץ שטיי־גענדע אימיגראציאָן. דיא ערפינדונגען פון דאמפּף־מאשינען און אייזענבאהנען האָבען מעכטיג מיטגעהאָלפען אריינצודרינגען אין דיא נייע געגענדען, און נייע דערפער און שטעדט זיינען געוואקסען מיט א וואונדערבארע שנעלקייט אויף דער ברייט און לייג פון אונזער ריעזיגער רעפּובליק. אין 1825 איז געענדיגט געוואָרען דער אירי־קאנאל, וועלכער פערבינדעט דעם האָדסאָן טייך מיט דער לעיק אירי לעבען דער שטאָדט באפאלאָ און וועלכער האָט עס בעזאָנדערס בייגע־טראָגען, אז דיא שטאָדט ניו יארק זאָל ווערען דער גרעסטער פּאָרט אין אמעריקא.

אלעס וואָלט צוגעגאנגען אויף דעם בעסטען אופן אין אלע סטייטס און דאָס לאנד וואָלט פּראָגרעסירט פריעדליך, יעדענפאלס אָהן שום שרעק פאר א בירגער־קריעג און שפּאלטונגען, ווען ניט דיא שטענדיגע מכה — דיא נעגער־שקלאווערייי — וועלכע איז אלץ געוואקסען.

מען האָט אייגענטליך קיין אלגעמיינע לאנד־פראגע ניט געקענט פער־האנדלען אָהן דעם, אז דערביי זאָל ניט אריינגעמישט ווערען, דירעקט אָדער אינ־דירעקט, דיא פערשאָלטענע נעגער־פראגע. דאָס איז אזוי ווייט געגאנגען, אז אין 1845, ווען דיא ניי־געשאפענע רעפּובליק פון טעקסעס האָט געבעטען איינ־געשלאָסען צו ווערען אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, איז דיא אנטי־שקלא־ווערייי אָדער אבאָליציאָניסטישע פּארטיי געוועז ענטשיעדען דאגעגען.

דיא ריזיגע געגענד צום זיד־וועסט פון דער "לואיזענע טערריטאָריע" האָט אָפיציעל געהערט צו שפּאניען. א טהייל דערפון איז געווען דער היינטיגער סטייט טעקסעס, דער גרעסטער פון אלע אונזערע 48 סטייטס אין שטח. אין דער צייט, ווען פּרעזידענט מאָנראָו האָט געמאכט דעם מסחר מיט שפּאניען מכח פלאָרידא, וויא דאָס איז אויבען איבערגעגעבען געוואָרען, האָט מען אויך אָב־געמאכט, אז שפּאניען זאָל זיך אָבזאָגען פון איהרע פּרעטענזיעס אויף דיא

"אָרעגאָן טעריטאָריע" און אז דערפאַר זאָל אונזער רעפּובליק אנערקענען דיא חזקה אָדער אויבער־הערשאפט פון שפּאַניען אויף דער ריזיגער טעריטאָריע וועלכע מען האָט דאַן גערופען טעקסעס (זעה דיא לאַנד קארטע אויף זייט 60).

נאכהער, ווען מעקסיקאָ האָט געוואונען איהר אונאבהענגיגקייט נאָך א לאַנגען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף געגען שפּאַניען, זיינען טעקסעס און בכלל דיא גאַנצע ריזיגע געגענד צווישען דיא "לואיזיענע טעריטאָריע" אין מזרח־זייט און דעם פּאסיפישען אָקעאַן אין מערב־זייט איבערגעגאנגען, זאָ צו זאָגען, בירושה פון דער שפּאַנישער מלוכה צו דער מעקסיקאַנער רעפּובליק. ביסלעכווייז האָבען זיך אָבער אמעריקאַנער קאָלאָניסטען גענומען בעזעצען אין טעקסעס; נור דיא מעקסיקאַנער גובערנאַטאָרס זיינען גאָר ניט צופריעדען געווען מיט דיזע קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען פון זייער זייט געזוכט גאָר אין גאַנצען פּטור צו ווערען פון דער מעקסיקאַנער אויבער־הערשאפט.

אין 1830, ווען גענעראַל בוסאמענטע איז געוואָרען דער דיקטאַטאָר פון מעקסיקאָ, האָבען זיך געפונען ביז 20 טויזענד אמעריקאַנער אין טעקסעס. דיזער דיקטאַטאָר האָט גאָר אין גאַנצען פערבאָטען אמעריקאַנער בירגער צו בעזעצען זיך אין טעקסעס. זיי האָבען אָבער דערפאַר בעשלאָסען צו גרינדען א בעזונ־דערן שטאַאט. דער סוף פון דיא רייסערייען און צוזאמענשטויסען צווישען דיא מעקסיקאַנער און אמעריקאַנער אין טעקסעס איז געווען, דאָס דיא אמעריקאַנער האָבען זיך אין 1836 ערקלערט אונאבהענגיג פון מעקסיקאָ. זייער הויפּט־קאָ־מאַנדיר, גענעראַל סעמועל האוסטאָן, איז דאַן ערוועהלט געוואָרען פאַר פּרע־זידענט.

סעמיועל האוסטאָן.

אזוי איז דאַן געשאַפען געוואָרען א נייע רע־פּובליק אין דער נייער וועלט — דיא טעקסעסער רעפּובליק. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט איהר אונאבהענגיגקייט. פון איין זייט האָבען דיא אמעריקאַנער קאָלאָניסטען דאָרטען זיך גאָר ניט געיאָגט דוקא צו האָבען א זעלבסטשטענדיגע רע־פּובליק, און פון דער אַנדער זייט האָבען דיא זיד־ליכע סטייטס זעהר שטאַרק געוואָלט, אז טעקסעס זאָל ווערען א טהייל פון יונייטעד סטייטס, אום אזוי צו געווינען מעהר סטייטס און שטימען פאַר דיא שוואַרצע שקלאַווערייַ.

צוערשט האָט דער קאָנגרעס אנערקענט דיא אונאבהענגיגקייט פון דער טעקסעס רעפּובליק; אָבער ווען עס איז אריינגעבראַכט געוואָרען א פאָרשלאַג אריינצונעהמען דיזע רעפּובליק אַלס א סטייט, זיינען דיא פערטרעטער פון דיא נאָרדליכע סטייטס גאַנץ ענטשיעדען ארויסגעטראָטען

דאַנגענ. דיא אורזאַכע דערפון איז פּשוט געווען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז דורך דעם וועלען שטאַרקער ווערען דיא זידליכע סטייטס מיט זייער שקלאַ־ווערייא. שליסליך האָבען דיא זידליכע סטייטס געזיעגט אין דיזען פאַל, און אונזער רעפּובליק איז אַזוי ווידער רייכער געוואָרען מיט אַ ריזיגער טעריטאָריע.

דאָס איז געווען דיא דריטע טעריטאָריאַלע פערגרעסערונג פון דיא פער־איינינגטע שטאַאטען (דורך דיא פעראייניגונג מיט טעקסעס האָט מען שליסליך צוגעקראָגען אַ געגענד פינף מאָל אַזוי גרויס וויא ענגלאַנד). אָבער דיזעס מאָל איז עס ניט אָבגעלאָפען פריעדליך. דיא מעקסיקאַנער רעפּובליק איז נאַטירליך גאָר ניט צופריעדען געווען מיט אַזאַ ענדע פון איהר לאַנגען שטרייט מיט טעקסעס. זיא האָט גאָר ניט געוואָלט אנערקענען דיא אונאַבהענגיגקייט פון טעקסעס, זיא האָט פּראָטעסטירט, ווען דער קאָנגרעס האָט ענדע 1845 אָפיציעל אַנערקענט טעקסעס פאַר אַ סטייט. דערצו נאָך איז עס געקומען צו אַ שטרייט וועגען דיא גרענעץ־ליניע צווישען טעקסעס און מעקסיקאָ.

דיזע רייסערייען האָבען שליסליך געפיהרט און געמוזט פיהרען צו אַ בלוט־טיגען צוזאַמענשטויס אויף'ן גרענעץ און דאָס האָט ווידער געמוזט פיהרען צו אַ מלחמה.

דעם 13טען מאַי 1846 האָט דער קאָנגרעס אָפיציעל ערקלערט מלחמה צו מעקסיקאָ. אַזוי וויא אונזער רעפּובליק איז געווען פיעל שטאַרקער פאַר מעק־סיקאָ, דאַרום זיינען דיא מעקסיקאַנער שנעל בעזיעגט געוואָרען אויף אַלע פּונק־טען. אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל סקאָט האָט זיך אַן אַמעריקאַנער אַרמעע אריינגעריסען אין רעכטען מיטען פון מעקסיקאָ און האָט נאָך אַ רייהע פון זיעגרייכע שלאַכטען איינגענומען דעם וויכטיגען פּאָרט ווערא־קרוז (אין 1847) און מיט אונגעפעהר אַ האַלב יאָהר שפּעטער אויך דיא הויפּט־שטאָדט מעקסיקאָ. דאַן האָט שוין דיא מעקסיקאַנער רעגיערונג ניט נאָר געמוזט בעטען פריעדען, זאָנדערן אויך צושטימען, אַז אויך קאַליפאָרניא און ניו־מעקסיקאָ זאָלען געהערען צו יונייטעד סטייטס. נאָך דעם פריעדענס־אָפּמאַך מיט מעקסיקאָ אין 1848 זיינען עס פעסטגעשטעלט געוואָרען דיא זידליכע גרענעצען פון יונייטעד סטייטס כמעט אַזוי וויא זיי זיינען היינט. אונזער רעפּובליק איז גרעסער געוואָרען נאָך דיזער מלחמה מיט אַ מיליאָן סקוועיר מיילען.

אונגעפעהר אין דער זעלבער צייט איז אויך געשליכטעט געוואָרען דער שטרייט מיט ענגלאַנד וועגען דיא שוין דערמאָנטע "אָרעגאָן טעריטאָריע". זייט שפּאַניען האָט זיך ענטזאָגט פון איהרע פּרעטענזיעס אויף דיזע טעריטאָריע, זיינען אויף'ן פעלד דאָרטען געבליבען ענגלאַנד און יונייטעד סטייטס. איינינגע אַמעריקאַנער האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אהין אין 1843 צו גרינדען אַ נייעם שטאַאט, אָבער דיא ענגלענדער פון קענעדע האָבען אויך ניט געדרעמעלט. אין

1846, אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון פּאָלק, איז דיא אויפרעגונג אין אונזער רעפּובליק, בעזאָנדערס אין דיא נאָרדליכע סטייטס, געווען אזוי גרויס וועגען דיזען סכסוך, אַז עס האָט ניט פיעל געפעהלט עס זאָל טאַקע קומען צו אַ נייער מלחמה מיט ענגלאַנד. אָבער שליסליך זיינעןביידע צדדים געקומען צו אַ פּשרה.

דיזע זעהר גרויסע טעריטאָריע איז צוטהיילט געוואָרען אַזוי, אַז דיא נאָרדליכע העלפט איז איבערגעגאַנגען צו ענגלאַנד (מען רופט עס זייט דאַן בריטיש קאָלומביאַ) און דיא זידליכע העלפט, אונגעפעהר 300 טויזענד סקווער מיילען, איז געוואָרען אַ טהייל פון יוניטעד סטייטס און ווערט היינט פערנומען פון דיא שטאַאטען אָרעגאָן, וואשינגטאָן און איידעהאָ און טהיילווייז פון דיא שטאַאטען מאָנטאַנאַ און ווייאָמינג.

אזוי האָט זיך עס אין מיטען פון פאָריגען יאהרהונדערט אונזער רעפּובליק צושפּרייט פון דיא אַטלאַנטישע ברעגען ביז צו דיא פּאַסיפישע אויף אַ שטח פון כמעט דריי מיליאָן סקווער מיילען. אונזער רעפּובליק האָט אין 1800 פערנומען 827,844 סקווער מיילען און מיט 50 יאהר שפּעטער, נאָך דיא אבקויפונגען ביי פראַנקרייך און שפּאַניען, נאָך דעם אָבמאַך מיט ענגלאַנד וועגען אָרעגאָן און נאָך דער מלחמה מיט מעקסיקאָ, האָט זיא זיך צושפּרייט איבער 2,980,959 סקווער מיילען.

אַז מיר האַלטען שוין ביי דער טעריטאָריאַלער פערגרעסערונג פון אונזער רעפּובליק, וועלען מיר פערלויפען אביסעל פאָרויס אין דער געשיכטע און וועלען דאָ איבערגעבען, אַז אין 1867 איז זיא גרעסער געוואָרען מיט נאָך אַ ריזיגער שטיק לאַנד. אין יענעם יאָהר האָט אונזער רעגירונג געמאַכט אַ גרויסאַרטיגען מסחר מיט רוסלאַנד. דיא טעריטאָריע אַלאַסקאַ, וואָס פערנעהמט 591 טויזענד סקווער מיילען, איז אָבגעקויפט געוואָרען ביי דער רוסישער רעגיערונג סך הכל פאַר 7 מיליאָן דאָלאר. דער סטייט־סעקרעטערי (מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגענהייטען) סואַרד האָט דאַן בעזאָנדערס געווירקט אין קאָנגרעס, אַז מען דאַרף מאַכען דיעזען מסחר, אום צו פערגרעסערען דיא מאַכט פון אונזער רעפּובליק אויף דעם פּאַסיפישען אָקעאַן. פיעלע קאָנגרעסמען האָבען דאַן גערעכענט, אַז עס איז אַן עבירה אויסצוגעבען אַזוי פיעל געלד אויף אַ שטיק וויסטע לאַנד, וואָס זיי האָבען גערופען "דער אייז־קאַסטען פון יונייטעד סטייטס".

אויסגעלאָזען האָט עס זיך אָבער, וויא יעדער איינער וויים עס היינט, אַז אין דעם דאָזיגען "אייז־קאַסטען" געפינען זיך טאַקע "קלאָנדייקס" — ניט נאָר פון גאָלד, זאָנדערן אויך פון שטיין קוילען, פון קופּער און פון אַנדערע מעטאַלען, שוין ניט רעכענענדיג דיא אונגעהייערע פישערייען, וועלדער און אפילו פעלדער פאַר אַקערבוי.

דיא ערוועֶרבונג פון אַלאַסקאַ איז געווען דיא זעקסטע עקספּענשען (פער־

שפּרייטונג) פון יונייטעד סטייטס. דער שטח פון אונזער רעפּובליק האָט דאַן דערגרייכט 3,616,484 סקוועער מייל'ען, וואָס דאָס איז אונגעפעהר אזוי גרויס וויא גאַנץ איירָאפּאַ.

נאָר לאָמיר זיך אומקעהרען צום אינערליכען קאַמפּף וועגען דיא שוואַרצע שקלאַווערייַ אין דיא זידליכע סטייטס.

צעהנטער קאפיטעל.

דער בירגער־קריעג וועגען די בעפרייאונג פון די נעגערן

צוזאמען מיט דיא שטענדיגע פערגרעסערונגען אין שטח און פערמעהרונגען אין בעפעלקערונג (פון קנאפע 5½ מיליאן נפשות אין 1800 איז דיא בעפעלקערונג געוואקסען איבער 23 מיליאן אין 1850) איז אויך, מעג מען זאגען, געוואקסען דער אינערליכער קאמפף — אלץ צוליעב דיא פערשאלטענע שקלאווערייע פון דיא נעגערן.

וואס ווייטער האט מען זיך אלץ מעהר ארומגעזעהן, אז דיא איינינגקייט פון דער רעפובליק הענגט אויף א האאר, זאלאנג דיזע פראגע וועט בלייבען אפען, זאלאנג מען וועט ערלויבען צו האלטען נעגער־שקלאווען.

אין 1831 האט אן ארימער יונגערמאן מיט׳ן נאמען וויליאם ללאיד געריסאן אנגעפאנגען צו דרוקען אין באסטאן א גאנץ קליינע צייטונג, וועלכע האט געטראגען דעם הויך־קלינגענדען נאמען ״ליבערייטאר (בעפרייער)״ און וועלכע האט אויך שליסליך אויסגעפיהרט איהר גרויסען צוועק אבצושאפען אין גאנצען דיא נעגער־שקלאווערייע אין יונייטעד סטייטס. ווען ער האט ערקלערט אז מען מוז אונבעדינגט בעפרייען דיא נעגערן, אויב דיא פעראייניגטע שטאאטען זאלען דורך דעם אפילו צושפאלטען ווערען אין צוויי בעזונדערע רעפובליקען — דיא נארדליכע און זידליכע — האט מען אויף איהם געקוקט וויא אויף א משוגענעם און מען האט איהם אויך פערפאלגט.

גראדע האט עס געטראפען, דאס אין דעם זעלבען יאהר, ווען געריסאן האט אנגעפאנגען זיין ״משוגענע״ אגיטאציאן פאר דיא בעפרייאונג פון דיא נעגערן, האט אין ווירדזשיניא אויסגעבראכען אן אויפשטאנד פון דיא נעגער־שקלאווען. מען האט זיך בענוצט דערמיט איהם צו בעשולדיגען, אז ער רייצט עס אן דיא שווארצע געגען דיא ווייסע. דארום האט מען איהם אפילו אין באסטאן, וואו עס איז געווען דער צענטער פון דער אבאליציאניסטישער (פאר דיא אבשאפונג פון שקלאווערייע) בעוועגונג, געוואלט לינטשען. דיא יעניגע, וואס װאלטען מיט׳ן גאנצען הארצען געשטימט פאר דיא בעפרייאונג פון דיא שקלאווען, זיינען דאך אין אנפאנג געווען געגען איהם. ווייל זיי האבען מורא געהאט,

אז זיין אַגיטאַציאָן וועט פיהרען צו בירגער־קריעג און צו אַ צוטהיילונג פון דער רעפּובליק.

אָבער געריסאָן׳ס מוטהיגע און עדלע אַגיטאַציאָן איז ניט געווען אומזיסט. אין אַ גאַנץ קורצער צייט זיינען אין די נאָרד־שטאַאטען געגרינדעט געוואָרען 2000 ״אַבאָלישען סאָסייעטיס״ אָדער פעראיינען מיט דעם צוועק אויסצופיהרען, אַז די שקלאַווען זאָלען בעפרייט ווערען. די אַנטי־שקלאַווערייַ בעוועגונג האָט פון דער צייט אָן אַלץ מעהר פערשאַרפט דעם אונטערשיעד צווישען די נאָרדליכע און זידליכע שטאַאטען.

נאָך דער מלחמה מיט מעקסיקאָ האָט אויפגעפלאַמט אַ נייער שטרייט צווישען די נאָרדליכע און זידליכע שטאַאטען. עס האָט זיך ווידער געהאַנדעלט, אויב אין דיזע נייע טעריטאָריען זאָל מען ערלויבען איינצופיהרען נעגער־שקלאַ־ווען. עס האָט דאַמאָלס אויך ניט ווייט געהאַלטען, אַז עס זאָל קומען צו אַ שפּאַלטונג אין דער רעפּובליק, פּשוט צו אַ בירגער־קריעג, אָבער עס איז גליק־ליכערווייזע ווידער געלונגען צו פערדעקען די וואונד און אויסצומיידען בלוטפערגיסונגען מיט אַ קאָמפּראָמיס, דאָס קאַליפאָרניא זאָל ווערען אַ פרייער שטאַאט, נאָר אין די אַנדערע טהיילען פון דער ריזיגער געגענד, וואָס מען האָט צוגענומען ביי מעקסיקאָ, זאָלען די איינוואָהנער זעלבסט ענטשיידען, אויב זיי ווילען אָנהאַלטען די שקלאַווערייַ אָדער ניט. דאָס איז די פּשרה וועלכע טראָגט אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס דעם נאָמען ״קאָמפּראָמייז פון 1850״.

פיער יאָהר נאָך דיזען קאָמפּראָמיס, אין 1854, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ פערצווייפעלטער קאַמפּף צווישען די אַנהענגער און געגנער פון נעגער־שקלאַ־ווערייַ וועגען דעם בעזיץ פון דער געגענד, וואו עס געפינען זיך יעצט די שטאַאטען קענזעס און נעבראַסקאַ. נאָך לאַנגע און שטורעמדיגע דעבאַטען האָט דער קאָנגרעס אָנגענומען דעם פּערשלאַג, וואָס איז געווען געגען דעם ״מיזורי קאָמפּראָמיס״ פון 1820, וועגען וועלכען עס איז גערעדט געווען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל, און וואָס האָט ערקלערט, אַז די איינוואָהנער פון דיזע טע־ריטאָריעס האָבען דאָס רעכט אַליין צו בעשליסען, אויב זיי זאָלען האַלטען שקלאַווען אָדער ניט. אום צו האָבען אַ מאַיאָריטעט, האָבען זיך אַ סך בעוואַ־פענטע בירגער אַ לאָז געטהאָן אי פון נאָרד אי פון דער סאַוטה (דרום) צו פערכאַפּען וואָס מעהר לאַנד אין קענזעס.ביידע פּאַרטייען האָבען אויסגעקליבען זייערע רעגיערונגען. די ״פרייע״ האָבען געהאַט זייער הויפּט־שטאָדט אין טאָפּיקאַ, די שקלאַווען־האַלטערס — אין ליוועגוואָרטה.

די אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז דאָרטען געקומען צו אַ בירגער־קריעג. זעקס יאָהר האָט געדויערט אַ בלוטיגער קאַמפּף אין דער קענזעס טעריטאָריע, וועלכע האָט דאַן צוליעב דעם געקראָגען דעם צונאָמען: ״בלוטענדע

קענזועס״. דיא שקלאַווען־האַלטערס זיינען בעפאַלען דיא ״פרייע״ שטאָדט לאָורענס און האָבען איהר בערויבט און פערברענט. דערפאַר האָט דער בראַווער דזשאָהן בראַון, וועלכער איז אונשטערבליך געוואָרען אַלס מערטירער נאָכדעם וויא מען האָט איהם הינגעריכטעט אין 1859 אין וועסט־ווירדזשיניאַ, ווייל ער האָט זיך מיט אַ קאָמפּאַניע פון 20 מאַן אריינגעריסען אין שטאַאט ווירדזשיניאַ און געוואָלט דאָרטען מיט געוואַלט בעפרייען דיא נעגערן — צוזאַמענגעקליבען אַ באַנדע ״פרייע״ און איז בעפאַלען אַ בעזעצונג פון שקלאַווען־האַלטערס, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון זייערע בעטען און אויסגעשלאַכטעט.

ענדליך האָבען דיא ״פרייע״ געזיעגט, און קענזועס איז אין 1861 אַנערקענט געוואָרען פון קאָנגרעס און אריינגערעכענט געוואָרען אַלס סטייט אָהן שקלאַווערייִ.

דער בירגער־קריעג אין קענזועס און דיא הינריכטונג פון דזשאָהן בראַון דעם 2טען דעצעמבער 1859 אין טשארלזטאון, ווירדזשיניאַ (היינט אַ שטאָדט אין סטייט וועסט־ווירדזשיניא), האָבען נאַטירליך אין העכסטען גראַד אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד. דאָס איז געווען, קען מען זאָגען, דער אָנפאַנג פון דעם גרויסען בירגער־קריעג, וועלכער האָט אויסגעבראָכען, ווי נאָר אייברעהעם לינקאָלן, דער קאַנדידאַט פון דער אַנטי־שקלאַווערייִ פארטיי, וועלכע האָט ארום יענער צייט געקראָגען דעם נאָמען: רעפּובליקאַנישע, איז אויסגעוועהלט געוואָרען אין 1860 פאר פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען. דיזע עלעקשען האָט געצייגט, אַז דיא מאַיאָריטעט פון אמעריקאַנער פאָלק, וואָס האָט דאַן געצעהלט ביז 30 מיליאָן נפשות, איז געווען פאר די אָבשאַפונג פון שקלאַווערייִ, ווייל לינקאָלן איז געווען בעוואוסט אַלס איינער פון דיא הויפּט־רעדנער און פיהרער פון דער אנטי־שקלאַווערייִ אָדער אבאָליציאָניסטישער פאַרטיי.

אייברעהעם לינקאָלן.

דאַרום האָט דער שטאַאט סאַוטה־קאַראָליינאַ באַלד בעשלאָסען זיך אָבצוטהיילען פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען אַלס אַ ״פרייע און אונאַבהייניגע רעפּובליק״. דיזער שטאַאט האָט בכלל שטענדיג געקעמפּפט פאַר דעם רעכט פון יעדען שטאַאט אַרויסצוטרעטען פון פערבאַנד, ווען ער וויל עס נאָך דעם זיעג פון דער אַנטי־שקלאַווערייִ פּאַרטיי דורך די אויסוואַהל פון לינקאָלן

האָבען דיא בירגער פון סאוטה קאראָליינא פעסט געגלויבט, אז דיא מאיאָרי־טעט פון דיא נאָרדליכע שטאאטען וועט זיך טאַקע באלד נעהמען צו דער בע־פרייאונג פון דיא פערשקלאַווטע נעגערן. דארום האָבען זיי שוין גאָר ניט גע־וואָלט וואַרטען אויף דיא פערהאנדלונגען אין קאָנגרעס און האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פון אינערליכע מלחמה, פון ברודער־קריעג דעם 20טען דעצעמבער 1860.

דער בעשלוס פון סאוטה קאראָליינא ארויסצוטרעטען פון דער יוניאָן אָדער פערבאנד פון דיא שטאאטען אין נאָרד־אמעריקא איז געווען א סיגנאל פאר דיא אנדערע זידליכע שטאאטען זיך צו ערקלערען אונאבהייניגיג. אין 1861 האָבען זיך דיזע שטאאטען פערבונדען אונטער דעם נאָמען "קאָנפעדרייטעד סטייטס אָוו אמעריקא" און האָבען אָרגאניזירט זייער צענטראל־רעגיערונג און אויסגעוועהלט אלס זייער פרעזידענט דעם סענאטאָר דזשעפערסאָן דייוויס פון שטאאט מיסיסיפי.

דזשעפערסאָן דייוויס.

דיא פעראייניגטע שטאאטען זיינען אזוי צושפּאלטען געוואָרען אין צווייען; אָבער דיא בירגער פון נאָרד און איבערהויפט דיא מאיאָריטעט פון אמעריקאנער פאָלק זיינען ענטשלאָסען געווען דאָס ניט צו דערלאָזען און צוזאמענצובינדען ווידער אלע שטאאטען מיט געוועהר אין דיא הענד. זיי האָבען ניט געוואָלט אנערקענען דאָס רעכט פון א שטאאט ארויסצוטרעטען פון פערבאנד, א רעכט וואָס דיא זידליכע שטאאטען האָבען אין דער ווירקליכקייט נאָר פערטהיידיגט, אום צו קענען האלטען אונגעשטערט זייערע שקלאַווען. מיט לייב און לעבען האָבען זיי געוואָלט קעמפּפען פאָר דיא "יוניאָן", פאר א פעסטען און געצוואונגענען פערבאנד פון אלע שטאאטען און טעריטאָריעס אויף דעם גאנצען ריזיגען שטח פון יונייטעד סטייטס.

דער ערשטער שאָס פון דעם שרעקליכען בירגער־קריעג, וועלכער האָט זיך געצויגען פיער יאָהר, איז געמאכט געוואָרען אין אפּריל 1861 פון דיא שקלאַווען־האלטערס, וועלכע האָבען זיך דאַן גערופען קאָנפעדעראַטען, ביי דער אטאַקע אויף דעם פאָרט סאַמטער אין דעם האַפען פון דער שטאָדט טשאַרלסטאָן (סאוטה־קאראָליינא).

דאַן האָט שוין פרעזידענט לינקאָלן ארויסגעלאָזען אן אויפרוף צום פאָלק, אז מען זאָל זיך פערשרייבען פאַר וואָלאָנטירען. ער האָט גערעכענט, אז עס וועלען גענוג זיין 75 טויזענד וואָלאָנטירען און אז מעהר פון 3 מאָנאט וועט

זיי ניט אויסקומען צו דיענען. כמעט אלע האבען דאן געגלויבט, אז דיזער קאמפף וועט דויערן ניט לאנג. דיא בירגער אין נארד האבען ניט געוואוסט, וויא ווייט דער צארן פון דיא שקלאווען־האלטער איז אויפגערייצט געווען דורך זייער פורכט, טאמער וועט מען אבשאפען דורך א געזעץ דיא נעגער־שקלאווערי.



פארט סאמטער פאר דיא באמבארדירונג.

דיא מאיאריטעט פון דיא נארדליכע שטאאטען איז אבער ניט געגאנגען אזוי ווייט אין דיזער פראגע. זיא האט שטארק מורא געהאט פאר א צוזאמענשטויס מיט דיא אויפגעקאכטע און היציגע סאטהערנערס (בירגער פון דיא זידליכע שטאאטען). אפילו לינקאלן אליין האט אייגענטליך ניט געציעלט אבצושאפען דיא נעגער־שקלאווערי אין דיא זידליכע שטאאטען דורך א בעשלוס אין קאנגרעס. אין זיין רעדע בשעת ער איז אינסטאלירט געווארען פרעזידענט (4טען מארטש 1861) האט ער זיך אויסגעדריקט אזוי וועגען דיזע געפעהרליכע מכה אויף דעם געזונטען קערפער פון דער אמעריקאנער נאציאן:

„איך האב ניט דיא אבזיכט אריינצומישען זיך, דירעקט אדער אינדירעקט, אין דער אינסטיטושען פון שקלאווערי אין דיא סטייטס, וואו דיא שקלאווערי עקזיסטירט. איך גלויב, אז איך האב ניט קיין געזעצליכען רעכט דאס צו טהאן, און איך בין אויך ניט גענייגט דאס צו טהאן”.

נאר אין דער סאוטה האט מען ניט אנגעהויבען צו גלויבען אין אזעלכע פערזיכערונגען. דארטען האט מען געפיהלט, אז עס קען קיין שלום ניט הערשען צווישעןביידע טהיילען פון דער רעפובליק, זא לאנג אפילו אין איין סטייט וועט דיא שקלאווערי ניט אבגעשאפט ווערען. דארום האט מען אויך דארטען ניט געווארט אויף א נייעם ווערטער־קאמפף אין קאנגרעס און אויף נייע פשרות. וויא נאר דיא אנטי־שקלאווערי שטאאטען האבען גענומען דיא מאיאריטעט און

אויסגעוועהלט זייער פרעזידענט אין דער פערזאָן פון אייברעהעם לינקאָלן, האָבען דיא זידליכע שטאַאטען אָנגעפאַנגען דעם ברודער־קריעג.

אין דיזען פירכטערליכען בירגער־קריעג, אין וועלכען וויינינגסטענס א האַלבער מיליאָן מענשען זיינען געטויטעט און פערוואונדעט געוואָרען און וועלכער האָט אָבגעקאָסט געוויס 5 מיליארד דאָלארס, האָבען ביידע זייטען בעוויזען גלייכען מוטה און גלייכע מיליטערישע פעהיגקייטען. נאָר דיא זידליכע שטאַאטען זיינען געווען פיעל ווייניגער אין בעפעלקערונג און אָרימער אין געלד פאַר דיא נאָרדליכע, ניט רעכענענדיג דעם וויכטיגען פאַקט, דאָס זיי האָבען געקעמפפט פאַר אַזאַ אונגערעכטע זאַך, וויא שקלאַווערי. דיא אַרמעען פון דיא נאָרדליכע שטאַאטען אָדער פון דיא יוניאָניסטען (ווייל זיי האָבען ספּעציעל געקעמפפט פאַר דיא אויפהאַלטונג פון דער יוניאָן אָדער פערבאַנד פון אַלע טהיילען פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען) זיינען געווען צאָהלרייכער און בעסער בעוואָפענט פאַר דיא אַרמעען פון דיא זידליכע שטאַאטען אָדער דיא קאָנפעדעראַטען. א געוויסע צייט האָט דיא יוניאָן־אַרמעע געצעהלט ביז א מיליאָן מאַן.

אָנפאַנגס האָבען אַפילו דיא קאָנפעדעראַטען בעזיגט דיא יוניאָניסטען, ווייל זיי זיינען געווען בעסער צוגעגרייט צו דער מלחמה און האָבען אויך געהאַט געניטערע גענעראַלען. אָבער מיט יעדען נעכסטען יאָהר פון דיזען פערצווייפעלטען קאַמפף האָט זיך אַלץ מעהר ארויסגעוויזען, וויא שטאַרקער דיא נאָרדליכע שטאַאטען זיינען, ווייל אויסער זייער צאָהל און זייערע פאַבריקען, אין וועלכע מען האָט געקענט צופערטיגען אַלעס וואָס עס איז נויטיג פאַר מלחמה, האָבען זיי אויך געהאַט גענוג שיפען צו בעהערשען דיא ברעגען און צו בלאָקירען דיא זידליכע פאָרטען, זאָ דאָס דיא קאָנפעדעראַטען האָבען שליסליך ניט געקענט קריגען קיינע געוועהר און אַמוניציאָן פון אויסלאַנד.



דער פלאַג פון דיא קאָנפעדעראַטען.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז דער קאַמפף געווען א פערלאָרענער פאַר דיא זידליכע שטאַאטען אַזוי שנעל וויא דיא נאָרדליכע שטאַאטען האָבען אָרגאַניזירט א גרויסע אַרמעע. אָבער דיא קאָנפעדעראַטען האָבען זיך ניט אונטערגעגעבען ביז דער לעצטער מינוט, לייגענדיג צו גרויסע האָפנונגען אויף זייער גרעסטען און פעהיגסטען קאָמאַנדיר, גענעראַל לי.

מיט מיליטערישע איינצעלהייטען פון דיזען לאַנגען און ריזיגען בירגער־קריעג וועלען מיר זיך דאָ ניט פערנעמען. אויך וועלען מיר ניט שילדערן, וועלכע פון דיא גענעראַלען פון ביידע זייטען האָבען ארויסגעוויזען גרעסערע מיליטערישע פעהיגקייטען. דערויף זיינען דאָ בעזונדערע מיליטערישע געשיכטען. מיר וועלען דאָ נאָר פערצייכנען דיא צוויי גרעסטע און וויכטיגסטע שלאַכטען, וועלכע האָבען

בעזאָנדערס ענטשיעדען דעם שיקזאַל פון דעם בירגער־קריעג. איינע פון זיי איז פאָרגעקומען אין 1863 ביי געטיסבורג, ווען 50 טויזענד מאַן זיינען געטויטעט און פערוואונדעט געוואָרען און גענעראַל לי האָט געמוזט צוריקטרעטען, און דיא אַנדערע ביי וויקסבורג (אויך אין 1863), ווען דיא גענעראַלען גראַנט און שערמאַן, דיא בעסטע פון דער יוניאָן אַרמעע, האָבען געצוואונגען 32 טויזענד קאָנפעדעראַטען זיך אונטערצוגעבען נאָך אַ לאַנגער בעלאַגערונג.

ענדליך זיינען דיא קרעפטען פון דיא קאָנפעדעראַטען אַזוי צושלאָגען און אָבגעשוואַכט געוואָרען, אַז אין אַפּריל 1865 האָט גענעראַל גראַנט געקענט פער־נעהמען זייער הויפּט־שטאָדט ריטשמאָנד אין ווירדזשיניא, און אין אַ וואָך אַרום האָט זיך גענעראַל ראָבערט לי, זייער בעסטער און פעהיגסטער קאָמאַנדיר, גע־

גענעראַל וויליאַם שערמאַן.

גענעראַל ראָבערט לי.

מוזט אונטערגעבען מיט זיין קליין געבליבענער און הונגעריגער אַרמעע. דאָס איז געווען דער סוף פון דעם שרעקליכען בירגער קריעג, דעם גרעסטען און אויך בלוטיגסטען וואָס דיא וועלט האָט ווען עס איז געזעהן.

דיא זיעגרייכע יוניאָניסטען האָבען קיינעם פון דיא קאָנפעדעראַטען ניט פערפאָלגט. דאָס איז געווען אַזוי עדעל און גרויסמוטהיג, וויא קלוג און אויס־גערעכענט. מען האָט נאָר פון זיי פערלאַנגט, אַז זיי זאָלען אָבגעבען זייערע געוועהר און זיך אומקעהרען צו זייערע וואָהנונגען. דער הויפּט־קאָמאַנדיר גראַנט און אַלע אַנדערע יוניאָן־גענעראַלען האָבען זעהר גרויסמוטהיג בעהאַנדעלט דיא געפאַנגענע קאָנפעדעראַטען.

וואָס אַנבעלאַנגט פּרעזידענט לינקאָלן וואָלט ער זיכער זיין בעסטעס געטהאָן

אום וואָס שנעלער צו פערהיילען דיא שרעקליכע וואונדען פון דעם פערצוויי־פעלטען בירגער־קריעג; אָבער דיזען גרויסען מאַן איז ניט בעשערט געוועזן צו זעהען, וויא ביידע פיינדליכע לאַגערן וועלען לעבען פרידליך אַלס בירגער פון איין נאַציאָן אונטער איין פלאַג — דעם פלאַג פון "סטאַרס ענד סטראַיפּס" (שטערען און פּאַסען). דעם 14טען אַפּריל 1865, גראַדע אויף דעם נעכסטען טאָג נאָך דעם, ווי דער פלאַג פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען איז אויפגעהאַנגען געוואָרען אויף דער פעסטונג סאָמטער, פון וואַנען ער איז מיט פיער יאָהר צו־ריק אַראָפּגעשאָסען געוואָרען פון דיא שקלאַווען־האַלטערס, איז לינקאָלן דערשאָ־סען געוואָרען אין אַ וואַשינגטאָנער טהעאַטער פון אַ געוויסען ווילקעס בוטה, איינער פון דיא פאַנאַטישע קאָנפעדעראַטען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ פערשווע־רונג איהם אומצובריינגען, עפּעס אַזוי וויא נאָר ער אַליין איז געוועזן שולדיג אין דער נידערלאַגע פון דיא זידליכע שטאַאטען און אין דער אָבשאַפונג פון דער נעגער שקלאַווערײ. נאָך דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז אייברעהעם לינקאָלן געבלי־בען דער פערעהרטעסטער פון אַלע פּרעזידענטען פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען.

עלפטער קאַפּיטעל.

נאָך'ן בירגער־קריעג ביז צו דער מלחמה מיט שפּאַניען

דיא צייט נאָך דעם בירגער קריעג טראָגט אין דער געשיכטע פון דיא פּער־איייניגטע שטאַאטען דעם נאָמען "רעקאָנסטראָקשאָן", דאָס הייסט איבערבוי־אונג, ווייל מען האָט געהאַט צו שאַפען פון דיא צוויי פיינדליכע טהיילען פון דיא פעראיייניגטע שטאַאטען איין נאַציאָן ניט נאָר מיט'ן נאָמען, נאָר טאַקע אין דיא געפיהלען און אין גייסט.

דאָס איז געוועזן א זעהר שווערע אויפגאַבע. דיא בירגער פון דיא נאָרדלי־כע שטאַאטען האָבען געקוקט אויף דיא קאָנפעדעראַטען וויא אויף פערבלאָנזעטע ברידער און האָבען געשטרעבט וואָס פעסטער צוצובינדען דיא זידליכע שטאַאטען צו דער רעפּובליק; אָבער דיא קאָנפעדעראַטען האָבען נאַטירליך ניט געקענט אזוי לייכט און שנעל פערגעסען אָן זייער נידערלאַגע נאָך דיא גרויסע צרות און נויט, וואָס זיי האָבען געליטען אין דיא 4 יאָהר פון דעם בירגער קריעג, און בעזאָנדערס אָן דעם פערלוסט פון זייערע שקלאַווען. לינקאָלן'ס נאָכפאָלגער, דער וויצע־פּרעזידענט דזשאָהנסאָן, האָט גלייך אַרויסגעלאָזט א מאַניפעסט, אז אַלע בירגער פון דיא זידליכע שטאַאטען וועט פערגעבען ווערען זייערע זינד פאַר דעם קאַמפּף געגען דיא אייניגקייט פון דער רעפּובליק, ווען זיי וועלען שוועד־רען טרייהייט צו דער קאָנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען.

ווייטער האָבען זיך דיא זידליכע שטאַאטען פערפּפליכטעט צו פאָלגען דעם דרייצעהנטען אַמענדמענט צו דער קאָנסטיטוציאָן פון יונייטעד סטייטס. דער דאָזיגער אַמענדמענט איז אָנגענומען געוואָרען אין קאָנגרעס שוין נאָך דעם שלום פון דעם בירגער קריעג אין 1865. ער לויטעט, אז שקלאַווערייי איז פערבאָטען אונטער דעם פלאַג פון דער רעפּובליק.

בירגער פון דיא זידליכע שטאַאטען האָבען געגעבען דיא פערלאַנגטע שבועה. דעם דרייצעהנטען אַמענדמענט האָבען זיי געמוזט וויא עס איז אַרונטערשלינגען. זיי האָבען שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווייל אין דער צייט פון דעם בירגער קריעג זיינען אַלע שקלאַווען בעפרייט געוואָרען דורך א פּראָקלאַמאַציאָן,

וואָס פּרעזידענט לינקאָלן האָט אַרויסגעלאָזען דעם 1טען יאַנואַר 1863. עס האָט שוין נאַטירליך קיין שום רייד ניט געקענט זיין אפילו וועגען האַלטען דיא אַלטע שקלאַווען אין אירגענד וועלכען פּונקט פון דער רעפּובליק ביז זיי וועלען ביסלעכווייז אויסשטאַרבען. דיא זיעגערס האָבען דיקטירט דיא בעדינגונגען און דיא בעזיעגטע האָבען געמוזט נאָכגעבען.

אָבער ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע, אויב דיא שטאַאטען פון דער געבראָכענער קאָנפעדעראַציאָן זאָלען גלייך קריעגען דאָס רעכט צו שיקען פערטרעטער אין קאָנגרעס, וויא פאַר דעם בירגער קריעג, איז ענטשטאַנדען א שטרייט צווישען פּרעזידענט דזשאָהנסאָן און דיא פאָלקס־פערטרעטער.

דזשאָהנסאָן איז געווען א סאָטהערנער (ער איז געבאָרען געוואָרען אין דאָלי, סאוטה קאראָליינאָ אין 1808) און א דעמאָקראַט. ווען דער בירגער קריעג האָט אויסגעבראָכען איז ער אַרויסגעטראָטען געגען דיא זידליכע סטייטס ניט צוליעב דיא אָבשאַפונג פון שקלאַווערי, נאָר וויל ער איז אין פּרינציפּ געווען געגען דאָס רעכט פון אירגענד וועלכען סטייט אַרויסצוטרעטען פון דער יוניאָן אָדער פערבאַנד. אין האַרצען האָט ער נאַטירליך סימפּאַטיזירט מיט זיינע לאַנדסלייט, דיא שקלאַווען־האַלטער. דאַרום האָט ער געוואָלט, אַז מען זאָל גלייך געבען פולע שטאַאט־רעכטע צו די בעזיגטע. דער קאָנגרעס האָט אָבער פריהער געוואָלט זיך פערזיכערען, אַז דער דרייצעהנטער אַמענדמענט וועט ריכטיג אויסגעפיהרט ווערען און אַז דיא בעפרייטע נעגער זאָלען בלייבען פריי ניט בלויז אויף'ן פּאַפּיער, זאָנדערן אויך אין דער פּראַקטיקע. דאַרום האָט מען בעשלאָסען אָבצוואוואַרטען מיט דער צולאָזונג פון דיא פערטרעטער פון דיא זידליכע שטאַאטען אין קאָנגרעס.

גענעראַל יוליסעס גראַנט.

דיא רעפּובליקאַנישע מאַיאָריטעט האָט דורכגעפיהרט עטליכע געזעצע צו פערטהיידיגען דיא "פרידמען" (דיא בעפרייטע שקלאַווען). פּרעזידענט דזשאָהנסאָן האָט וועטירט דיעזע בילס אויף דעם גרונד, דאָס דיא ווייסע אין דיא זידליכע שטאַאטען וועלען שוין האַלטען וואָרט און גוט בעהאַנדלען דיא "פרידמען". נאָר דער קאָנגרעס האָט ניעדערגעשטימט זיין וועטאָ לויט נאָך דיא פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן.

די מחלקה צווישען פּרעזידענט דזשאָהנסאָן און דעם קאָנגרעס וועגען פערשיעדענע פאָרשלעגע אין בעצוג אויף די געוועזענע שקלאַווערי־שטאַאטען איז געוואָרען אַזוי הייס און גרויס, דאָס דער

קאָנגרעס האָט בעשלאָסען איהם צו משפט׳ן נאָך דיא פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן. דיעזער מערקווירדיגער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין 1868.

מען האָט איהם "אימפּיטשט", דאָס הייסט פערקלאָגט, ווייל ער האָט זיך ענטזאָגט אויסצופיהרען געוויסע בעשליסע פון קאָנגרעס, בעזאָנדערס דעם "טעניור אָוו אָפיס אַקט", וואָס איז טאַקע אָנגענומען געוואָרען דירעקט געגען איהם, ווייל ער פלעגט ענטלאָסען אַלע בעאַמטע, וועלכע האָבען ניט איינגעשטימט מ'ט איהם אין דיא פראַגען, וועלכע זיינען פערבליבען אַ נאָכוועהענעס פון דער שוואַרצער שקלאַווערייַ ביז היינט צו טאָג. דיעזע בעריהמטע "אימפּיטשמענט" האָט זיך אָבער געענדיגט אַזוי, אַז דזשאָהנסאָן איז פערבליבען פּרעזידענט ביז צום סוף פון דעם געזעצליכען טערמין. 35 סענאַטאָרס האָבען געשטימט, אַז ער איז שולדיג, און 19 האָבען געשטימט אַז ער איז ניט שולדיג. דאָס איז געוועזען בלויז מיט איין שטימע וויינִיגער פאַר דיא צוויי־דריטעל מאַיאָריטעט, וויא דאָס פאָדערט זיך נאָך דיא פּונקטען פון דער יונייטעד סטייטס קאָנסטיטוציאָן מכח דיא "אימפּיטשמענט" פון אַ פּרעזידענט, און דאַרום איז ער פּריי־געשפּראָכען געוואָרען.

דער קאָנגרעס האָט אָבער אויסגעפיהרט אַלעס וואָס ער האָט געוואָלט. דיא זידליכע סטייטס האָבען ניט נאָר געמוזט אָננעהמען דעם דרייצעהנטען אַמענד־מענט צו דער קאָנסטיטוציאָן, זאָנדערן אויך נאָך צוויי אַמענדמענטס, נעמליך: דעם פיערצעהנטען, וועלכער איז דורכגעגאַנגען אין 1866 און וועלכער ער־קלערט דיא נעגער פאַר בירגער, און דעם פופצעהנטען, וועלכער איז דורכ־געגאַנגען אין 1869 און וועלכער בעוויליגט דיא נעגער אויך דאָס שטימרעכט.

אַזוי זיינען עס בלויז אין פיער יאָהר נאָך דעם בירגער קריעג דיא פריהערע שקלאַווען געוואָרען אַמעריקאַנער בירגער מיט פולע פּאָליטישע רעכטע. אין דער זעלבער צייט האָבען אויך דיא זידליכע שטאַאַטען, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער מיליטערישע הערשאַפט לויט אַ בעשלוס פון קאָנגרעס, געקראָ־גען זייערע פולע פּאָליטישע רעכטע.

נור דיא ראַסען־אַנטיפּאַטיען און פאָראורטהיילע פון דיא ווייסע צו דיא שוואַרצע בלייבען נאָך, ליידער, אַלץ צו שטאַרק איינגעוואָרצעלט אין יונייטעד סטייטס. דיא נעגערן ווערן נעבעך אַלץ געהאַלטען אין שוואַרצען לייב. דאָס וואָס מען רופט "קאָלאָר לייַן" (פאַרב־ליניע) איז בכלל פיעל שאַרפער אין אַלע אַנגלאָ־סאַקסישע לענדער, איידער אין דיא לאַטיינישע לענדער, וואו ראַסען מי־שען זיך פרייער.

אין 1870 איז דיא פעראייניגונג אין גאַנצען דורכגעפיהרט געוואָרען, ווייל אויך דיא פיער זידליכע סטייטס, וועלכע האָבען זיך אָנפאַנגס ענטזאָגט אָנצו־נעהמען דעם 15טען אַמענדמענט, נעמליך: דיא סטייטס דזשאָרדזשיא, מיסיסיפּי,

טעקסעס און ווירדזשיניא — האָבען שליסליך נאָכגעגעבען. דארום איז שוין דאָן קיין איינציגער סטייט ניט געבליבען אָהן זיינע פערטרעטער אין קאָנגרעס.

מאנכע פון די געוועזענע שקלאווריי־סטייטס האָבען געהאט בעזאָנדערס גרויסע צרות אין דיעזער "רעקאָנסטראקשאָן" צייט, ווייל די מאַיאָריטעט פון זייער בעפעלקערונג איז געווען א נעגרישע. למשל, אין סאוטה קאראָליינאַ, אין דעם זעלבען סטייט, וואָס איז צוערשט ארויסגעטראָטען אין בירגער קריעג, זיינען די ווייסע געווען אין דער מינאָריטעט. עס איז זיי געווען גענוג ביטער אויף'ן הארצען וואָס זיי האָבען פערלאָרען זייערע שקלאַווען און וואָס זיי זיינען בכלל רואינירט געוואָרען אין דעם לאַנגען און שרעקליכען קאמפף — האָבען זיי נאָך געמוזט דולדען, אַז די בעפרייטע, די "פריעדמען" זאָלען זיצען בגדולה אין די לעדזשיסלייטשורס און דורכפיהרען געזעצע. די געוועזענע שקלאַווען, וועלכע האָבען אפילו ניט געקענט לעזען, זיינען מיט איין קלאַפּ געוואָרען געזעצגעבערס איבער זייערע געוועזענע הערכן! דערצו נאָך האָבען די געוועזענע שקלאַווען־האלטערס זעהר פיעל געליטען פון די יעניגע ווייסע, וועלכע האָבען זיך דאָן אריבערגעפּעקעלט פון די נאָרדליכע שטאאטען, אום וואָס שנעלער רייך צו ווערען אין דער סאוטה. די דאָזיגע ווייסע האָט מען א נאָמען געגעבען "קארפּעט־בעגגערס", ווייל זייער באַגאַזש איז געוועהנליך בעשטאַנען פון א קארפּעט־בעג (א סאַקוואַיאַזש, טשעמאָדאַן, רייזעטאַש). צווי־שען זיי האָבען זיך געפונען א היבשע צאָהל אוואַנטורניקעס. די מייסטע פון זיי האָבען זיך געיאָגט נאָך רעגיערונגס־פּלעצער און האָבען זיך דארום אויך גע'חנפ'עט צו די "פריעדמען", וועלכע זיינען מיט אמאָל געוואָרען יחסנים, ווייל זיי האָבען געקראָגען שטימרעכט. די "קארפּעט־בעגגערס" צוזאַמען מיט די שווארצע האָבען דאָן אַזוי פיעל בערויבט די זידליכע סטייטס און אָנגע־מאכט אזעלכע צרות, אז די סאָטהערנערס קענען עס נאָך אַלץ ניט פערגעסען.

ביסלעכווייז אָבער האָבען די געוועזענע קאָנפעדעראַטען געקראָגען די אויבערהאנד אין זייערע סטייטס און די ממשלה פון די פערהאסטע "קארפּעט־בעגגערס" איז געקומען צו אַן ענד. אויך האָט מען מיט געוואַלט און בעזאָנדערס דורך פערשיעדענע דריידלעך און נייע געזעצע אַזוי ארומגעצאַמט די פּאָליטישע רעכטע פון די שווארצע, אַז אפילו אין די סטייטס, וואו זיי בילדען די מאָ־יאָריטעט פון דער בעפעלקערונג, ווערען זיי בעהערשט פון די ווייסע. אויף'ן פּאַפּיער האָבען טאַקע די שווארצע פונקט די זעלבע רעכטע ווי די ווייסע; אָבער אין דער פּראַקטיקע זיינען זיי מייסטענס "דיספרענטשייזד" געוואָרען, דאָס הייסט: מען האָט ביי זיי צוגענומען זייער קאָנסטיטוציאָנעלען שטימרעכט אין אַלע זידליכע סטייטס, וויא דאָס ווייס יעדער איינער, וועלכער האָט נאָר א פּאָאר יאָהר געלעבט אין יונייטעד סטייטס.

די נעגער־פראַגע איז נאָך אַלץ זעהר ווייט פון א ריכטיגער פּראַקטישער

לעזונג אין יונייטעד סטייטס. דיא לאַגע פון דיא שווארצע איז א זעהר טרויע־ריגע אין אַלע זידליכע סטייטס. ווער ווייסט, אויב עס וועט גאַר אמאָל קומען א צייט, אַז דיא סאַטהערנערס זאָלען קוקען אויף דיא שווארצע, וויא אויף בירגער מיט גלייכע רעכטע, זאָגאר וויא אויף גלייכע מענשען?

ביסלעכווייז ווערען אָבער דיא בעציהונגען פון דיא ווייסע צו דיא שווארצע דאָך בעסער און מענשליכער. יעדענפאַלס קען שוין דורך דעם קיינמאָל ניט קומען צו צערשפּליטערונגען און שפּאַלטונגען אין אונזער רעפּובליק. אין דיא 40 יאָהר, וועלכע טהיילען אונז אָפּ (דיעזע צייל ען ווערען געשריבען צו ענדע פון 1910) פון דיעזער פעראייניגונג נאָך דעם גרעסטען בירגער קריעג, וואָס האָט וועז פּאַ־סירט אין דער וועלט, זיינען דיא פעראייניגטע שטאאטען וואונדערבאַר שנעל געוואקסען אין בעפעלקערונג, אין אינדוסטריע און אין מאכט. דיא וועסטליכע טהיילען פון אונזער לאַנד זיינען מערקווירדיג שנעל בעפעלקערט געוואָרען נאָך דער ענטדעקונג פון גאָלד אין קאַליפאָרניא (אין 1848) און בעזאָנדערס נאָכדעם, וויא דיא פּאַסיפיק ריילראָוד, דיא ערשטע פון דיא אייזענבאַהן־ליניען, וואָס ציהען זיך איבער דיא גאַנצע ברייט פון אונזער לאַנד ביז דיא ברעגען פון פּאַ־סיפישען אָקעאַן, איז געענדיגט געוואָרען אין 1869.

דאָס איז שוין געשעהען אונטער דער ערשטער פּרעזידענטשאַפט פון גע־נעראַל יוליסעס גראַנט. דער אונגעהייערער ערפאָלג פון דיעזער אייזענבאַהן־ליניע האָט ארויסגערופען א פיעבערהאַפטע יאַגענעס צו בויען נאָך אייזענבאַהנען, וואָס האָט ווייטער געפיהרט צו אַנדערע זעהר גרויסע אונטערנעהמונגען און אויפגעבלאָזענע ספּעקולאַציאָנען. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס אין 1873 האָט אונזער לאַנד דורכגעמאכט איינעם פון דיא ערגסטע און שווערסטע פינאַנץ־קריזיסען. אפילו דיא נאַציאָנאַלע רעגיערונג איז דאַן געווען אין א פינאַנציעלער פערלעגענהייט און האָט אויך געמוזט אָבלייגען דיא צאהלונגען פון דיא נאַציאָנאַלע שולדען, וועלכע זיינען אונגעהייער גרויס געוואָרען דורך דעם בירגער קריעג. א סך מענשען זיינען דאַן רואינירט געוואָרען; אָבער אין עטליכע יאָהר ארום האָבען זיך ווידער אָנגעפאַנגען גוטע צייטען אין דער אינ־דוסטריע און אין האַנדעל פון אונזער רעפּובליק.

יעדענפאַלס האָט דיא פינאַנציעלע פּאַניקע פון 1873 ניט געשטערט צו פּייע־רען דעם 100־יעהריגען יובילעאום פון דער אונאַבהענגיגקייט פון יונייטעד סטייטס אויך מיט א וועלט־אויסשטעלונג. דיעזער גרויסער נאַציאָנאַלער יום טוב איז געפייערט געוואָרען אונטער גראַנט'ס צווייטע פּרעזידענטשאַפט. דיא אויסשטעלונג, וועלכע איז אַראַנזשירט געוואָרען אין פערמאָונט פּאַרק, פילאַ־דעלפיא, אין 1876 און אויף וועלכער אַלע ציוויליזירטע נאַציאָנען זיינען געווען פערטראָטען, האָט בעזאָנדערס געצייגט, וואָס פאַר א ריזיגען פּאָרטשריט אונזער

רעפובליק האט געמאכט אין הונדערט יאהר און וויא גרויס עס זיינען דער אונטערנעהמונגס־גייסט און דיא ערפינדערישע פעהיגקייטען פון איהרע בירגער.

וויא פערשטארקט עס זיינען אויך געווארען דיא געפיהלען פון איינינקייט אין גאנצען לאנד, ניט אכטענדיג אויף דעם לאנגען בירגער קריעג און זיינע נאך לענגערע צרה'דיגע נאכוועהענעסען אין דיא זידליכע שטאאטען, האט זיך אויך ארויסגעוויזען ביי אן אנדער פאסירונג אין דעם זעלבען יובילעאום־יאהר. דיא דאזיגע פאסירונג איז געווען דיא ערוועהלונג פון רוטהערפארד העיז אין 1876 אלס פרעזידענט. ער איז אפילו געווען דער קאנדידאט פון דער זיעגרייכער רעפובליקאנישער פארטיי, דאך האט ער געקראגען בלויז מיט איין עלעקטאראל וואוט מעהר פאר זיין געגנער, סעמיועל טילדען, דעם קאנדידאט פון דער בעזיעגטער דעמאקראטישער פארטיי.

דיא דעמאקראטען האבען גע'טענה'ט, אז מען האט זיי בעשווינדעלט, אז אין דער ווירקליכקייט האט זייער קאנדידאט געקראגען דיא מאיאריטעט. אזא שטרייט־פראגע איז נאך ניט פארגעקומען זייט אונזער רעפובליק עקזיסטירט און וועט אויך קיינמאל ניט פארקומען אין דער צוקונפט, ווייל מען האט שפעטער אנגענומען געוויסע פונקטען געגען אזעלכע פלאנטערס ביי דיא וואהלען פון א פרעזידענט. דאן האט עס אזוי אויפגערעגט דאס גאנצע פאלק, בעזאנדערס דיא זידליכע שטאאטען, אז מען האט אנגעפאנגען זיך צו שרעקען פאר א נייעם בירגער קריעג. גליקליכערווייזע איז מען אבער נאר אבגעקומען מיט'ן שרעק. דער געפעהרליכער שטרייט האט זיך געענדיגט בשלום דורך א בעשלוס פון קאנגרעס, אז מען זאל דיא ענטשיידונג איבערלאזען צו א ספּעציעלער עלעקטאראל קאמיסיאן, וועלכע איז בעשטאנען פון 10 מיטגלידער פון קאנגרעס און פון 5 ריכטער פון יונייטעד סטייטס סופרים קארט, דעם העכסטען געריכט אין אונזער רעפובליק. דיעזע קאמיסיאן האט מיט 8 שטימען געגען 7 ענטשיעדען צו גונסטען פון דעם רעפובליקאנישען קאנדידאט.

דער עולם האט זיך דאן בערוהיגט, און אזוי וויא פרעזידענט העיז האט גראדע געזוכט צו קריגען חן אין דיא אויגען פון דיא סאטהערנערס, האט ער טאקע געקענט פיעל גוטעס אויפטהאן פאר'ן לאנד. איינער פון דיא ערשטע און וויכטיגסטע אקטען פון זיין פרעזידענטשאפט איז געווען צוריקצורופען פון די זידליכע סטייטס דיא סאלדאטען פון דער יונייטעד סטייטס ארמעע, וועלכע זיינען דארטען אנגעהאלטען געווארען דיא גאנצע צייט פון דער "רעקאנסטראקשאן", אום דיא בעזיעגטע זאלען בעסער פאלגען דיא בעשליסע פון קאנגרעס און אויספיהרען דיא קאנסטיטוציאנעלע אמענדמענטס מכח דיא בעפרייטע שקלאווען. פרעזידענט העיז האט ערקלערט, אז דיא וואונדען פון דעם בירגער קריעג וועלען קיינמאל ניט פערהיילט ווערען, אויב מען וועט ניט אויפהערען צו קאמאנדעווען אין דיא זידליכע סטייטס דורך בעפעהלען פון וואשינגטאן.

אזוי האָט זיך עס טאַקע אויסגעלאָזען; אָבער דיא רעזולטאַטען דערפון זיינען געווען זעהר טרויעריגע פאר דיא "פריעדמען". אזוי שנעל וויא דיא יונייטעד סטייטס סאָלדאַטען האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער סאוטה, האָבען דיא ווייסע פערבאַפּט מיט געוואַלט דיא פּאָליטישע מאַכט אין דיא לעדזשיסלייטשורס און האָבען פערקירצט דיא בירגער־רעכטע און אפילו דיא לעבענס פון דיא געוועזענע שקלאַווען. מען מעג בכלל זאָגען, אז דיא פעראייניגונג צווישען דיא נאָרדליכע און זידליכע שטאַאַטען איז אַלץ פעסטער געוואָרען, וואָס וויי־נער דיא ווייסע האָבען זיך געקימערט וועגען דיא פּאָליטישע רעכטע פון דיא שווארצע.

דער נעכסטער פּרעזידענט, דער צוואַנציגסטער זייט דזשאָרדזש וואשינגטאָן, איז געווען דזשעימס א. גאַרפיעלד, וויעדער א רעפּובליקאַנער. נאָר א מער־דערישע האַנד האָט געמאַכט א סוף פון זיין לעבען זעקס מאָנאַט נאָך זיין אינאָגורייישאָן אָדער אינסטאַלירונג אין 1881. ער איז דערשאָסען געוואָרען פון א געוויסען גיטאָ, וואָס איז געווען אונ־צופריעדען, ווארום מען האָט איהם ניט געגע־בען א רעגיערונגס־שטעלע. דאַן איז וויים־פּרעזידענט אַרטהור, אויך א רעפּובליקאַנער, געבליבען פּרעזידענט ביז צו ענדע פון דעם גע־זעצליכען טערמין אין 1885.

דזשעימס גארפיעלד.

אזוי זיינען פאַריבער 20 יאָהר זייט דעם טראַגישען טויט פון אייבערעהעם לינקאָלן און דעם סוף פון בירגער קריעג. אין דיזען פינפ־טעל יאָהרהונדערט איז דיא רעגיערונגס־מאַכט געלעגען אין דיא הענד פון דער רעפּובליקאַ־נער פּאַרטיי, ווייל זיא האָט ניט נור גערע־טעט דיא רעפּובליק פון א צערשפּליטערונג דורך דיא נעגער־שקלאַווערײ און דיא פּרע־טענזיעס פון דיא זידליכע שטאַאַטען צו קענען ארויסטרעטען פון פערבאַנד, ווען זיי וועלען עס נאָר אַזוי בעשטימען; זאָנדערן זיא האָט אויך פערטראָטען דיא פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שטרעבונגען פון אַמעריקאַנער פאָלק. נאָר בּיסלעכוויוז איז אַלץ געשטיגען דיא אונצופריעדענהייט מיט איהר פּאָליטיק און ספּעציעל מיט איהרע צו הויכע טאַריפען און אָבצאָהלונגען אויף סחורות פון אויסלאַנד. מיר ווייסען שוין, אז דיא נאָרדליכע שטאַאַטען האָבען איינגעפיהרט א שטאַרקע פּראָטעקציאָן פאַר זייערע נײ־געבאָרענע אינדוסטריען געגען דעם ווילען פון דיא זידליכע שטאַאַטען; אָבער אין אונזערע צייטען, ווען דיא אַמעריקאַנער אינדוסטריע איז אַזוי ריזיג אויפגעוואַקסען, אז מיט פיעלע אַמע־

דיקאַנער סחורות קען מען שוין קאָנקורירען אפילו אין אייראָפּאַ גופא, ווערט אַלץ גרעסער דער פערלאַנג וויינינגסטענס פאַר דיא פערקלענערונג פון דיא טאַריפען.

דאָס האָט שליסליך געפיהרט דערצו, אַז אין 1884 איז אַ דעמאָקראַטישער פרעזידענט ערוועהלט געוואָרען, נעמליך: גראָווער קליוולענד. איינע פון זיינע וויכטיגסטע אויפטואונגען איז געווען דיא פערבעסערונג פון דער זאָגענאַנטער "סיוויל־סערוויס רעפאָרם", וועלכע מען האָט אָנגעפאַנגען ערנסט נאָכדעם וויא דער רעפּובליקאַנער פרעזידענט גאַרפיעלד איז דערשאָסען געוואָרען אין 1881 פון אַן אונצופריעדענעם אָפיס־זוכער.

גראַווער קליוולענד.

דיא סיוויל־סערוויס (בירגער־דיענסט) רעפאָרם בעשטעהט אין דעם, דאָס דיא רעגיערונגס־בעאַמטע דאַרפען אויסהאַלטען געוויסע עקזאַמענס, אום צו קענען קריגען שטעלען. דער צוועק דערפון איז ניט נאָר צו האָבען פעהיגערע און פּאַסענדערע בעאַמטע, זאָנדערן אָנצוהאַלטען מעהר עהרליכקייט אין דיא רעגיערונגס־קרייזען און אַוועקצונעהמען ביי דיא מיטגליעדער פון קאָנגרעס און ביי איינפלוסרייכע פּאָליטיקער זייער מעגליכקייט צו פערשאַפען שטעלען פאַר זייערע פערוואַנדטע, פריינדע און העלפערס. דאָס איז געווען אַ העכסט וויכטיגער שריט אין דעם קאַמפף געגען דיא זאָ־גענאַנטע "ספּאָיל (רויב)־סיסטעם", דאָס הייסט: געגען דעם אַלטען מנהג צו פערטהיילען דיא רעגיערונגס־שטעלען נאָר צווישען דיא אנהענגער און נאָכשלעפּער פון דער זיעגרייכער פּאַרטיי.

ביי דיא נעכסטע וואַהלען איז אָבער דיא רעפּובליקאַנער געלונגען צו ערוועהלען זייער פרעזידענט אין דער פּערזאָן פון בענדזשאַמין העריסאָן, אַן אור־אייניקעל פון דעם גענעראַל העררריסאָן, וועלכער איז געווען פרעזידענט אין 1841. אונטער זיין אַדמיניסטראַציאָן האָבען דיא רעפּובליקאַנער דורכגעפיהרט אין 1890 דעם זאָגענאַנטען "מעקינלי טאַריף־ביל", וועלכער האָט בעשטימט אַזעלכע הויכע טאַריפען, אַז דאָס האָט אַרויסגערופען אַן אונצופריעדענהייט אפילו אין דיא נאָרדליכע שטאַאטען און האָט שליסליך געפיהרט צו אַ צווייטען זיעג פון דעמאָקראַטישען פרעזידענט־קאַנדידאַט גראָווער קליוולענד אין 1892.

דער "מעקינלי טאַריף־ביל" איז דאַן געענדערט געוואָרען נאָך אַ לאַנגען און ביטערען פּאַרטיי־שטרייט אין קאָנגרעס (אין 1894). מען האָט איינגע־

פיהרט דעם זאָ־גענאַנטען "ווילסאָן טאַריף־ביל", וועלכער האָט פערקלענערט דורכשניטליך דיא אָבצאָהלונגען אויף 25 פּראָצענט. האָלץ, וואָל און זאַלץ זיינען געשטעלט געוואָרען אויף דער "פרייער ליסטע", דאָס הייסט: מען האָט געמעגט אימפּאָרטירען דיעזע אַרטיקלען אָהן שום אָבצאָהלונגען. אין דעם זעלבען ביל האָט מען אויך אַריינגעשטעלט אַ זעהר וויכטיגען פּונקט געגען דיא "טראָסטס" אָדער גרויסע קאָמבינאַציאָנען פון קאַפּיטאַל צו קאָנטראָלירען דיא אינדוסטריען און דעם האַנדעל און צו בעשרענקען אַזוי דיא פרייע קאָנקורענץ.

גענעראַל וויליאַם הערריסאָן, פּרעזי־דענט אין, 1841.



בענדזשאַמין הערריסאָן, פּרעזידענט פון 1889 ביז 1893.

נאָר דער דאָזיגער טאַריף־ביל האָט נאָך וועניגער צופריעדענגעשטעלט דאָס פאָלק, וויא דער מעקינלי טאַריף־ביל. אין 1893 האָט גראַדע אויסגעבראָכען אַן אינדוסטריעל'ער קריזיס. אַ סך פאַבריקען זיינען געשלאָסען געוואָרען, און מאַסען אַרבייטער זיינען געבליבען אָהן בעשעפטיגונג.

איידער מען האָט אָנגעפאַנגען צו פיהלען דעם ביטערען קריזיס פון 1893, האָט עס אויסגעזעהען גאָר יום־טוב'דיג. מען האָט גראַדע געפייערט דעם 400־יעהריגען יובילעאום פון דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ דורך קריסטאָפער קאָלומבוס. אין שיקאַגאָ איז לכבוד דיעזען גרויסען יום טוב געווען אַ גרויסע און גלענצענדע וועלט־אויסשטעלונג, וועלכע איז ערעפענט געוואָרען פון פּרעזידענט קליוולענד.

נאָר אַן עקאָנאָמישען קריזיס איז שווער, אויב ניט אונמעגליך אָבצוהאַלטען מיט קינסטליכע מיטלען, דאַרונטער אויך מיט וועלט־אויסשטעלונגען. דיא "שלעכטע צייטען" זיינען געקומען אין 1893 דורך עקאָנאָמישע אורזאַכען,

וויא דיא פריהערדיגע אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע קריזיסען אין אונזער לאַנד אָדער אין אייראָפּעאישע לענדער און וויא דער שפּעטערדיגער, דערוויילע דער לעצטער קריזיס, נעמליך: דיא פינאַנציעלע פּאַניקע אין 1907 בשעת טהעאָ־דאָר רוזוועלט איז צום צווייטען מאָל געווען פּרעזידענט.

אָבער דיא מאַסען פון פאָלק האָבען געגלויבט, אַז אין יענעם קריזיס איז נאָר שולדיג געווען דיא דעמאָקראַטישע אדמיניסטראַציאָן מיט איהר ווילסאָן טאַריף־ביל. דארום האָבען טאַקע אַ סך בירגער געשטימט ביי דיא נעכסטע פּרעזידענט־וואַהלען געגען דיא דעמאָקראַטען, אָבגעזעהען פון אירגענד וועלכע אַנדערע לאַנד־פראַגען אָדער "אישוס", וויא מען רופט עס אויף דעם פּאָליטישען לשון אין יונייטעד סטייטס. נאָך עד היום איז צוליעב דעם זעהר שטאַרק פערבּרייטעט אַ גלויבען אין אַמעריקאַנער פאָלק, אַז אונטער אַ דעמאָקראַטישער אַדמיניסטראַציאָן מוזען קומען שלעכטע צייטען אָדער קריזיסען אין דיא גע־שעפטען.

נאָר צו ענדע פון קליוולענד'ס צווייטע פּרעזידענטשאַפט האָט עס זיך בע־זאָנדערס געקאָכט אין גאַנצען לאַנד מיט אַן אַנדער פראַגע — מיט דער בעריהמ־טער זילבער־געלד־פראַגע, "דהי פרי־סילווער אישו". דיא דעמאָקראַטישע פּאַר־טיי האָט שליסליך אריינגענומען אין איהר פּראָגראַם אָדער פּלאַטפאָרם דיא פאָרדערונג פון אַ ראַדיקאַלער דריטער פּאַרטיי, וועלכע האָט געקראָגען דעם נאָמען "פּיפּלס (פאָלקס) פּאַרטיי", און אויך פון מאַנכע וועסטליכע סטייטס, דאָס מען זאָל ערלויבען יעדען איינעם צו בעקומען פּאַר זיין זילבער אַזוי פיעל זילבערנע דאָלערס, וויפיעל עס וועט וועגען לויט נאָך דער געזעצליך בעשטימטער פּראָפּאָרציע פון "סיקסטין טו וואָן", דאָס הייסט 16 אונציעס אָדער פונט זילבער פאַר איין אונציע אָדער איין פונט גאָלד.

דער מאַרקעט־פּרייז פון דעם מעטאַל זילבער איז אָבער דאַן בעדייטענד קלענער געווען וויא לויט דיעזער פּראָפּאָרציע. דיא וואָג פון זילבער אין אַ זילבערנעם דאָלאַר איז אין דער ווירקליכקייט ניט ווערטה געווען אפילו אַ העלפט (דאָס הייסט, ניט מעהר פון 50 סענט) אין גאָלד. נאָר דיא אָנהענגער פון דער פרייער זילבער־געלד מאַכעריי האָבען זיך איינגערעדט און אויך גע־וואָלט איינרעדען דיא מאַסען פון אַמעריקאַנער פאָלק, אַז מען קען קינסטליך, דורך געוויסע געזעץ־פּראָיעקטען, הויבען דעם פּרייז פון זילבער.

אַלס איהר קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט און קעמפּפער פאַר "פרי סילווער" האָט דיא דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט אין 1896 דעם זעהר טאַלענט־פאָלען רעדנער וויליאַם דזשענינגס ברייען פון סטייט נעבראַסקאַ.

דיא רעפּובּליקאַנישע פּאַרטיי האָט זיך ערקלערט געגען "פרי־סילווער" און נאָר פאַר דעם "גאָלד סטענדערד" (דאָס מיינט, אַז נאָר גאָלד זאָל זיין די מאָס פון געלד). דערפאַר האָבען דיא רעפּובּליקאַנער דאַן געקראָגען דיא צונעמענעס

"גאָלד באָגס". זייער קאנדידאט פאר פרעזידענט איז געווען וויליאם מעק־קינלי, דער פאטער פון דעם בעריהמטען טאריף־ביל, וועלכער האט געטראגען זיין נאָמען.

דער קאמפף פאר, זאָ צו זאָגען, "ביליגע געלד" איז ניט געווען א נייער אין 1896. דיא אייגענטהימער פון דיא זילבער־מינען אין דיא וועסטליכע שטאאטען און טעריטאָריעס האבען שוין אין דיא 70־ער יאהרען זיך אָנגעכאפט אָן דיא איינגעבילדעטע גליקען פון "פרייע און אונבעשרענקטע זיל־בער־געלד". עס האט זיך דאן גערודערט אין לאנד מיט זילבער־דאָלערס, וועלכע מען האט גערופען "דיא דאָלארס פון אונזערע פאָטערס", נאָך אפשר מעהר, וויא אין 1896 בשעת ברייען איז צום ערשטען מאָל "געלאָפען" פאר פרעזידענט פון יונייטעד סטייטס און איז שיער ניט ערוועהלט געוואָרען.

אין 1874 איז אויפגעקומען א נייע פּאָליטישע פארטיי, וועלכע איז פער־צייכענט געוואָרען אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס מיט'ן נאָמען "גרינבעק פארטי". דאס מיינט אייגענטליך "אסיגנאציע־פארטיי". אין דער צייט פון דעם בירגער קריעג האט דיא רעגיערונג ארויסגעלאָזען א מאסע אסיג־נאציעס, אום דערמיט צו קענען צאָהלען שולדען. דיא דאָזיגע אסיגנאציעס האט מען גערופען "גרינבעקס", ווייל זייערע, זאָ צו זאָגען, רוקענס זיינען געווען געדרוקט מיט גרינע פארב. זייער קורס אָדער זייער ווערטה אין גאָלד איז נאַטירליך אָלץ מעהר געפאלען, וואס מעהר דיא רעגיערונג האט זיי געדרוקט. ארום 1864 האט מען געמוזט געבען דריי "גרינבעקס" פאר איין גאָלד־דאָלאר.

קורץ, עס האט זיך אין יונייטעד סטייטס ווידערהאָלט דיא זעלבע געשיכטע מיט אסיגנאציעס, וויא אין אנדערע לענדער. דיא געשיכטע פון פינאנצען איז פול מיט ביישפּיעלען, וויא רעגיערונגען האבען אליין ארויסגערופען פינאנציעלע קראכען, ווייל זיי האבען ניט געוואָלט זיך רעכענען מיט דיא עקאָנאָמישע געזעצע און האבען געמיינט, אז זיי קענען קינסטליך אָנהאלטען זייער געפאלענעם קרעדיט און פשוט "שאפען" געלד. מען דארף קיין מאָל ניט פערגעסען, אז דער שטעמפּעל פון א רעגיערונג אויף אָן אסיגנאציע קען ניט האבען א געלד־ווערטה זאָלאנג דיא רעגיערונג האט ניט גענוג גאָלד אויסצוקויפען צו יעדער צייט איהרע קרעדיט־פאפּיערען. זאָל, למשל, דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס היינט אויפהערען אויסצובייטען פאפּיער־געלד אויף גאָלד, וועלען אלע אונזערע פאפּיערענע דאָלארס באָלד פערלירען אירגענד וועלכען ווערטה.

נאָר נאָך דעם גרויסען קריזיס פון 1873, וועלכער איז שוין אויבען דער־מאָהנט געוואָרען, האט עס אזוי געקראכט, אז מען האט זיך איינגעבילדעט, דאס מיט אסיגנאציעס וועט מען קענען שנעלער פטור ווערען פון זיינע נאָכ־וועהענעסען. איינער פון דיא פונקטען פון דער פּלאטפאָרם אָדער פּראָגראם פון דער "גרינבעק פארטי" האט געלויטעט, אז דיא נאציאָנאלע רעגיערונג זאָל

ארויסלאָזען אסיגנאציעס, "בעגרינדעט אויף דעם עהרען־וואָרט און אויף דיא רעסורסען פון דער נאציאָן". דאָס וואָלט געווען אויסגעצייכענט, ווען אויך אויסלענדער וואָלטען זיך דארויף פערלאָזען און וואָלטען אָנגענומען אזעלכע אסיגנאציעס פונקט וויא גאָלד.

אין זומער פון 1876 האָט דיעזע זעהר קוריעזע פארטיי אָבגעהאלטען א קאָנווענציאָן אין אינדיאנאפאָלים און האָט נאָמינירט איהרע אייגענע קאנדי־דאטען פאר פּרעזידענט און וויים־פּרעזידענט (זיי האָבען דאן געצויגען קנאָפּע 82 טויזענד שטימען). נאָכהער האָבען זיך דיא "גרינבעקערס" פעראייניגט מיט א געוויסער "לייבאָר רעפאָרם פארטי", וועלכע האָבען צוזאמען געצויגען אין 1878 ביז צו א מיליאָן שטימען און האָבען אויסגעוועהלט 14 פערטרעטער אין קאָנגרעס.

אין דיא 80־ער יאָהרען איז דיא "גרינבעק פארטי" צופאלען געוואָרען. נאָר א גרויסער טהייל פון איהרע מיטגליעדער איז צוגעשטאנען צו דער אויבען דערמאָנטער "פּיפּלס פארטי", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1891 און וועלכע איז עס צוזאמענגעשמאָלצען געוואָרען מיט דער דעמאָקראטישער פארטיי אין 1896, ווען ברייען איז נאָמינירט געוואָרען פאר פּרעזידענט מיט דעם זיל־בערנעם קריעגס־געשריי: "סיקסטין טו וואַן".

מיר זעהען אלזאָ, אז דער קאמפף פאר "פרי סילווער מאָני" אָדער בכלל פאר "ביליגע געלד", צי אין דער געשטאלט פון אסיגנאציעס צי אין דער גע־שטאלט פון זילבערנע דאָלארס, האָט זיך געצויגען א פערטעל יאהרהונדערט. עס קען זיין, אז ער וואָלט שטילערהייט אויסגעגאנגען, ווען אין 1893 וואָלט ניט פאסירט אַן אַנדער עקאָנאָמישער קריזיס. דאָס האָט אָבגעלעבט דיא אמאָליגע "גרינבעקערס" און בכלל דיא יעניגע, וואָס האָבען זיך ניט געוואָלט בוקען צום "גאָלדענעם קרייץ" אָדער צו דער "גאָלדענער קאלב", וויא מען האָט דאן גערופען דעם "גאָלד סטענדערד". זיי האָבען דאן אָנגעפאנגען צו פאָדערען, אז מען זאָל פּרעגען אָדער שטעמפּלען זילבער־דאָלארס אין דער פּראָפּאָרציע פון "16 צו 1" גאָר אָהן שום גרענעץ — אָט וויפיעל זילבער איינער זאָל ניט ברייננגען אין דער יונייטעד סטייטס טרעזשורי (שאַץ־אמט, קאזנא), זאָל מען איהם גלייך אָבצעהלען זילבערנע דאָלארס נאָך דער וואָג פון זיין זילבער (אראָפּרעכענענדיג נאטירליך א גאנץ קליינעם פּראָצענט פאר דיא קאָסטען פון שמעלצען און שטעמפּלען דיא זילבערנע דאָלארס).

דער רעזולטאט פון דיא וואהלען אין 1896 איז געווען, אז דיא "גאָלד באָגס" אָדער דיא רעפּובליקאנער צוזאמען מיט דיא "גאָלד־דעמאָקראטען" אָדער קליוולענדיסטען האָבען בעזיעגט דיא "זילבער־דעמאָקראטען" אָדער ברייענים־טען. דיא "פרי־סילווער" בעוועגונג איז זייט דאן אלץ שוואכער געוואָרען, און

היינט איז זיא שוין, מעג מען זאָגען, אין גאַנצען אָבגעשטאָרבען און אויך בע־גראָבען געוואָרען. גאָלד זיצט אליין אויף דעם געלד־טראָן אזוי פעסט אין אונ־זער רעפּובליק, וויא אין ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד און בכלל אין אלע ציוויליזירטע לענדער. זילבער איז היינט ניט מעהר יחסן פאר אירגענד וועלכע אנדערע סחורות אויף דעם וועלט־מארקעט. דיא אלוועלטליכע מאָס פון געלד איז נור גאָלד.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

פון דער מלחמה מיט שפּאַניען ביז אונזערע טעג

צו דער צייט, ווען וויליאם מעק־קינלי איז געוואָרען פּרעזידענט, האָט עס זיך אויך גערודערט אין גאַנצען לאַנד מיט אַן אויפשטאַנד אין קובאַ געגען דיא שפּאַנישע הערשאַפט. דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק האָט אין העכסטען גראַד סימפּאַטיזירט מיט דיא קובאַנער, וועלכע האָבען יאָהרען לאַנג געפיהרט אַן אונגלייכען קאַמפּף מיט דיא שפּאַניער. דערצו נאָך האָבען דיא האַנדעלס־אינטערעסען פון אונזער רעפּובליק זעהר פיעל געליטען דורך דיא שטענדיגע אונרוהען און בלוט־פערגיסונגען אויף דיעזען גרעסטען און רייכסטען פון אַלע וועסט־אינדישע אָדער אַנטילען אינזלען. פיעלע צוקער־פּלאַנטאַציעס, וועלכע האָבען געהערט צו אַמעריקאַנער בירגער און קאָמפּאַניעס, זיינען אויך פערניכטעט געוואָרען דורך דעם אויפשטאַנד.

וויליאם מעק־קינלי.

דיא לאַגע פון קובאַ איז צו ענדע פון 19טען יאָהרהונדערט געוואָרען אַזאַ שרעקליכע, אַז דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאַאַטען האָט זיך געמוזט אריינמישען אין נאָמען פון מענשליכקייט, פון אָרדנונג און פון דיא אינטערעסען פון האַנדעל און אינדוסטריע. וואָס לענגער דער אויפשטאַנד האָט זיך געצויגען אין קובאַ, איז אַלץ קלאָרער געוואָרען, אַז ער וועט זיך ענדיגען אָדער מיט דער בעפרייאונג אָדער פּשוט מיט דער אויסראָטונג פון קובאַנער פאָלק.

ארום 1898 האָט עס גראָדע געהאַלטען דערביי, אַז דיא שפּאַנישע אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר ווייַלער וועט טאַקע אויסראָטען דיא גאַנצע בעפעלקערונג, מייסטענס נעגערן און מולאַטען.

דער קאמפף איז געפיהרט געווארען מיט ווילדע רציחות פון ביידע זייטען. דיא קובאנער רעוואלוציאנערען האבען געשווארען, אז זיי וועלען ניט אוועקליינגען דיא געוועהר ביז זיי וועלען ניט פעריאגען דיא שפאנישע טיראנען און רינדרען אן אונאבהענגיגע רעפובליק, און דיא שפאנישע רעגיערונג האט זיך מיט א בלינדען צארן איינגעשפארט ניט נאכצוגעבען אפילו גאנץ מעסיגע פארדערונגען וועגען זעלבסט־פערוואלטונג. דיא שפאניער האבען ניט געזעהן אדער ניט געוואלט זעהען אין זייער עקשנות, אז זיי וועלען שליסליך פערלירען קובא אזוי וויא זיי האבען פערלארען אלע אנדערע זייערע קאלאניעס אין דער נייער וועלט, אויב זיי וועלען ניט בעצייטענס נאכגעבען.

אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט האט שפאניען נאך אנגעהאלטען איהר ריזיגע קאלאניאלע אימפעריע אין דער נייער וועלט. דיא שפאנישע מלכים פלעגען זיך בעריהמען, אז אין "זייער קאלאניאלער אימפעריע געהט דיא זון קיינמאל ניט אונטער", אזוי וויא אין אונזערע צייטען בעריהמען זיך דיא ענגלענדער מיט זייער קאלאניאלער אימפעריע. דאס איז טאקע געווען ריכטיג. נאר אין א קורצער צייט האט שפאניען פערלארען איין קאלאניע נאך דער אנדערער אין דער נייער וועלט, אלץ ווייל איהרע הערשער האבען ניט פערשטאנען, וויא צו בעפרידיגען דיא גערעכטע פארדערונגען פון דיא קאלאניסטען. זיא איז געבליבען בלויז מיט דיא אינזלען קובא און פארטא ריקא אין דער נייער וועלט און מיט דיא פיליפינען אין אזיען, ווייל דיא בעפעלקערונגען דארטען האבען אליין ניט געקענט ארונטערשליידערען פון זיך דעם שפאנישען יאך.

וואס אנבעלאנגט צו קובא, זא האט מען אין יונייטעד סטייטס שוין פון לאנג געקוקט אויף דיעזען "פערל פון דיא אנטילען", וויא אויף א טהייל פון אונזער רעפובליק. אין 1845 האט דיא אמעריקאנער רעגיערונג פארגעשלאגען 100 מיליאן דאלאר דער שפאנישער רעגיערונג פאר קובא. דיא זידליכע שטאאטען האבען דאן געוואלט אריינקריגען דיעזען אינזעל, וואס איז אזוי גרויס וויא פענסלווייניא, אום דורך דעם צו פערשטארקען זייער פאזיציאן געגען דיא נארדליכע שטאאטען און בכלל געגען דיא אבאליציאניסטען. דיא שפאנישע רעגיערונג האט זיך אבער ענטשיעדען ענטזאגט פון דיעזען מסחר. פון דיא זידליכע שטאאטען האט מען נאכהער ארויסגעשיקט עטליכע געהיימע עקספעדיציעס אין קובא, אום ארויסצורופען אן אויפשטאנד געגען דיא שפאנישע הערשער און אזוי צו פערכאפען דעם אינזעל. אבער דאס איז דאן ניט געלונגען. דיא נארדליכע שטאאטען זיינען יעדענפאלס געווען ענטשיעדען געגען אן אבקויפונג אדער פערכאפונג פון קובא, ווייל זיי האבען ניט געוואלט פערשטארקען דיא שווארצע שקלאווערייא אין יונייטעד סטייטס.

אין 1868 האט אויסגעבראכען א בעזאנדערס גרויסער אויפשטאנד אין

קובא. אבוואהל דער דאזיגער אויפשטאנד האט זיך געצויגען א יאהר צעהן, האט זיך אונזער רעפובליק פערהעלטניסמעסיג ווייניג אריינגעמישט דאן, ווייל זיא האט געהאט גענוג אייגענע צרות נאך דעם בירגער קריעג. נאר צום סוף פון לעצטען יאהרהונדערט האט דיא אמעריקאנער נאציאן אנגעפאנגען אלץ שאר־פער צו פארדערען, אז מען זאל זיך אריינמישען און ענדליך אין גאנצען בע־פרייען קובא, ווען עס וועט אפילו אויסקומען צו פיהרען דעריבער א מלחמה מיט שפאניען.

פרעזידענט מעק־קינלי האט אויך זעהר שטארק סימפאטיזירט מיט דיא קובאנער, אבער ער האט דאך ניט געוואלט נעהמען אויף זיך דיא שווערע פער־אנטווארטליכקייט פאר א מלחמה אפילו מיט אזא שוואכער אייראפעאישער מאכט וויא שפאניען. ער האט אלץ געהאפט, אז מען וועט וויא עס איז קענען קומען צו א פערשטענדיגונג מיט דער שפאנישער רעגיערונג פון איין זייט און מיט דיא קובאנער רעוואלוציאנערען פון דער אנדער זייט. ער האט גערעכענט, אז דיא שפאנישע רעגיערונג וועט שליסליך צושטימען, דאס קובא זאל קריגען אטאנאמיע. עס איז זעהר מעגליך אז קובא וואלט נאך ביז היינט צו טאג געבליבען א שפאנישע קאלאניע, אויב דיא שפאנישע רעגיערונג וואלט בעצייי־טענס געפאלגט דעם גוטען ראטה פון דער אמעריקאנער רעגיערונג; אבער גראדע האט געטראפען עטוואס גאנץ אונגעוועהנליכעס, וואס האט צוקלאפט אלע פריעדליכע רעכנונגען און געטריבען צו א מלחמה מיט דער קראפט פון א וויל־דען שטורמווינד.

דאס איז געווען דיא עקספלאזיאן פון דער אמעריקאנער שלאכט־שיף "מעין" אין דעם האפען פון האוואנא אין דער נאכט פון 15טען פעברואר 1898.

צוויי אפיצירען און 264 מאטראזען זיינען אומגעקומען בשעת דיעזע שיף איז אויפגעריסען געווארען און איז געזונקען. וועגען דיא אורזאכען פון דיזער עקספלאזיאן האבען געהערשט פערשיעדענע מיינונגען. פון דער אמעריקאנער זייט האט מען בעהויפטעט, אז דיא "מעין" איז אויפגעריסען געווארען דורך א טארפעדא אדער באמבע פון דרויסען, און פון דער שפאנישער זייט האט מען בעהויפטעט, אז דיא עקספלאזיאן איז געקומען פון **אינעווייניג**, דורך עפעס אן אינערליכע סבה. דיא וואשינגטאנער רעגיערונג האט דאן געשיקט א ספעציעלע קאמיסיאן פון עקספערטען נאכצופארשען אויף'ן ארט דיא ריכ־טיגע אורזאכען פון דעם שוידערליכען אונגליק, און דער רעזולטאט איז גע־ווען, אז דיעזע קאמיסיאן האט שליסליך ערקלערט, דאס דיא "מעין" איז צור־שטערט געווארען דורך אן עקספלאזיאן פון א **מינע אונטער'ן וואסער**. דיא שפאנישע רעגיערונג האט עס ענערגיש געלייקענט און האט פארגעשלאגען, אז מען זאל אויסקלייבען אן **אינטערנאציאנאלע** קאמיסיאן פון מיליטערישע איני־זשעניערען און עקספערטען פאר דיעזע אונטערזוכונג; אבער אונזער רעגיערונג

האָט זיך ענטזאָגט פון דיעזען פאָרשלאַג, ערקלערענדיג אַז זיא פערלאָזט זיך אויף איהרע אייגענע עקספּערטען.

יעדענפאַלס, וועלכע אורזאַכען עס האָבען ניט ארויסגערופען דיא עקספּלאָזיאָן פון דער שלאַכט־שיף "מעין", האָט עס זיך אָבגערופען מיט אַ גוואַלדיגען שטורם פון צאָרן אין גאַנץ יונייטעד סטייטס געגען שפּאַניען. פון אַלע זייטען האָט מען געפאָדערט ראַכע פאַר דיא אָפּפער פון דער "מעין" און געשריען: "רעמעמבער דהי מעין! ניעדער מיט דער שפּאַנישער הערשאַפט אין דער נייער וועלט! עס לעבע דיא פרייע קובאַ!" מען האָט זיך געריסען צו געהן אין קריעג געגען שפּאַניען. אַזאַ קריעגערישער שטראָם האָט שליסליך אויך מיטגעריסען פּרעזידענט מעק־קינלי און אַלע זיינע ראַטהגעבער, וועלכע האָבען נאָך אַלץ געהאָפט צו קומען וויא עס איז צו אַ פריעדליכען אָבמאַך מיט שפּאַניען מכח קובאַ.

אדמיראל דיואי.

דעם 25טען אַפּריל 1898 האָט דער קאָנגרעס אָפיציעל ערקלערט קריעג צו שפּאַניען, אום צו בעפרייען קובאַ. דיעזע מלחמה האָט זיך שנעל געענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגער נידערלאַגע פון שפּאַניען. עס איז געווען פשוט אַ משוגעת פון דער שפּאַנישער רעגיערונג ניט נאָכצוגעבען דיא גערעכטע פאָדערונגען פון יונייטעד סטייטס, ווען זיא האָט צו גוט געוואוסט, וויא שוואַך שפּאַניען איז אין יעדען פּרט אין פערגלייך מיט דער מעכטיגער אַמעריקאַנער רעפּובליק. מיט איהר איז טאַקע אויסגעקומען, וויא מען זאָגט: אַז גאָט וויל איינעם בעשטראָפען, מאַכט ער איהם פריהער בלינד.

דיא ערשטע שלאַכט פון דיעזער מלחמה איז גראַדע געשעהען ניט אין אַמעריקאַ, נאָר אין אַזיען. אַ פלאָטע פון 6 אַמעריקאַנער קריעגס־שיפען אונטער דער קאָמאַנדע פון אַדמיראַל דיואי האָט פערניכטעט אַלע שפּאַנישע קריעגס־שיפען אין דעם פּאָרט פון מאַנילאַ, דיא הויפּט־שטאָדט פון דיא פיליפּינער אינזלען. דאָס איז געשעהען דעם 1טען מאַי 1898, פינף טעג נאָך דער קריעגס־ערקלערונג, און דער רעזולטאַט דערפון איז, וואָס אונזער רעפּובליק איז אויך געוואָרען אַ קאָלאָניאַלע אימפּעריע און בעהערשט דיעזע 400 אַזיאַטישע אינזלען, וועלכע פערנעהמען צוזאַמען 40 טויזענד סקוועער מיילען און זיינען בעפעלקערט פון 8 מיליאָן נפשות, מייסטענס פון דער מאַלאַיער ראַסע.

דיא צווייטע און אויך דיא לעצטע שלאַכט אויף'ן ים איז פאָרגעקומען מיט

צוויי מאָנאַט שפּעטער לעבען דיא ברעגען פון קובאַ. דיא בעסטע און נייעסטע פון דיא שפּאַנישע קריעגס־שיפען אונטער דער קאָמאַנדע פון אדמיראַל סערווערא האָבען זיך אריינגעכאַפּט וויא עס איז אין דעם פּאָרט פון סאַנטיאַגאָ, קובאַ, וואו זיי זיינען פערבליבען אונטער דעם שוץ פון דיא דאָרטיגע פעסטונגען ביז דיא אַמעריקאַנער אַרמעע אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל שעפטער האָט געשטורמט דעם בארג סאַן זשואַן און פעריאָגט פון דאָרטען דיא שפּאַנישע סאָלדאַטען. דיא שלאַכט פון סאַן זשואַן (דעם 1טען יולי 1898) איז אייגענטליך געווען דיא איינציגע וויכטיגע יבשה־שלאַכט פון דיעזען קריעג. אַזוי שנעל וויא אַדמיראַל סערווערא איז אַרויס מיט זיינע שיפען פון דעם פּאָרט פון סאַנטיאַגאָ, איז ער אַטאַקירט געוואָרען פון אַמעריקאַנער קריעגס־שיפען אונטער דער קאָמאַנדע פון אַדמיראַל שלעי, וועלכער האָט געהאַלטען דיא שפּאַניער, זאָ צו זאָגען, פערקאָרקעוועט אין דיעזען קובאַנער פּאָרט מיט אַ זעהר שמאָלען אריינפאַהר. אין אַ פּאָר שטונדען זיינען דיא שפּאַנישע שיפען צושטערט געוואָרען, און אַדמיראַל סערווערא האָט זיך געמוזט אונטערגעבען מיט זיינע לעבעדיג געבליעבענע אָפיציערען און מאַטראָזען (דעם דריטען יולי 1898).

דאָס איז געווען דער סוף פון דיעזער אונגלייכער מלחמה. שפּאַניען איז געבליבען אָהן אַ פלאָטע און האָט זיך דארום געמוזט געזעגענען ניט נאָר מיט קובאַ, וועלכע איז טאַקע געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגע רעפּובליק אונטער דעם שוץ פון יונייטעד סטייטס, זאָנדערן אויך מיט פּאָרטאָ ריקאָ (דיא לעצטע שפּאַנישע פּאָסעסיע אין דער נייער וועלט), מיט גואַם (אַ קליינער אינזעל אויף דעם פּאַסיפיק אָקעאַן) און מיט דיא פיליפּינען. קיין קאָנטריבוציע האָט אונזער רעפּובליק ניט פערלאַנגט פון דעם פעראָרימטען שפּאַנישען פאָלק. פאַר דיא פיליפּינען האָט זיא נאָך בעצאָהלט 20 מיליאָן דאָלאַר דער שפּאַנישער רעגיערונג. אָפיציעל האָט עס געהייסען, אַז מען בעצאָהלט פאַר דיא עפענטליכע געביידעס, וואָס שפּאַניען האָט דאָרטען אויפגעבויט אין דער צייט פון איהר לאַנגער הערשאַפט, וועלכע האָט אויך דאָרטען ארויסגערופען שרעקליכע אויפשטאַנדען.

אונזער רעפּובליק האָט אַזוי גע'ירש'עט דיא לעצטע שפּאַנישע קאָלאָניעס. פון דער ריעזיגער שפּאַנישער קאָלאָניאַלער אימפּעריע אין דער נייער וועלט איז נאָר געבליבען אַן אַנדענקען אין דער וועלט־געשיכטע — און דאָס אויך מייסטענס אַ זעהר טרויעריגער. איינער פון דיא וויכטיגסטע רעזולטאַטען פון דיעזער מלחמה, וועלכע האָט אַרויסגעוויזען אויך דיא ריזיגע מיליטערישע מאַכט פון אַמעריקאַנער פאָלק, איז געווען אַ גרויסע ענדערונג אין דער אויסווערטיגער פּאָליטיק פון יונייטעד סטייטס. מען מעג זאָגען, אַז אונזער לאַנד

איז דאן ארויס פון איהרע "ניי־וועלטיגע" גרענעצען, וויא זיי זיינען בעשרענקט געוואָרען פון דער מאָנראָו דאָקטרין.

וויא דאָס איז שוין ערקלערט געוואָרען אין א פאָריגען קאפיטעל, האָט פרעזידענט מאָנראָו אָנגענומען דיא פאָליטיק, וועלכע ווערט אויסגעדריקט אם קורצעסטען און שארפסטען מיט דיא ווערטער: "אמעריקא פאר דיא אמעריקא־נער". נאָך דער דאָזיגער פאָליטיק האָט אונזער רעפובליק שטענדיג געזוכט ניט נאָר צו בעשיצען דיא גאנצע נייע וועלט געגען מעגליכע פערבאפונגען פון דיא אייראָפּעאישע מלוכות, זאָנדערן אויך אויסצומיידען פערדרעהעניסען און אריינמישונגען אין אייראָפּעאישע שטרייטען און אנגעלעגנהייטען.

וויא באלד אָבער אונזער רעפובליק איז אויך געוואָרען א קאָלאָניאלע מאכט אין אזיען, האָט דאָס שוין געמוזט פיהרען צו אן אנדער ווענדונג אין דער וועלט־פאָליטיק, צו א נייער דאָקטרין אין אונזער אויסווערטיגער פאָליטיק. דיא פאָסעסיע פון קאָלאָניעס פאָרדערט נאטירליך גרעסערע מיליטערישע בעוואפ־נונגען, שטארקערע ארמעען און פלאָטען. דיא גרויסמעכטע פון דער אלטער וועלט האָבען זיך זייט דאן צו רעכענען מיט יונייטעד סטייטס ניט בלויז אין דער נייער וועלט, זאָנדערן אויך אין דער וועלט־פאָליטיק בכלל.

דיא אנהענגער פון דער "מאָנראָו דאָקטרין" און בכלל פון דער אלטער אויסווערטיגער פאָליטיק פון יונייטעד סטייטס זיינען גאָר ניט צופריעדען גע־ווען מיט אזא רעזולטאט פון דער זיעגרייכער מלחמה מיט שפאניען. ביי דיא פרעזידענט־וואהלען פון 1900 האָט מען דארום אויך געפיהרט דעם וואהל־קאמפף ארום דעם זאָ־גענאנטען "אימפעריאליזמוס". צו אלע פריהערע אינער־ליכע שטרייטען צווישען דיא צוויי גרויסע פארטייען פון אונזער לאנד, דיא רעפובליקאנישע און דעמאָקראטישע, איז צוגעקומען אן אויסווערטיגער שטרייט. דיא דעמאָקראטישע פארטיי איז ארויסגעטראָטען געגען דיא קאָלאָניאלע פאָ־ליטיק פון דיא רעפובליקאנער און ספעציעל געגען דיא ארט און וויזע, וויא אונזער רעגיערונג האָט בעהאנדעלט דיא פיליפינער רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען אויך אָנגעפאנגען אן אויפשטאנד געגען זייערע נייע הערשער, ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז זיי וועלען ניט קריגען דיא געווינשטע אונאבהענ־גיגקייט. דיא דעמאָקראטען און בכלל דיא אנטי־אימפעריאליסטען האָבען גע־פאָרדערט, אז מען זאָל באלד בעוויליגען דעם פערלאנג פון דיא געבילדעטע פיליפינער צו גרינדען א זעלבסטשטענדיגע רעפובליק. דיא געגנער פון דער נייער אימפעריאליסטישער פאָליטיק האָבען גע'טענה'ט, אז ערגאבערונגען און קאָלאָניאלע פערבאפונגען זיינען א געפאהר פאר דיא עקזיסטענץ פון אונזער פעדעראטיווער דעמאָקראטישער רעפובליק און שטימען אויף קיין פאל ניט מיט דעם גייסט פון אונזער קאָנסטיטוציאָן. זיי האָבען אויך גע'טענה'ט, אז דיא אימפעריאליסטישע פאָליטיק, וועלכע פיהרט צו אינטערנאציאָנאלע פערדרע־

העניסען און פאָרדערט גרעסערע בעוואָפנונגען אויף דער יבשה און אויף'ן ים, אַלזאָ אַ שטאַרקערען מיליטאַריזם, קען נאָך פיהרען צו אַ מאָנאַרכיע אין אונזער לאַנד.

נאָר דיא מאַיאָריטעט פון אַמעריקאַנער פאָלק, וואָס איז געווען העכסט צופריעדען מיט דיא רעזולטאַטען פון דיעזער מלחמה, האָט זיך ניט איבערגעשראָקען פאַר דעם אימפעריאַליזם און האָט ווידער געשטימט פאַר דיא רעפובליקאַנער. וויליאַם מעק־קינלי איז דארום צום צווייטען מאָל ערוועהלט געוואָרען פרעזידענט (אין 1900), אָבער איהם איז ניט בעשערט געווען צו ענדיגען דעם צווייטען טערמין. אַ מערדערישע האַנד האָט געמאַכט אַ סוף פון זיין לעבען אין 1901 בשעת ער האָט בעזוכט דיא פאַן־אַמעריקאַנער אויסשטעלונג אין באָפאַלאָ. דער מערדער איז געווען אַ יונגער אַנאַרכיסט מיט'ן נאָמען לעאָן טשאָלגאָש, וועלכער האָט געשטאַמט פון פוילישע עלטערן, נאָר איז געבאָרען געוואָרען אין יונייטעד סטייטס.

דאָס איז אַלזאָ געווען דאָס דריטע מאָל אין דער קורצער צייט פון דער עקזיסטענץ פון יונייטעד סטייטס, וואָס אַ פרעזידענט איז ערמאָרדעט געוואָרען. לאָמיר האָפען אז דאָס וועט שוין זיין דאָס לעצטע מאָל.

טהעאָדאָר רוזוועלט.

דער וויס־פרעזידענט איז דאַן געווען טהעאָדאָר רוזוועלט, וועלכער איז געוואָרען פאָפולער פאַר זיין אַנטהייל אין דער מלחמה מיט שפאַניען אַלס דער פאָלקאָווניק פון אַ ספעציעלען וואָלאָנטירען־רעגימענט אונטער דעם נאָמען ״ראָף ריידערס״. צוזאַמען מיט זיין רעגימענט האָט ער זיך אויסגעצייכענט אין דער אויבען דערמאָנטער שלאַכט פון סאַן זשואַן לעבען סאַנטיאַגאָ. נאָך דעם אַלגעמיין בעדויערטען טויט פון מעק־קינלי איז ער גלייך, לויט דיא פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן, געוואָרען פרעזידענט. ער האָט ערקלערט, אַז ער וועט פאָרטזעצען דיא אינערליכע און אויסווערטיגע פּאָליטיק פון זיין פאָרגענגער, און אַזוי איז עס טאַקע אָנפאַנגס געווען.

דאָס לאַנד איז דערווייל אַלץ געוואַקסען אין בעפעלקערונג און אין רייכטהום. דיא געלד־פראַגע, וועלכע איז געווען דיא ברענענדיגסטע אין גאַנצען לאַנד ביי דיא פרעזידענט־וואַהלען אין 1896, איז אַראָפּ פון דער פּאָליטישער פּלאַטפאָרמע מיט אַ יאָהר 4 שפּעטער, ווען דיא הערשענדע רעפּובליקאַנישע

פארטיי האָט שליסליך דורכגעפיהרט אין קאָנגרעס, אז נאָר גאָלד זאָל אָנערקענט ווערען אין יונייטעד סטייטס אלס דיא מאָס פון געלד (גאָלד־סטענדערד).

וואָס אנבעלאנגט צו דער שטענדיגער שטרייט־פראגע מכח א שוץ־צאָל אָדער פראָטעקטיוו טאריף, איז זיא דאן גראדע בעזאָנדערס איינגעשטילט געוואָרען דורך דעם זאָ־גענאנטען "דינגלי טאריף־ביל". דער דאָזיגער טאריף־ביל איז איינגעפיהרט געוואָרען אויף דעם פלאץ פון דעם אויבען־דערמאָנטען ווילסאָן טאריף־ביל אונטער דער צווייטער פרעזידענטשאפט פון גראָווער קליוולענד. ער האָט געהאט מעהר מזל פאר אנדערע אזעלכע בילס, וועלכע זיינען און מוזען נאטירליך זיין קאָמפראָמיסען (פשרות) צווישען א סך פעראינטערעסירטע און קעמפפענדע צדדים. אויף דעם דינגלי טאריף־ביל האָבען דיא רעפובליקאנער בעזאָנדערס זיך געשטיצט אין זייער קאמפף געגען דיא דעמאָקראטען און אלע אנדערע זייערע פאָליטישע געגנער אין לאנד ביז צו דיא פרעזידענט־וואהלען פון 1908, ווען זיי האָבען געמוזט פערשפרעכען א פערקלענערונג פון דיא הויכע אָבצאָלונגען אויף געוויסע אימפאָרטירטע סחורות.

אזוי וויא מיר האלטען ביי דער טאריף־פראגע, וועלכע איז אלץ געבליבען דיא וויכטיגסטע און דיא ברענענדיגסטע "אישו", וועלען מיר דאָ אביסעל פערלויפען פאָראויס און וועלען פערצייכנען, דאָס דער דינגלי טאריף־ביל, וועלכער האָט אויסגעהאלטען זייט 1897 אלע אטאקעס און באָמבארדירונגען פון דיא דעמאָקראטען און געגנער פון טאריפען בכלל, איז רעווידירט געוואָרען אויף א ספעציעלע סעסיע פון דעם 61טען קאָנגרעס, וואָס דער פרעזידענט וויליאָם טאָפט האָט צוזאמענגערופען אין 1909. דער רעזולטאט פון דיעזער רעוויזיאָן איז געווען דער זאָ־גענאנטער "פעין־אלדרידזש טאריף־ביל", וועלכער האָט גלייך פון אָנפאנג ארויסגערופען אזוי פיעל אונצופריעדענהייט אין לאנד, אז פון אלע זייטען האָט מען אָנגעפאנגען צו פערלאנגען פערשיעדענע ענדערונגען און אז דורך דעם איז אויך דיא רעפובליקאנער פארטיי דורכגעפאלען ביי דיא קאָנגרעס־וואהלען אין 1910 און פרעזידענט־וואהלען אין 1912.

לאָמיר זיך אומקעהרען צום אָנפאנג פון 20טען יאהרהונדערט. דער זיעגרייכער סוף פון דער מלחמה מיט שפאניען האָט אלץ ווייטער געפיהרט און געמוזט פיהרען אויף דעם וועג פון א פעסטער אימפעריאליסטישער פאָליטיק. אום צו קענען בעסער בעשיצען דיא פיליפינען, האָט מען געמוזט פערנעהמען צוויי אנדערע סטראטעגישע פאָזיציעס אויף דעם פאסיפיק אָקעאן, נעמליך: דיא האוואאי, אָדער סענדוויטש אינזלען און א טהייל פון דיא סאמאָא אינזלען, וועלכע ווערען בענוצט בעזאָנדערס אלס קאָהל־סקלאדען אָדער קאָולינג־סטיישענס פאר דיא קריעגס־שיפען. אין פאל פון א מלחמה האָבען אזעלכע פלעצער אן אונגעהייער גרויסע בעדייטונג.

א וויכטיגער רעזולטאט פון דער מלחמה מיט שפאניען איז אויך דער, וואס דער פאנאמא־קאנאל ווערט יעצט געגראבען אויף דער רעכנונג פון אמע־ריקאנער פאלק. דער דאזיגער קאנאל האט א זעהר לאנגע געשיכטע הינטער זיך. דיא נויטווענדיגקייט צו פערבינדען דעם אטלאנטישען אקעאן מיט דעם פאסיפיק אקעאן דורך דעם איסטמוס (א גריכיש ווארט וואס בעדייטעט א שמאלער דורכגאנג) פון פאנאמא איז שוין אנערקענט געווארען באלד נאכדעם וויא דער שפאניער באלבאא האט אויסגעפארשט דיעזע געגענד און האט אזוי ענטדעקט דעם פאסיפיק אקעאן (אין 1513). דער שפאניער לאפעז דע גאמאר־פא האט אין 1551 אויסגעארבייט א פלאן צו גראבען דארטען א קאנאל און האט זיין פלאן פארגעלייגט דער שפאנישער רעגיערונג.

אין יונייטעד סטייטס האט מען אנגעפאנגען ערנסט צו ריידען מכח אזא קאנאל ערשט נאך דעם וויא קאליפארניא איז געווארען א סטייט (אין 1850). וואס מעהר אונזער לאנד איז בעזעצט געווארען און וואס מעהר דיא אינדוסטריען האבען זיך ענטוויקעלט, אלץ מעהר האט מען איינגעזעהען דיא גרויסע נוצען און דיא נויטווענדיגקייט פון אזא קאנאל.

ביי דיא פלענער און טרוימען איז מען אבער געבליבען ביז צו דיא 80־ער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט. דיא ערשטע וואס האבען טאקע אנגעפאנ־גען צו גראבען דעם פאנאמא קאנאל זיינען געווען ניט דיא אמעריקאנער אין אויך ניט דיא ענגלענדער, נאר גראדע דיא פראנצויזען. אונטער דער לייטונג פון דעם בעריהמטען פערדינאנד דע לעספעס, דעם גראבער פון דעם זועץ־קאנאל, איז אין פאריז געגרינדעט געווארען א קאמפאניע מיט א קאפיטאל פון 100 מיליאן דאלאר דורכצושניידען ענדליך דעם איסטמוס פון פאנאמא, וועלכער איז סך הכל פערציג און א האלב מייל ברייט.

ביי דער רעפובליק קאלאמביא, צו וועלכער דיעזע געגענד האט געהערט, האט מען געקראגען דיא נויטיגע קאנצעסיע פאר דיעזע ריזיגע אונטערנעהמונג, און מיט גוטע האפנונגען האט מען זיך גענומען צום גראבען. אבער אויף יעדען שריט האט מען זיך אנגעשטויסען אויף אזעלכע שוועריגקייטען, אז דיעזע אונ־טערנעהמונג האט זיך געענדיגט אין 1888 ניט נאר מיט א פינאנציעלען קראך, זאנדערן אויך מיט אזא פאליטישען סקאנדאל, וואס האט איבערטראפען אלע אנדערע און וואס בלייבט פערצייכענט אין דער וועלט־געשיכטע אונטער דעם נאמען "פאנאמא סקאנדאל".

אין דיא נייכציגער יאהרען האבען פראנצויזישע און אויך איניגע אמערי־קאנער קאפיטאליסטען ארגאניזירט נייע קאמפאניעס פארטצוזעצען דיא אנ־געפאנגענע ארבייט אין פאנאמא; אבער מען האט זיך אלץ מעהר ארומגעזעהען, אז דאס איז א צו גרויסע און שווערע אונטערנעהמונג פאר פריוואט־קאפיטאליס־טען און אז נאר אונזער רעפובליק קען ווירקליך אויספיהרען אזא ריזיגען פלאן.

דיא שטערונגען זיינען געווען ניט בלויז טעכנישע, ווייל מען האָט געמוזט גראָבען אין איין אָרט דורך גרויסע זומפּען, שטראָמיגע טייכען און טיעפע טהאָלען און אין אַן אַנדער אָרט שניידען זעהר הויכע שטיינערנע בערג, זאָנדערן אויך קלימאַטישע, ווייל דאָרטען זיינען געווען דיא געפעהרליכסטע נעסטען פון געלען פיעבער, געגען וועלכע אייראָפּעער האָבען קיין אַנדער רפואה ניט געהאַט וויא נאָר אָבצוטראָגען זיך פון דאָרטען ביי דער ערשטער אַטאַקע. צוליעב דעם האָט מען געמוזט אוסגעבען פיעל מעהר געלד אויף דיא אויסגראָבונגען, וויא מען האָט עס גערעכענט.

אין 1897 האָט פּרעזידענט מעק־קינלי אויסגעקליבען אַ קאָמיסיאָן אויסצופאָרשען, וועלכע פון דיא צוויי דאַמאַלס פאָרגעשלאָגענע קאַנאַלען צווישען דעם אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק אָקעאַנען איז דער בעסערער פאַר יונייטעד סטייטס — צו דער פּאַנאַמער אָדער גאָר דער ניקאַראַגוער, וועלכער האָט אויך געפונען אַ סך אַנהענגער אין לאַנד. דיעזע קאָמיסיאָן האָט שליסליך אויסגעפונען, אַז עס איז ניט נאָר צוועקמעסיגער, זאָנדערן אויך ביליגער צו גראָבען אַ קאַנאַל אין פּאַנאַמאַ און ניט אין ניקאַראַגואַ. דערצו נאָך האָט דיא נייע פראַנצויזישע פּאַנאַמאַ קאַנאַל קאָמפּאַניע שליסליך פאָרגעשלאָגען צו פערקויפען צו דיא יונייטעד סטייטס איהרע רעכטע, קאָנצעסיעס, מאַשינען און אַלעס וואָס זיא האָט בעזעסען אין פּאַנאַמאַ, פאַר 40 מיליאָן דאָלער.

אין 1902 האָט פּרעזידענט רוזוועלט רעקאָמענדירט אָנצונעהמען דיעזען פאָרשלאַג פון דער פראַנצויזישער קאָמפּאַניע און דער קאָנגרעס האָט עס בעוויליגט. מיר זיינען אַזוי געוואָרען דיא יורשים פון דיא פראַנצויזען אין פּאַנאַמאַ. אָבער דערמיט האָבען זיך נאָך ווייט ניט געענדיגט דיא שוויריגקייטען און פּלאָנטערס דאָרטען. דיא הויפּט־שוויריגקייטען זיינען געווען מכח אַ פערשטענדיגונג מיט דער רעפּובליק קאָלאָמביאַ. דיא יונייטעד סטייטס רעגיערונג האָט פערלאַנגט אַן אייביגע קאָנצעסיע אויף דעם קאַנאַל צוזאַמען מיט פּאַסען לאַנד, זעקס מייל ברייט, ביי ביידע ברעגען פון דעם קאַנאַל, און דיא קאָלאָמביאַנער רעגיערונג האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט נאָכצוגעבען אַזאַ טעריטאָריאַלע פאָדערונג. דיא רעפּובליקען פון ניקאַראַגואַ און קאָסטאַ ריקאַ האָבען גראַדע גערן נאָכגעגעבען אַזעלכע פאָדערונגען פון יונייטעד סטייטס אין פאַל מען וועט בעשליסען צו גראָבען דעם קאַנאַל דורך זייערע טעריטאָריעס.

דיא פערהאַנדלונגען און פערדרעהעניסען מכח אַ קאַנאַל צווישען דעם אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק האָבען זיך אַזוי געצויגען ביז נאָוועמבער 1903, ווען אַ געוויסער טהייל פון דיא איינוואָהנער פון דער פּראָווינץ פּאַנאַמאַ, וועלכע זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דיא האַנדלונגען פון דעם קאָלאָמביאַנער קאָנגרעס און וועלכע זיינען געווען פעראינטערעסירט, אַז דיא אַמעריקאַנער

זאָלען וואס שנעלער אָנפאַנגען צו גראָבען דעם קאַנאַל, האָבען זיך פּלוצלינג אָבגעטהיילט פון קאָלאָמביא און געגרינדעט אַן אייגענע רעפּובליק.

פּרעזידענט רוזוועלט האָט זיך שנעל בענוצט מיט אַזאַ געלעגענהייט און האָט אָהן שום שאלות ומענות אנערקענט דיעזע ניי־געשאַפענע רעפּובליק וועלכע וואָלט ניט געקענט עקזיסטירען אָהן אַמעריקאַנער מיליטערישע שטיצע.

ביי די פיהרערס פון דיעזער רעפּובליק האָט מען שוין שנעל געקראָגען אַלעס וואס פּרעזידענט רוזוועלט האָט פערלאַנגט, אום צו ענדיגען דיא אויסגראָ־בונג פון דעם קאַנאַל. דעם זאָגענאַנטען „קאַנאַל־זאָון“ אָדער פּאַסען לאַנד בייביידע ברעגען פון דעם קאַנאַל און אויך שטיקער לאַנד פאַר דאָקס און פעס־טונגען ביי ביידע אריינפאָהרען אין דעם קאַנאַל האָט מען לייכט בעקומען אויף אייביג אַלס אַ טהייל פון יונייטעד סטייטס.

זייט דאַן גראָבט מען דעם קאַנאַל אויף דער רעכנונג פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָן מיט עכט אַמעריקאַנער ענערגיע. ער וועט קאָסטען פיעל מעהר, וויא מען האָט עס גערעכענט צו דער צייט, ווען מען האָט געמאַכט פאַר 40 מיליאָן דעם מסחר מיט דער פראַנצויזישער קאָמפּאַניע — געוויס ניט ווייניגער פון ‎$400,000,000‎ — אָבער דערפאַר איז ער שליעסליך פערטיג געוואָרען אין 1914. נור דיא אָפיציעלע ערעפנונג וועט געפייערט ווערען אין 1915 מיט צערעמאָניעס און אויך מיט אַ וועלט־אויסשטעלונג אין סאַן פראַנציסקאָ.

רוזוועלט האָט זיך אויך ענערגיש אַ נעהם געטהאָן דורכצופיהרען אינער־ליכע רעפאָרמען. זיין פּאָפּולאַריטעט איז אַזוי געוואַקסען, דאס אין 1904 איז ער ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט מיט אַ בעזאָנדערס גרויסער מאַיאָרי־טעט. ער וואָלט וואהרשיינליך ערוועהלט געוואָרען אויך אין 1908, ווען אין אונזער רעפּובליק וואָלט ניט איינגעוואָרצעלט געוואָרען דער מנהג, אַז קיינער זאָל ניט זיין פּרעזידענט מעהר פון צוויי טערמינען, ווייל דזשאָרדזש וואַ־שינגטאָן איז אויך ניט געוועזן פּרעזידענט מעהר פון צוויי טערמינען.

רוזוועלט'ס איינפלוס איז אָבער געוועזן אַזוי שטאַרק, דאס ביי דיא וואהלען פון 1908 האָט ער געשפּיעלט דיא ערשטע ראָלע און דאס וויליאַם טאַפט, זיין פּערזענליכער פריינד און רעכטע האַנד אין זיין אַדמיניסטראַציאָן אָדער, אויראָפּעאיש גערעדט, מיניסטעריום, איז ערוועהלט געוואָרען פּרעזידענט מיט אַ ריזיגער מאַיאָריטעט איבער זיין דעמאָקראַטישען געגנער, דעם בעריהמ־טען ברייען, וועלכער האָט דאַן פּרובירט מזל צום דריטען מאָל.

פּרעזידענט טאַפט האָט פאָרטגעזעצט דיא פּאָליטיק פון זיינע פאָרגענגער, מעק־קינלי און רוזוועלט, און בכלל פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי. זיין ערשטער אַקט אַלס פּרעזידענט איז געוועזן צוזאַמענצורופען אַן עקסטרא זיצונג פון קאָנגרעס צו רעווידירען דעם דינגלי טאַריף ביל, וויא דאס איז איבערגע־געבען געוואָרען אויבען (זעה זייטע 96).

אונטער זיין אדמיניסטראַציאָן זיינען בעזאָנדערס פערשאַרפט געוואָרען דיא רייסערייען, וועלכע האָבען זיך אָנגעפאַנגען אין דער רעפובליקאנישער פארטיי גופא צוליעב דעם טאַריף, טראָסטס און בכלל עקאָנאָמישע פראַגען און סאָציאַלע רעפאָרמען. דער ראַדיקאַלער אָדער פּראָגרעסיווער טהייל פון דיעזער פארטיי איז אַלץ גרעסער און פעסטער געוואָרען, און דער סוף איז געווען דיא גרינדונג פון א בעזונדערער פּאָליטישער פארטיי אונטער דעם נאָמען פּראָגרע־סיווע, וואס עס האָט געפיהרט און געמוזט פיהרען צו א זיעג פון דער דעמאָקראַ־טישער פארטיי ביי דיא נעכסטע וואהלען. טאַפט האָט געוואָלט טאַנצען צווישען צוויי שטולען און איז אין גאַנצען דורכגעפאַלען, וויא דאס פאסירט געוועהנליך.

וויליאַם ה. טאַפט

עס קען זיין, אז טאַפט וואָלט דאָך אויסגעוועהלט געוואָרען פאר פרעזידענט אין 1912, אויב געגען איהם וואָלט ניט ארויסגעטראָטען רוזוועלט אליין, דער מאַן, וועמען ער האָט בעזאָנדערס געהאָט צו פערדאנקען זיין גדולה. ניט אכטענדיג אויף זיינע פריהערע פּאָזיטיווע פערזיכע־רונגען, אז אונטער קיינע אומשטענדען וועט ער שוין מעהר ניט „לויפען" פאר דעם אמט פון פרעזידענט פון יונייטעד סטייטס, האָט רוזוועלט דאָך ארויסגע־שטעלט אין זומער פון 1912 זיין קאַנ־דידאַטור פאר דיעזען אמט. צוערשט האָט ער געזוכט נאָמינירט צו ווערען פון דער רעפובליקאנישער פארטיי און נאכהער, ווען דיעזע פארטיי האָט איהם ענטזאָגט און האָט נאָמינירט טאַפט'ן, איז ער צו־געשטאַנען צו דער פּראָגרעסיווער פארטיי, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען ענדע 1911 פון דעם ראַדיקאַלען פליגעל פון דער רעפובליקאנישער פארטיי, פון די זאָ־גענאַנטע „אינסורדזשענטס" (דאס מיינט: מיאַטעזשניקעס, רעבע־לען) אונטער דער לייטונג פון ראָבערט לא פאָלעט, וועלכער האָט זיך אויסגעציי־כענט אַלס ראַדיקאַל צוערשט אין זיין סטייט וויסקאָנסין און נאכהער אין יוניי־טעד סטייטס סענאַט. א דאַנק זיין גרויסער פּאָפּולאַריטעט איז רוזוועלט באַלד נאָמינירט געוואָרען פון דיעזער נייער פּראָגרעסיווער פארטיי, וועלכע איז איי־גענטליך א היסטאָרישע פאָרטזעצונג פון די פריהערע רעפאָרם־פארטייען, ספּע־ציעל פון דער „פּיפּעל'ס פארטיי" (זעה זייטען 86 און 87).

אום צו קריעגען וואס מעהר שטימען האָבען דיעזע פּראָגרעסיסטען אונטער

רוזוועלט׳ס פיהרונג אריינגעשטעלט אין זייער ראדיקאלער פלאטפארם (פראג־ראם) אויף אייניגע פונקטען פון דער פראגראם פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע האט לאנגזאם געמאכט פארטשריטע אויף איהר פעסט־בע־שטימטען וועג אין פערלויף פון די לעצטע 25 יאהר, אויסמיידענדיג אירגענד וועלכע פאליטישע פערבינדונגען און אפמאכען ביי דיא וואהלען מיט וואסערע ניט איז בורזשואזע אדער קאפיטאליסטישע פארטייען, און וועלכע געווינט אליץ א גרעסערען פלאץ אין דעם סאציאל־פאליטישען לעבען פון אמעריקאנער פאלק. רוזוועלט האט אבער נור אויסגעפיהרט, אז וואודראו ווילסאן, דער קאנדידאט פון דער דעמאקראטישער פארטיי, האט פערנומען טאפט׳ס פלאץ, אבוואהל ער האט ניט געקראגען דיא מאיאריטעט פון דיא אבגעגעבענע שטימען, וויא דאס איז צו זעהען פון פאלגענדע ציפער, וועלכע מיר נעהמען ארויס פון װאירלד׳ס אלמאנאק:

אין דיא וואהלען פון 1912 האבען זיך בעטהייליגט ארום 15 מיליאן פון דיא שטימבערעכטיגטע בירגער און בירגערינען *) אין לאנד. זייערע שטימען זיינען געווען צוטהיילט צווישען זעכס קאנדידאטען אזוי: וואודראו ווילסאן—6,293,019; טהעאדאר רוזוועלט—4,119,507; וויליאם טאפט—3,484,957; יודזשין דעבס (פון דער סאציאליסטישער פארטיי)—901,873; יודזשין טשא־פין (פון דער פראהיבישאניסטישער אדער אנטי־אלקאהאלישער פארטיי)—207,928; און ארטהור רעימער (פון דער סאציאליסטישער ארבייטער פאר־טיי)—29,259.

וויא אזוי עס פאסירט, אז איינער פון דיעזע קאנדידאטען זאל גאר קענען ווערען פרעזידענט פון יונייטעד סטייטס, ניט אכטענדיג דערויף וואס ער האט ניט געצויגען דיא מאיאריטעט פון דיא וואוטערס, דאס ערקלערט זיך, ערשטענס, מיט דער סיסטעם פון פלוראליטיס, וועלכע איז איינגעפיהרט געווארען אין יונייטעד סטייטס נאך דעם ענגלישען מוסטער (דאס מיינט, אז עס איז גענוג פאר דעם זיעגענדען קאנדידאט צו האבען אפילו מיט איין שטימע מעהר פאר איגענד וועלכען פון זיינע געגנער בעזונדער), און צווייטענס, מיט דער סיסטעם פון עלעקטאראל וואוטס, וועלכע איז אנגענומען געווארען צוזאמען מיט דער קאנסטיטוציאן פון יונייטעד סטייטס. יעדער סטייט האט נעמליך

---

*) דיא בעוועגונג פאר פאלשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג פון פרויען ווערט אליץ שטארקער אין יונייטעד סטייטס. נאך דיא לעצטע וואהלען (דעם 3טען נאוועמבער 1914) זיינען געוואונען געווארען נאך צוויי סטייטס פאר פרויען־שטימרעכט. פאר־לויפיג האבען פרויען גלייכע שטימרעכט מיט מענער אין פאלגענדע ע ל ף סטייטס פון אונזער רעפובליק: קאליפארניא, ארעגאן, וואשינגטאן, איידעהא, נעוואדא, יוטאה, אריזאנא, מאנטאנא, ווייאמינג, קאלאראדא און קענזעס.

אויסצוקלייבען אַ געוויסע צאָהל בוררים, געגאַנט עלעקטאָרס, אין אַ בעשטימ־טער פּראָפּאָרציע צו זיין בעפעלקערונג, און דיעזע עלעקטאָרס האָבען עס אויס־צוקלייבען דעם פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס. דיא צאָהל פון אַזעלכע עלעקטאָרס איז היינט, לויט דיא לעצטע בעשטימונגען פון קאָנגרעס אויף דעם גרונד פון דער לעצטער פאָלקסצעהלונג (אין 1910) 521. אָט פון דיעזער צאָהל בוררים האָט עס וואודראָו ווילסאָן בעקומען 435, וועהרענד רוזוועלט האָט בע־קומען 88 און טאַפט נור 8 (ער האָט געקראָגען פּלוראַליטעט בלויז אין 2 סטייטס, וועלכע האָבען צו 4 עלעקטאָרס, נעמליך די סטייטס ווערמאָנט און יוטאַה).

וויא פיעל פּראָגרעסיסטישע שטימען רוזוועלט האָט דאַן געקראָגען, איז זעהר שווער צו בעשטימען, ווייל אויך אַ סך רעפּובליקאַנער האָבען פאַר איהם געשטימט. ביי דיא וואַהלען אין 1908 האָט טאַפט אליין געקראָגען 7,678,908 שטימען, דאַס איז מיט 74 טויזענד שטימען מעהר פאַר דיא צאָהלען, וואָס רוזוועלט און טאַפט צוזאַמען האָבען בעקומען אין 1912. ביי יענע וואַהלען (אין 1908) האָט אויך ברייען געקראָגען מעהר שטימען פאַר ווילסאָן'ען אין 1912 (נעמליך מיט 216 טויזענד שטימען מעהר), וואָס עס צייגט קלאָר און דייטליך, דאַס דיא דעמאָקראַטען האָבען צו דאַנקען ספּעציעל רוזוועלט'ן פאַר זייער זיעג ביי דיא לעצטע פּרעזידענט־וואַהלען.

דיא וואַהלען, וואָס זיינען פאָרגעקומען דיא לעצטע צוויי יאָהר, צייגען אַלץ, אַז פון איין זייט פאַלט דיא פּראָגרעסיווע פּאַרטיי און אַז פון דער אַנדער זייט געווינט דיא רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי צוריק איהרע פערלאָרענע פּאָזיציעס. דער פּאָליטישער שיקזאַל פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי שיינט צו זיין אַזאַ קורצוויילינגער, וויא פון אַלע פריהערע ראַדיקאַלע פּאַרטייען, וועלכע רייסען זיך צייטענווייז אָפּ פון איינער אָדער פוןביידע גרויסע פּאַרטייען אין יונייטעד סטייטס. אַזעלכע זאָגענאַנטע „דריטע" פּאַרטייען קענען זיך בכלל ניט האַלטען אַ לענגערע צייט אין לענדער, וואו עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דיא פּלוראַ־ליטי סיסטעם ביי דיא וואַהלען. אין אַזעלכע לענדער ווערט דער פּאָליטישער קאַמפּף מייסטענס געפיהרט צווישען צוויי גרויסע פּאַרטייען, וויא למשל דיא ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע אין ענגלאַנד, אָדער דיא דעמאָקראַטישע און רע־פּובליקאַנישע אין יונייטעד סטייטס. ווען געוויסע טהיילען פון דיעזע גרויסע פּאַרטייען, געוועהנליך דיא מעהר ראַדיקאַלע, רייסען זיך אָפּ און בילדען בע־זונדערע פּאַרטייען, ענדיגט זיך עס דערמיט, וואָס דיא וויכטיגסטע פּונקטען פון זייערע פּראָגראַמען ווערען אָנגענומען פון דיא אַלטע פּאַרטייען. אַזוי האָט עס פּאַסירט, למשל, מיט דער פּאָפּוליסטישער פּאַרטיי אין 1896, ווען דיא דעקאָקראַטישע פּאַרטיי האָט אונטער ברייען'ס איינפלוס איינגעשלונגען איהר פּלאַטפאָרם און אַזוי וועט עס, העכסט וואַהרשיינליך, געשעהען מיט דער פּלאַט־פאָרם פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי.

עס איז יעדענפאַלס פאַראַן נור איין „דריטע“ פּאַרטיי אין יונייטעד סטייטס, אזוי וויא אויך אין ענגלאַנד און אין די אנדערע ענגליש־שפּרעכענדע לענדער מיט דער סיסטעם פון פּלוראַליטים און מיט צוויי גרויסע פּאַרטייען, וועלכע וועט שוין קיינמאָל ניט איינגעשלונגען ווערען פון דיא דעמאָקראַטישע אָדער רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי און וועלכע מוז פערבלייבען גאַנץ בעזונדער און זעלבסטשטענדיג. דאס איז דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דיא אורזאכע דערפון איז, וואס זיא שטרעבט צו דער דורכפיהרונג פון א גאַנץ אנדער סאָציאַלע סיסטעם, וויא דיא היינטיגע, און וואס זיא שטעלט פאַר א נייע געזעלשאַפטליכע וועלט, דיא צוקונפטיגע וועלט פון סאָציאַליזם געגען דיא היינטיגע וועלט פון קאַפּיטאַליזם. איהר עקזיסטענץ און ענטוויקלונג זיינען צוזאמענגעשמאָלצען מיט דער גאַנצער ארבייטער בעוועגונג, וועלכע פערשפּרייט זיך אַלץ ווייטער און שטאַרקער אין אַלע אינדוסטריעלע לענדער.


וויליאַם דזשעננינגס ברייען

פעראיינען פון ארבייטער צו פערבעסערען זייער לאַגע עקזיסטירען שוין אייגענטליך אין יונייטעד סטייטס ארום 200 יאָהר. מען ווייס, למשל, אז אין דער שטאָדט ניו יאָרק האָט זיך געפונען א בעקער יוניאָן אין 1741 און אז אין פילאַדעלפיא איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 1792 א יוניאָן פון שוסטער. אין 1825 איז ערשיענען אין ניו יאָרק א צייטונג אונטער דעם נאָמען „וואָרקינג מען'ס אדוואָקייט“ — וואהרשיינליך דער ערשטער ארבייטער אָרגאַן אין דער נייער וועלט. אין 1830 איז אין סיראַקיוז, ניו יאָרק, אָבגעהאַלטען געוואָרען אַן ארבייטער קאָנווענציאָן, אויף וועלכער א געוויסער עזעקיעל וויליאַמס איז נאָמינירט געוואָרען פאַר גאָווערנאָר. אין 1832 האָבען דעלעגאַטען פון ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען זיך צוזאמענגעטראָפען אויף א קאָנווענציאָן אין דער סטייט־האַוז אין באָסטאָן און האָבען אָנגעפאַנגען א בעוועגונג פאַר א צעהן־שטונדיגען ארבייטסטאָג. ארבייטער קאָנגרעסען האָבען שטאַטגעפונען אין שיקאַגאָ אין 1847 און 1850. ארום 1860 זיינען שוין געווען 26 אַזעלכע גרויסע יוניאָנס, וועלכע טראָגען אין יונייטעד סטייטס דעם נאָמען „נעשאָנאַל“ (נאַציאָ־

נאַלע), ווייל זיי זיינען ניט לאָקאַלע, נור פון דער גאַנצער נאַציאָן און שליעסען איין קלענערע יוניאָנס אָדער „לאָקאַלס" פון פערשיעדענע טהיילען לאַנד. א פּאָאר יאָהר שפּעטער זיינען אויפגעקומען זעהר שטארקע אָרגאַניזאַציאָנען פון אייזענבאַהן־ארבייטער אונטער דעם אַלגעמיינען נאָמען „בראָדערהודס".

נור ערשט צו ענדע פון דיא 60־גער יאָהרען פון פאָריגען יאהרהונדערט איז געמאַכט געוואָרען א פערזוך צו פערבינדען אויך דיא ארבייטער פאר פּאָליטישע צוועקען. דאס איז פאָרגעקומען אונטער דעם איינפלוס פון דער וועלט־בעריהמטער אינטערנאַציאָנאַלער ארבייטער אַסאָסיאַציאָן, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען פון פראַנצויזישע און ענגלישע ארבייטער־פיהרער אין לאָנדאָן אין 1864 און וועלכע האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין 1869 איז געגרינדעט געוואָרען אין פילאַדעלפיא אן ארבייטער אָרגאַניזאַציאָן, וואס איז אין א קורצע צייט בעריהמט געוואָרען אונטער'ן נאָמען Knights of Labor (ריטער פון ארבייט) און וואס פערנעהמט א זעהר וויכטיגען פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג.

דיא גרינדער פון דיעזער מערקווירדיגער און זאָנדערבארער ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָן זיינען געווען עטליכע גאַרמענט קאַטערס (קליידער צושניידער) אונטער דער ליטונג פון איינעם פון זיי מיט'ן נאָמען יוראַיע סטיווענס (Uriah Stephens) וועלכער איז אויך געווען א פרי־מעיסאָן (פריי־מויערער) און וועלכער האָט זיך ארומגעטראָגען מיט א פּלאַן צו שאַפען א פערבאַנד פון אַרבייטער פון פערשיעדענע מלאכות. ער האָט עס איינגעפיהרט דיא געהיימע צייכענס, דיא שבועות און צערעמאָניעס, מיט וועלכע דיא „נייטס אוו לייבאָר" האָבען זיך אונטערשיידעט פון אַלע אנדערע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען אין אונזערע צייטען. דאס איז געווען א מין ארבייטער אָרדען, וואס האָט ערקלערט, אז „ארבייט איז נאָבעל און הייליג". סטיווענס האָט אויך געפּרעדיגט, אז דיא ארבייטער וועלען קענען אָבשאַפען דיא היינטיגע לוין־סיסטעם דורך בילדונג, קאָאָפּעראַציאָן און א ציעלבעוואוסטען געברויך פון זייער שטימרעכט. נור דיא פריי־מויער'שע סודות און צערעמאָניעס זיינען געווען א גרויסע שטערונג פאר דיא פערמעהרונג פון מיטגליעדער. דארום איז עס אויף דער 5טער דזשענעראַל אסעמבלי (אסיפה) אָדער קאָנווענציאָן פון דיעזע „ריטער פון ארבייט", וועלכע איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דיטראָיט (מישיגען), בעשלאָסען געוואָרען צו פערעפענטליכען דעם נאָמען און דיא צוועקען פון דעם גאַנצען פערבאַנד. דאַן האָט זיך דיא צאָהל פון דיא „נייטס אוו לייבאָר" אזוי שנעל פערמעהרט, אז אין 1886 האָט מען זיי גערעכענט ביז א מיליאָן.

דאס זיינען געווען דיא בעסטע און גלענצענדסטע יאָהרען פון דיעזען ארבייטער אָרדען. אין דעם לעצטען צעהנדליג פון דעם פאָריגען יאהרהונדערט איז

ער אָבער אזוי שנעל געפאַלען, וויא שנעל ער איז געוואקסען אין דיא 80־גער יאָהרען. צום אָנפאַנג פון דיעזען יאהרהונדערט האָט מען שוין די צאָהל פון „נייטס אוו לייבאָר" געשאַצט ארום 130 טויזענד. זיי האָבען אַלץ מעהר פערלאָרען אין זייער קאַמפּף מיט דיא „אָפּענע" אָדער געוועהנליכע טרעיד־יוניאָנס נאָך דעם אַלטען ענגלישען מוסטער, וועלכע האָבען זיך אין דיא 80־גער יאָהרען גענומען פערבינדען אין „פעדערייִשאַנס". פון דיעזע פעדערייִשאַנס איז שליעסליך אויסגעוואַקסען דיא בעריהמטע „אמעריקאַן פעדערייִשאַן אוו לייבאָר", וועלכע צעהלט יעצט ארום צוויי מיליאָן מיטגליעדער מיט סעמיועל גאָמפּערס אַלס איהר פּרעזידענט זייט איהר אָרגאַניזאַציאָן אין 1887. כמעט אַלע גרויסע טרעיד־יוניאָנס פון יונייטעד סטייטס זיינען פערבונדען מיט דיעזער, מעג מען זאָגען, גרעסטער געווערקשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן אין דער וועלט.

פון דיא „נייטס אוו לייבאָר" איז אָבער פערבליבען אַזא גרויסער אנדענקען וויא „לייבאָר דעי". דיעזער ספּעציפישער פייערטאָג אין כמעט אַלע סטייטס פון אונזער רעפּובליק איז בּיסלעכוויז איינגעפיהרט געוואָרען נאָך דעם פּאַראַד פון דיא „נייטס" אין ניו יאָרק סיטי דעם ערשטען מאָנטאג פון סעפּטעמבער אין 1882. דיא נעכסטע יאָהרען האָבען זיי אָרגאַניזירט אַלץ גרעסערע פּראָצעסיאָנען פון ארבייטער אין דעם זעלבען מאָנטאג פון דעם זעלבען מאָנאַט, און אזוי איז עס געוואָרען א מנהג אין אנדערע שטעדט פון לאַנד. אין 1887 איז דער ערשטער מאָנטאג אין סעפּטעמבער ערקלערט געוואָרען אַלס א געזעצליכער יום טוב אין סטייט קאָלאָראַדאָ, און אנדערע סטייטס האָבען געפאָלגט דיעזען ביישפּיעל.

צוזאמען מיט דיא טרעיד־יוניאָנס איז אויך געוואַקסען דיא בעוועגונג פאַר אַן 8־שטונדען ארבייטס־טאָג, וואס עס האָט נאַטירליכערווייזע געפיהרט צו אַלץ גרעסערע און וויכטיגערע סטרייקס. איינער פון אַזעלכע סטרייקס האָט געפיהרט צו דער בעריהמטער טראַגעדיע מיט דיא „שיקאַגאָ אנאַרכיסטען" אין 1886. אַלס א צענטער פון אייזענבאַהנען און פאַבריקען איז שיקאַגאָ אויך געוואָרען א צענטער פון דער טרעיד־יוניאָניסטישער בעוועגונג. א סך סטרייקס זיינען דאָרטען פאָרגעקומען, בעזאָנדערס אין 1886, 1894 (דער בעריהמטער פּולמאַן קאַר סטרייק אונטער דער לייטונג פון יודזשין דעבס) און 1904. צו דער צייט פון דעם סטרייק אין מאַק קאָרמיקס פאַבריקען אין 1886 האָבען זיך אין שיקאַגאָ געפונען זעהר טהעטיגע און ענערגישע אנאַרכיסטען, וועלכע האָבען אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען אויך אַן אַלגעמיינען סטרייק, אום אויסצוקעמפּפען אַן 8־שטונדיגען ארבייטס־טאָג. א בעדייטענדע צאָהל ארבייטער האָבען זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דיעזע אנאַרכיסטען, צווישען וועלכע עס זיינען אויך געווען גוטע רעדנער און שרייבער. דעם 4טען מאַי 1886, אויף

מארגען נאך אונרוהען אין מאק קארמיק'ס פאבריקען, ווען דיא פאליציי האט דער'הרג'ט עטליכע סטרייקערס, האבען דיזע אנארכיסטען גערופען א פראטעסט־מיטינג אויף א פלאץ, גענאנט העימארקעט. דיא פאליציי איז דארטען געווען זעהר שטארק פערטראטען אויך דורך שפיאנען. אויף דעם גרונד, דאס דיא רעדעס זיינען רעוואלוציאנערע און רייצען צו אן אויפשטאנד, האט דיא פאליציי זיך א לאז געטהאן צו פעריאגען דיא פערזאמעלטע מאסע. נור אין דעם מאמענט האט אימיצער א שליידער געטהאן א באמבע, וועלכע האט געפלאצט און האט פערוואונדעט און אויך געטויטעט עטליכע פאליציסטען. ווער עס האט געווארפען דיעזע באמבע, בלייבט א געהיימניס ביז היינט צו טאג (אויף זיכער וועט מען עס שוין הפנים קיינמאל ניט וויסען), נור דיא פאליציי האט זיך בענוצט מיט דיעזער געלעגענהייט צו ארעסטירען דיא מעהר בעוואוסטע אנארכיסטישע אנפיהרער אויף קלאגען אין פערשווערונג און אין מארד. נאך א לאנגען פראצעס, וועלכער האט ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג אין גאנצען לאנד און אנגעמאכט א רושם אין דער וועלט, זיינען זיעבען פון דיא פערקלאגטע פעראורטהיילט געווארען צום טויט און איינער (אסקאר נעבע) צו 15 יאהר געפענגניס. פון זיי זיינען פיער געהאנגען געווארען דעם 11טען נאוועמבער 1887, נעמליך: אוגוסט שפיעז, אלבערט פארסאנס, אדאלף פישער און געארג ענגעלס; איינער (לואי לינגג) האט זיך אליין גענומען דאס לעבען אין געפענגניס, און צוויי (סאמיועל פיעלדען און מיכעל שוואב) זיינען „בעגנאדיגט" געווארען מיט לעבענסלענגליכע געפענגניס. נור מיט 7 יאהר שפעטער זיינען דיא לע־בעדיג־געבליבענע אפפער פריי געלאזען געווארען פון דעם בעריהמטען גאווערנאר אלטגעלד אויף דעם גרונד, דאס די דזשורי און דער פארזיצענדער ריכטער זיינען געוועזן צו פארטייאיש און דאס עס איז גאר ניט בעוויזען געווארען דיא פערבינדונג פון דיא פעראורטהיילטע מיט דער באמבענווארפעריי אויף'ן העי־מארקעט.

אין דער שטאדט ניו יארק האט זיך דיא אלץ שטייגענדע ארבייטער בע־וועגונג אויסגעדריקט אין 1886 דורך א בעמערקענסווערטהען פאליטישען קאמפף. דיא אויפגעקלערטע און ארגאניזירטע ארבייטער האבען ענטהוזיאזטיש אונטערשטיצט אלס קאנדידאט פאר מעיר (בירגערמייסטער) א מאן, וואס האט זיך ערווארבען א גרויסען נאמען מיט זיינע שריפטען איבער דיא וויכטיגסטע סאציאלע פראגען פון אונזער צייט, ספעציעל מיט זיין בוך „פראגרעס און אר־מוטה". דאס איז געוועזן הענרי דזשארדזש, וועלכער האט געפרעדיגט, אז דאס לאנד דארף געהערען צו אלעמען גלייך. זיין פלאן פון לאנד־ווירטשאפט טראגט דעם נאמען „סינגעל טעקס", ווייל ער האט פערלאנגט, אז אלע שטייער צו דעקען דיא אויסגאבען פון שטאאט זאלען קומען פון א טאקסע אויף גרונד־אייגענטהום



יודזשין וו. דעבס
ארבייטער פיהרער און פרעזידענט־קאנדידאט פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

אין דער פאָרם פון רענט. זיין פּאָפּולאַריטעט איז דאַן געווען אַזוי גרויס אין פאָלק, אַז ביידע גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען (דיא רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע) האָבען זיך געמוזט פערבינדען, אום צו קענען איהם בעזיעגען ביי דיא וואַהלען. ער האָט געקראָגען 68 טויזענד שטימען, בלויז מיט 22 טויזענד ווייניגער פאַר דעם קאַנדידאַט פון דיזע פערבונדענע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען.

מיט אַ קורצע צייט שפּעטער איז שוין געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון אַ רעגעלמעסיגער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַזוי וויא אין איי-ראָפּאַ. דיא גרינדער זיינען מייסטענס געווען דייטשע סאָציאַליסטען מיט זייער טעגליכען אָרגאַן דיא „פאָלקסצייטונג“. נאַכהער זיינען צוגעקומען דיא אידישע סאָציאַליסטען מיט זייער אָרגאַן „דיא ארבייטער צייטונג“ (אין 1890). אונטער דעם נאָמען „סאָשיאַליסט לייבאָר פּאַרטי“ (סאָציאַליסטישע ארבייטער פּאַרטיי) האָבען שוין דיא סאָציאַל-דעמאָקראַטען גענומען אַן אַנטהייל אין דיא פּרעזי-דענט-וואַהלען פון 1888. זיא האָט דאַן געצויגען בלויז 2068 שטימען. דיא צאָהל פון איהרע אנהענגער איז געוואַקסען זעהר לאַנגזאַם, אָבער שטענדיג, ביז 1898, ווען דיא שטרייטען וועגען איהר פּראָגראַם און טאַקטיקע זיינען אַזוי פערשאַרפט געוואָרען, אַז עס איז געקומען צו אַ גרויסער שפּאַלטונג אין איהרע רייהען. דאַן איז עס פאָרמירט געוואָרען דיא סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט גענומען וואַקסען פערהעלטניסמעסיג שנעל און וועלכע קען שוין היינט רעכענען אויף אַ מיליאָן שטימען ביי פּרעזידענט-וואַהלען. אין מאַנכע ערטער געלינגט איהר אַליין עפּטער צו ערוועהלען איהרע קאַנדידאַטען אין דיא מוניציפּאַליטעטען (שטאָדט-פערוואַלטונגען) און לעגיסלאַטורען (געזעצגעבענדע קערפּערשאַפטען פון דיא סטייטס).

אין 1910 איז ענדליך אויך ערוועהלט געוואָרען אַלס קאָנגרעסמאַן איינער פון דיא פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דער פּערזאָן פון וויק-טאָר בערגער פון מילוואָקי, וויסקאָנסין. ביי דיא נעכסטע קאָנגרעס-וואַהלען איז ער אפילו דורכגעפאַלען, אָבער ניט צוליעב דעם, וואָס דיא צאָהל פון סאָציא-ליסטישע שטימען איז דאָרטען קלענער געוואָרען. יעדענפאַלס וועט שוין דער קאָנגרעס ניט בלייבען אָהן סאָציאַליסטישע פערטרעטער. אויף בערגער'ס פּלאַץ איז געשיקט געוואָרען דער אידישער סאָציאַליסט מאיר לאָנדאָן, וועלכער איז שליעסליך, נאָך אַ לאַנגען און ביטערען קאַמפּף מיט אַן אַלטען פערטרע-טער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (אויך אַ איד) ערוועהלט געוואָרען אין 1914 אין רעכטען צעהנטער פון דער אידישער בעפעלקערונג אין ניו יאָרק, וואָס איז געוואָרען דיא גרעסטע אידישע שטאָדט אין דער וועלט.

דאָס צייגט אַגב, אַז אידען שפּיעלען שוין אַליין אַ גרעסערע ראָלע אין דעם פּאָליטישען לעבען פון זייער נייער היימאַטה, וואו זיי פערמעהרען זיך וואונדער-

באר שנעל דורך איינוואנדערונג פון דער אלטער וועלט, ספעציעל פון רוסלאנד זייט דיא פאגראמען פון 1881. דיא נארד־אמעריקאנישע רעפובליק, וועלכע איז געוואקסען אין בעפעלקערונג פון קנאפע 4 מיליאן צו ענדע פון 18טען יאהר־הונדערט (לויט דיא פאלקס־צעהלונג אין 1790) ביז 92 מיליאן אין אנפאנג פון דיזען יאהרהונדערט (לויט דיא לעצטע פאלקס־צעהלונג אין 1910, ניט רע־כענענדיג דיא פיליפינען און אנדערע קאלאניעס וואס צעהלען צוזאמען ארום 10 מיליאן נפשות) ענטהאלט שוין א גרעסערע אידישע בעפעלקערונג פאר אירגענד וועלכער אנדערער מדינה אויסער רוסלאנד. נאך דיא מעסיגסטע אויסרעכענונגען פון סטאטיסטישע עקספערטען געפינען זיך היינט אין יוני־טעד סטייטס איבער צוויי מיליאן אידען, דערפון ארום א העלפט אין דער שטאדט ניו יארק. עס איז שווער צו געפינען אפילו א דארף אין יונייטעד סטייטס, וואו מען זאל גאר ניט טרעפען א אידען, און עס איז ניטא אזא צווייג פון האנדעל, אינדוסטריע, קונסט און וויסענשאפט, וואו אידען זאלען ניט זיין גוט פערטראטען. „דער אייביגער איד" האט געפונען זיין בעסטע און זיכערסטע מקום מנוחה אין דער גרעסטער פון אלע רעפובליקען.

וויא גרויס עס איז געווארען דער פאליטישער איינפלוס פון אידען אין זייער נייעם פאטערלאנד האט זיך בעזאנדערס בולט ארויסגעוויזען פאר דיא גאנצע וועלט צו ענדע פון 1911, ווען זייערע שטייגענדע פראטעסטען וועגען דיא זאגענאנטע „פאספארטען פראגע" האבען געפונען אזא שטארקען סימפא־טישען אפקלאנג אין קאנגרעס און אין גאנצען אמעריקאנער פאלק, אז דער האנדעלס־אפמאך, וואס איז געשלאסען געווארען צווישען יונייטעד סטייטס און רוסלאנד אין 1832, איז אבגעשאפט געווארען אויף דעם גרונד, וואס אמע־ריקאנער אידען ווערען ניט בעהאנדעלט אזוי וויא אמעריקאנער קריסטען אין דער רוסישער אימפעריע. לויט דעם האנדעלס־אפמאך פון 1832 האט דיא רו־סיש רעגיערונג בעדארפט בעהאנדלען גאנץ גלייך אלע אמעריקאנער בירגער, צו וואס פאר רעליגיאן און ראסע זיי זאלען ניט געהערען; אבער זיא האט שטענדיג געמאכט איהרע געוועהנליכע אנטיסעמיטישע אונטערשיידע אויך גע־גען אמעריקאנער אידען. אויף דיא פראטעסטען פון דער אמעריקאנער רעגיע־רונג—און דיזע פראטעסטען זיינען געווארען אלץ עפטער און אויסדריקליכער וואס מעהר אידען עס האבען זיך בעזעצט אין יונייטעד סטייטס—דאס דיא רו־סישע רעגיערונג איגנארירט דעם אפמאך פון 1832, ווען נור עס האנדעלט זיך וועגען אידען מיט אמעריקאנער פאספארטען, פלעגט אלץ קומען פון רוסישע דיפלאמאטען דער זעלבער תירוץ, אז אלע אויסלענדישע אידען ווערען בעהאנ־דעלט גלייך לויט דיא געזעצע פון לאנד און אז מען קען זיי ניט געבען מעהר רעכט פאר דיא היימישע אידען אין דער רוסישער אימפעריע.

די אמעריקאנער רעגיערונג פלעגט עס אלץ דולדען, אזוי וויא די רע־גיערונגען פון ענגלאנד, פראנקרייך און אנדערע ליבעראלע לענדער, וועלכע פלעגען אויך פראטעסטירען פון צייט צו צייט, וואס מען האנארירט ניט אין רוסלאנד די פאספארטען פון זייערע אידישע בירגער. און אזוי וואלט עס עד היום פערבליבען מיט די פאפירענע פראטעסטען פון אמעריקאנער דיפלא־מאטען וועגען די דאזיגע פאספארטען־פראגע, ווען די אידען וואלטען ניט אנגעפאנגען אלץ העכער און ענערגישער צו פאדערען, אז יונייטעד סטייטס זאל זיך אין גאנצען ענטזאגען פון דעם האנדעלס־אפמאך פון 1832, אויב די רו־סישע רעגיערונג וועט ניט נאכגעבען די פאדערונג וועגען בעהאנדלען אמע־ריקאנער אידען פונקט אזוי וויא אמעריקאנער קריסטען אין רוסלאנד.

אט דיעזע זעהר וויכטיגע פאדערונג איז עס אויסגעפיהרט געווארען דעם 11טען דעצעמבער 1911 אונטער דער פרעזידענטשאפט פון וויליאם טאפט צו דער גרעסטער צופוקענעס פון אנטיסעמיטען בכלל און פון דער רעגיערונג אין רוסלאנד בפרט. אין דער גאנצער וועלט האט מען דיעזען ענערגישען, מען מעג זאגען, אויסערגעוועהנליכען דיפלאמאטישען שריט פון יונייטעד סטייטס אנגענומען ניט בלויז אלס א דעמאנסטראציאן צו גונסטען פון אידישע גלייכ־בערעכטיגונג, זאנדערן אויך אלס א פאטש אין פנים דער אידענפרעסענדער רוסישער רעגיערונג.

דערוויילע בלייבען רוסלאנד און יונייטעד סטייטס אהן א האנדעלס־אפמאך. דיעזער סכסוך וועט זיך, העכסט וואהרשיינליך, ציהען אזוי לאנג, ביז אין דער רוסישער אימפעריע וועלען פארקומען אזעלכע פאליטישע ענדערונגען, אז דער „יעווריעסקי וואפראס" (אידען־פראגע) וועט זיך מוזען ענדיגען מיט דער עמאנ־סיפאציאן פון רוסישע אידען. קיין רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס וועט שוין יעדענפאלס ניט אונטערשרייבען א האנדעלס־אפמאך מיט רוסלאנד אהן א גאנץ קלארען און בעשטימטען פונקט וועגען גלייכע בעהאנדלונג און אנערקענונג פון אמעריקאנער אידען.

אונזער רעפובליק מאכט בכלל מערקווירדיג שנעלע שריט אויף אלע וועגען פון פראגרעס. זי וואקסט אלץ אין רייכטהום און אין בעפעלקערונג. זי ווערט אויך אלץ שטארקער און איינפלוסרייכער אויסערליך. זי לעבט מיט אלע פעל־קער ניט נור פריעדליך, זאנדערן אויך פריינדליך. וועהרענד אין איירא פא ציהט זיך די גרעסטע און שרעקליכסטע מלחמה, וואס די וועלט האט אמאל גע־זעהען, די לאנג־פאראויסגעזעהענע מלחמה צווישען די גרעסטע און מעכ־טיגסטע לענדער אין דער אלטער וועלט, וואס האט אויסגעבראכען אין אוגוסט 1914,—הערשט גליקליכערווייזע פריעדען אין דער נייער וועלט, אויב מען זאל ניט רעכנען דעם פערווירטענדען בירגער־קריעג אין מעקסיקא, וואס שלעפט

זיך אָהן אויפהער דיא לעצטע פיער יאָהר, זייט דיא רעוואָלוציאָן געגען דעם אַלטען דיקטאַטאָר פּאָרפיריאָ דיאַז.

וואודראָו ווילסאָן

צום געזאָגטען אין לעצטען קאפּיטעל פון דער געשיכטע פון מעקסיקאָ ווע‏לען מיר דאָ צוזעצען, דאס פּרעזי־דענט ווילסאָן, וועלכער האָט זיך ענט־זאַגט „אין נאָמען פון מאָראַליטעט, הומאַניטעט און קאָנסטיטוציאָנאַלי־טעט" צו אַנערקענען דיא דיקטאַטור פון גענעראַל הוערטאַ (זעה זייט 298), האָט דערוויייל נור אויסגעפיהרט, דאס דיעזער דיקטאַטאָר האָט טאַקע געמוזט רעזיגנירען און זיך אָפּטראָגען נאָך אייראָפּא; אָבער רוהע און אָרדנונג הערשען ליידער נאָך אַלץ ניט אין דיע־זער פיעל־געפּרופטער מדינה. דיא גע־פאַהר פון אַ מיליטערישער אריינמי־שונג פון יונייטעד סטייטס אין דיא אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון מעק־סיקאָ, וועלכע איז בעזאָנדערס גרויס געוועזן בשעת אַמעריקאַנער סאָלדאַטען האָבען געלאַנדעט אין ווערא קרוץ, דעם וויכטיגסטען מעקסיקאַנער פּאָרט (אין אַפּריל 1914), איז פּאָראיבער נאָכדעם, וויא דיעזע סאָלדאַטען זיינען צוריקגעצויגען געוואָרען (אין נאָוועמבער 1914), וואס עס דאַרף דיענען אַלס אַ בעוויז, אַז דיא אמעריקאַנער רעגיערונג האָט גאַנץ פריעדליכע אבזיכטען און וויל איבערהויפּט ניט פערכאַפּען טעריטאָריע ביי איהרע שכנים, וויא פּרעזידענט ווילסאָן האָט עס ערקלערט אויסדריקליך אויך אָפיציעל.

דערביי איז געמאַכט געוואָרען אַ גאַנץ נייער און זעהר וויכטיגער שריט אין דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון יונייטעד סטייטס. דאס איז נעמליך דיא אנערקענונג פון אַ מין אַלגעמיינען פּאָליטישען בונד פון דיא רעפּובליקען אין דער נייער וועלט, אום צו קענען לייכטער און בעסער שליכטען שטרייטען צווישען זיי און ארויסצוטרעטען צוזאַמען אין פאַל פון אַטאַקע פון אירגענד וועלכער אייראָפּעאישער מאַכט אויף אירגענד וועלכער פון זיי. עס האַנדעלט זיך וועגען אַן ענדערונג אין דעם פונדאַמענט פון דער אַמעריקאַנער אויסלענדישער פּאָליטיק, נעמליך: אין דער מאָנראָ דאָקטרין.

אין זיד־אמעריקא זיינען שוין אויפגעקומען וועניגסטענס דריי רעפובליקען, וועלכע נויטיגען זיך גאַר ניט אין דער אַפּעקע פון יונייטעד סטייטס און וועלכע פערלאַנגען זאָגאַר אַ דעה אין פראַגען און אַנגעלעגענהייטען, וואס ריהרען אָן די פּאָליטישע אינטערעסען פון די רעפובליקען אין דער נייער וועלט.

דיעזע דריי זיד־אמעריקאַנישע רעפובליקען זיינען עס אַרגענטינע, בראַזיליען און טשילי וואס זייערע געשיכטען וועט דער לעזער געפינען אין צווייטען באַנד פון דיעזען היסטאָרישען ווערק. זיי האַלטען זיך פאַר גרויסמעכטע אין דער נייער וועלט און זיי פערלאַנגען אַן אַלגעמיינען אָרדער, וויא מען זאָגט עס געוועהנליך, פּאַן־אַמעריקאַנישען קאָנצערט נאָך דעם מוסטער פון אייראָפּעאישען פּאָליטישען קאָנצערט. מען רופט זיי A. B. C. נאָך דיא ערשטע בוכשטאַבען פון זייערע נעמען (Argentine, Brazil, Chile) אָט דער דאָזיגער „דרייבונד" פון דער נייער וועלט האָט זיך עס אריינגעמישט, מיט דער פריינדליכער צושטימונג פון פרעזידענט ווילסאָן, אין דעם צוזאַמענשטויס צווישען דיא וואַשינגטאָנער רעגיערונג און הוערטאַ אין דעם מאָמענט, ווען פון אַלע זייטען האָט מען זיך גערייכט אויף אַ מלחמה צווישען יונייטעד סטייטס און מעקסיקאָ. דיא געזאַנדטע פון דער „איי בי סי" האָבען געהאַנדעלט אַלס פערמיטלער אין דיעזען סכסוך צו דער צופריעדענהייט פון אַמעריקאַנער פּאָלק און אויך פון דער גאַנצער לאַטיינישער אַמעריקאַ. דורך דעם האָט דיא מאָנראָו דאָקטרין אָנגענומען אַ נייע ווענדונג, אַ פּאַן־אַמעריקאַנישע ריכטונג, און עס איז אַזוי אויסגעלעגט געוואָרען אַ וועג צו אַ פּאָליטישען בונד פון אַלע רעפובליקען אין דער נייער וועלט.

דיא אמת־פריעדליכע שטרעבונגען פון דער וואַשינגטאָנער רעגיערונג, אונטער דער לייטונג פון פרעזידענט ווילסאָן און פון זיין סעקרעטערי אוו סטייט (מיניסטער פון אויסלענדישע אנגעלעגענהייטען) ברייען, האָבען זיך אויך ארויסגעוויזען אין אַנדערע אויסלענדישע פראַגען, אין דער שליעסונג פון ארביטריישאַן־טריטים מיט דיא מייסטע לענדער פון דער וועלט, נור ספּעציעל אין דער פראַגע וועגען צאָהלונגען פאַר דורכפאָהרען דעם פּאַנאַמאַ קאַנאַל. דורך דיא דאָזיגע פראַגע, גענאַנט דיא „טאָלל־פראַגע", איז עס געקומען צו אַן ערנסטען סכסוך פון יונייטעד סטייטס מיט ענגלאַנד און מיט אַלע אַנדערע האַנדעלס־נאַציאָנען. אונטער טאַפט׳ס פרעזידענטשאַפט האָט מען אין קאָנגרעס דורכגעפיהרט אין 1912 אַ געזעץ, אַז אַמעריקאַנער שיפען, וואס פיהרען סחורות צווישען אַמעריקאַנער פּאָרטען, אָדער ברעג־שיפען וויא מען זאָגט עס קורץ, זאָלען קענען דורפאָהרען דעם פּאַנאַמאַ קאַנאַל פריי, אָהן שום טאָלס. דיא ענגלישע רעגירונג האָט דאַן ערקלערט, אַז דאס איז געגען דעם בוכשטאַב פון איהר לעצטען אָפּמאַך מיט יונייטעד סטייטס וועגען דעם פּאַנאַמאַ קאַנאַל (דיא זאָ־גענאַנטע

„העי־פּאָונסיפאָט טריטי”), און זיא האָט דארום געפאָדערט גלייכע אבצאָהלונ־גען אָדער טאָלס פאר אַמעריקאנער שיפען אזוי וויא פאר דיא שיפען פון אַלע נאַציאָנען. איינזעהענדיג, אז דיא ענגלישע רעגיערונג האָט רעכט אין דיזען סכסוך און ניט ווילענדיג איינרייסען מיט אַלע אנדערע נאַציאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען נאַטירליך אויף דער זייט פון ענגלאַנד אין דיזער טאָלל־פראַגע, האָט פּרעזידענט ווילסאָן רעקאָמענדירט דעם קאָנגרעס צוריקצורופען זייער פריהערען בעשלוס און צו בעשטימען דיא זעלבע צאָהלונגען פאר אַמעריקאנער אזוי וויא פאר' אויסלענדישע שיפען, ווען עס קומט זיי אוים צו בענוצען זיך מיט'ן פּאַנאַמאַ קאַנאַל.

דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען דיזע וויכטיגע רעקאָמענדאציאָן, וויא כמעט אַלע אנדערע, וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן האָט פאָרגעשלאָגען. אונטער זיין לייטונג זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען פערהעלטניסמעסיג גיך אזעלכע עקאָנאָ־מישע רעפאָרמען, וועלכע זיינען יאָהרענלאַנג געשטאַנען אויף דער רייהע. איינער פון זיינע ערשטע אַקטען איז געווען צוזאַמענצורופען דעם קאָנגרעס (דעם 63טען אין צאָהל), אום ווידער צו ענדערען דעם טאַריף. דיזעס מאָל האָט מען איהם טאַקע רעווידירט אַרונטער, דאס הייסט: בעדייטענד פערקלע־נערט דיא אָבצאָהלונגען אויף כמעט אַלע אויסלענדישע סחורות, וויא דיא דעמאָקראַטישע מאַיאָריטעט דאָרטען האָט עס געוואונשען. אַלע שפּייזוואַרג און דיא וויכטיגסטע רויהע פּראָדוקטען פאר אינדוסטריען זיינען געשטעלט געוואָרען אויף דער פרייער ליסטע.

נור אזוי וויא דורך אזעלכע פערקלענערונגען פון טאַריף־אָבצאָהלונגען האָט געמוזט ווערען א גרויסער דעפיציט אין דער שטאַאטס־קאַסע, האָט מען גלייכצייטיג בעשלאָסען אין קאָנגרעס איינצופיהרען אַן אינקאָם־טעקס, דאס הייסט: א שטייער אויף איינקינפטע. דיזע זעהר וויכטיגע רעפאָרם איז אָבער מעגליך געוואָרען דורך דעם, וואס מען האָט נאָך א זעהר לאַנגען און ביטערען קאַמפּף, דורכגעפיהרט אונטער טאַפט'ס פּרעזידענטשאַפט אַן אַמענדמענט צו דער יונייטעד סטייטס קאָנסטיטוציאָן, נעמליך דעם 16טען, וואו עס שטעהט אויסדריקליך, אַז דער קאָנגרעס האָט א רעכט צו בעשטייערען אירגענד וועלכע איינקינפטע אין גאַנצען לאַנד.

כמעט גלייכצייטיג מיט דעם אַמענדמענט וועגען אינקאָם־טעקס איז אויך אריינגעטראָטען אין קראַפט (אין 1913) נאָך אַן אַמענדמענט (דער 17טער און פאָרלויפיג דער לעצטער) צו דער יונייטעד סטייטס קאָנסטיטוציאָן, וועגען וועלכען עס איז געפיהרט געוואָרען א קאַמפּף, מעג מען זאָגען, זייט דעם אָנפאַנג פון אונזער רעפּובליק. דאס איז נעמליך וועגען דעם, וויא אזוי דיא יונייטעד סטייטס סענאַטאָרס זאָלען אויסגעוועהלט ווערען. אויף זייטע 48

זיינען שוין ערקלערט געוואָרען דיא קאָנסטיטוציאָנעלע פּונקטען וועגען דער ערוועהלונג פון דיעזע פערטרעטער פון סטייטס. דיא פאָרדערונג, אז מען זאָל זיי אויסקלייבען אזוי וויא אַלע אַנדערע פערטרעטער און בעאַמטע, דאס הייסט דירעקט פון דיא בירגער, איז אָבער אַלץ שטארקער געוואָרען, און דיא סענאַטאָרם אליין האָבען שליעסליך געמוזט פאָלגען דעם ווילען פון פאָלק. עס בלייבט וויא פריהער, אַז יעדער סטייט, וויא גרויס אָדער קליין ער זאָל ניט זיין, שיקט צוויי פערטרעטער אין יונייטעד סטייטס סענאַט, נור זייער ערוועהלונג וועט שוין פאָרקומען לויט נאָך דיא געוועהנליכע וואהל־געזעצע, אַט אזוי וויא מען ערוועהלט, למשל, דיא מיטגליעדער פון דער האוז אוו רעפּרעזענטאַטיווס, נעמליך: דירעקט פון פאָלק.

Vox populi, vox Dei (דיא שטימע פון פאָלק איז דיא שטימע פון גאָט)— דיעזער אלטער שפּריך־וואָרט ווערט בכלל אַלץ מעהר און וייטער פערווירקליכט אין אונזער גרויסער און פּראָגרעסיווער רעפּובליק.

ניו יאָרק, ענדע 1914.

קענעדע

Dominion of Canada

פאָרוואָרט

קענעדע*) און יונייטעד סטייטס בילדען דעם אַנגלאָ־סאַקסישען אָדער, ריכטיגער געזאָגט, דעם ענגליש־שפּרעכענדען טהייל פון דער נייער וועלט. זייערע געשיכטען זיינען זעהר ענג פערבונדען. פון דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס ווייסען מיר שוין, אַז אַ געוויסע צייט האָבען זיי זיך ביידע געפונען אונטער איין פלאַג — דעם בריטישען. דיא געשיכטע פון קענעדע וועט אונז צייגען, וויא וועניג עס האָט געפעהלט, אַז זיי זאָלען בלייבען אונטער איין פלאַג — דעם אַמעריקאַנישען.

דער גרעסטער אונטערשיעד צווישען זיי בעשטעהט אין דעם, וואָס קענעדע איז צוערשט בעזעצט געוואָרען פון פראַנצויזען און וואָס איינע פון איהרע ריזיגע פראָווינצען איז געבליבען און וועט שוין אפנים שטענדיג בלייבען אַ פראַנצויזיש־שפּרעכענדע. צוויי שפּראַכען ווערען דאָרטען אָפיציעל אַנערקענט אַלס גלייכבערעכטיגטע. אין דיזען פרט איז קענעדע אַן אויסנאַהמע פון אַלע אַנדערע לענדער אין דער נייער וועלט. ניט אין אונזער רעפּובליק און ניט אין אירגענד וועלכער פון דיא רעפּובליקען פון דער זאָ־גענאַנטער "לאַטיינישער אַמעריקאַ" איז ווען עס איז פאָרגעקומען אַ שפּראַכען־קאַמפּף. געוועהנליך זיינען דאָרטען איינגעוואָרצעלט געוואָרען דיא שפּראַכען פון דיא ערשטע אייראָפּעאישע הערשער און קאָלאָניסטען. אַזוי וויא שפּאַניען האָט בעהערשט צענטראַל־אַמעריקאַ און דעם גרעסטען טהייל פון זיד־אַמעריקאַ, האָט זיא דאָרטען איבערגעלאָזען איהר שפּראַך און דורך דעם אויך איהר קולטור אַלס אַן אייביגע ירושה. ווען דער טהייל פון זיד־אַמעריקאַ, וואָס טראָגט דעם נאָמען בראַזיליען, וואָלט ניט אָבגעגעבען געוואָרען צו פּאָרטוגאַל אויף דעם גרונד פון דער בעריהמטער ענטשיידונג פון פּאַפּסט אַלעקסאַנדער דעם זעקסטען, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא קאַפּיטלעך פון דיזען בוך, אין וועלכע דיא געשיכטע

*) דאָס איז דיא ענגלישע אויסשפּראַכע פון דעם נאָמען Canada, וואָס זאָל שטאַמען פון אַן אינדיאַנער וואָרט, וויא היסטאָרישע פאָרשער מיינען עס. דיא פראַנצויזישע אויסשפּראַכע איז קאַנאַדאַ (מיט דעם קלאַנג אויף דער לעצטער זילבע, וויא בכלל אין דער פראַנצויזישער שפּראַך). אַזוי איז אויך דיא אויסשפּראַכע איבעראַל, וואו דער לאַטיינישער בוכשטאַב a ווערט אויסגעשפּראַכען ווי אַ (פּתח). פּ. ק.

פון דיזער פּאָרטוגעזיש־שפּרעכענדער רעפּובליק וועט בעשריבען ווערן, — וואָלט אויך דאָרטען וואהרשיינליך איינגעפיהרט געוואָרען דיא שפּאַנישע שפּראַך.

עס איז געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז אין דער נייער וועלט זאָלען ניט נור דיא איינגעבאָרענע רויט־הויטיגע שטאַמען ביסלעכווייז איבערנעהמען דיא שפּראַך פון זייערע אייראָפּעאישע הערשער, זאָנדערן אַז אויך דיא שפּעטערע איינוואַנדערער פון אייראָפּאַ זאָלען אָנפאַנגען צו געברויכען דיא שפּראַך פון דיא ערשטע קאָלאָניסטען. דער ניי־אָנגעקומענער אייראָפּעער אין אירגענד וועלכער פון דיא לענדער פון דער נייער וועלט האָט דאָך קיינע פּרעטענזיעס ניט איינצופלאַנצען דוקא זיין נאַציאָנאַלע קולטור. ער איז געוועהנליך צו־פריעדען, ווען ער קען קריעגען בעשעפטיגונג און זיך עטאַבלירען אין דעם נייעם אָרט, וואו ער בעזעצט זיך.

דיא גרויסע נאָרד־אַמעריקאַנער רעפּובליק האָט שוין לאַנג געקראָגען דעם נאָמען "שמעלץ־טאָפּ פון פעלקער און ראַסען", ווייל דיא מאַסען איינוואַנדע־רער, פון וועלכען לאַנד זיי זאָלען ניט קומען און צו וועלכער נאַציאָן זיי זאָלען ניט געהערען, ווערען מערקווירדיג שנעל צוזאַמענגעמישט און צוזאַמענגעשמאָל־צען מיט דער אַמעריקאַנער נאַציאָן. דאָס זעלבע איז אָבער אויך ריכטיג וועגען דיא רעפּובליקען פון זיד־אַמעריקאַ, ספּעציעל וועגען אַרגענטינע, בלויז אין אַ קלענערער מאָס. דאָרטען ווערען דיא אימיגראַנטען אויך אַזוי אַסימילירט וויא אין יונייטעד סטייטס. אַזוי פּאַסירט עס און עס מוז שליסליך פּאַסירען אין יעדען אימיגראַציאָנס־לאַנד, אין אויסטראַליען אַזוי גוט וויא אין אַמעריקאַ און אין זיד־אַפריקאַ אַזוי גוט וויא אין אויסטראַליען.

אין קענעדע האָט אָבער פּאַסירט עטוואָס אונגעוועהנליכעס, עטוואָס אַזעל־כעס, וואָס האָט מעהר עהנליכקייט צו דיא בעדינגונגען און צושטענדע אין דער אַלטער וועלט, וויא אין דער נייער. דאָס אונגעוועהנליכע איז בעשטאַנען ניט אַזוי אין דעם, וואָס צוויי פון דיא גרעסטע און שטאַרקסטע אייראָפּעאישע נאַציאָנען, דיא ענגלישע און דיא פראַנצויזישע, האָבען זיך פון אָנפאַנג אָן צוזאַמענגעשטויסען דאָרטען אַלס פייערדיגע געגנער, וויא אין דעם, וואָס נאָך זייער ענדליכען זיעג האָבען דיא ענגלענדער אַנערקענט דיא שפּראַך און אויך, מעג מען זאָגען, דיא נאַציאָנאַלע אַטאָנאָמיע פון דיא בעזיעגטע פראַנצויזען אין דער פּראָווינץ קוויבעק. צוזאַמענשטויסען, לאַנגע מלחמות און אויך גרוי־זאַמע געגענזייטיגע אויסשלאַכטען זיינען ניט איין מאָל פאָרגעקומען צווישען דיא אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האָבען זיך דיא ערשטע אַ לאַז געטהאָן אַ קורצע צייט נאָך קאָלומבוס'עס ענטדעקונג צו פערכאַפּען קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט. איינינע קאָלאָניעס זיינען עטליכע מאָל איבערגעגאַנגען פון איין האַנד אין דער אַנדערער, למשל פון דיא שפּאַניער צו דיא פראַנצויזען, נאַכהער פון דיא פראַנצויזען צו דיא ענגלענדער, און פון דיא ענגלענדער צוריק צו דיא

שפאַניער, און דאַן ווידער צו דיא פראַנצויזען, אָדער גאָר צו דיא האָלענדער אָדער פּאָרטוגעזער. מיר וועלען עס ניט איין מאָל האָבען אַ געלעגענהייט צו בעטראַכטען, ווען מיר וועלען זיך בעקענען מיט דיא געשיכטען פון דיא ניי־אויפגעקומענע נאַציאָנען אין דער גאַנצער נייער וועלט. אָבער אין ערגעץ, אויסער אין קענעדע, האָט עס ניט געטראָפען, אַז נאָך זייער נידערלאַגע זאָלען דיא פריהערע הערשער קענען אָנהאַלטען זייער שפּראַך, זייערע פיהרונגען און בכלל זייער נאַציאָנאַלע קולטור אין דער קאָלאָניע.

דאַרום עקזיסטירט עס אין קענעדע אַזאַ מין נאַציאָנאַלער קאַמפּף, וויא אין דיא אייראָפּעאישע לענדער, אין וועלכע צוויי אָדער מעהרערע פעלקער לעבען אונטער איין צענטראַלער רעגיערונג און צוויי אָדער מעהרערע שפּראַכען ווערען אָפיציעל אַנערקענט. דיא פראַנצויזיש־שפּרעכענדע קענעדער זיינען אייגענטליך אַזוי צוגעבונדען צו דער בריטישער אימפּעריע, וויא דיא ענגליש־שפּרעכענדע קענעדער.ביידע טהיילען האַלטען זיך היינט פאַר מיטגליעדער פון איין נייער נאַציאָן — דיא קענעדישע. פון דעסטוועגען רייסען זיי זיך אַלץ אַרום אין פיעלע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, וויא צוויי בעזונדערע נאַציאָנאַליטעטען. דיא פראַנצויזיש־שפּרעכענדע קענעדער קוקען אַלץ מיט פערדאַכט און זאָגאַר מיט שנאה אויף זייערע ענגליש־שפּרעכענדע מיטבירגער, ווייל זיי האָבען מורא צו פערלירען זייער נאַציאָנאַלע אָטאָנאָמיע דורך דעם, וואָס זיי ווערען אַלץ אַ קלענערע מינאָריטעט אין לאַנד. זיי האָבען שוין לאַנג פערלאָרען זייערע פּאַטריאָטישע געפיהלען צו פראַנקרייך און ווינשען אויפריכטיג צו בלייבען אונטער דעם בריטישען פלאַג; אָבער זייער אַלט־פראַנצויזישע שפּראַך און זייערע אַלט־פראַנצויזישע מנהגים ווילען זיי אויף קיין פאַל ניט אויפגעבען. צוליעב זייער שפּראַך זיינען זיי בערייט צו געהן אין פייער און אין וואַסער.

וויא אַ רויטער שנור — רויט ווייל ער איז אָפט געפאַרבט געוואָרען אין בלוט — ציהט זיך דער קאַמפּף צווישען פראַנצויזען און ענגלענדער דורך דיא גאַנצע געשיכטע פון קענעדע. דיא פאָרמען און אויך דער כאַראַקטער פון דיזען קאַמפּף האָבען זיך אַין פערלויף פון דער צייט געביטען, אָבער אין גאַנצען הערט ער ניט אויף, וויא מיר וועלען זעהען אין דיא פאָלגענדע קאַפּיטלעך.

ערשטער קאפיטעל.

דיא ערשטע רייזע נאָך נאָרד־אַמעריקא און דיא ענטדעקונג פון קענעדע

אַלעם וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען אין דער איינלייטונג צו דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס בעציהט זיך, נאַטירליך, אויך אויף קענעדע אַלס א טהייל פון דער נייער וועלט. צווישען אַנדערע רייזען אין דער ערשטער העלפט פון 16טען יאָהרהונדערט איז דאָרטען פערצייכענט (זעה זייטע 22), אַז דער פראַנצויז זשאַק קאַרטיע האָט אין 1535 ענטדעקט דעם סענט לאָרענס טייך, ווען ער האָט געזוכט דעם נאָרד־וועסטליכען וואַסערוועג נאָך אינדיען.

דיזע רייזע איז עס דער אָנפאַנג פון דער געשיכטע פון קענעדע. זיא איז אויך, מעג מען זאָגען, דער אָנפאַנג פון א גענויער היסטאָריע פון נאָרד־אַמעריקא. עס איז זיכער, אַז דזשאָהן קאַבאָט האָט דער ערשטער ענטדעקט דיא ברעגען פון נאָרד־אַמעריקא אין 1497, סך הכל פינף יאָהר נאָך קאָלומבוס'עס ערשטער רייזע, אָבער איינצעלהייטען פון זיין מאַרשרוט פעהלען. מען ווייס אפילו ניט, אין וועלכען פונקט ער האָט געלאַנדעט. אויך איז מען אין דונקעלהייט וועגען דיא ענטדעקונגען פון זיין זוהן, סעבאַסטיאַן קאַבאָט, וועלכער האָט פאָרטגע־זעצט דיא רייזען פון זיין פאָטער אין דיענסט פון דעם ענגלישען קעניג הענרי דעם זיבעטען. מען רעכענט, אַז ביידע, דער פאָטער און דער זוהן, זיינען פאַרבייגעפאָהרען דיא ברעגען פון נאָרד־אַמעריקא, אָנפאַנגענדיג פון דעם האַלב־אינזעל לאַבראַדאָר אָדער פון דעם אינזעל ניו־פאַונדלענד אין נאָרד ביז צום האַלבאינזעל פלאָרידא אין זיד. עבענזאָ ווייניג ווייס מען פון דיא מאַרשרוטען פון קאַבאָט'ס נעכסטע נאָכפאָלגער.

יעדענפאַלס האָט קאַבאָט'ס ענטדעקונג געהאַט אונגעהייער וויכטיגע רע־זולטאַטען. אַזוי שנעל וויא בעריכטען וועגען זיין רייזע אונטער דעם ענגלישען פלאַג זיינען אָנגעקומען אויך אין אנדערע אייראָפּעאישע לענדער, האָבען זיך נייע ים־פאָהרערס א לאָז געטאָן צו דיא נאָרדליכע ברעגען פון דער נייער וועלט. שוין אין 1500 איז דער פּאָרטוגעזישער קאַפּיטאַן גאַספּאַר קאָרטערעאַל צוגעקומען צו דיא שטיינערנע ברעגען פון דעם וויסטען און קאַלטען האַלב־

אינזעל, וואָס טראָגט דעם נאָמען לאַבראַדאָר, וועלכען ער האָט איהם געגעבען. די בעדייטונג פון דיעזען פּאָרטוגעזישען וואָרט איז "אַקערבויער", וואָס עס פּאַסט ניט פאַר אַזאַ לאַנד, וועלכע בלייבט אַלץ כמעט גאָר ניט בעפּעלקערט. ער האָט גראַדע געטראָפען אין איין אָרט אַ שטאַם אינדיאַנער, פון וועלכע איהם איז געלונגען צו פערנאַרען אַ 50 יעגער אויף זיין שיף, אום זיי צו ברענגען אין פּאָרטוגאַל אַלס שקלאַווען פאַר דיא גאַלער־שיפען. דעם נעכסטען יאָהר האָט קאָרטערעאַל אָנגעפאַנגען אַ נייע רייזע נאָך נאָרד אַמעריקאַ, אָבער צוריק איז איהם שוין ניט בעשערט געווען צו קומען אין פּאָרטוגאַל. מען רעכענט, אַז ער איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיין שיפעל לעבען דיא געפעהרליכע ברעגען פון לאַבראַדאָר.

אַן אַנדער פּאָרטוגעזער ים־פאָהרער, איינער מיט'ן נאָמען עסטעוואַן גאָמעץ, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף קאַבאָט'ס וועג צו דיא נאָרד־וועסטליכע ברעגען פון אַמעריקאַ. ער איז אָבער געשטאַנען אין שפּאַנישען דיענסט. מען רעכענט, אַז ער האָט אויך גערייזט ביי דיא ברעגען פון נאָרד־אַמעריקאַ ביז צו דיא שפּאַנישע פּאָסעסיעס אין פלאָרידאַ. דיא שפּאַניער האָבען זיך אָבער געקימערט וועגען דיעזע נאָרדליכע רייזען אַזוי וועניג וויא דיא פּאָרטוגעזער. זיי האָבען זיך אַלץ ארומגעריסען וועגען זייערע חזקות אין זיד־אַמעריקאַ. אויף'ן קאַמפּפּלאַץ אין נאָרד־אַמעריקאַ זיינען פערבליבען בלויז ענגלאַנד און פראַנקרייך.

דיא ערשטע פראַנצויזען, וואָס האָבען אָנגעפאַנגען צו רייזען אויף קאַבאָט'ס וועג, זיינען געווען מוטהיגע פישער פון דיא פּראָווינצען ברעטאַן און נאָרמאַנדיע. זיי זיינען צוגעצויגען געוואָרען צו דיא בעריהמטע זאַמדבענק פון ניו־פאַונדלענד, וועלכע זיינען וואונדערבאַר רייך אין פיש אויך אין אונזערע טעג. איידער דער פראַנצויזישער קעניג פראַנסואַ דער ערשטער האָט זיך ארומגעזעהען, אַז ער קען ניט איבערלאָזען אַזוי פיעל נייע לענדער צו שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, און האָט אין 1524 געשיקט דעם איטאַליענישען ים־פאָהרער וועראַצאַנאָ צו ענטדעקען עפּעס פאַר פראַנקרייך אויף דעם נאָרד־וועסטליכען וועג נאָך אינדיען, האָבען שוין דיא בראַווע פישערלייט פון סענט־מאַלאָ און פון אַנדערע וועסטליכע פראַנצויזישע פּאָרטען געהאַט זייערע פלעצער צום טריקענען פיש ביי דיא ברעגען פון ניו־פאַונדלענד און פון אַנדערע אינזלען אין דעם גאָלף פון סענט לאָרענס טייך. זיי האָבען עס געגרינדעט דיא ערשטע בעזעצונגען פון אייראָפּעער אין ניו־פאַונדלענד, אין קענעדע און, מען מעג זאָגען, אין נאָרד־אַמעריקאַ בכלל.

פראַנסואַ דער ערשטער איז געווען אַ מערקווירדיגע פּערזענליכקייט. זיין לעבען איז פול געווען מיט דראַמאַטישע און ראָמאַנטישע פּאַסירונגען. בעזאָנדערס האָט ער געקעמפּפט געגען דעם קייזער קאַרל דעם פינפטען, וועלכער האָט געשטרעבט צו בעהערשען דיא גאַנצע וועלט. אום אָנצוהאַלטען דאָס "איירא־

פּעאישע גלייכגעוויכט" געגען דיא צו גרויסע מאַכט פון שפּאַניען אונטער דער הערשאַפט פון קאַרל דעם פינפטען, האָט זיך דיזער קעניג פון אַזאַ קאַטאָלישע מדינה וויא פראַנקרייך ניט אָבגעשראָקען אפילו פאַר אַ בונד מיט דיא טערקען און אויך מיט דיא פּראָטעסטאַנטען אין דייטשלאַנד. ווען ער האָט דערהערט פון דער ענטשיידונג פון פּאַפּסט וועגען דיא צוטהיילונג פון דער נייער וועלט צווישען שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, איז ער אין כעס געוואָרען און האָט געלאָזט וויסען זיין געגנער קאַרל דעם פינפטען, דאָס "ער ווייס ניט וואו עס שטעהט געשריעבען, אז אדם הראשון האָט איבערגעלאָזען בירושה דיא גאַנצע ערד צו דיא מלכים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל". דאַן האָט ער עס געשיקט דעם איטאַליענישען קאַפּיטאַן וועראַצאַנאָ צו ענטדעקען נייע לענדער פאַר פראַנקרייך.

פון דיזער רייזע האָט זיך אָבער אויסגעלאָזען ניט מעהר, וויא פון דיא רייזען פון קאָרטערעאַל און גאָמעץ. ווייטער פון ניו־פאַונדלענד אין נאָרד האָט וועראַצאַנאָ ניט דערגרייכט. זיין צווייטע רייזע האָט זיך געענדיגט מיט זיין טויט. מען רעכענט, אַז שפּאַניער האָבען איהם געפאַנגען און אויפגעהאַנגען אַלס פּיראַט. וואַהרשיינליכער איז עס אָבער אַז זיין שיף איז געזונקען אויף'ן וועג.

נור דער פראַנצויזישער קעניג האָט זיך יעדענפאַלס געשטיצט אויף וועראַצאַנאָ'ס רייזע אין זיינע פּרעטענזיעס אויף נאָרד־אַמעריקאַ, אַזוי וויא דער ענגלישער קעניג האָט זיך געשטיצט אויף קאַבאָט'ס רייזען. דערווייל איז דיא נייע וועלט אַלץ מעהר בעקאַנט געוואָרען. מען האָט זיך אַלץ ווייטער אַרומגעזעהן, אַז זיא איז טאַקע אַ בעזונדערער טהייל פון ערד־קוגעל, אַזעלכער וואָס ציהט זיך פון דיא קעלטעסטע געגענדען אין נאָרד ביז צו דיא קאַלטע געגענדען אין זיד, צווישען דיא צוויי גרעסטע אָקעאַנען, דעם אַטלאַנטישען אין מזרח־זייט און דעם פּאַסיפישען (שטילען) אין מערב־זייט.

אין דער זעלבער צייט זיינען דיא ענטדעקטע לענדער אַלץ מעהר פערכאַפּט געוואָרען פון שפּאַניען, פּאָרטוגאַל און ענגלאַנד, זאָ דאָס דער פראַנצויזישער קעניג האָט זיך געמוזט צואיילען מיט נייע עקספּעדיציעס און ענטדעקונגען, אום ניט צו בלייבען אָהן שום חלק אין אַמעריקאַ. דאַרום האָט ער עס געשיקט אַ נייע עקספּעדיציע נאָך נאָרד־אַמעריקאַ אַזוי שנעל, וויא ער האָט וויא עס איז געשלאָסען פריעדען מיט שפּאַניען נאָך זיין ביטערע נידערלאַגע אין דער שלאַכט לעבען פּאַוויאַ, ווען ער איז אליין געפאַנגען געוואָרען.

דאָס איז עס געווען דיא עקספּעדיציע אונטער דער קאָמאַנדע פון זשאַק קאַרטיע, וועמעס לעבענסגעשיכטע בלייבט אונבעקאַנט. מען ווייס נור אויף זיכער, אַז ער איז געבאָרען געוואָרען אין סענט מאַלאָ, פון וואַנען דיא ברעטאַנער פישער פלעגען עס מייסטענס אָפּפאָהרען נאָך ניו־פאַונדלענד, און אַז צו דער

צייט, ווען דער קעניג האָט איהם געשיקט אין 1534 מיט צוויי שיפען און 120 מאַטראָזען און מיטהעלפער, איז ער אַלט געווען אַ יאָהר פיערציג. מען דאַרף אָננעהמען, אַז ער האָט זיך פערשאַפט אַ נאָמען אין פראַנקרייך אַלס אַ מוט־היגער און פעהיגער ים־פאָהרער און אַלס איינער, וואָס האָט אויך געמאַכט רייזען נאָך נאָרד־אַמעריקאַ אויף פישער־שיפען, זאָנסט וואָלט איהם דער קעניג ניט אַנ־פערטרויט אַזאַ עקספּעדיציע, ווי צו זוכען אַ נייעם וואַסער־וועג נאָך כינאַ און אינדיען און אויף'ן וועג צו פערנעהמען אַלע ניי־ענט־דעקטע לענדער אין נאָמען פון פראַנקרייך.

זשאַק קאַרטיע, דער ענטדעקער פון קענעדע.

דיזע רייזע איז געווען אַ זעהר גע־לונגענע און אויך אַ זעהר שנעלע פאַר די קליינע זעגעל־שיפען פון יענע צייטען. ווען קאַרטיע איז צו־געקומען צו די וויס־טע ברעגען פון לאַב־ראַדאָר ארום 20 טעג נאָך זיין אָפּרייזע פון פראַנקרייך (דעם 20טען אַפּריל, 1534), האָט ער געמוזט וואַרטען אַ געוויסע צייט, איידער ער האָט געקענט דורכשווימען דעם וואַסער־וועג צווישען דיזען האַלבאינזעל און דעם אינזעל ניו־פאַונדלענד, ווייל ער איז געווען בלאָקירט מיט שטיקער אייז. דיזער וואַסער־וועג טראָגט ער היום דעם אונפערדיענטען נאָמען

בעל־איל (אויף ענגליש: בעל־אייל סטרייטס), וואס עם בעדייטעט: שעהנער אינזעל. דיא געגענד איז אזא וויסטע און טרויעריגע, אז קארטיע האט אבגע־געבען אזא מיינונג וועגען איהר: "איך דענק אז גאט האט אבגעגעבען דיזע שטיק ערד צו קין'ען". דיא מאטראזען האבען געזאגט, אז אנשטאט "בעל־איל" האט מען דעם ארט בעדארפט רופען "טייפעל'ס אינזעל".

דעם 3טען יולי איז קארטיע אריינגעפאהרען אין א טיעפער בוכטע, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען "שאלויר", וואס עס מיינט היץ, ווייל אין יענעם טאג איז עס דארטען זעהר היים געוועז. דיזער וואסער־בוזים (אויף ענגליש און פראנצויזיש: בעי, אויף רוסיש: זאליוו) געפינט זיך אויף דער זידליכער זייט פון דעם ים, וואס טראגט דעם נאמען גאלף פון סענט לארענס. דאס איז יעצט א טהייל פון דער פראנצויזיש־שפרעכענדער פראווינץ קוויבעק.

אויף א מערקווירדיגען פעלז, וואס טראגט דעם נאמען גאספע (מען רע־כענט, אז דאס איז אן אינדיאנער ווארט, וואס בעדייטעט א צושפאלטענער פעלז) האט קארטיע אין דער אנוועזענהייט פון פערוואונדערטע אינדיאנער אויפ־געשטעלט א הויכען קרייץ מיט דעם שילד פון פראנקרייך און מיט אן אויפ־שריפט: "עס לעבע דער קעניג פון פראנקרייך!"

נאכדעם האט ער זיך צוריקגעקעהרט אהיים דורך דעם זעלבען בעל־איל וואס־סערוועג, גאר ניט וויסענדיג, אז ער איז צוגעקומען נאהענט צום גרויסען טייך סענט לארענס. ער האט מיטגענומען צוויי זיהן פון דעם הויפט פון דעם אינדיא־נער שטאם אין גאספע, אום זיי צו צייגען דעם קעניג און דיא העפלינגע. דיא שילדערונגען וועגען דיא געגענד ארום שאלויר־בעי האבען אזוי צופריעדענגע־שטעלט דעם קעניג, אז ער האט בעשלאסען שיקען א צווייטע עקספעדיציע אהין דעם נעכסטען יאהר ווידער אונטער דער קאמאנדע פון זשאק קארטיע.

דאס איז געווען קארטיע'ס צווייטע רייזע, ווען ער האט שוין ענטדעקט דעם טייך סענט לארענס, וואס איז געווארען דער צענטער פון דער פראנצויזי־שער הערשאפט אין נארד־אמעריקא אין פערלויף פון צוויי מיט א פיערטעל יאהרהונדערט. ווידער איז ער צוגעקומען צו דיא ברעגען פון לאבראדאר און דורכגעשוואומען — דיעזעס מאל מיט דריי זעגעל־שיפען — דיא בעל־איל סטרעיטס, נור אין דעם סענט לארענס גאלף האט ער פערקירעוועט מעהר צו וועסט און דעם 10טען אוגוסט 1535 האט ער געלאנדעט אין א קליינער בוכטע, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען סענט לארענס לכבוד דעם קאטאלישען הייליגען פון דעם דאזיגען טאג. נאכהער איז דיזער נאמען איבערגעגאנגען אויף דעם גרויסען טייך און אויף דעם גאלף, פון וועלכע דיזע בוכטע איז א טהייל.

ווען דיא שיפען זיינען פערבייגעפאהרען דיא נארדליכע ברעגען פון דעם גרויסען אינזעל אנטיקאסטי, וואס ליעגט אין מיטען פון דער מינדונג (דאס מיינט דעם ארט וואו א טייך פאלט אריין אין ים) פון סענט לארענס טייך,

האָבען דיא צוויי אינדיאַנער, וועלכער קארטיע האָט מיטגעבראַכט, וויא ער האָט עס פערשפּראָכען זייער פאָטער, אָנגעוויזען, אַז מען איז צוגעקומען צו דער געגענד סאַגענעי, וואו עס געפינט זיך רויטע קופּער, און אַז נאָך ווייטער צום זיד־וועסט פליסט דער גרויסער טייך פון האָשעלאַגא און קאַנאַדאַ (אַזוי איז דיא פראַנצויזישע אויסשפּראַכע פון דיזע אינדיאַנער ווערטער, וואָס זייער בע־דייטונג איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען).

קארטיע האָט זיך אַ לאַז געטהאָן אויף דיזען וועג. האַלטענדיג זיך ביי דיא נאָרדליכע ברעגען פון סענט לאָרענס איז ער צוגעקומען צו דיא ערטער, וואו דיזער טייך ווערט שמעלער און וואו עס איז שפּעטער אויף דיא בערג־ברעגען אויפגעבויט געוואָרען דיא גרעסטע און שטאַרקסטע פעסטונג פון נייי־פראַנקרייך אָדער קענעדע — קוויבעק. ווען ער האָט געלאַנדעט דאָרטען, זיי־נען זיך צוזאַמענגעקומען אינדיאַנער אויף שיפלעך פון אַרום און אַרום. דער הויפּט פון דעם דאָרטיגען אינדיאַנער שטאַם האָט בעדאַנקט דעם פראַנצויזי־שען קאַפּיטאַן פאַר דיא גוטע בעהאַנדלונג פון דיא צוויי ווילדע, וועלכע ער האָט געבראַכט צוריק בשלום. דאָס האָט גלייך פון אָנפאַנג געפיהרט צו דיא פריינדליכע בעציהונגען צווישען דיא פראַנצויזען און דיא אַלגאָנקינער (אַזוי איז דער אַלגעמיינער נאָמען פון דיא אינדיאַנער שטאַמען ביי דיא וואַסערען פון סענט לאָרענס און בכל אין דער פּראָווינץ קוויבעק און אין קענעדע) — אַ פריינדשאַפט, וועלכע האָט זעהר פיעל געהאָלפען דיא פראַנצויזען צו פער־שפּרייטען זייער הערשאַפט אַלץ ווייטער און טיעפער אין נאָרד־אַמעריקאַ, וויא מיר וועלען עס זעהן אין דיא נעכסטע קאַפּיטלעך.

לאָמיר דערווייל נאָכפאָלגען דיא העכסט וויכטיגע רייזע פון זשאַן קאַר־טיע איבער דעם טייך, וואָס ער האָט דער ערשטער ענטדעקט פאַר דיא אייראָ־פּעאישע וועלט און וואָס ער האָט אויך פערצייכענט אויף זיינע קאַרטען. נאָכ־דעם וויא ער האָט אויסגעפאָרשט דיא ברעגען און דיא אינזלען אין דער נאָכ־באַרשאַפט פון דעם אינדיאַנער דערפעל סטאַדאַקאָנאַ, וואו עס איז שפּעטער גע־גרינדעט געוואָרען דיא פראַנצויזישע קאָלאָניע קוויבעק, און נאָכדעם וויא דיא מאַטראָזען האָבען זיך אויסגערוהט, איז ער אַוועק מיט איין שיף נאָך האָשעלאַגאַ, ווענען וועלכע ער האָט זעהר פיעל געהערט אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט דיא אינדיאַנער. זיי האָבען אָבער גאָר ניט געוואָלט, אַז דיא ווייסע זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען און בעקענען מיט דיא שטאַמען פון האָשעלאַגאַ. זיי האָבען דאַרום פּרובירט איינשרעקען דיא פראַנצויזען מיט אויסגעטראַכטע געשיכטען ווענען דיא גרויסע געפאַהרען אויף'ן וועג. אייניגע אינדיאַנער האָבען אויס־געשמירט זייערע געזיכטער מיט סאַזשע, האָבען אָנגעטאָן לאַנגע הערנער אויף זייערע קעפּ און זיך בעדעקט מיט פעל פון חיות, אום צו צייגען וואָס פאַר אַ שוידערליכע שדים עס געפינען זיך אין האָשעלאַגאַ. קאַרטיע האָט זיך, נאַ־

טירליך, אויסגעלאַכט פון אַזעלכע אָבשרעקענעסען. אַרום ענדע סעפּטעמבער איז ער צוגעקומען מיט איינע פון זיינע שיפען צו אַן אינזעל, וואו עס האָט זיך געפונען אַן אינדיאַנער דאָרף מיט'ן נאָמען האָשעלאַגאַ און וואו עס געפינט זיך היינט דיא גרעסטע און וויכטיגסטע האַנדעלס־שטאָדט פון קענעדע — מאָנטריאָל.



דיא אינדיאַנער שטאָדט האָשעלאַגאַ.
(נאָך אַן אַלטער צייכנונג).

דיא אינדיאַנער פון האָשעלאַגאַ האָבען אויך אויפגענומען זעהר פריינדליך דיא ווייסע געסט. אויף'ן וועג פון קוויבעק ביז מאָנטריאָל האָט קאַרטיע בע־וואונדערט דיא פּראַכטפאָלע ברעגען פון סענט לאָרענס. דעם אינזעל פון האָ־שעלאַגאַ האָט ער אַ נאָמען געגעבען „מאָן ראָיאַל" צוליעב דעם הערליכען באַרג דאָרטען. דאָס מיינט אויף פראַנצויזיש: „קעניגליכער באַרג" און דערפון שטאַמט עס דער היינטיגער נאָמען Montreál (ענגליש אויסגעשפּראָכען: מאָנט־ריאָל).

אין דיא בעריכטען פון זיין רייזע איבער דעם גרעסטען און וויכטיגסטען פון אַלע נאָרד־אַמעריקאַנישע טייכען, וועלכע פאַלען אריין אין אַטלאַנטישען אָקעאַן, שילדערט קאַרטיע דיא פיהרונגען פון דיא אינדיאַנער אין האָשעלאַ־גאַ. ער דערצעהלט, אַז זיי האָבען געקוקט אויף דיא פראַנצויזען, וויא אויף געטליכע מענשען. ער בעשרייבט, וויא זייער, זאָ צו זאָגען, הויפּט שטאָדט איז געבויט געוועזן, וויא זייערע געמיינשאַפטליכע הייזער, יעדע אונגעפעהר 100 פוס לאַנג און 25 פוס ברייט, זיינען געבויט געוועזן און וויא אַזוי עטליכע

פאַמיליעס האָבען דאָרטען געלעבט. אַזעלכע לאַנגע הייזער, וויא אויף דער צייכנונג וואָס מיר גיבען דאָ, זיינען געווען אין געברויך ספּעציעל ביי דיא אינדיאַנער שטאַמען, וועלכע דיא פראַנצויזען האָבען בעצייכענט מיט'ן נאָמען איראָקואַ (Iroquois, ענגליש אויסגעשפּראָכען: איראָקוואָי) און וועלכע האָבען געשפּיעלט אַ בעזאָנדערס וויכטיגע ראָלע אין דער געשיכטע פון קענעדע און אויך פון ניו יאָרק סטייט, וויא מיר וועלען עס זעהן.



אַ לאַנגע הויז פון דיא איראָקוואָי שבטים.

אין אָקטאָבער האָט קאַרטיע זיך צוריקגעקעהרט צום פּלאַץ לעבען קוויבעק, וואו ער האָט איבערגעלאָזען אַ טהייל פון זיין עקספּעדיציע. דיא פראַנצויזען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו קוקען מיט פערדעכטיגע אויגען אויף דיא אינדיאַנער, האָבען אויפגעבויט אַ מין פעסטונג, וואו קאַרטיע האָט בעשלאָסען איבערצואווינטערען. אַ שרעקליכער ווינטער איז דאָס געווען פאַר זיי. אַזעלכע ביטערע פרעסט האָבען זיי ניט ערוואַרטעט נאָך דעם הערליכען נאָרד־אַמעריקאַנער הערבסט, וועלכער טראָגט דעם פערדיענטען נאָמען "אינדיאַנער זומער". זיי האָבען שטאַרק געליטען פון קעלט און פון קראַנקהייטען, ספּעציעל פון סקאָרבוט. מעהר וויא דרייסיג בעגלייטער פון קאַרטיע זיינען געשטאָרבען פון סקאָרבוט, און ניט פיעלע פון דער גאַנצער מאַנשאַפט וואָלטען איבערגעלעבט דעם ווינטער, אויב אָן אינדיאַנער וואָלט זיי ניט געגעבען אָן אַלטע אויספּרובירטע רפואה געגען דיזע שרעקליכע קראַנקהייט אין קאַלטע לענדער.

ווען דער היים־ערוואַרטעטער פריהלינג איז ענדליך געקומען נאָך דעם לאַנגען און שאַרפען קענעדער ווינטער, האָט קאַרטיע בעשלאָסען צו פאָהרען צוריק נאָך פראַנקרייך. מיט געוואַלט האָט ער געכאַפּט עטליכע אינדיאַנער (דאַרונטער אויך זייער הויפּט מיט'ן נאָמען דאָנאַקאָנאַ), אום זיי צו צייגען דעם קעניג. הינטער זיך האָט ער דאָרטען געלאָזען איינע פון זיינע שיפען, ווייל ער האָט ניט געהאַט גענוג מאַטראָזען, און אויך אַ קרייץ, 35 פוס הויך, מיט אַ שילד פון פראַנקרייך.

אויף דיזער צוריקרייזע האָט ער זיך שוין געהאַלטען ביי דיא זידליכע ברעגען פון ניו־פאַונדלענד. ער איז אַזוי דורכגעשוואומען דעם וואסער־וועג, וואָס טראָגט דעם נאָמען קאבאָט סטרעיטס און וואָס פיהרט פון אטלאַנטישען אָקעאַן אין דעם גאָלף פון סענט לאָרענס. עטליכע טעג האָט ער פערבראַכט אין איינינע האפענס פון ניו־פאַונדלענד און דעם 16טען יולי 1536 איז ער אריינגעפאָהרען אין זיין געבורטס־שטאָדט סענט מאלאָ מיט דער פרעהליכער בשורה, אַז ער האָט ענטדעקט אַ גרויסע לאַנד מיט אַ וואונדערבאר ברייטען טייך פאַר פראַנקרייך.

צווייטער קאַפּיטעל.

די ערשטע פּראָבעס צו גרינדען קאָלאָניעס

אין פראַנקרייך האָט מען אָבער גאַנץ ווייניג בעגריפען די אונגעהייערע וויכטיגקייט פון קאַרטיע׳ס ענטדעקונגען. דער קעניג מיט זיינע מיניסטאָרען און אַדעליגע האָבען זיך נאָר פעראינטערעסירט אין אַ מעשה, אַז דאָרטען געפינען זיך גאָלד, עדעלשטיינער און בכלל טהייערע מינעראַלען. די מעשה איז געווען בעגרינדעט אויף דעם, וואָס אַן אינדיאַנער פון האָשעלאַגאַ האָט אָנגעכאַפּט קאַרטיע׳ס שפּיעז מיט אַ בעגילטע הענטעל און האָט אָנגעצייגט מיט זיין האַנד אין דער ריכטונג פון דעם טייך אָטאַווע, אַז דאָרטען געפינט זיך אַזאַ מעטאַל. קאַרטיע האָט געמיינט, אַז ער וועט דאָרטען געפינען אַזעלכע אוצרות, וויא די שפּאַניער האָבען געפונען אין מעקסיקאָ און פּערו.

ערשט אַרום פינף יאָהר נאָך דער ענדע פון זיין צווייטער רייזע האָט קאַרטיע געקראָגען די ערלויבניס פון קעניג אויסצושטאַטען פינף שיפען און צו פיהרען אַ נייע עקספּעדיציע נאָך נאָרד־אַמעריקאַ. פאַר דעם גובערנאַטאָר פון די ענטדעקטע לענדער, פאַר דעם וויצע־קעניג איבער גאַנץ ניי־פראַנקרייך האָט אָבער פראַנסואַ דער ערשטער געמאַכט אַן אַדעליגען מיט׳ן נאָמען ראָבערוואַל. אין דער זעלבער צייט האָט ער בעפוילען צו זוכען און אויסצוקלייבען אין די געפענגניסע קאָלאָניסטען פאַר די נייע פּאָסעסיעס. די אַרעסטאַנטען, וואָס קאַרטיע און ראָבערוואַל האָבען מיטגענומען צו בעזעצען זיי ערגעץ ביי די ברעגען פון סענט לאָרענס זיינען אָבער ניט אַלע געווען קרימינאַל־פערברעכער. אַ טהייל פון זיי זיינען איינגעשפּאַרט געווען פאַר זייערע רעליגיעזע און פּאָליטישע איבערצייגונגען.

אַזוי וויא קאַרטיע׳ס דריטע רייזע האָט פערהעלטניסמעסיג אַ קנאַפּע בעדייטונג, וועלען מיר זיך דאָ ניט פערנעהמען מיט איהר. ווען ער איז ווידער צוגעקומען צו האָשעלאַגאַ, האָט ער געוואָלט פאָהרען ווייטער אויף דעם סענט לאָרענס טייך, אָבער ער האָט ניט געקענט דורכשווימען די שטאַרקע שטראָמען וואָס טראָגען דעם נאָמען לאַשין.

אין פריהלינג 1542 האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך פראַנקרייך. ער

האָט זיך זעהר געאייַלט צו ברענגען דיא גלאַנציגע מינעראַלען און קריסטאַלען, מיט וועלכע ער האָט אָנגעלאָדען זיינע שיפען, ווייל ער האָט געמיינט, אַז זיי ענטהאַלטען אין זיך גאַנצע אוצרות מיט גאָלד און אפילו מיט דיאַמאַנ־טען.

וואָס אָנבעלאַנגט צום וויצע־קעניג ראָבערוואַל, איז ער אַרויסגעפאָהרען מיט 3 שיפען און אַ 200 קאָלאָניסטען, מענער און אויך פרויען, אין פריהלינג פון 1542, ווען קאַרטיע האָט זיך שוין אַ לאַז געטהאָן צוריק. אין מיטען זומער איז ער צוגעקומען צו דעם אָרט ביי סענט לאָרענס, וואו קאַרטיע האָט אויפגעבויט אַ פאָרט מיט'ן נאָמען טשאַרלזבורג. פון דאָרטען האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אויסצופאָרשען דיא געגענד אַרום דעם טייך סאַגענעי, וואָס פאַלט אריין אין סענט לאָרענס. מען רעכענט, אַז דער צוועק פון ראָבערוואַל'ס וואַנדערונגען דאָרטען איז געוועזען צו געפינען דיא גאָלד־מינען, וועגען וועלכע דיא אינדיאַנער האָבען דערצעהלט בבא־מעשות.

ווען דער ביטערער ווינטער איז געקומען, האָבען דיא קאָלאָניסטען אַזוי שרעקליך געליטען פון סקאָרבוט, וויא קאַרטיע'ס מאַטראָזען. פופציג פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבען, און דיא איבעריגע האָבען זיך אָבגעטראָגען דעם קו־מענדען פריהלינג, ווען נייע שיפען זיינען אָנגעקומען פון פראַנקרייך (מען רע־כענט, אַז דיעזע שיפען זיינען געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַרטיע, וועל־כער האָט געקראָגען פון קעניג ערלויבנים צו פיהרען אַ פיערטע עקספע־דיציע).

דיא ערשטע פּראָבע פון דיא פראַנצויזען צו גרינדען אַ קאָלאָניע אין קע־נעדע איז אַלזאָ דורכגעפאַלען פונקט אַזוי שנעל וויא טרויעריג.

וואָס עס איז געוואָרען פון מסיע ראָבערוואַל נאָך דיזען דורכפאַל, ווייס מען ניט אויף זיכער. וועגען קאַרטיע ווייס מען, אַז ער האָט געענדיגט בשלום זיינע יאָהרען אַרום 1577 אין זיין געבורטס־שטאָדט. דיא רעזולטאַטען פון זייערע רייזען אין נאָרד־אַמעריקאַ, וויא אויך פון דיא יעהרליכע רייזען פון דיא פראַנצויזישע פישער נאָך ניו־פאַונדלענד, קען מען זעהען אויף דיא אַלטע לאַנד־קאַרטען, וועלכע זיינען פערבליבען עד היום. דיא בעסטע פון דיעזע קאַרטען רעפּראָדוצירען מיר דאָ. זיא איז בעשטימט געוועזען פאַר דעם דאָפין (קרוינפרינץ) פון פראַנקרייך און צייגט, אַז שוין אַ יאָהר פופציג נאָך קאָ־לומבוס'עס ערשטע רייזען זיינען דיא געגענדען ביים סענט לאָרענס טייך און ביי דיא אַטלאַנטישע ברעגען פון נאָרד־אַמעריקאַ צימליך גוט אויסגעפאָרשט געוועזען.

נאָך דעם טויט פון פראַנסואָ דעם ערשטען אין 1547 זיינען דיא צייטען אין פראַנקרייך געוועזען אַזעלכע אונרוהיגע (דער קאַמפף צווישען קאַטאָליקען און הוגענאָטען, וואָס האָט געפיהרט צו דער שוידערליכער אויסשלאַכטונג פון

פראָטעסטאַנטען אין דער נאַכט פון 23טען אוגוסט 1572, גענאַנט אין דער געשיכטע דיא הריגה פון הייליגען באַרטהאָלאָמעע), אַז קיינעם איז גאָר ניט געלעגען אין זינען צו קאָלאָניזירען קענעדע. ערשט אין 1597 (אַלזאָ, 100 יאָהר נאָך קאַבאָט'ס ערשטע רייזע און 62 יאָהר נאָך קאַרטיע'ס ערשטע רייזע) איז אַרויסגעשיקט געוואָרען פון פראַנקרייך אַ נייע עקספּעדיציע צו בעזעצען דיא געגענדען ביים גאָלף און טייך סענט לאָרענס. אויף דעם פראַנצויזישען טהראָן איז שוין דאַן געזעסען דער בעריהמטער הענריך דער פיערטער, וועלכער איז אָנפאַנגס געווען אַ הוגענאָט און וועלכער איז דערשטאָכען געוואָרען אין 1610 פון אַ פאַנאַטישען קאַטאָליק מיט'ן נאָמען ראַוואַיאַק.

דיא "דאָפין קאַרטע" פון נאָרד־אַמעריקא אַרום 1543.

דיזע עקספּעדיציע האָט זיך אָבער געענדיגט נאָך אונגליקליכער וויא ראָבערוואַל'ס מיט 55 יאָהר פריהער. זיא האָט אפילו ניט דערגרייכט דעם סענט לאָרענס טייך. דער מאַרקיז דע לאַ ראָק, דער אָנפיהרער און וויצע־קעניג, האָט געליטען ניט וועניגער פאַר דיא אונגליקליכע קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען געבליבען אויף דעם וויסטען אינזעל, וואָס טראָגט יעצט דעם נאָמען סאַבל (זאמד) איילענד.

צו דיזער צייט האָבען זיך דיא ענגלענדער בעזאָנדערס אַ נעהם געטאָן צו גרינדען קאָלאָניעס און צו פערכאַפּען אינזלען און פּאָרטען אין נאָרד־אַמע־

ריקא. שטיצענדיג זיך אויף קאַבאָט'ס ענטדעקונגען האָט סער האָמפרי גילבערט גענומען פּאָסעסיע פון ניו־פאונדלענד (אין 1583) אין נאָמען פון דער ענגלי־שער קעניגין עליזאבעט. ער האָט מיטגעבראַכט עטליכע ענגלישע האַנדווער־קער און אוואַנטוריסטען צו גרינדען דאָרטען אַ קאָלאָניע אונטער דעם ענגלישען פלאַג. מיט איינינע יאָהר פריהער האָט דער ענגלישער ים־פאָהרער מאַרטין פראָבישער דערגרייכט ביז צו דיא ברעגען פון גרענלאַנד, זוכענדיג אַלץ אַ וועג נאָך כינאַ. וועגען דיא אָנשטרענגונגען פון סער וואָלטער ראַלעי (אַ האַלבער ברודער פון סער האָמפרי גילבערט) צו גרינדען אַ קאָלאָניע אין וויר־דזשיניאַ איז שוין איבערגעגעבען געוואָרען אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס (זעה זייט 24).

ניט רעכענענדיג דיא פישער פון פערשיעדענע נאַציאָנען, ספּעציעל דיא פראַנצויזישע, פון וועלכע איינינע פלעגען איבערווינטערען אין ניו־פאונדלענד און אַנדערע אינזלען און האַלב־אינזלען אַרום דעם סענט לאָרענס גאָלף, איז פון אַלע עקספּעדיציעס, וועלכע דיא הערשער פון פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבען געשיקט אין 16טען יאָהרהונדערט צו גרינדען קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקאַ, כמעט גאָר ניט געבליבען אויסער שילדערונגען פון העלדענטהאַטען און אונגליקען. צו דיא פישער זיינען ביסלעכווייז צוגעקומען יעגער און פעלץ־הענדלער, וועלכע האָבען זיך געלאָזען אַלץ ווייטער און טיעפער אין קענעדע, אום צו פאַנגען באָברען, פוקסען און פערשיעדענע אַנדערע חיות, וואָס זייערע פעלצען זיינען הויך געפּרייזט געוועזען און וואָס האָבען זיך געפונען אין גרויסע צאָהלען אין דיא וועלדער און טייכען דאָרטען.

דיא מייסטע פון דיזע יעגער און פעלץ־הענדלער זיינען ווידער געוועזען פראַנצויזען. אַרום דעם סוף פון 16טען און אין אָנפאַנג פון 17טען יאָהרהונ־דערטע פלעגען שוין צוקומען צו דיא ברעגען פון ניו־פאונדלענד און קענעדע יעדען פריהלינג ביז 400 פראַנצויזישע שיפען מיט פישער און אויך מיט יעגער און הענדלער, וועלכע פלעגען אויסבייטען מעסערס, שערען, נאָדלען, פּאַטשערקעס א. ז. וו. אויף דיא איינציגע טהייערע אַרטיקלען וואָס דיא אינדיאַנער האָבען גע־קענט דערפאַר געבען, נעמליך: פוטערוואַרג.

דיזע הענדלער זיינען עס פאַקטיש געוועזען דיא גרינדער פון ניי־פראַנק־רייך אָדער קענעדע. יאָגענדיג זיך אַלץ ווייטער נאָך דיא אינדיאַנער, אום ארויסצוקריגען ביי זיי וואָס מעהר פעלץ־וואַרג, האָבען זיי אויך אין געוויסע סטראַטעגישע פונקטען געגרינדעט סטאַנציעס, אַרום וועלכע איינינע קאָלאָניס־טען האָבען זיך שפּעטער בעזעצט. אַזוי זיינען געשאַפען געוואָרען דיא ערשטע פראַנצויזישע בעזעצונגען אין נאָרד־אַמעריקאַ.

אין אָנפאַנג פון זיעבענצעהנטען יאָהרהונדערט האָט אַ זעהר רייכער קויפ־מאַן מיט'ן נאָמען פאָנגראַווע געקראָגען ביים קעניג דיא פּריווילעגיע צו

פיהרען דעם פעלץ־האַנדעל אין גאַנץ קענעדע. זיין רעכטע האַנד אין דיזער אונטערנעהמונג איז געווען סאַמועל דע שאַמפּלעין, אַ אדעלמאַן, וואָס האָט זיך אונשטערבליך געמאַכט אַלס דער גרינדער פון נייי־פראַנקרייך און אויך אַלס דער ענטדעקער פון אַ גרויסע און הערליכע לעיק (אָזיעראָ), וועלכע טראָגט זיין נאָמען און געהערט צו יונייטעד סטייטס. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו האָשעלאַגאַ, האָבען זיי שוין אָבער קיין שפּור ניט געפונען פון דער אינדיאַנער שטאָדט, וועלכע קאַרטיע האָט בעשריבען. שאַמפּלעין האָט געוואָלט דורכפאָהרען דיא לאַשין שטראָמען, אָבער דאָס איז איהם אזוי וועניג געלונגען וויא קאַרטיע׳ן. ער האָט אויסגעפאָרשט דיא געגענדען ארום דעם טייך סאַנגענעי און האָט אויך אויסגעקליבען דעם אָרט, וואו עס איז נאָכהער אויפגעבויט געוואָרען קוויבעק, דיא שטאַרקסטע פעסטונג פון נייי־פראַנקרייך.

דריטער קאפיטעל.

דיא גרינדונג פון פאר־ראיאל און קוויבעק

דיא ערשטע פראנצויזישע קאלאניע, פון וועלכער עס זיינען געבליבען היס־טארישע בעריכטען, איז געגרינדעט געווארען אין אנפאנג פון 17טען יאהר־הונדערט אין דער געגענד פון נארד־אמעריקא, וועלכע דיא פראנצויזען האבען גערופען אקאדיא און וועלכע טראגט דעם נאמען נאווע סקאשע (ניי־שאטלאנד) זייט דיא ענגלענדער העדשען דארטען. ווען פאנגראווע און שאמפלעין האבען זיך צוריקגעקעהרט פון זייער ערשטע רייזע נאך קענעדע, האבען זיי געזוכט צו ארגאניזירען א קאמפאניע פאר דעם פעלץ־האנדעל און האבען אבגעגעבען אזעלכע בעריכטען, אז דער קעניג הענריך דער פיערטער האט גערן בעוויליגט א טשארטער אויף אקאדיא צו אן אדעליגען מיט׳ן נאמען דע־מאן, וועלכער איז געווען א פראטעסטאנט (קאלוויניסט) און האט פערשפראכען צו קאלאניזירען דיא נייע לענדער פאר דיא וויכטיגע מאנאפאליע אין דעם פעלץ־האנדעל דאר־טען. ווען אנדערע הענדלער האבען אנגעפאנגען צו פראטעסטירען געגען אזא מאנאפאליע, האט דע־מאן זיי בערוהיגט מיט דער ערלויבנים צו קויפען אק־ציעס אין זיין קאמפאניע און צו נעהמען אנטהייל אין דער עקספעדיציע. שאמפ־לעין און פאנגראווע זיינע דארום אויך מיטגעפאהרען.

דיזע עקספעדיציע איז פינאנציעל געשטיצט געווען בעזאנדערס פון דיא רייכע קויפלייטע אין דער בעריהמטער פראטעסטאנטישער שטאדט לאראשעל. דער קעניג, וועלכער האט אין הארצען אלץ סימפאטיזירט מיט דיא הוגענאטען, זיינע געוועזענע גלויבענס־ברידער, האט אויך פערשפראכען רעליגיעזע פריי־הייט אין דער נייער וועלט אונטער דעם פראנצויזישען פלאג. איינער פון דיא צוועקען פון דיזער עקספעדיציע איז אלזא אויך געווען צו שאפען זיכערע פלעצער אין דער נייער וועלט פאר דיא פערפאלגטע הוגענאטען און בכלל פאר פראטעסטאנטען. דיא אונצופריעדענע קאטאליקען האט מען בערוהיגט מיט א צוזאג, אז נור זייערע גלחים וועלען דערפאר האבען דיא פריווילעגיע און דיא מצוה צו בעקעהרען דיא אינדיאנער צום קריסטענטהום.

אין 1604, ווען דע־מאן, דער וויצע־קעניג פון אקאדיא, איז צוגעקומען

צו דיא ברעגען פון דעם האַלב־אינזעל נאָווע סקאָשע מיט זיינע הוגענאָטען און מיט עטליכע קאַטאָליקען און קאַטאָלישע גלחים, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דיעזער עקספּעדיציע, האָט מען נאָך וואַנדערונגען ביי דיא ברעגען און אויך אויף דער יבשה אויסגעקליבען פאַר דעם צענטראַל־פּונקט פון דער קאָלאָניע אַ פּראַכטפאָלען פּאָרט, וואָס האָט דערפאַר געקראָגען דעם נאָמען פּאָר־ראָיאַל (קעניגליכער פּאָרט).

אָבער אין 1613, ווען איינינע פראַנצויזישע קאָלאָניסטען האָבען זיך וויא עס איז עטאַבלירט אין פּאָר־ראָיאַל און אין אַן אַנדער פּונקט פון אַקאַדיע, נאָך פיעלע רייסערייען, רעליגיעזע און ספּעציעל קאָמערציעלע (צוליעב דעם פעליץ־האַנדעל), און בכלל נאָך פערשיעדענע צרות, וועלכע זיינען געוועהנליך פערבונדען מיט דער גרינדונג פון אַ קאָלאָניע אין אַ ווילדער געגענד — זיינען גאַנץ אונערוואַרטעט צוגעקומען עטליכע ענגלישע שיפען, וועלכע זיינען אַרויס־געפאָהרען פון דער ענגלישער קאָלאָניע דזשעימסטאַון אין ווירדזשיניאַ מיט דעם צוועק צו פעריאָגען דיא פראַנצויזען. אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן אַרגאַל האָבען דיא ענגלענדער געמאַכט אַ תל פון אַלע פראַנצויזישע איינ־ריכטונגען אין אַקאַדיע. אַ טהייל פון דיא פראַנצויזען, וועלכע זיינען גאָר ניט געווען פאָרבערייטעט צו אַזאַ אַטאַקע, איז געלונגען צו אַנטלויפען אין דיא וועלדער; דיא איבריגע האָבען דיא ענגלענדער געפאַנגען און אַוועקגעפיהרט נאָך ווירדזשיניאַ.

דאָס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישען דיא ענגלענדער און פראַנצויזען ניט נור אין אַקאַדיע (אַזוי האָט מען גערופען דיא געגענד, וואו עס געפינען זיך יעצט דיא קענעדער פּראָווינצען נאָווע סקאָשע און ניו־בראָנסוויק און אויך דער סטייט מעין), זאָנדערן אין גאַנץ נאָרד־אַמעריקאַ. ביידע האָבען פון אָנפאַנג אָן געהאַט פּרעטענזיעס אויף דיא זעלבע טהיילען פון נאָרד־אַמעריקאַ, ספּעציעל טאַקע אויף אַקאַדיע. דיא ענגלישע פּיאָנערען אין ווירדזשיניאַ האָבען געקראָגען אַ קעניגליכען טשאַרטער אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון נאָרד־אַמעריקאַ צווישען דיא פּאַראַלעלען 34 און 45 (דאָס איז אונגעפעהר פון ווירדזשיניאַ ביז ניו־פאַונדלענד). אַזוי וויא דיא פראַנצויזישע בעזעצונגען אין פּאָר־ראָיאַל און אין אַנדערע פּונקטען אין אַקאַדיע זיינען גע־ווען איינגעשלאָסען אין דיזער טעריטאָריע, דאַרום האָבען דיא ווירדזשיניער קאָלאָניסטען געשיקט אַן עקספּעדיציע צו צושטערען דיזע בעזעצונגען און צו פערטרייבען דיא פראַנצויזען, ניט אַכטענדיג דערויף וואָס ענגלאַנד און פראַנק־רייך האָבען דאַן געלעבט אין פריעדען.

אָבער אַזוי וויא קיינער פון דיא ענגלענדער איז דאָרטען ניט פערבליבען און דיא צולאָפענע פראַנצויזען האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין דעם צושטערטען

פאַר־ראַיאַל און נאָכהער זיינען צוגעקומען פעלץ־הענדלער, פישער און סתם אוואַנטוריסטען פון פראַנקרייך, דארום איז דיא גאַנצע געגענד ארום געבליבען אַ פראַנצויזישע קאָלאָניע אַ לענגערע צייט, וויא מיר וועלען עס וייטער זעהען.

דערוויילע לאָמיר זיך צוריקקעהרען צום סענט לאָרענס טייך, וועלכער איזווירקליך צוערשט ענטדעקט געוואָרען פון דיא פראַנצויזען און אויף וועלכען דיא ענגלענדער האָבען דארום קיינע פּרעטענזיעס ניט געקענט האָבען אויף דעם גרונד פון קאַבאָט׳ס רייזען.



סאַמועל דע שאַמפּלען

אויף דיא ברעגען פון דיזען אונגעהייער וויכטיגען און ווייטען אינערליכען וואַסערוועג איז געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין קענעדע, ווען סאַמועל שאַמפּלעין האָט אויסגעקליבען דעם פּונקט וואו עס געפינט זיך דיא שטאָדט קוויבעק (דער נאָמען שטאַמט פון אַן אינדיאַנער וואָרט "קע־בעק", וואָס בעדייטעט אַ פערשמעלערונג פון דעם טייך, וויא דאָס איז טאַקע דאָרטען אויף׳ן סענט לאָרענס) פאַר דעם צענטער פון דיא פראַנצויזישע בעזעצונגען אין דער נייער וועלט. דאָס איז געשעהן אין זומער פון 1608, נאָכדעם וויא ער האָט אַ יאָהר דריי אומגעוואַנדערט אין דיא געגענדען פון אַקאַדיע.

צו יענער צייט האָבען זיך ביי דיא אַטלאַנטישע ברעגען פון נאָרד־אַמעריקאַ געפונען בלויז איין ענגלישע בעזעצונג (דיא דזשעימסטאַון קאָלאָניע אין ווירדזשיניא) און איין שפּאַנישע (נעמליך: סענט־אָגוסטין אין פלאָרידאַ). אָבער נור דיא פראַנצויזען האָבען דאַן געהאַט אַ וואַסער־וועג אריינצודרינגען גאַנץ טיעף אין לאַנד, טויזענדע מיילען ווי־ט פון דיא ברעגען.

אויס דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס ווייסען מיר שוין, אז דיא ערשטע ענטדעקער פון דיא ריעזיגע לעיקס (אָזיערעס) און טייכען אין מיטען פון נאָרד־אַמעריקאַ זיינען געווען פראַנצויזען. דאָס איז אָבער הויפּטזעכליך געשעהען דע־ריבער, ווייל זיי האָבען געהאַט אזא אויסגעצייכענטען וואַסערוועג, וויא דער

סענט לאָרענס מיט דער אונפערגלייכליכער סיסטעם פון אָזיערעס און טייכען, פאַר וועלכע דיעזער טייך דיענט אַלס אויספלוס צום ים.

ווען אַן ענגלישע אָדער אַ שפּאַנישע עקספּעדיציע וואָלט ענטדעקט דיזען אויסעראָרדענטליכען טייך, וואָלטען דיא ערשטע גרינדער פון קאָלאָניעס דאָרטען וואַהרשיינליך געווען ענגלענדער אָדער שפּאַניער. נאַכהער וואָלטען זיך שוין זיכער געפונען זייערע לאַנדסלייט צו שווימען אויף קליינע שיפלעך צוזאַמען מיט אינדיאַנער אַליץ ווייטער און טיעפער אין לאַנד, וויא דיא מוטהיגע פראַנצויזישע רייזענדע און פאָרשער האָבען עס געטאָן.

א בליק אויף דער לאַנדקאַרטע פון נאָרד־אַמעריקאַ ציינט אונז, אז דיא טייכען, וואָס פאַלען אריין אין אַטלאַנטישען אָקעאַן, זיינען קורצע. דיא ענגלענדער וואָס האָבען זיך, נאַטירליך, צוערשט בעזעצט ביי דיא ברעגען פון אָקעאַן, האָבען דאַרום ניט געקענט אריינדרינגען טיעף אין לאַנד דורך זייערע טייכען. אויף דער יבשה צו לאָזען זיך אין ווייטע רייזען איז געווען שווער און געפעהרליך ניט נור צוליעב דיא ווילדע אינדיאַנער, זאָנדערן אויך צוליעב דיא גערדיכטע וועלדער און הויכע בערג, ספּעציעל דיא אפּעלאַטשיאַן בערג, וועלכע ציהען זיך גראַדע אין דער לענג (פון נאָרד צו זיד) פערהעלטניסמעסיג ניט ווייט פון דיא ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן.

דאָס דאַרף מען נעהמען אין אַנבעטראַכט, ווען מען לעזט דיא געשיכטען פון דיא ענגלישע און פראַנצויזישע קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקאַ, ספּעציעל ווען מען לעזט, וויא אַזוי פראַנצויזישע גלחים, פעלץ־הענדלער און אַוואַנטורים־טען זיינען אין אַ קורצער צייט אויך צוגעקומען צום מיסיסיפּי טייך און דורך דיזען "פאָטער פון וואַסערן" (אַזוי איז דיא בעדייטונג פון דעם אינדיאַנער נאָמען מיסיסיפּי) דערגרייכט ביז צום מעקסיקאַנער ים (מעקסיקען גאָלף אויף ענגליש), וואו עס איז געגרינדעט געוואָרען דיא פראַנצויזישע קאָלאָניע לואיזענע מיט דער הויפּט־שטאָדט ניו־אָרליענס. אָט בשעת קאַרטיע איז צוגעשוואומען צו האָשעלאַגאַ, וויא דאָס איז אויבען בעשריבען געווען, האָט ער זיך שוין געפונען אונגעפעהר טויזענד מייל ווייט פון דיא ברעגען פון ניו־פאַונדלענד. אין דיזער הינזיכט איז זיין רייזע געווען אַן אויסנאַהמע פון אַלע אַנדערע אין אָנפאַנג פון 16טען יאָהרהונדערט, ווען מען פלעגט געוועהנליך פאַרבייפאָהרען ביי דיא ברעגען.

אונגעפעהר אַ יאָהר נאָכדעם וויא שאַמפּלעין האָט געגרינדעט קוויבעק און דאָרט אויך געלייגט דעם פונדאַמענט פון קאַנאַדע, אָדער וויא מען האָט איהר אויך גערופען, "לא פראַנס נואוועל (ניי־פראַנקרייך)", האָט ער אליין טיעף און געפעהרליך אונטערגעגראָבען זיין אייגענע געביידע. דאָס איז געשעהן דורך זיין אַנטהייל אין אַ שלאַכט צווישען אינדיאַנער, וועלכע האָבען געהערט צו דיא שטענדיג קעמפּפענדע און טויט־פיינדליכע שטאַמען, דיא שוין דערמאָנטע אל־

גאַנקינער און איראָקוואַים. ווינשענדיג צו בעקענען זיך מעהר מיט די געגענדען אַרום קוויבעק און מאָנטריאָל, איז שאַמפּלעין צוגעשטאַנען צו אַ פּאַרטיע פון אַלגאָנקינער און הוראָנער אינדיאַנער, וועלכע האָבען זיך אַ לאָז געטאָן צו פיהרען קריעג מיט זייערע אַלטע ביטערע שונאים, די איראָקוואַים.



דער אינדיאַנער פאָרט אָנאָנדאַגאַ (נאָך שאַמפּלעין'ס צייכנונג).

זייער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען לעבען די ברעגען פון דער פּראַכט־פאָלער אָזיערע, וועלכע טראָגט זיין נאָמען און געהערט צו יונייטעד סטייטס. שאַמפּלעין, צוזאַמען מיט צוויי פראַנצויזען, וועלכע ער האָט מיטגענומען, זיינען דאַן ארויסגעטראָטען אין פראָנט פון זייערע אינדיאַנער פריינד, די אַלגאָנקי־נער, און האָבען אויסגעשאָסען פון זייערע ביקסען. שאַמפּלעין'ס ערשטע קויל האָט געטראָפען און געטויטעט דעם אָנפיהרער פון די איראָקוואַים. ווען דיזע אינדיאַנער האָבען דערזעהען, אז זייערע שילדען בעשיצען זיי גאָר ניט געגען "די שטעקענס וואָס דונערען און שפייען מיט פייער", זיינען זיי זיך צולאָפען וואו די אויגען האָבען זיי געטראָגען.

דיזער בליץ־שנעלער זיעג האָט אָבער געקאָסט זעהר טהייער דיא פראַנצויזען אין קענעדע. דיא איראָקוואָים זיינען גראַדע געווען דיא שטאַרקערע און אויך ענטוויקעלטערע פון דיא אינדיאַנער שטאַמען, וועלכע האָבען געוואָהנט אין דיא געגענדען אַרום דיא גרויסע לעיקס און דעם סענט לאָרענס טייך. זיי זיינען געווען פערבונדען אין דיא זאָ־גענאַנטע "פינף נאַציאָנען", וועלכע האָבען זיך געפונען מייסטענס אין דיא געגענדען צום זידען פון דיא לעיקס אָנטאַריאָ און אירי (דער גרעסטער טהייל פון זיי אין סטייט ניו יאָרק). ווען שאַמפּלעין וואָלט געהאַט דיא קלענסטע אַהנונג, צו וואָס פאַר שוידערליכע רעזולטאַטען זיין שיסעריי אויף דיא איראָקוואָים האָט געפיהרט אין פערלויף פון מעהר וויא אַ יאָהרהונדערט, וואָלט ער זיך געהיט ארייננצומישען זיך אין דעם קאַמפּף צווישען דיא פיינדליכע אינדיאַנער שטאַמען.

דיא איראָקוואָי־שטאַמען האָבען דאַן געשוואָרען ראַכע צו דיא פראַנצויזען און זיי פלעגען ביי יעדער געלעגענהייט בעפאַלען און אויסשלאַכטען דיא איינוואָהנער אין קענעדע, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא נעכסטע קאַפּיטלעך. היסטאָריקער פון קענעדע דענקען, אז דיא בלוטיגע שנאה פון דיא איראָקוואָים איז געווען איינע פון דיא הויפּט־אורזאַכען, וואָרום פראַנקרייך האָט שליסליך פערלאָרען אַלע איהרע קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקא.

פיערטער קאַפּיטעל.

קוויבעק נאָך דעם אַנפאַל פון דיא ענגלענדער

ביז זיין פּלעצליכען טויט אין 1635 האָט שאַמפּלעין אונערמידליך געאַרבייט צו פערשטאַרקען דיא פראַנצויזישע פּאָזיציעס און צו פערמעהרען קאָלאָניסטען אין קענעדע. ער פּלעגט אָפט מאַכען רייזען פון קוויבעק נאָך פראַנקרייך און יעדעס מאָל פּלעגט ער מיטברענגען גלחים און פערשיעדענע קאָלאָניסטען. פון צייט צו צייט פּלעגט ער מאַכען רייזען אַלץ ווייטער אין קענעדע גופא אין דער בעגלייטונג פון דיא פריינדליכע אינדיאַנער. אויך פּלעגט ער העלפען דיא אַלגאָנקינער אין זייער קאַמפף מיט דיא איראָקוואָיס.

אזוי וויא דיא קאָלאָניע האָט ניט געקענט עקזיסטירען זעלבסטשטענדיג און האָט געמוזט בעציהען אפילו שפּייזוואַרג פון פראַנקרייך, דארום איז דער הויפּטצוועק פון זיינע רייזען אהיים געווען צו קריגען פינאַנציעלע שטיצע און צו אָרגאַניזירען האַנדעלס־קאָמפּאַניעס, וויא אויך צו קריעגען פריינד און מיטהעלפער אין קעניגליכען הויף. אין 1620 איז ער אויך אָפּיציעל געוואָרען דער גובערנאַטאָר פון ניי־פראַנקרייך.

ביסלעכווייז זיינען דיא פראַנצויזישע בעזעצונגען ביי דיא ברעגען פון סענט לאָרענס גרעסער געוואָרען דורך נייע הענדלער, יעגער, קאָלאָניסטען, גלחים און פערשיעדענע אוואַנטוריסטען. דיא יעזואיטען, וועלכע האָבען שנעל געקראָגען דיא אויבערהאַנד אין דער קאָלאָניע, האָבען זיך געלאָזען אַלץ ווייטער און טיעפער אין דיא געגענדען ארום דיא ריזיגע לעיקס, אום צו בעקעהרען דיא אינדיאַנער שטאַמען צום קאַטאָליציזם. דורך דעם האָבען זיי אויך ענטדעקט נייע וועגען פאַר דיא פעלץ־הענדלער. נאָרד־אַמעריקאַ איז אזוי אַלץ מעהר אויסגעפאָרשט און בעקאַנט געוואָרען.

אָבער אין 1628, נאָכדעם וויא עס איז געגרינדעט געוואָרען א נייע קאָמפּאַניע צו עקספּלואַטירען קענעדע, דיא רייכע "קאָמפּאַניע פון הונדערט מיטגליעדער", איינער פון וועלכע איז אויך געווען דער בעריהמטער קארדינאַל רישעליע, דער אַלמעכטיגער קאַנצלער פון פראַנקרייך, און נאָכדעם וויא דיא קאָלאָניע איז געשטעלט געוואָרען אויף א פעסטען פוס, האָט אויסגעבראָכען א

קריעג צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך, וואָס האָט געפיהרט צו זעהר טרויע־ריגע רעזולטאַטען פאַר שאַמפּלעין און פאַר זיין הויפּטשטאָדט קוויבעק. די ערשטע שיפען מיט געוועהר און פּראָוויאַנט וואָס די "קאָמפּאַניע פון הונדערט מיטגליעדער" האָט ארויסגעשיקט נאָך קוויבעק איז געפאַנגען געוואָרען פון די ענגלענדער אונטער דער קאָמאַנדע פון אדמיראַל קירק.

צו דער צייט זיינען שוין געווען עטאַבלירט די פּוריטאַנער קאָלאָניעס אין מאַסאַטשוזעטס, און די ענגלישע רעגיערונג האָט זיך אויך געשטיצט אויף זיי צו פערשפּרייטען איהר הערשאַפט איבער גאַנץ נאָרד־אַמעריקאַ. אדמיראַל קירק, אַ געשוואָרענער פיינד פון די קאַטאָליקען און פראַנצויזען, האָט צוערשט איינגענומען פּאָרט־ראָיאַל אין אַקאַדיע און די קאָלאָניע טאַדוסאַק ביי דעם סענט לאָרענס ניט ווייט פון קוויבעק. שאַמפּלעין האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, וויא זיך אונטערגעבען, ווען די ענגלישע שיפען זיינען צוגעקומען צו קוויבעק. ער האָט קיין הילפע ניט געקראָגען פון פראַנקרייך, און זיין קליינער גאַרניזאָן האָט פּשוט געליטען פון הונגער. מען האָט איהם דאַן צוזאַמען מיט זיינע קאָמפּאַניאָנען ארויפגעזעצט אויף אַן ענגלישע שיף און אוועקגעפיהרט נאָך ענגלאַנד.

ווען שאַמפּלעין האָט געלאַנדעט אין ענגלאַנד, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז פריעדען איז געשלאָסען געוואָרען מיט צוויי מאָנאַט פאַר די אונטערגעבונג פון קוויבעק. אַזעלכע סורפּריזען האָבען ניט זעלטען געטראָפען אין די צייטען, ווען רייזען איבער'ן אַטלאַנטיק אויף זעגעל־שיפען האָבען געדויערט אַזוי לאַנג.

אין 1632 איז אונטערשריבען געוואָרען דער פריעדענס־אָבמאַך צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך, נאָך וועלכען די פראַנצויזען האָבען געקראָגען צו־ריק אַלע פּונקטען, וואָס די ענגלענדער האָבען איינגענומען אין אַקאַדיע און אין קענעדע. אין מערץ פון נעכסטען יאָהר איז שאַמפּלעין ארויסגעפאָהרען פון דעם פראַנצויזישען פּאָרט דיעפּ מיט אַ גאַנצער פלאָטע, אויף וועלכער עס האָבען זיך געפונען איבער 200 פּערזאָן און אַ סך געוועהר און סחורות. אַ גע־וויסע צאָהל יעזואיטען, וועלכע קאַרדינאַל רישעליע האָט געשטיצט, האָבען בע־גלייטעט דיזע עקספּעדיציע, וועלכע איז נאַטירליך אויפגענומען געוואָרען מיט דער גרעסטער פריידע פון די אונגעפעהר הונדערט פראַנצויזען וואָס זיינען פערבליבען אין קוויבעק אין דער צייט, ווען אדמיראַל קירק האָט דאָרטען געהערשט.

אין די צוויי יאָהר, וועלכע שאַמפּלעין האָט געלעבט נאָך דיזע פּאַסירונ־גען, האָט ער געזוכט צו פערשטאַרקען זיינע פּאָזיציעס געגען די פיינדליכע איראָקוואָיס, וויא אויך צו געווינען די פריינדשאַפט פון די אַנדערע אינדיאַ־נער שבטים צו די פראַנצויזען. אום דיזע אינדיאַנער זאָלען ניט קענען פיהרען דעם פעלץ־האַנדעל מיט די ענגלענדער און אויך מיט די האָלענדער, וועלכע

האָבען שוין דאַן געהאַט עטאַבלירט זייערע פּאָסטען ביי דיא ברעגען פון האָד־סאָן טייך און האָבען געזוכט צו לעבען פריינדליך מיט דיא איראָקוואָיס, דיא ביטערע שונאים פון דיא פראַנצויזען, האָט שאַמפּלעין געגרינדעט פאָרטען און האַנדעלס־פּלעצער אין געוויסע סטראַטעגישע פּונקטען צווישען מאָנטריאָל און קוויבעק.

דיא יעזואיטען פון זייער זייט האָבען געגרינדעט דעם ערשטען קאָלעדזש אין קוויבעק און אויך געזוכט צו פּעראינטערעסירען פרומע און רייכע קאַטאָ־ליקען פון אַלט־פראַנקרייך אין דעם שיקזאַל פון ניי־פראַנקרייך, וואָס עס איז זיי טהיילווייז געלונגען. אַ דאַנק דער שטיצע פון קאַרדינאַל רישעליע און דיא נייע קרעפטע, וועלכע זיי פלעגען צוציהען פון פראַנקרייך, וויא בכלל דער בלינדער טרייהייט פון דיא פראַנצויזישע קאַלאָניסטען צו דער קאַטאָלישער קירכע, זיינען דיא יעזואיטען געוואָרען דיא אמת'ע פיהרער און הערשער פון קענעדע. זיי האָבען אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּעל ניט נור אויף דער געשיכטע פון ניי־פראַנקרייך, זאָנדערן אויך אויף דעם גאַנצען לעבען פון דיא פראַנצויזיש־שפּרעכענדע קענעדער עד היום.

צו דיא יעזואיטען און בכלל קאַטאָלישע גלחים, וועלכע האָבען ניט זעלטען געאַפּפערט מיט זייערע לעבענס, ווען זיי פלעגען זיך לאָזען אַלץ טיעפער אין לאַנד צו בעקעהרען דיא אינדיאַנער, און וועלכע האָבען אויך געגרינדעט שולען און האָספּיטעלער, זיינען געקומען צו הילפע איינינע מאַנאַשקעס און זעהר פרומע דאַמען. אין 1639 זיינען אָנגעקומען אין קוויבעק איינינע מאַנאַשקעס, וועלכע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרען פון אַ קלויסטער אין דיעפּ אויף דער רעכ־נונג פון אַ פּלימעניצע פון קאַרדינאַל רישעליע. דיא רעליגיעזע בעגייסטערונג איז דאַן געווען אַזוי גרויס אין פראַנקרייך, אַז אויך אַריסטאָקראַטישע יונגע דאַמען האָבען בעשלאָסען צו אָפּפערען זיך פאַר דיא בעקעהרונג פון אינדיאַנער צום קריסטענטהום. מאַנכע פון זיי האָבען זיך בעריהמט געמאַכט און זיינען פערהייליגט געוואָרען, ספּעציעל מאַריע גויאַר, וועלכע ווערט גערופען צווישען דיא קענעדער פראַנצויזען "מער דע ל'ענקאַרנאַסיאָן (מוטער פון געטליכער פערקערפּערונג)".

פינפטער קאַפיטעל.

פראַנצויזען און ענגלענדער אין אַקאַדיע און אין ניו־פאַונדלענד

סער וויליאַם אַלעקסאַנדער.

מיר וועלען דערווײלע איבערלאָזען קוויבעק אין דיא הענד פון יעזואיטען און וואַרפען אַ בליק אויף דעם אַנדערען צענטער פון פראַנצויזישער קאָלאָניזאַציאָן אין נאָרד־אַמעריקאַ, נעמליך אויף דעם שוין אונז בעקאַנטען פאָר־ראָיאַל אין אַקאַדיע.

אונגעפעהר אַ יאָהר פופצעהן נאָך דער אַטאַקע פון קאַפיטאַן אַרגאָל, וועלכע איז בעשריבען געוואָרען אין אַ פאָריגען קאַפיטעל, איז עס געקומען צו נייע צוזאַמענשטויסען צווישען פראַנצויזען און ענגלענדער אין אַקאַדיע. אין 1627, ווען לאַטור, איינער פון די פראַנצויזישע אָנפיהרער, האָט פערשטאַרקט זיינע פּאָזיציעס אין אַקאַדיע און איז אַוועקגעפאָהרען נאָך פראַנקרייך בעטען שטיצע ביי קאַרדינאַל רישעליע, האָט אַ שאָטלענדישער אַדעלמאַן, **סער וויליאַם אַלעקסאַנדער**, געקראָגען פון ענגלישען קעניג, דזשעימס דעם ערשטען, אַ טשאַרטער אויף אַקאַדיע, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען נאָווע סקאָשע (ניי־שאָטלאַנד). דער פּלאַן פון דיזען שאָטלענדישען באַראָן צו גרינדען אין אַקאַדיע אַ שאָטלענדישע קאָלאָ־

ניע איז אויסגעפיהרט געוואָרען פון זיין זוהן דעם נעכסטען יאָהר, ווען לאַטור איז געפאַנגען געוואָרען פון אַדמיראַל קירק צוזאַמען מיט דיא פראַנצויזישע שיפען, וועלכע קאַרדינאַל רישעליע האָט געהייסען ארויסשיקען מיט פּראָוויאַנט און געוועהר פאַר דיא קאָלאָניסטען אין פּאָר־ראָיאַל און אין אַנדערע אַקאַדישע פּונקטען.



קאַרדינאַל רישעליע.

פון די ענגלישע פּראָבעס צו גרינדען אַ קאָלאָניע לעבען פּאָר־ראָיאַל איז אָבער גאָר נישט געוואָרען, ווייל נאָך דעם שוין דערמאָנטען פריעדענס־אָבמאַך צווישען פראַנקרייך און ענגלאַנד אין 1632 איז אויך אַקאַדיע אַנערקענט געוואָרען אַלס אַ פראַנצויזישע פּאָסעסיע. קאַרדינאַל רישעליע האָט נאָך דיזען אָבמאַך ארויסגעשיקט אַן עקספּעדיציע אונטער דער קאָמאַנדע פון זיינעם אַ פריינד מיט'ן נאָמען איסאַאַק דע ראַזילי, וועמען ער האָט אויסגעקליבען פאַר דעם גובערנאַטאָר פון אַקאַדיע. אין דיזער עקספּעדיציע האָבען זיך געפונען אַקערבויער, האַנדווערקער, גלחים און איינינגע אַדעליגע, וועלכע האָבען נאָכהער געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער געשיכטע פון אַקאַדיע און בכלל פון ניי־פראַנקרייך.

נאָך דעם טויט פון דיזען גובערנאַטאָר אין 1635 האָט אויסגעבראָכען אַ לאַנגער און בלוטיגער קאַמפּף צווישען דיא פראַנצויזען גופא צוליעב דעם פּלאַץ פון אַ נייעם גובערנאַטאָר. דיא קאָנקורענטען זיינען געווען דער שוין דערמאָנטער לאַטור און אַן אַדעלמאַן מיט'ן נאָמען ד'אַנעי, וועלכער האָט געהאַט אַ פריינד אין קעניגליכען הויף און איז געשטיצט געוואָרען פון דיא גלחים דערפאַר, וואָס לאַטור'ס פאָטער איז געווען אַ הוגענאָט און לאַטור'ן אליין האָט מען חושד געווען אין פיינדשאַפט צו דער קאַטאָלישער קירכע. אין דיזען קאַמפּף, וועלכער האָט זיך געצויגען ביז 1650, ווען ד'אַנעי איז צופעליג דערטרונקען געוואָרען, זיינען אויך אריינגעשלעפּט געוואָרען דיא קאָלאָניסטען פון

ניו־אינגלענד, ספּעציעל פון באָסטאָן, וואָס האָט שנעל אָנגעהויבען צו וואַקסען אַלס אַ האַנדעלס־פּאָרט. דיא פּוריטאַנער האָבען סימפּאַטיזירט מיט לאַטור׳ן, ווייל זיי האָבען איהם גערעכענט פאַר אַ פּראָטעסטאַנט, און דערצו זיינען זיי אין כעם געוועזען אויף ד׳אָנעי׳ען פאַר זיינע אַטאַקעס אויף זייערע הענדלער מיט דיא אינדיאַנער אין דיא אַקאַדישע געגענדען, וועלכע זיינען אויך לאַנגע צייטען שפּע־טער ניט געווען אָבגעגרענעצט צווישען דיא ענגלישע און פראַנצויזישע קאָלאָ־ניעס.

לאַטור איז שליסליך אָנערקענט געוואָרען פון דער קעניגליכער רעגיערונג פאַר דעם געזעצליכען גובערנאַטאָר פון אַקאַדיע, אָבער פריעדען האָט ניט לאַנג געהערשט אין דיזער קאָלאָניע, וואו דיא ענגלענדער און פראַנצויזען האָבען זיך פון אָנפאַנג אָן צוזאַמענגעשטויסען אַלס פייערדיגע געגנער. צו דער צייט איז אין ענגלאַנד פאָרגעקומען דיא גרויסע רעוואָלוציאָן, ווען דער קעניג טשאַרלז דער ערשטער איז געקעפּט געוואָרען און אָליווער קראָמוועל איז געוואָרען דער הערשער אונטער דעם טיטול לאָרד פּראָטעקטאָר. אין 1653 האָבען זיך דיא קאָלאָניסטען פון ניו־אינגלענד געווענדעט צו איהם מיט ביטעס, אַז מען זאָל צונעהמען גאַנץ אַקאַדיע ביי דיא פראַנצויזען. אָבער ניט וואַרטענדיג אויף זיין אַנטוואָרט און ניט קימערנדיג זיך אפילו וועגען דעם, וואָס ענגלאַנד און פראַנק־רייך האָבען דאַן אָפיציעל געלעבט אין פריעדען, האָבען דיא קאָלאָניסטען אָר־גאַניזירט דעם נעכסטען יאָהר אַן עקספּעדיציע געגען דיא פראַנצויזען אונטער דער קאָמאַנדע פון מאַיאָר סעדזשוויק פון מאַסאַטשוזעטס.

דיא פראַנצויזען, וועלכע האָבען זיך אַלץ ארומגעריסען צווישען זיך און זיינען גאָר ניט געווען פאָרבערייטעט צו פערטהיידיגען זיך געגען אַן ענגלישע אַטאַקע, האָבען זיך באַלד אונטערגעגעבען. לאַטור אליין, וועלכער האָט פיעל געליטען פון זיינע לאַנדסלייט און איז ניט געשטיצט געוואָרען פון דער פראַנ־צויזישער רעגיערונג, האָט זיך געשטעלט אונטער דעם שוץ פון ענגלאַנד. קראָמוועל האָט איהם דארום געגעבען דעם טיטול פון אַן ענגלישען באַראָן און געשיקט צוזאַמען מיט צוויי ענגלישע אַדעליגע צו פערוואַלטען און צו פיהרען דעם האַנדעל אין גאַנץ אַקאַדיע.

אָבער אויך דיזעס מאָל האָבען דיא ענגלענדער געהערשט דאָרטען אַ קורצע צייט. נאָך דעם אָבמאַך וואָס טראָגט דעם נאָמען טראַקטאַט פון ברעדאַ און וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אין 1667, ווען אויף׳ן ענגלישען טראָן איז געזעסען טשאַרלז דער צווייטער און אויף׳ן פראַנצויזישען לואי דער פיער־צעהנטער, איז אַקאַדיע ווידער פערבליבען אין פראַנצויזישע הענד.

דער שיקזאַל פון דיזער קאָלאָניע איז נאָכדעם ענגער פערבונדען געוואָרען מיט׳ן שיקזאַל פון דער פיעל גרעסערער און וויכטיגערער קאָלאָניע אין דעם

טהאָל פון סענט לאָרענס טייך מיט דער הויפּט־שטאָדט און הויפּט־פעסטונג קוויבעק, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא נעכסטע קאַפּיטלעך.

וואָס אַנבעלאַנגט צו ניו־פאונדלענד, וואָס ליעגט צום נאָרד פון דעם האַלב־אינזעל נאָווע סקאָשע און קאָמאַנדירט דעם אריינפאָהר אין דעם גאָלף (ים־בוזים) פון סענט לאָרענס, איז דאָס צו יענער צייט גאָר געוועז אַ לאַנד אָהן אַ בעל הבית, ווען מען זאָל ניט רעכענען דיא בעטיקען און אַנדערע אינדיאַנער שטאַמען, וועלכע האָבען זיך ארומגעשלעפּט אין דיא וועלדער פון דיזען גרויסען אינזעל. דיא ענגלענדער האָבען עטליכע מאָל פּרובירט גרינדען דאָרטען אַ שטענדיגע קאָלאָניע, אָבער דאָס איז זיי אַלץ ניט געלונגען. אין אייניגע פּונקטען האָבען זיי זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט דיא פראַנצויזען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין דעם פּאָרט פּלעזאַנס. איינע פון דיא ניט געלונגענע ענגלישע קאָלאָניזאַציאָנס־פערזוכען אין ניו־פאונדלענד האָט זיך גאָר געענדיגט דערמיט, דאָס דער אַנפיהרער, לאָרד באַלטימאָר, האָט גאָר געגרינדעט דיא קאָלאָניע מערילענד, וואָס איהר גרעסטע שטאָדט טראָגט זיין נאָמען און וואָס איז געוואָרען אַ סטייט פון דער גרויסער נאָרד־אַמעריקאַנער רעפּובליק.

ארום דעם מיטען פון 17טען יאָהרהונדערט, 150 יאָהר נאָך קאַבאָט'ס ענטדעקונג פון דיזען אינזעל, איז די גאַנצע ענגלישע בעפעלקערונג דאָרטען אין די בעזעצונגען ביי דיא מזרח־ברעגען בעשטאַנען פון אַ 2000 פּערזאָן. אין זומער פלעגען אָבער אַנקומען אַ סך פישער און הענדלער פון פערשיעדענע לענדער. דיא פראַנצויזישע פישער און הענדלער האָבען זיך בעזעצט אין אייניגע פּונקטען ביי דיא וועסטליכע ברעגען. זייער צענטראַל פּונקט איז געוועזן אין דעם פּאָרט פּלעזאַנס.

דיא פישער, הענדלער און אַוואַנטוריסטען פון דיזע צוויי נאַציאָנען, וועלכע האָבען זיך איבעראַל צוזאַמענגעשטויסען, ספּעציעל אין דיא נאָרד־אַסטליכע טהיילען פון דער נייער וועלט, האָבען זיך אויך ניט געקענט אויסגלייכען אין ניו־פאונדלענד. פון צייט צו צייט פלעגען זיי בעפאַלען איינע דיא אַנדערע, נור בעזאָנדערס ווען עס פלעגט קומען צו אַ מלחמה צווישען זייערע מוטערלענדער. אין דעם לעצטען פערטעל פון 17טען יאָהרהונדערט, ווען עס האָט אויסגעבראָכען אַ גרויסע מלחמה פון ענגלאַנד, שפּאַניען, עסטרייך און האָלאַנד געגען פראַנקרייך צוליעב דיא גרויסע אמביציעס פון לואי דעם פערצעהנטען, וועלכער ווערט אויך גערופען דער גרויסער, איז עס געקומען צו בעזאָנדערס גרויסע געגענזייטיגע אַטאַקאַס אין ניו־פאונדלענד. דיא ענגלענדער זיינען צוערשט בעפאַלען פּלעזאַנס, אָבער זיי זיינען צוריקגעשטויסען געוואָרען פון דיא פראַנצויזען. דערפאַר זיינען דיא פראַנצויזען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם פלאָטען־אָפיציער פּיער ד'איבערוויל, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין מאָנטריאָל און האָט געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער געשיכטע פון זיין געבורט־לאַנד ניי־

פראַנקרייך, בעפאַלען דיא ענגלענדער אין דעם פּאָרט סענט דזשאָהן (יעצט איז דאָרטען דיא הויפּטשטאָדט פון דיזער ענגלישער קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך נאָך ניט פעראייניגט מיט קענעדע). זיי איז דאַן געלונגען צו צושטערען כמעט אַלע ענגלישע בעזעצונגען דאָרטען. דיא ענגלישע רעגיערונג האָט נאכהער געשיקט אהין שיפען מיט גאַנצע צוויי רעגימענטען סאָלדאַטען צו פעריאָגען דיא פראַנצויזען. אָבער ווען דיזע עקספּעדיציע איז אָנגעקומען, האָבען זיך שוין דיא פראַנצויזען אליין געהאַט צוריקגעצויגען, ווייל זיי האָבען געקראָגען צו וויסען, אַז ווען פריעדען וועט געשלאָסען ווערען, וועט ענגלאַנד סאַי וויא סאַי בעקומען ניו־פאונדלענד.

אַזוי איז עס טאַקע געווען נאָך דעם אָבמאַך, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרען אין דער האָלענדישער שטאָדט ריסוויק אין 1697. דיזער גרויסער אינזעל איז זייט דאַן געבליבען אַן ענגלישע פּאָסעסיע, אָבוואָהל דיא רייסערייען צווישען דיא ענגלישע און פראַנצויזישע פישער האָבען דאָרטען ניט אויפגעהערט ביז אונזערע צייטען. נאָך דעם בעריהמטען טראַקטאַט פון אוטרעכט, וועלכער איז געשלאָסען געוואָרען אין 1713, האָבען דיא פראַנצויזען געקראָגען טעריטאָריעלע רעכטע אויף דיא וועסטליכע ברעגען פון ניו־פאונדלענד (דיא זאָ־גענאַנטע "פרענטש שאָר") און געוויסע פּריווילעגיעס פאַר זייערע פישער. דיזע רעכטע און פּריווילעגיעס זיינען געווען אַ קוואַל פון שטענדיגע שטרייטען און פיינד־ליכקייטען צווישען דיא ענגלישע און פראַנצויזישע פישער. ערשט אין 1904, נאָכדעם וויא פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבען געשליכטעט אַלע זייערע קאָלאָניאַלע שטרייטען אין דער אַלטער וועלט, האָבען זיך דיא פראַנצויזען אָבגעזאָגט פון אַלע זייערע פּרעטענזיעס אויף דער "פרענטש שאָר" אין ניו־פאונדלענד, ווען זיי האָבען דערפאַר געקראָגען זעהר בעדייטענדע טעריטאָריעס אין סענעגאַמביא און אין אַנדערע טהיילען פון וועסט־אַפריקאַ.

זעקסטער קאַפּיטעל.

דער קאַמפּף מיט דיא איראָקוואָים און דיא ענדערונג אין 1663

אין פערלויף פון אַ יאָהר דרייסיג נאָך שאַמפּלעין'ס טויט האָבען דיא פראַנצויזען אין קענעדע בעזאָנדערס געליטען פון דיא אַטאַקעס פון דיא איראָקוואָים, וועלכע האָבען געקראָגען ביקסען ביי דיא האָלענדישע פוטער־הענדלער. דיא אינדיאַנער האָבען שנעל זיך אויסגעלערנט צו שיסען פון ביקסען אַזוי גוט וויא זייערע אייראָפּעאישע לעהרער. דיא האָלענדער, וועלכע זיינען צוגעקומען צו דיא איראָקוואָים דורך דעם האָדסאָן טייך, האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט דיא פראַנצויזען אין דיא געגענדען אַרום דיא גרויסע לעיקס אַלס קאָנקורענטען אין דעם זעהר פּאָרטהייל־האַפטען פעלץ־האַנדעל מיט דיא אינדיאַנער.

צווישען דיא איראָקוואָים פון איין זייט און דיא אַלגאָנקינער און הוראָנער שטאַמען פון דער אַנדער זייט איז לאַנגע יאָהרען געפיהרט געוואָרען אַ קאַמפּף אויף טויט און לעבען. דיא פראַנצויזען האָבען, וויא עס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל, געשטיצט דיא אַלגאָנקינער און בכלל דיא שטאַמען, וועלכע האָבען געוואָהנט לעבען סענט לאָרענס און אַרום דיא גרויסע לעיקס. דיא מיטגליעדער פון דיא פינף גרויסע שטאַמען פון דיא איראָקוואָים, "פייוו נעישאָנס" וויא דיא ענגלענדער האָבען זיי גערופען,*) פלעגען זיך מייסטענס ארייגרייסען אין קענעדע, בעזאָנדערס דורך לעיק שאַמפּלעין און טייך רישעליע און נאָכהער פלעגען זיי זיך אַ לאָז טהאָן אויף זייערע שיפלעך איבער דעם סענט לאָרענס און דיא גרויסע לעיקס מיט דיא אַנדערע טייכען, וועלכע פאַלען אריין אין דיא לעיקס. וואו נור זיי פלעגען טרעפען אַ בעזעצונג פון דיא אַלגאָנקינער און הוראָנער שטאַמען, פלעגען זיי דאָרטען אַלעס צושטערען

*) דיא פערענגלישטע נעמען פון דיזע שטאַמען: מאָהאָק, סענעקאַ, אָנאָנדאָגאַ, אָנעידאַ און קאַיוגאַ זיינען פערבליבען אין די נעמען פון געוויסע טייכען, לעיקס און טהיילען פון ניו יאָרק סטייט, וואו זיי האָבען מייסטענס געלעבט.

און קיין לעבעדיג גליעד ניט איבערלאָזען. אָבוואָהל זיי זיינען אין אַלגעמיינען געשטאַנען אויף אַ העכערער קולטור־שטופע וויא דיא אַנדערע אינדיאַנער שטאַמען, אָבער אין גרויזאַמקייטען האָבען זיי אַלעמען איבערטראָפען.

אין אַ קורצער צייט האָבען דיזע זעהר קריעגערישע, מוטהיגע און גרויזאַמע אינדיאַנער אויסגעשלאַכטעט אַלע הוראָנער און אַ גרויסען טהייל פון דיא אַלגאָנקינער, ניט אַכטענדיג אויף דיא שטיצע פון דיא פראַנצויזען און אויף דיא געוועהר, וואָס יענע פלעגען קריגען פון דיא פראַנצויזישע פעלץ־הענדלער. דערביי זיינען אויך אויסגעשלאַכטעט געוואָרען אַ סך יעזואיטען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט צווישען דיא הוראָנער און אַנדערע פריינדליכע אינדיאַנער, אום זיי צו בעקעהרען צום קריסטענטהום. דיא איראָקוואָיס פלעגען מיט אַ בעזאָנדערען פערגניגען מאַטערען דיא גלחים, דיא "שווארצע קאַפאָטעס", וועלכע האָבען געהאַט דעם אונגליק אריינצופאַלען אין דיא הענד פון דיזע בלוטדורשטיגע ווילדע. אין דער געשיכטע פון ניי־פראַנקרייך זיינען פערצייכענט דיא נעמען פון יעזואיטישע מיסיאָנערען, וועלכע זיינען געפייניגט און געטויטעט געוואָרען פון דיא איראָקוואָיס.

אין 1656 האָבען דיא איראָקוואָיס זיך געפיהלט אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אויף זייערע קאָרענע שיפלעך אין פראָנט פון קוויבעק גופא און האָבען זיך גערייצט מיט דיא פראַנצויזען אויף זייער ווילדען שטייגער. זיי האָבען געפייניגט געפאַנגענע הוראָנער אונטער דיא אויגען פון דעם פערצווייפעלטען גובערנאַטאָר פון קוויבעק. עס האָט דאַן ניט פיעל געפעהלט, אַז פון אַלע פראַנצויזישע בעזעצונגען אין קענעדע זאָל קיין שפור ניט בלייבען.

מען רעכענט, אַז ניט מעהר פון אַ 2000 פראַנצויזען האָבען זיך דאַן געפונען אין גאַנץ ניי־פראַנקרייך. זיי זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען צוטהיילט אין פיער קלאַסען: 1) פעלץ־הענדלער מיט זייערע אַגענטען, 2) יעזואיטען, 3) יעגער (מען האָט זיי גערופען אין פראַנצויזיש: **coureurs des bois**, וואָס עס מיינט וואַלד־לויפערס; צווישען זיי האָבען זיך געפונען אַ סך אַוואַנטוריסטען) און 4) אמת'ע קאָלאָניסטען, וועלכע מען האָט גערופען **habitants** (האַביטאַן) וואָס עס מיינט איינוואָהנער, תושבים.

דיא פעלץ־הענדלער, פון וועלכע אַ טהייל פלעגט וואָהנען אין פראַנקרייך, צוזאַמען מיט זייערע אָנגעשטעלטע און יעגער זיינען געווען דיא מאַיאָריטעט. דיא וואַלד־לויפער האָבען זיך שנעל צוגעוואָהנט צו אַ יעגער־לעבען אין דיא וועלדער אַזוי וויא דיא אינדיאַנער, מיט וועלכע זיי האָבען געזוכט צו לעבען וואָס פריינדליכער. זיי פלעגען הייראַטהען מיט דיא אינדיאַנער פרויען, און פון זיי זיינען עס מיט דער צייט ענטשטאַנען דיא מעטיסען, וויא מען רופט געוועהנליך אַ מישונג פון אייראָפּעער מיט אינדיאַנער.

מיט אויסנאַהמע פון איינינע יעזואיטישע מיסיאָנערען, וועלכע האָבען רי־

זיקירט מיט זייערע לעבענס לשם שמים, און דיא וואלד־לויפער, וועלכע האָבען געוואוסט וויא אויסצומיידען דיא פיינדליכע אינדיאַנער און זיינען געווען מערקווירדיג מוטהיגע מענער און אויסגעצייכענטע שיסער, האָט דאַן קיינער ניט געוואגט צו פערלאָזען דיא וואָהנונגען אין דיא דריי צענטראַל־פונקטען, נעמליך: קוויבעק, מאָנטריאַל און טרוא־ריוויער (דריי טייכען). צוליעב דעם האָבען דיא קאָלאָניסטען ניט געקענט אפילו פערזייהען אויף דיא פעלדער אַרום דיזע בעזע־צונגען. אָהן דיא שפייז, וועלכע מען פלעגט ברענגען יעדען זו־מער אויף שיפען פון אַלט־פראַנקרייך, וואָלט ניי־פראַנק־רייך פשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער.


א וואלד־לויפער אויף שנעע־שיך.
(נאָך אַן אַלטער צייכנונג).

דיא לאַגע פון דיא הייפע־לעך פראַנצויזען אין קענעדע איז געווען אַזאַ פערצווייפעלטע, אַז עס איז גאָר א וואונדער, וויא אַזוי זיי האָבען געקענט אויס־האַלטען אַלע צרות. עס האָט אויסגעזעהען אַזוי וויא דיא נאַ־טור אליין האָט זיך אויפגעהוי־בען געגען זיי, ווייל אין 1663 האָט פּאַסירט אַן אויסעראָר־דענטליכע ערד־ציטערנים אין דעם טהאָל פון סענט לאָרענס.

נאָך פיעלע הילפס־געשריי־ען פון דיא אונגליקליכע קאָלאָ־ניסטען האָט דער קעניג לואי דער 14טער ענדליך געהייסען אַרויסשיקען שיפען מיט סאָל־דאַטען נאָך ניי־פראַנקרייך. אויך האָט ער גוטגעהייסען א פּלאַן צו רעאָרגאַניזירען דיא פערוואלטונג פון קענעדע. אין 1663 איז ניי־פראַנקרייך ערקלערט געוואָרען פאַר א קעניגליכע קאָלאָניע, און א געניטער גענעראַל, מאַרקיז דע טראַסי, איז אָנגעקומען מיט א רעגימענט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט אין שלאַכטען מיט טערקען. אויסער

סאַלדאַטען זיינען אָנגעקומען הענדלער און, וואָס עס איז געוועזן בעזאָנדערס וויכטיג פאַר דיא צוקונפט פון קענעדע, אויך יונגע פרויען. דיא בעפעלקערונג פון ניי־פראַנקרייך איז איין אַ פּאָר יאָהר נאָך דעם אָנקומען פון מאַרקיז דע טראַסי מעהר וויא פערדאָפּעלט געוואָרען.

דער נייער גובערנאַטאָר האָט זיך זעהר ענערגיש אַ נעהם געטאָן צו בעפעסטיגען דיא סטראַטעגישע פּאָזיציעס אין דעם טהאָל פון סענט לאָרענס און צו בעשטראָפען דיא איראָקוואָים. אַן עקספּעדיציע איז געשיקט געוואָרען אין זייער טעריטאָריע. איין דאָרף נאָך דעם אַנדערען פון דיזע אינדיאַנער איז פערברענט געוואָרען פון דיא פראַנצויזען. דיא איראָקוואָים זיינען זיך בעצייטענס צולאָפען אין דיא וועלדער און האָבען געבעטען פריעדען און גנאַדע. זייער מאַכט איז אַזוי געבראָכען געוואָרען, און אַ צוואַנציג יאָהר נאָכדעם האָבען דיא פראַנצויזען ניט געליטען פון דיא אינדיאַנער אַטאַקעס און האָבען געקענט זיך פערמעהרען און פערשפּרייטען אַלץ ווייטער און ווייטער אין קענעדע.

דער בעריהמטער מיניסטער קאָלבער, וועלכער האָט אונטער דער הערשאַפט פון לואי דעם 14טען זעהר פיעל אויפגעטאָן פאַר גאַנץ פראַנקרייך, האָט אויך געמומען אַ האַנד אין דער ענטוויקלונג פון ניי־פראַנקרייך. אַ נייע פערוואַלטונגס־סיסטעם איז דאָרטען איינגעפיהרט געוואָרען. דיא האַנדעלס־קאָמפּאַניע וואָס קאַרדינאַל רישעליע האָט געהאָלפען צו גרינדען אין שאַמפּלעין׳ס צייט, איז צופאַלען געוואָרען דורך פערשיעדענע אורזאַכען, ספּעציעל דורך דיא שרעקליכע און פערוויסטענדע אַטאַקעס פון דיא איראָקוואָים. מאַרקיז דע טראַסי האָט געגרינדעט אַ נייע האַנדעלס קאָמפּאַניע, אָבער זיא האָט זיך געהאַלטען קוים אַ יאָהר צעהן. דיא בעזעצונגען אין קענעדע זיינען אין דעם דריטען פערטעל פון 17טען יאָהרהונדערט געוואָרען צו גרויס, אַז זיי זאָלען קענען פערבלייבען אונטער אַ מאָנאָפּאָל פון אַ פּריוואַט־קאָמפּאַניע.

דיא סיסטעם וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין קענעדע נאָך 1663, ווען זיא איז ערקלערט געוואָרען פאַר אַ קעניגליכע קאָלאָניע, איז געוועזן טהיילווייז נאָך דעם מוסטער פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג אין דעם מוטערלאַנד. אום פון איין זייט צו בעשיצען ניי־פראַנקרייך געגען צוקינפטיגע אַטאַקעס פון איראָקוואָים און אירגענד וועלכע פיינדליכע אינדיאַנער און פון דער אַנדער זייט צו געבען חשק דיא סאָלדאַטען, וועלכע האָבען אַנטהייל גענומען אין דער עקספּעדיציע געגען דיא איראָקוואָים, אַז זיי זאָלען זיך בעזעצען אין געוויסע סטראַטעגישע פונקטען, האָט מען זיי און ספּעציעל זייערע אָפּיצירען געשאָנקען גרויסע שטיקער לאַנד ביי דיא ברעגען פון סענט לאָרענס און פון אייניגע טייכען, וועלכע פאַלען אין איהם אריין, ספּעציעל פון דעם טייך וואָס ציהט זיך פון לעיק שאַמפּלעין און טראָגט אויך היינט דעם נאָמען רישעליע. מען האָט אַזוי

פּרובירט איינפיהרען א קלאַס פון אַדעליגע גוטסבעזיצער אין דער נייער וועלט. דיא מייסטע פון דיזע ניי־געבאַקענע פעאָדאַלען האָבען זיך אָבער צוריקגע־קעהרט נאָך פראַנקרייך. א געדעבענים אַן זיי איז פערבליבען אין דיא נעמען פון אייניגע דערפער אין דער פּראָווינץ קוויבעק.

קאָלבער האָט געזאָרגט, אַז ניי־פראַנקרייך זאָל קריגען וואָס מעהר קאָלאָ־ניסטען און אויך האַנדוועקער. יעדען פריהלינג פלעגען אָנקומען שיפען מיט פאַמיליעס פון אַקערבויער. דיא יעזואיטען פון זייער זייט, וועלכע האָבען אָפט געוועלטיגט אפילו איבער דיא גובערנאַטאָרען, האָבען אויך געזוכט אריבערצו־ברענגען פון דער היים וואָס מעהר קאָלאָניסטען. דערביי האָבען זיי שאַרף אויפגעפּאַסט, אַז דיא ניי־אָנגעקומענע זאָלען זיין טרייע קאַטאָליקען. דיא אַקערבויער פאַמיליען פלעגען כמעט אויסשליסליך קומען פון נאָרמאַנדיע, וואַנ־דעי און אַנדערע וועסטליכע און נאָרד־וועסטליכע פראַנצויזישע פּראָווינצען, וואו דער קאַטאָליציזם בלייבט נאָך היינט אויף בעזאָנדערס שטאַרק איינגע־וואָרצעלט. דאַרום איז עס ניי־פראַנקרייך געוואָרען א בעזאָנדערס שטאַרקע פעסטונג פון דער קאַטאָלישער קירכע. עס איז שווער צו געפינען נאָך א לאַנד, וואו דיא קאַטאָלישע גלחים האָבען אַזאַ גרויסען איינפלוס אויף דער בעפעלקע־רונג, וויא אין דער פראַנצויזישער קאָנעדע.

ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס ניי־פראַנקרייך האָט זיך אַזוי גענויטיגט אין קאָלאָניסטען, האָט מען דאָך קיינע פּראָטעסטאַנטען ניט אריינגעלאָזען. דיא יעזואיטישע אויגען האָבען געלויערט, אַז קיין אפּקורסות זאָל זיך חס ושלום ניט אריינגנב'ענען אין זייער ממשלה. דיא הוגענאָטען, וויא מען האָט גערופען דיא פראַנצויזישע פּראָטעסטאַנטען, זיינען נאָך דער צוריקרופונג פון דעם בע־ריהמטען בעפעהל (אין דער געשיכטע רופט מען איהם "עדיקט פון נאַנט"), וואָס דער קעניג הענריך דער פיערטער האָט ארויסגעלאָזען אין 1598 צו גונסטען פון דיא פּראָטעסטאַנטען, געצוואונגען געווען אויסצו־וואַנדערען פון זייער פאָטערלאַנד. אונטער דער הערשאַפט פון לואי דעם 14טען האָט מען דיזען בעסטען טהייל פון פראַנצויזישען פאָלק אָנגעהויבען צו דריקען און צו פערפאָלגען אַלץ מעהר צוליעב זייער גלויבען. זיי האָבען אויסגעוואַנדערט אין דיא נעכסטע פּראָטעסטאַנטישע לענדער, ספּעציעל אין ענגלאַנד און האָלאַנד, וועלכע האָבען דערפון זעהר פיעל געוואונען אין זייערע אינדוסטריען. א טהייל פון דיא הוגענאָטען האָבען זיך אויך א לאָז געטאָן נאָך דער נייער וועלט. אַזוי וויא דיא יעזואיטען האָבען פערשפּאַרט פאַר זיי דיא טויערען פון קאָנעדע, האָבען זיך דיזע בראַווע קעמפּפער פאַר רעליגיעזע פרייהייט בעזעצט אין דיא ענגלישע קאָלאָניעס, ספּעציעל אין ווירדזשיניא און אין דיא צוויי קאַראָליינאַס.

ארום דער צייט פון דער צוריקרופונג פון דעם עדיקט פון נאַנט (דאָס האָט פּאַסירט אין 1685) האָט קאָנעדע געצעהלט א 10,000 פראַנצויזען פון

אַלע קלאַסען. דיא קעניגליכע קאָלאָניע איז פעסט עטאַבלירט געוואָרען און האָט געקענט וואַקסען. זיא האָט אָבער קיין זעלבסטפערוואַלטונג ניט געהאַט. אַלעס איז געווען אָבהענגיג פון דעם גוטען ווילען פון דיא גובערנאַטאָרען, וועל־כע האָבען דעספּאָטיש געהערשט אין נאָמען פון קעניג. דערמיט האָבען זיך דיא פראַנצויזישע קאָלאָניעס בעזאָנדערס אונטערשיידעט פון דיא ענגלישע, וואו זעלבסטפערוואַלטונג איז פון אָנפאַנג אָן פעסט איינגעוואָרצעלט געוואָרען, וויא מיר האָבען עס געזעהן אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס.

זיעבעטער קאַפּיטעל.

דיא גרויסע ענטדעקונגען פון פראַנצויזישע רייזענדע

דיא צווייטע העלפטע פון 17טען יאָהרהונדערט, ווען קענעדע איז עטאַב־לירט געוואָרען אלס אַ קעניגליכע קאָלאָניע, איז אויך געווען דיא צייט פון דיא געוואַגטע רייזען און גרויסע ענטדעקונגען פון דיא פראַנצויזען אין נאָרד־אַמעריקאַ. אונטער דער לייטונג פון דיא גובערנאַטאָרען טאַלאָן און גראַף פראָנטע־נאַק זיינען דיא גרענעצען פון ניי־פראַנקרייך אַלץ ווייטער פערשפּרייט געוואָרען.

אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל איז שוין ערקלערט געוואָרען, אַז דער סענט לאָרענס טייך האָט געגעבען דיא פראַנצויזען דעם בעסטען און לייכטעסטען וועג אריינצודרינגען טיעף אין נאָרד־אַמעריקאַ און צו דערגרייכען פון דעם גאָלף פון סענט לאָרענס ביז צום גאָלף פון מעקסיקאַ. מיט אַ פּאָר יאָהר פּאַר שאַמפּלעין׳ס טויט איז אַ געוויסער זשאַן ניקאָלע, אַ פעלץ־הענדלער און דאָל־מעטשער, צוגעקומען צו דיא גרויסע לעיקס, איז דורכגעשוואומען דיא שטראָ־מען צווישען לעיק הוראָן און לעיק מישיגאַן — דיא סטרעיטס (שטראַם אָדער וואַסער־וועג) מאַקינאַק — און האָט אויך געהערט פון אַ "גרויסען וואַסער" צווי־שען אינדיאַנער, וועלכע האָבען דערמיט געמיינט דעם טייך מיסיסיפּי.

אין 1641 האָבען צוויי יעזואיטישע מיסיאָנערען דערגרייכט אַזוי ווייט אין דער געגענד פון לעיק סופּיריאָר, אַז זיי האָבען געקראָגען ידיעות וועגען סייאָקס און דאַקאָטאַ שבטים אין נאָרד־וועסט. זיי האָבען געהאָפּט, אַז זיי וועט עס געלינגען צו דערגרייכען ענדליך צו כינאַ, ווען זיי וועלען אַלץ ווייטער מאַרשירען צו מערב. אויך ניקאָלע און פיעלע אַנדערע פעלץ־הענדלער און גלחים, וועלכע האָבען זיך אַלץ ווייטער געלאָזען דורך דיא טייכען און וועלדער פון נאָרד־אַמעריקאַ, האָבען געהאַט אַזעלכע האָפנונגען.

דיא שרעקליכע אָנפאַלען פון דיא איראָקוואָיס האָבען אַ געוויסע צייט אָב־געהאַלטען דיזע רייזען און אויספאָרשונגען. אָבער ווען דיא פראַנצויזען האָבען זיך אָבגערעכענט מיט דיזע ווילדע, האָט דער אוואַנטוריסטישער גייסט אַרומ־געכאַפּט ניט נור דיא וואַלד־לויפער און דיא הענדלער, וועלכע האָבען נאַ־טירליך געזוכט נייע יאַגד־פּלעצער און נייע אינדיאַנער שטאַמען, אום צו קריי־

גען וואָס מעהר און ביליגער פוטערוואַרג, זאָנדערן אויך אייניגע פון דיא נייַ־אָנגעקומענע אַדעליגע שווערד־העלדען.

צווישען דיזע אַלע זוכערס פון נייע געגענדען און האַנדעלס־וועגען פערנעהמען דעם ערשטען פּלאַץ דער פּעלץ־הענדלער זשאָליעט, דער מיסיאָנער מאַרקעט און דער קאַוואַליער לאַסאַל, מיט וועלכע מיר האָבען זיך שוין אַביסעל בעקענט אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס. דיזע מוטהיגע רייזענדע געהערען צו דער געשיכטע פון גאַנץ נאָרד־אַמעריקאַ. דיא געשיכטען פון יונייטעד סטייטס און קענעדע זיינען בכלל זעהר ענג פערבונדען. עס קומט דאַרום אויס צו ווידערהאָלען דיא זעלבע נעמען און דיא זעלבע פּאַסירונגען, בעזאָנדערס פון 17טען און 18טען יאָהרהונדערטע.

דער קלוגער און וויטזיכטיגער גובערנאַטאָר טאַלאָן האָט אויסגעקליבען זשאָליעט'ן אויסצופאָרשען דיא וועסטליכע געגענדען און צו געפינען דאָס "גרויסע וואַסער", וואָס איז אַלץ מעהר און עפּטער דערמאָנט געוואָרען אין דיא שילדערונגען פון דיא מיסיאָנערען, הענדלער און וואַלד־לויפער, וועלכע האָבען געגרינדעט פּאָסטען לעבען דעם וויטעסטען און גרעסטען פון דיא לעיקס, וואָס טראָגט דעם נאָמען סופּיריאָר (בעדייטעט: אויבערשטע). זשאָליעט איז געווען אַ געבאָרענער קענעדער און איז פון קינדוויַיז אָן געוואָהנט געוואָרען צו וואַנדערונגען אין דיא וועלדער, צום האַנדעל מיט אינדיאַנער און בכלל צו אַן אַוואַנטוריסטישען לעבען. דער יעזואיט מאַרקעט האָט עטאַבלירט אַ מי־סיאָן אין אַ סטראַטעגישען פּונקט לעבען דעם אויבענדערמאָנטען וואַסערוועג מאַקינאַק. אויף דיזען אָרט געפינט זיך יעצט דיא שטאָדט סענט איגנעס, וואָס געהערט צום סטייט מישיגען. פון דיא אַרומיגע אינדיאַנער האָט דיזער יעזואיטישער מיסיאָנער זיך דערוואוסט וועגען דיא וועגען צום "גרויסען וואַ־סער", וואָס איז גערופען געוואָרען מיט'ן אינדיאַנער וואָרט „מיסיסיפּי". דער מוטהיגער הענדלער און דער בעגייסטערטער מיסיאָנער האָבען זיך צוזאַ־מענגערעדט און אין 1673 האָבען זיי זיך אַ לאָז געטהאָן מיט פינף בעגלייטער אויף צוויי שיפלעך אונגעפעהר אויף דעם זעלבען וועג, וואָס זשאַן ניקאָלע האָט דורכגעמאַכט מיט אַ יאָהר 40 פריהער. שווימענדיג צום זיד לעבען דיא וועסטליכע ברעגען פון לעיק מישיגען זיינען זיי צוגעקומען צו דיא ערטער, וועלכע זיינען יעצט אַ טהייל פון סטייט וויסקאָנסין. דיא אינדיאַנער לעבען דעם פאָקס ריווער, וואָס פאַלט אריין אין לעיק מישיגען (גענויער גרין־בעי) און איז דאַרום פערבונדען מיט דער ריזיגער וואַסער־סיסטעם פון סענט לאָ־רענס, האָבען געצייגט דיזע רייזענדע וויא אַזוי צו צוקומען צום טייך וויסקאָנ־סין, וואָס פאַלט אריין אין מעכטיגען מיסיסיפּי טייך.

אויף דיזע שיפלעך, וועלכע זיי האָבען אַריבערגעשלעפּט איבער דעם אָרט, וואָס טהיילט אָפּ דיא קוועלען אָדער דעם אָנפאַנג פון דעם פאָקס ריווער ביז

דיא קוואלען אדער דעם אנפאנג פון וויסקאנסין ריווער (אויף פראנצויזיש און ענגליש רופט מען אזא ארט מיט דעם ווארט "פארטאזש", וואס עס מיינט אבטהיילונג, אבזונדערונג), האבען זיי זיך א לאז געטאן אויף גאט'ס בערשט ארונטער מיט'ן שטראם. א מאנאט נאך זייער אפרייזע פון דער מיסיאן סענט איגנעס האבען זיי געהאט דיא "אונבעשרייבליכע פריידע", וויא מארקעט דריקט זיך אוים אין זיינע שריפטען, צו געפינען זיך אויף דעם "גרויסען וואסער". זיי זיינען געשוואומען אלץ ווייטער איבער דעם מיסיסיפי, האפענדיג צו דערגרייכען צו דיא ברעגען פון פאסיפישען אדער אטלאנטישען אקעאן.

ווען זיי זיינען צוגעשוואומען צום ארט, וואו דער טייך ארקאנזאס (אר־קענסא) פאלט אריין אין מיסיסיפי, זיינען זיי געקומען צום שלוס, נאך דיא בעריכטען און ערקלערונגען פון דיא דארטיגע אינדיאנער, אז זיי וועלען גאר דערגרייכען דעם מעקסיקאנער גאלף. דארום האבען זיי בעשלאסען אבצולעגען זייערע ווייטערע אויספארשונגען און צוריק צו קעהרען זיך אהיים, אום אבצו־געבען א בעריכט פון זייערע ענטדעקונגען. צוריקוועגס האבען זיי געמאכט א נייע וויכטיגע געאגראפישע ענטדעקונג. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער מינדונג (מויל) פון אילינאי טייך, האבען זיי אהין פערקירעוועט און זיינען צוגעשוואומען צו אן ארט, פון וואנען זיי זיינען צוגעקומען צום שיקאגא טייך, וואס פאלט אריין אין דעם זידליכען סוף פון לעיק מישיגאן. דאס איז דער שיקאגא "פארטאזש" וואס איז זעהר פיעל בענוצט געווארען פון דיא פעלץ־הענדלער און יעגער אין שפעטערע צייטען.

כמעט גלייכצייטיג מיט זשאליעט'ן האט אויך דער קאוואליער לאסאל אנגעפאנגען צו עקספלארירען דיא געגענדען ארום דיא גרויסע לעיקס און צו זוכען א וועג צום געהיימניספאלען "גרויסען וואסער". ער איז אנגעקומען אין נייע־פראנקרייך, ווען ער איז נאך געווען א יונגער מאן. ער האט געטרוימט, אז ער וועט עס ענטדעקען ענדליך דעם לאנג געזוכטען וועג נאך כינא. ער האט ניט געקענט איינזיצען אויף דעם שטיק לאנד, וואס ער האט געקראגען פון דיא גלחים ניט ווייט פון מאנטריאל לעבען דיא שנעלע שטראמען אויף סענט לארענס, וועלכע טראגען זייט דאן דעם נאמען לא־שין (דער פראנצויזישער נאמען פון כינא) טאקי דעריבער, ווייל ער האט זיך אלץ ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק צו געפינען א וועג פון דעם סענט לארענס טייך אזש ביז כינא.

צוזאמען מיט צוויי גלחים האט ער אין 1669 גענומען אויספארשען דיא וועסטליכע ברעגען פון לעיק אנטאריא, וואו ער האט זיך צוזאמענגעטראפען מיט זשאליעט'ן. העכסט וואהרשיינליך האבען זיי געפיהרט לאנגע געשפרע־כען וועגען אלעס, וואס מען האט דאן געוואוסט און געזוכט צו דערגעהן וויי־טער מכח דיא טייכען און בכלל מכח דיא וועגען אין דיא זידליכע און וועסט־ליכע געגענדען. פאזיטיוו ווייס מען, אז ער האט זיך אבגעטהיילט פון

דיא צוויי גלחים, וועלכע האָבען פֿאַרטגעזעצט זייער רייזע אויף דעם שוין בע־קאַנטען נאָרדליכען וועג ביז צו לעיק סופּיריאָר, און האָט בעשלאָסען אויסצו־פֿאָרשען אַ נייען וועג צו דיא זידליכע געגענדען. וואָס ער האָט דיא נעכסטע צוויי יאָהר אויפגעטאָן, איז ניט בעקאַנט געװאָרן. מען רעכענט, אַז ער האָט דאַן ענטדעקט דעם אָהייאָ טייך אָדער אַן אַנדער טייך וואָס פֿאַלט אריין אין

ראָבערט דע לאַסאַל.

מיסיסיפּי. אַזוי וויא ער האָט ניט דערגרייכט דעם הויפּט צוועק פֿון זיין רייזע, נעמליך צו ענטדעקען אַ וועג נאָך כינאַ, האָט ער גאָר קיין בעריכט ניט אָנגע־געשריבען וועגען זיינע ערשטע וואַנדערונגען. דיא קענעדער האָבען עס דאַן צום שפּאָס געקרוינט זיין גוטסבעזיץ מיט'ן נאָמען לאַ־שין.

ערשט אין 1682 האָט דיזער אונערמידליכער רייזענדער געקענט אויס־פֿיהרען זיין טרוים צו דערגרייכען ביז דעם אָרט, וואו מיסיסיפּי פֿאַלט אריין אין ים. אין נאָמען פֿון קעניג לואי דעם 14טען האָט ער גענומען פּאָסעסיע פֿון דיזע מיסיסיפּי־געגענדען, וועלכע זיינען טהיילוויז לאַנג פֿריהער ענטדעקט

געוואָרען פון דע־סאָטאָ און אַנדערע שפּאַנישע רייזענדע און אַוואַנטוריסטען. ווען ער איז אין 1683 געקומען אין פראַנקרייך, האָט איהם דער קעניג זעהר פריינדליך אויפגענומען און איהם געגעבען דיא ערלויבניס צו גרינדען קאָלאָניעס אין דיא געגענדען פון מיסיסיפּי, וועלכע האָבען געקראָגען דעם אַלגעמיינען נאָמען לואיזיאַנאַ. אָבער, צו זיין אונגליק, האָט ער דעם נעכסטען יאָהר, ווען ער איז געקומען צו גרינדען דיא ערשטע קאָלאָניע לעבען דער מינדונג פון מיסיסיפּי, גאָר געלאַנדעט אין אַ זעהר אונגינסטיגען אָרט ביי דיא ברעגען פון היינטיגען סטייט טעקסעס. דיא קאָלאָניסטען האָבען דאָרטען גלייך פון אָנפאַנג שטאַרק געליטען. לאַסאַל האָט דאַרום בעשלאָסען צו מאַכען אַ פּראָבע צו דער־גרייכען ביז צו דיא לעיקס, אום זיי צו ברענגען הילפע; אָבער אויף'ן וועג איז ער ערמאָרדעט געוואָרען פון צוויי פון זיינע בעגלייטער. דיא עטליכע פראַנצויזען, וועלכע זיינען פערבליבען אויף'ן אָרט, זיינען געטויטעט אָדער געפאַנגען געוואָרען פון דיא פיינדליכע אינדיאַנער, איידער דיא שפּאַניער זיינען אָנגעקומען צו פערטרייבען זיי פון דאָרטען אויף דעם גרונד, דאָס דיא געגענד געהערט צו שפּאַניען.

אַזוי זיינען דיא פראַנצויזען צוגעקומען פון קענעדע ביז צום גאָלף פון מעקסיקאָ און צו דיא שפּאַנישע פּאָסעסיעס און אַזוי האָט געענדיגט זיין לעבען איינער פון דיא גרעסטע און מוטהיגסטע רייזענדע אין נאָרד־אַמעריקאַ.

אכטער קאפיטעל.

ניי־פראנקרייך און ניי־ענגלאנד אין 18טען יאהרהונדערט

אין דער צייט פון דיא אויבען־בעשריבענע רייזען איז גראף פראנטענאק געווען דער גובערנאטאר פון ניי־פראנקרייך. דאס איז געווען א זעהר ענערגישער מאן. ער האט זעהר פיעל געהאלפען לאסאל'ן און האט אנגעשטרענגט אלע זיינע קרעפטע און פעהיגקייטען צו פערשטארקען דיא פאזיציע פון זיין פאטערלאנד אין נארד־אמעריקא געגען דיא ענגלענדער. דיא איראקוואים, וועלכע האבען וויעדער אנגעפאנגען צו בעפאלען דיא אינדיאנער שטאמען, וואס האבען געלעבט פריינדליך מיט דיא פראנצויזען, און אויך דיא פראנצויזישע קאלאניסטען, האבען געציטערט אפילו פאר זיין נאמען. אונטער זיין קאמאנדע האט זיך ניי־פראנקרייך געפיהלט זיכער.

נור דיא יעזואיטען האבען איהם געהאסט. זיי האבען ניט געקענט פערטראגען, וואס ער האט זיך ניט געלאזט פיהרען פון זיי און וואס ער האט געשטיצט אן אנדער קאטאלישען ארדען, דיא זא־גענאנטע רעקאלעקטס, וועלכע האבען אויך געבויט קירכען, האספיטעלער, שולען און געשיקט מיסיאנערען צו דיא אינדיאנער. דיא יעזואיטען האבען אזוי לאנג אינטריגירט געגען איהם אין קעניגליכען הויף ביז זיי האבען אויסגעפיהרט, אז מען זאל איהם צוריקרופען. אבער זיין נאכפאלגער, א געוויסער לאבאר, וועלכער איז געווען א שפיעלכעל אין דיא יעזואיטישע הענד, האט זיך ארויסגעצייגט אזוי אונפעהיג צו בעשיצען דיא קאלאניע געגען דיא אטאקעס פון דיא איראקוואים, וועלכע זיינען אונטערגעהעצט געווען פון דיא ענגלישע און האלענדישע הענדלער געגען זייערע אלטע בלוטפיינד, אז מען האט געמוזט וויעדער שיקען דעם גראף פראנטענאק אלס גובערנאטאר פון ניי־פראנקרייך.

ווען ער איז אנגעקומען צום צווייטען מאל אין קאנאדע, האט ער שוין בעדארפט ארגאניזירען עקספעדיציעס ניט נור געגען דיא איראקוואים, זאנדערן אויך געגען דיא ענגלענדער. דאס איז געווען אין 1689, וואס טראגט אין דער געשיכטע פון ניי־פראנקרייך דעם נאמען: "דאס שרעקליכע יאהר", ווייל בלויז אין דעם דארף לא־שין לעבען מאנטריאל האבען דיא איראקוואים אויס־

געשלאַכטעט פיער הונדערט מענער, פרויען און קינדער און האָבען אַלעם אַרום און אַרום פערברענט. דיא בלוטדורשטיגע אינדיאַנער האָבען געוואָלט אַרויפיאָגען אַ טויט־שרעק אויף דיא פראַנצויזען. זיי האָ־בען אפילו געצוואונגען דיא געפאַנגענע מוטערס צו בראָ־טען זייערע אייגענע קינדער!

גראַף פראָנטענאַק.
(אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין סטאַטוע אין קוויבעק).

דיא מלחמה, וועלכע האָט ווידער אויסגעבראָכען אין די־זען יאָהר צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווען ווילהעלם פון אָראַנזש האָט פעריאָגט פון ענגלישען טהראָן דזשעימס דעם צווייטען, וועלכער איז געשטיצט געווען פון לואי דעם 14טען, האָט זיך, ווי געוועהנ־ליך, אָבגערופען אין זייערע קאָלאָניעס. אַלס גרינדע פון דער מלחמה האָט דער נייער ענגלישער קעניג אויף אָנגעגע־בען, וואָס דיא קענעדער זיי־נען בעפאַלען דיא ענגלענדער אין דער קאָלאָניע ניו יאָרק, אין האָדסאָן בעי (ים־בוזים) און אין ניו־פאַונדלענד. דיא קאָלאָניסטען פון ניו־ענגלאַנד האָבען דאַן געוואָלט פערכאַ־פען גאַנץ קענעדע און זיי האָ־בען זיך פערבונדען מיט דיא איראָקוואָיס, דיא געשוואָרענע שונאים פון דיא פראַנצויזען.

גראַף פראָנטענאַק האָט שנעל אָרגאַניזירט דריי עקספעדיציעס געגען דיא ענגלישע קאָלאָניסטען און פאַר איין גאַנג אויך צו בעשטראָפען דיא איראָקוואָיס. דיא ערשטע עקספעדי־ציע איז אין מיטען ווינטער פון 1690 צוגעקומען ביז דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך יעצט דיא שטאָדט סקענעקטעדי אין סטייט ניו יאָרק. זיי האָבען

דאַרטען אַלעס פערברענט, א טהייל פון דיא איבערראַשטע איינוואָהנער גע־טויטעט און א טהייל מיטגעשלעפּט אַלס געפאַנגענע. דיא אַנדערע עקספּעדיציעס זיינען בעפאַלען אַנדערע ענגלישע בעזעצונגען. דיא פראַנצויזען האָבען ניט נור געלאָזען דיא אבענאַקים און דיא אַנדערע אינדיאַנער שבטים, מיט וועלכע זיי האָבען געלעבט פריינדליך און וועלכע האָבען זיי בעגלייטעט, צו שלאַכטען און צו פייניגען דיא געפאַנגענע ענגלענדער מיט דיא גרעסטע רציחות, זאָנדערן האָ־בען זיך אַליין אויך געפיהרט וויא באַרבאַרען. מען מוז אָבער צוזעצען, אַז דיא ענגלענדער זיינען ניט מענשליכער געווען.

פערטרעטער פון דיא ענגלישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען בעזאָנדערס שטאַרק געליטען פון דיזע פראַנצויזיש־אינדיאַנישע אָנפאַלען, זיינען זיך דאָן צוזאַמענגעקומען אויף א קאָנגרעס אין ניו יאָרק, אום צו בעטראַכטען פּלענער, וויא אַם בעסטען זיך אָבצורעכענען מיט דיא פראַנצויזען. צוערשט האָבען זיי בעשלאָסען צו שיקען אַן עקספּעדיציע נאָך אַקאַדיע, וואו איינער פון זייערע טיכטיגסטע קריעגס־פיהרער, סער וויליאַם פּיפּס, האָט איינגענומען פּאָר־ראָיאַל און צושטערט עטליכע אַנדערע פראַנצויזישע בעזעצונגען. אַן אַנדער עקספּע־דיציע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין ניו יאָרק און קאָנעקטיקוט צו בעפאַלען מאָנטריאָל, אָבער דאָס איז ניט געלונגען. נאָכהער איז עס וויליאַם פּיפּס צו־געקומען מיט א פלאָטע פון 32 שיפען און 2300 פאַרמערס, יעגער, פישער און מאַטראָזען פון דיא קאָלאָניעס ביז צו קוויבעק, וואו פראָנטענאַק האָט פער־שטאַרקט דיא פעסטונגען. דיא קאָלאָניסטען האָבען פּרובירט שטורמען דיזען צענטער פון ניי־פראַנקרייך, אָבער זיי זיינען זעהר טרויעריג דורכגעפאַלען און האָבען זיך געמוזט צוריק קעהרען נאָך באָסטאָן.

פראָנטענאַק האָט טריאומפירט כמעט אויף אַלע פונקטען. מיט דיא אִי־ראָקוואָיס האָט ער זיך אַזוי אָפּגערעכענט, אַז זיי האָבען נאָכהער אויפגעהערט צו זיין א געפאַהר פאַר דיא פראַנצויזען. דיא מלחמה האָט זיך אָבער געענדיגט צו גונסטען פון ענגלאַנד. דער שטאָלצער לואי דער 14טער איז געצוואונגען געווען צו אונטערשרייבען אין 1713 דעם טראַקטאַט פון אוטרעכט, נאָך וועלכען ענגלאַנד האָט בעקומען אַקאַדיע, ניו־פאַונדלענד און אויך האָדסאָן בעי. דערצו נאָך האָט פראַנקרייך זיך פערפליכטעט צו לאָזען צו רוה דיא איראָקוואָיס, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער דער פּראָטעקציאָן פון ענגלאַנד. דאָס האָט בעדייטעט, אַז דיא גענענדען, וועלכע דיזע אינדיאַנער שבטים האָבען גע־רעכענט פאַר זייערע, זיינען צוזאַמען מיט זיי איבערגעגעבען געוואָרען צו דיא ענגלישע קאָלאָניעס. ווען עס איז אָבער געקומען צו בעשטימען דיא גרע־נעצען פון דיזע גענענדען, וויא אויך פון אַקאַדיע, זיינען ענטשטאַנען צווישען דיא ענגלענדער און פראַנצויזען שוויריגקייטען און שטרייטיגקייטען, וועלכע האָבען זיך געצויגען א האַלבען יאָהרהונדערט.

נאָך דעם טראַקטאַט פון אוטרעכט זיינען דיא פראַנצויזען געבליבען הער־שער איבער דיא אונגעהייערע געגענדען פון דעם גאָלף פון סענט לאָרענס ביז דעם גאָלף פון מעקסיקאָ. א בליק אויף דיא לאַנדקאַרטען פון קענעדע און פון דעם טהאָל פון מיסיסיפּי מיט אַלע טייכען, וועלכע פאַלען אין איהם אריין, צייגט, וואָס פאַר אַ ריזיגע קאָלאָניאַלע אימפּעריע דאָס איז געווען. אָבער נור אין עטליכע פּונקטען האָבען זיך געפונען פראַנצויזישע בעזעצונגען. דאָס איז גע־ווען אַן אימפּעריע אויף׳ן פּאַפּיער, אַ לאַנד אָהן אַ בעפעלקערונג, ווען מען זאָל ניט רעכנענען דיא וואַנדערענדע אינדיאַנער און דיא הייפעלעך פראַנצויזישע הענדלער, וואַלד־לויפער, גלחים און אוואַנטוריסטען אין עטליכע סטראַטעגישע פּונקטען.

ביי דער מינדונג פון מיסיסיפּי איז געגרינדעט געוואָרען דיא קאָלאָניע לואיזענע מיט דער הויפטשטאָדט ניו־אָרליענס, אום צו בעשיצען דעם אריינ־פאָהר אין דעם מעכטיגען טייך. ביי דער מינדונג פון סענט לאָרענס האָבען זיך אָבער געפונען דיא ענגלענדער אין ניו־פאַונדלענד און אין אַקאַדיע. אין פאַל פון אַ מלחמה, און דאָס האָט דאַן געטראָפען זעהר אָפט, כמעט אונאויפהער־ליך, האָט ענגלאַנד געקענט גאַנץ לייכט בלאָקירען דעם וועג צו קוויבעק, מאָנטרי־אָל און צו אַלע אַנדערע פראַנצויזישע בעזעצונגען אין דעם טהאָל פון סענט לאָרענס טייך און דערמיט זיי אָבשניידען פון זייער מוטערלאַנד.

אום זיך צו פערזיכערען געגען אַזאַ פאַל האָט זיך דיא פראַנצויזישע רע־גיערונג זעהר ענערגיש אַ נעהם געטאָן צו בעפעסטיגען דעם אינזעל קעיפּ ברע־טאָן, וואָס ליעגט צום נאָרד פון נאָווע סקאָשע ביי דעם וויכטיגסטען אריינ־פאָהר אין דעם סענט לאָרענס גאָלף. דעם דאָזיגען אינזעל האָבען דיא פראַנ־צויזען דאַן גערופען איל ראָיאַל, וואָס עס מיינט קעניגליכער אינזעל. דאָרטען האָבען דיא פראַנצויזען בעשלאָסען צו בעפעסטיגען אַ פּאָרט, וואָס זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען לואיבורג לכבוד דעם קעניג לואי דעם 14טען. דיא רעגיערונג האָט ניט געשפּאָרט קיין געלד צו בעפעסטיגען וואָס מעהר דיזען זעהר וויכטיגען סטראַטעגישען פּונקט נאָך דיא פּלענער פון דעם בעריהמטען וואָבאַן און אַנדע־רע גרעסטע אינזשענערען פון יענער צייט. דיא פאָרטיפיקאַציאָנען האָבען איינגעשלונגען מעהר פון צעהן מיליאָן דאָלאַר. דאָס איז דאַמאָלס געווען דיא גרעסטע און שטאַרקסטע ים־פעסטונג אין דער נייער וועלט.

אָבער זיא האָט דאָך ניט אויסגעהאַלטען אַן אַטאַקע פון די קאָלאָניסטען פון ניו ענגלאַנד. דאָס איז געשעהען אַ יאָהר דרייסיג נאָך דעם טראַקטאַט פון אוטרעכט, ווען עס האָט וויעדער אויסגעבראָכען אַ מלחמה צווישען ענג־לאַנד און פראַנקרייך (דאָס איז געווען דיא מלחמה וועגען דיא עסטרייכער ירושה). אויסער דעם וואָס דיא פראַנצויזען האָבען געסטראַשעט דיא זיכער־הייט פון דיא ענגלישע קאָלאָניסטען אין נאָווע סקאָשע, מעין און מאַסאַטשו־

זעטס דורך זייער גרויסע פעסטונג אין לואיבורג, האָבען זיי אויך געהעצט דיא אַבענאַקיס, מיקמאַקס און אַלע אינדיאַנער שטאַמען דאָרטען אַרום צו בעפאַלען און אויסשלאַכטען דיא ענגלענדער. דיא גובערנאַטאָרען פון קענעדע פלעגען שיקען אַגענטען, מייסטענס גלחים, צווישען וועלכע איינער מיט'ן נאָמען לעלוטר האָט זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט זיינע נידערטרעכטיגקייטען, אין אַקאַדיע, אום אויפצומונטערען דיא ווילדע צו צושטערען דיא ענגלישע בעזעצונגען דאָרטען. דער צוועק פון דיא פראַנצויזען איז געווען אָפּצושרעקען דיא ענגלענדער פון בעזעצען זיך אין נאָווע סקאָשע. דיא אַקאַדישע אינדיאַנער, מיט וועלכע דיא פראַנצויזען האָבען שטענדיג פריינדליך געלעבט און וועלכע האָבען אויך פיינט געהאַט דיא ענגלענדער — עס איז אין אַלגעמיין בעוואוסט, אַז דיא ענגלענדער האָבען קיין מאָל ניט געקענט צוציהען צו זיך אירגענד וועלכע אינדיאַנער אַזוי וויא דיא פראַנצויזען — האָבען דיא פראַנצויזישע אַגענטען פערזיכערט, אַז באַלד וועט פראַנקרייך צוריק בעקומען גאַנץ אַקאַדיע.

דיזע האַנדלונגען פון דיא פראַנצויזען האָבען שליסליך געפיהרט צו דער געוואַגטער און בעריהמטער אַטאַקע פון דיא ענגלישע קאָלאָניסטען אויף לואיבורג גופא. אַן עקספעדיציע פון 4000 מאַן איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין ניו־ענגלאַנד, ספּעציעל אין מאַסאַטשוזעטס, וואָס איז דאַן געווען דיא וויכטיגסטע און בעפעלקערטסטע ענגלישע קאָלאָניע. אין פריהלינג פון 1745 זיינען דיזע מוטהיגע פאַרמערס צוגעקומען מיט זייער קאָמאַנדיר, גענעראַל פּ ע פּ פּ ע ר ע ל, צו דער גרעסטער פראַנצויזישער פעסטונג, וועלכע האָט בעשיצט דעם אריינפאָהר אין סענט לאָרענס גאָלף. דער גאַרניזאָן פון לואיבורג, וועלכער איז ניט געוועזן גענוג פאָרבערייטעט צו אַזאַ אַטאַקע, האָט אויסגעהאַלטען דיא בעלאַגערונג 40 טעג, אָבער האָט זיך געמוזט אונטערגעבען, ווען דיא ענגלישע פלאָטע האָט געפאַנגען דיא פראַנצויזישע שיף, וועלכע האָט געפיהרט שפּייז און אַמוניציע פאַר דיא בעלאַגערטע. דיא גאַנצע בעפעלקערונג פון לואיבורג, סאָלדאַטען, האַנדווערקער א. ז. וו., איז בעשטאַנען פון קנאַפּע 2000 נפשות. איידער זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען, האָבען זיי אויסגענומען, אַז מען זאָל זיי צוריק טראַנספּאָרטירען נאָך פראַנקרייך, וואָס דיא ענגלענדער האָבען גערן געטאָן.

דיא נאַכריכט וועגען דעם פאַל פון לואיבורג האָט ארויסגערופען פריידע אין ענגלאַנד, ספּעציעל נאַטירליך אין ניו־ענגלאַנד, און טרויער אין פראַנקרייך. דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו געווינען צוריק קעיפּ ברעטאָן, וואָס איז, נאָך זיין געאָגראַפישער פּאָזיציע, אַ שליסעל צום גאָלף און טייך פון סענט לאָרענס. זיא האָט ארויסגעשיקט אַ גרויסע עקספּעדיציע אין 1746, אָבער דיא שיפען האָבען זעהר פיעל געליטען פון שטורמען און דיא מאַנשאַפט פון קראַנקהייטען. איין אונגליק נאָך דעם אַנדערען האָט פערפאָלגט דיזע פראַנצויזישע פלאָטע, וועלכע האָט אפילו ניט געקענט צוקו־

מען צו לואיבורג. די צווייטע פּלאַטע, וואָס די פראַנצויזישע רעגיערונג האָט געשיקט דעם נעכסטען יאָהר נאָך אַקאַדיע, איז בעזיעגט געוואָרען פון א שטאַר־קערער ענגלישער פלאָטע.

דער גובערנאַטאָר פון קענעדע האָט פון זיין זייט אָרגאַניזירט אן עקספּע־דיציע פון פראַנצויזען און אינדיאַנער צו פעריאָגען די ענגלענדער פון גאַנץ אַקאַדיע. דאָס וואָלט איהם וואהרשיינליך געלונגען, אויב די פלאָטען, אויף וועלכע ער האָט נאַטירליך געלייגט זעהר גרויסע האָפנונגען, וואָלטען געקענט קומען צו הילפע. אָבער אין 1748, ווען פריעדען איז געשלאָסען געוואָרען אין דער שטאָדט עי־לאַ־שאַפּעל, האָט די ענגלישע רעגיערונג אָבגעטראָטען קעיפּ ברעטאָן צו די פראַנצויזען פאַר דעם פּאָרט מאַדראַס אין אינדיען, וועלכען די פראַנצויזען האָבען איינגענומען. די פּאָליטישע קאַרטע פון נאָרד־אַמעריקאַ האָט זיך אַלזאָ ניט געענדערט נאָך דעם טראַקטאַט פון עי־לאַ־שאַפּעל, צו דער גרויסער אונצופריעדענהייט פון די ניו־ענגלענדער, וועלכע האָבען שליסליך גאָר ניט אויסגעפיהרט מיט זייערע העלדענטהאַטען אין לואיבורג.

ניינטער קאַפּיטעל.

דער סוף פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין קענעדע

ניט לאַנג אָבער האָט אָנגעהאַלטען דיזער פריעדען און ניט לאַנג נאָכדעם זיינען דיא פראַנצויזען פערבליבען דיא הערשער ניט נור אין קעיפּ ברעטאָן, זאָנדערן אין גאַנץ קענעדע. מיט יעדען יאָהר האָט זיך דער קאַמפּף צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך וועגען זייערע קאָלאָניעס בכלל און וועגען זייער הערשאַפט איבער נאָרד־אַמעריקאַ בפרט אַלץ מעהר פאַנאַנדערגעפלאַקערט. אפילו אין דיא יאָהרען פון אָפּיציעלען פריעדען צווישען זיי, ניט אַכטענדיג אויף דיא טראַקטאַטען, האָט דיזער קאַמפּף ניט אויפגעהערט אין פערלויף פון 18טען יאָהרהונדערט.

מיר קומען דאָ צום לעצטען קאַפּיטעל פון דער געשיכטע פון קענעדע אונטער דעם פראַנצויזישען פלאַג. אויסער אין אַקאַדיע, אין ניו־פאַונדלענד, אין דיא געגענדען פון דיא איראָקוואָיס (דער גרעסטער טהייל פון ניו יאָרק סטייט) האָבען זיך דיא פראַנצויזען און ענגלענדער צוזאַמענגעשטויסען ארום דעם מיטען פון 18טען יאָהרהונדערט אויך אין דעם טהאָל פון מיסיסיפּי. אין 1754 האָבען דיא ענגלענדער אָנגעפאַנגען צו בויען אַ פאָרט ביי אַ געוויסען פונקט (דער אָרט פון דער שטאָדט פּיטסבורג אין פּענסילווייניאַ) פון אָהייאָ ריווער, וועלכער פאַלט אריין אין מיסיסיפּי. דיא פראַנצויזען, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז דיא ריזיגע געגענדען פון מיסיסיפּי מיט אַלע טייכען, וועלכע פאַלען אין איהם אריין, געהערען צו זיי אויף דעם גרונד פון זייערע ערשטע רייזען און ענטדעקונגען, האָבען פערכאַפּט דיזען פאָרט און פעריאָגט דיא ענגלענדער. אין איינעם פון דיזע צוזאַמענשטויסען אין דעם טהאָל פון אָהייאָ האָט אויך אָנטהייל גענומען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, וועמען עס האָט זיך בשעת מעשה און אפילו אין צוואַנציג יאָהר נאָכהער ניט גע'חלום'ט, אַז ער וועט גאָר אַליין קעמפּפען געגען זיין מוטערלאַנד און וועט ווערען דער ערשטער פּרעזידענט פון דער ערשטער און גרעסטער רעפּובליק אין דער נייער וועלט.

אין 1756, אכט יאָהר נאָך דעם פריעדענס־אָבמאַך אין עי־לאַ־שאַפּעל, האָט זיך אָנגעפאַנגען דיא אינטערנאַציאָנאַלע מלחמה, וועלכע טראָגט אין דער וועלט־געשיכטע דעם נאָמען "זיעבעניעהריגע", ווייל זיא האָט זיך געצויגען זיעבען

יאהר (פון 1756 ביז 1763). פראנקרייך, עסטרייך און רוסלאנד האבען זיך פער־אייניגט געגען ענגלאנד און פרייסען. אין דיזער מלחמה האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט פריעדריך דער גרויסער פון פרייסען, און ענגלאנד האט דורך דעם זעהר פיעל געוואונען אויף דער רעכנונג פון דיא פראנצויזישע קאלאניעס ניט נור אין נארד־אמעריקא, זאנדערן אויך אין אזיען (אינדיען).

ניי־ענגלאנד און ניי־פראנקרייך אבער, וועלכע האבען געהאט אייגענע רעכנונגען און שטרייטען, וויא מיר האבען עס געזעהען, האבען אייגענטליך גאר ניט געווארט אויף אן אפיציעלער קריעגס־ערקלערונג צווישען זייערע מוטערלענדער. זיי האבען דאן געפיהרט זייערע קליינע מלחמות, וויא געזאגט, אין אקאדיע, אין דעם טהאל פון אהייא, אין דער קאלאניע ניו יארק (ספעציעל לעבען דיא לעיקס שאמפלעין און דזשארדזש). בעזאנדערס ביטער און גרויזאם איז דיזער קאמפף פארגעקומען אין אקאדיע. גלייך נאך דעם טראקטאט פון עי־לא־שאפעל האבען דיא פראנצויזען און דיא ענגלענדער אנגעפאנגען צו בעפעסטיגען זייערע פאזיציעס און צוזאמענקלייבען זייערע קרעפטע אין דיא טהיילען פון אקאדיע, וועגען וועלכע זיי האבען זיך אלץ ארומגעריסען. דיא פראנצויזען, וועלכע זיינען געווען אין דער מינאריטעט אויף אלע פונקטען, האבען אויך דיזעס מאל געהאט דיא הילפע פון כמעט אלע אינדיאנער שטאמען (אויסער דיא איראקוואים, זעלבסטפערשטענדליך), וויא געוועהנליך. דיא ענגלישע רעגיערונג האט זיך ארומגעזעהען, אז זיא האט בעגאנגען א גרויסען פעהלער, ווען זיא האט צוריקגעקעהרט קעיפ ברעטאן צו פראנקרייך, און זיא האט דארום אנגעפאנגען צו שיקען א סך קאלאניסטען נאך נאווע סקאשע און צו בויען דארטען פעסטונגען, ספעציעל אין דעם גרויסארטיגען האפען פון האליפאקס, וואו עס געפינט זיך אויך היינט דיא שטארקסטע ענגלישע ים־פעסטונג אין נארד־אמעריקא.

דיא ענגלענדער זיינען אזוי פערצווייפעלט געווארען דורך דיא שטענדיגע צוזאמענשטויסען מיט דיא אקאדיער פראנצויזען און אינדיאנער, אז זיי האבען בעשלאסען אין גאנצען צו פערטריבען דיא פראנצויזען פון נאווע סקאשע. דאס איז געווען א גרויזאמער אקט פון זייער זייט, אפילו פאר יענע בארבארישע צייטען. נאך דעם טראקטאט פון אוטרעכט אין 1713 זיינען פערבליבען א געוויסע צאהל פראנצויזישע קאלאניסטען אין נאווע סקאשע. מען האט זיי אפילו געגעבען א יאהר צייט צו בעשטימען, אויב זיי ווילען שווערען טרייהייט צו ענגלאנד. אייניגע האבען דאן אויסגעוואנדערט, אבער דיא מייסטע, ספעציעל אזעלכע וואס האבען זיך דארטען לאנג בעזעצט און האבען געהאט גוטע פארמס אין דעם טהאל פון אנאפאליס, זיינען פערבליבען. פראנצויזישע היסטאריקער ערקלערען, אז דיא גובערנאטארען פון נאווע סקאשע האבען געשטערט דיא פראנצויזישע קאלאניסטען אויסצוואנדערען, ווייל אהן זיי וואלט דיא

גאנצע געגענד פערוויסטעט געוואָרען. ענגלישע היסטאָריקער ערקלערען אָבער, אז א טהייל פון דיא אַקאַדיער פראַנצויזען זיינען נור געבליבען אויף זייערע אַלטע ערטער, ווייל זיי האָבען ניט אויפגעגעבען דיא האָפנונג צו זעהען אויך נאָווע סקאָשע אונטער זייער נאַציאָנאַלען פלאַג.

יעדענפאַלס האָבען זיך דיא פראַנצויזען דאָרטען ביסלעכווייז פערמעהרט אַזוי, אז דיא ענגלענדער האָבען גענומען קוקען דערויף וויא אויף א גרויסע געפאַהר פאר זיך. דיא פערטרעטער פון דער ענגלישער רעגיערונג האָבען דארום אַלץ ענערגישער אָנגעהויבען צו פאָדערען, אז דיא אַקאַדיער זאָלען שווערען טרייהייט צו ענגלאַנד אָדער אין גאַנצען אויסוואַנדערען. זיי האָבען זיך אָבער ניט נור ענטזאַגט צו פאָלגען, זאָנדערן האָבען צוגעשטעלט שפּייז צו זייערע לאַנדסלייט אין דער פעסטונג לואיבורג און אויך געהאָלפען צו בויען געוויסע בעפעסטיגטע פונקטען געגען דיא ענגלענדער. דיא ענגלישע קאָלאָניסטען האָבען יעדענפאַלס ניט אויפגעהערט צו בעקלאָגען זיך, דאָס זיי וועלען זיך קיין מאָל ניט פיהלען זיכער זאָ לאַנג דיא אַקאַדיער, וויא מען האָט אויך גערופען דיא פראַנצויזישע קאָלאָניסטען פון נאָווע סקאָשע, וועלען זיך ניט אונטערגעבען אין גאַנצען.

דער סוף איז געווען, דאָס דיא ענגלענדער האָבען אין 1755 גענומען יאָגען דיא אַקאַדיער אַזוי וויא ווילדע חיות. עטליכע טויזענד מענער, פרויען און קינדער זיינען ארויסגעשליידערט געוואָרען פון זייערע הייזער און געטריבען געוואָרען פון זייערע פיינע פאַרמס מיט א ווילדער רציחה. א טהייל פון דיזע אונגליקליכע זיינען אומגעקומען אין דיא וועלדער, אויף'ן וועג, א טהייל האָבען זיך דערשלעפּט ביז קוויבעק און א טהייל זיינען צושפּרייט געוואָרען אין ניי-ענגלאַנד, וואו מען האָט זיי גאָר ניט פריינדליך בעהאַנדעלט.

אין קענעדע גופא האָבען דיא פראַנצויזען גראָדע געהאַט בעזונדערס גרויסע ערפאָלגען דיא ערשטע צוויי יאָהר פון דיזער מלחמה. דאָס האָבען זיי געהאַט צו פערדאַנקען ניט נור זייער פעהיגען און מוטהיגען גובערנאַטאָר, דעם בעריהמטען מאַרקיז מאָנקאַלם, זאָנדערן אויך דער אונפעהיגקייט פון מאַנכע פון דיא ענגלישע קאָמאַנדירען. ניט נור אויף דער יבשה, זאָנדערן אויך אויף'ן ים האָבען דיא ענגלענדער געליטען ביטערע נידערלאַגען אין 1756 און בעזאָנדערס אין 1757. מאָנקאַלם האָט דאַן טריאומפירט אַזוי וויא זיין גרויסער פאָרגענגער, גראַף פראָנטענאַק, מיט 75 יאָהר פריהער.

אָבער דאָס איז געווען וויא אַן אויפבאַפונג פאר'ן טויט. דיא רעדעל האָט זיך שנעל איבערגעדרעהט, ווען פּיטט (לאָרד טשעטהעם), איינער פון דיא גרעסטע שטאַאַטס-מענער פון זיין צייט, איז געוואָרען פּרעמיער פון ענגלאַנד. ער האָט אויך זעהר ענערגיש געשטיצט דיא קאָלאָניסטען מיט שיפען און סאָלדאַטען, וועהרענד דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט דאַן נאָך מעהר וויא געוועהנליך



Montcalm.

מארקיז מאַנקאַלם.

פערנאכלעסיגט איהרע קאלאניעס. שליסליך וואלטען דיא פראנצויזען אין קע־נעדע סאי וויא סאי געמוזט פערלירען, ווייל זיי זיינען געוועזן צו שוואך אין פערגלייך מיט זייערע שכנים אין ניו־ענגלאנד.

צו דער צייט פון דער זיעבען־יעהריגער מלחמה האבען דיא 13 ענגלישע קאלאניעס אין נארד־אמעריקא געהאט א בעפעלקערונג פון אונגעפעהר א מיליאן און א פיערטעל נפשות, ניט רעכענענדיג דיא נעגערס אין דיא זידליכע קאלאניעס, וועהרענד גאנץ קענעדע צוזאמען מיט לואיזענע האבען ניט געצעהלט מעהר פון 80 טויזענד נפשות. אין אלע אנדערע הינזיכטען, פאליטיש אזוי גוט וויא עקאנאמיש, האבען דיא ענגלישע קאלאניעס איבערגעוואויגען דיא פראנצויזישע קאלאניעס אין דער זעלבער פראפארציע. אפילו אין קוויבעק און אין מאנטריאל איז אין 1757 געוועזן אזוי ווייניג שפייז, דאס דיא סאלדאטען און איינוואהנער האבען געמוזט עסען פערד־פלייש. דיא ענגלישע קאלאניעס האבען געבליהט און זיינען מערקווירדיג שנעל געוואקסען אין רייכטהום און אין מענשען. דיא קענעדער מיליציאנטען צוזאמען מיט דיא רעגעלע סאלדאטען פון פראנקרייך פלעגען שטענדיג זיין קלענער אין צאהל פאר דיא בריטישע סאלדאטען צוזאמען מיט די מיל״ציאנטען פון די ענגלישע קאלאניעס, ווען די לעצטע פלעגען אנפאלען אויף קענעדע. דערצו נאך פלעגען דיא ענגלענדער מייסטענס האבען דיא שטיצע פון א מעכטיגער פלאטע. דערפאר האבען דיא פראנצויזען געהאט אזעלכע פעסטונגען, וועלכע עס איז געוועזן לייכט צו פערטהיידיגען געגען שטארקע בעלאגערונגס ארמעען. קוויבעק איז דיא גאנצע צייט געוועזן דער שליסעל פון ניי־פראנקרייך. אויך מאנטריאל און דיא פארטען לעבען לעיק שאמפלעין זיינען געוועזן אזוי גוט בעפעסטיגט, אז קליינע גארניזאנען האבען געקענט אויסהאלטען אטאקעס פון צאהלרייכע שונאים. ווייטער האבען דיא פראנצויזען שטענדיג געהאט דיא הילפע פון דיא אינדיאנער שטאמען אין זייער קאמפף מיט דיא ענגלענדער, וויא מיר האבען עס געזעהן אין דיא פאריגע קאפיטלעך.

זא לאנג קוויבעק איז געבליבען אין דיא הענד פון דיא פראנצויזען, האבען זיי ניט נור בעהערשט דעם טהאל פון סענט לארענס, זאנדערן האבען זיך געקענט האלטען אין נארד־אמעריקא, ניט אכטענדיג אויף נידערלאגעס אין אנדערע פונקטען. דארום האט עס פיטט בעשלאסען צו מאכען דיא גרעסטע אנשטרענ־גונגען, אום ארויסצורייסען בייא דיא פראנצויזען דיזען שליסעל צו קענעדע. ער האט גלייכצייטיג ארגאניזירט דריי עקספעדיציעס געגען דיא קענעדער פראנ־צויזען און האט אויסגעקליבען זעהר פעהיגע און ענערגישע קאמאנדירען. דער פלאן איז געוועזן צו אטאקירען מיט אמאל דיא פראנצויזישע פאזיציעס בייםאריינפאהר אין סענט לארענס, ביי לעיק שאמפלעין און אין דעם טהאל פון אהייא.

אין זומער פון 1758 איז אן ענגלישע פלאטע פון איבער 50 שיפען צו־

געקומען צו דיא ברעגען פון קעיפ ברעטאָן לעבען דיא בעריהמטע פעסטונג לואיבורג, וועלכע איז פערשטארקט געוואָרען זייט דיא קאָלאָניסטען פון ניו־ענגלאנד האָבען איהר איינגענומען, וויא דאָס איז בעשריבען געוואָרען אין א פאָריגען קאפיטעל. דיזע ענגלישע פלאָטע האָט מיטגעבראכט א 14 טויזענד מאַטראָסען און סאָלדאטען און איז געווען בעוואפענט מיט 1800 קאנאָנען.

גענעראל דזשיימס וואלף.

אין לואיבורג האָבען זיך געפונען אונגעפעהר 3000 סאָלדאטען, ניט רעכע־נענדיג א קליינע צאָהל אינדיאנער און איינוואָהנער. אין פאָרט, אונטער דעם שוץ פון דער פעסטונג, האָבען זיך געפונען 14 פראנצויזישע קריעגשיפען מיט אונגעפעהר 3000 מאן און א 500 קאנאָנען.

דיא ענגלענדער זיינען אלזאָ געווען וועניגסטענס צוויי מאל שטארקער פאר דיא פראנצויזען, נור דיא פעסטונג וואָלט געקענט אויסהאלטען א לאנגע צייט אן אטאקע פון אפילו פון א פיעל גרעסערער ארמעע, ווען זיא וואָלט געווען גענוג פאָרבערייטעט דערצו און ווען דער פראנצויזישער אדמיראל וואָלט גע־

ווען אזוי פעהיג און ענערגיש, וויא דער גובערנאטאָר פון אינזעל קעיפּ ברע־טאָן. דיא פראַנצויזישע סאָלדאטען האָבען מיט פערצווייפלונג געקעמפּפט ביז דיא לעצטע כחות אין פערלויף פון א צוויי מאָנאט. זיי האָבען זיך אונטער־געגעבען ערשט נאָכדעם, וויא דיא וויכטיגסטע פאָרטען פון לואיבורג זיינען געווען צושטערט, זייערע קאנאָנען זיינען געבליבען צושמעטערט אָדער אָהן קוילען, 800 סאָלדאטען זיינען געטויטעט און פערוואונדעט געוואָרען און 1200 זיינען קראַנק געוואָרען.

עטליכע יאָהר נאָך דיזען וויכטיגען זיעג האָבען דיא ענגלענדער אין גאַנ־צען צושטערט דיא פאָרטען פון לואיבורג. זיי האָבען געוואָלט, אז עס זאָל אפילו קיין סימן ניט בלייבען פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט דאָרטען. דיא זיעגער האָבען אזוי גרויזאַם געיאָגט דיא פראַנצויזישע קאָלאָניסטען, האנדווערקער, פישער א. ז. וו. פון קעיפּ ברעטאָן און פון דיא אַנדערע אינזלען אין גאָלף פון סענט לאָרענס, אזוי וויא פון נאָווע סקאָשע. פראַנצויזישע פארמס און דערפלעך זיינען אונבארמהערציג צושטערט געוואָרען פון ענגלישע סאָלדאטען און מאַט־ראָזען, וועלכע זיינען ספּעציעל ארויסגעשיקט געוואָרען צו דיזען צוועק.

נאָך דער צושטערונג פון לואיבורג האָבען דיא ענגלענדער פאָלשטענדיג קאָנטראָלירט דעם ארייגפאָהר אין סענט לאָרענס גאָלף. דיא פראַנצויזען אין קענעדע האָבען שוין ניט געקענט קריעגען שטיצע פון פראַנקרייך, סיידען א פראַנצויזישע פלאָטע זאָל צושמעטערען דיא ענגלישע, וועלכע איז געשטאַנען אויף דער וואך ביי דיא ברעגען פון אקאדיע. דער שיקזאל פון קוויבעק גופא איז דורך דעם פערזיעגעלט געוואָרען.

דיא לעצטע שטונדע פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין קענעדע האָט טאַקע געשלאָגען דעם נעכסטען יאָהר, ווען דער ענגלישער גענעראל דזשעימס וואָלף האָט ענדליך אויך בעוויזען ארויפצוקלעטערען מיט זייענע סאָלדאטען אויף דיא פעלזען פון קוויבעק און איינגעהמען דיזע בעריהמטע פעסטונג. דער זעלבער יונגער און פעהיגער גענעראל האָט זיך פריהער אויסגע־צייכענט ביי דער אטאקע אויף לואיבורג, און אין 1759, ווען א שטאַרקע ענגלישע פלאָטע איז צוגעקומען צו קוויבעק, איז ער געוואָרען דער קאָמאַנדיר איבער דער ארמעע, וועלכע האָט געזאָלט שטורמען דיא פעסטונג.

דיא בעלאַגערונג פון קוויבעק האָט זיך געצויגען עלף וואָכען אין דעם זומער פון 1759 און האָט זיך געענדיגט מיט א נידערלאגע פון דיא פראַנצויזען נאָכדעם וויא גענעראל וואָלף האָט בעוויזען עטוואָס, וואָס עס איז דאַן גערעכענט געוואָרען פון מיליטעריסטען פאר אן אונמעגליכקייט. איהם איז נעמליך גע־לונגען צו דערגרייכען צו דיא פעסטונגען אויף דיא בערג הינטער דער שטאָדט, אויף דעם פעלד, וואָס טראָגט דעם נאָמען אבראהאם, איידער דיא פראַנצוי־

זען אונטער דער קאָמאַנדע פון זייער פעהיגען און מוטהיגען גובערנאַטאָר מאָנ־קאַלם האָבען עס דערזעהען.



קוויבעק און די אַרומיגע פעסטונגען אין 1759.

אין דער בעריהמטער שלאַכט אויף דעם פעלד פון אבראהאם זיינען דיא העלדישע קאָמאַנדירען פוןביידע אַרמעען געפאַלען. גענעראַל וואָלף, וועלכער איז דאַן אַלט געווען בלויז 33 יאָהר, האָט אויסגעהויכט זיין לעצטען אָטהעם

אויף'ן שלאכטפעלד, ווען ער האט געהערט, אז דיא פראנצויזען צולויפען זיך. מאנקאלם איז שטערבליך פערוואונדעט געווארען, ווען ער האט געוואלט אב־האלטען און ברענגען אין א מיליטערישער ארדנונג זיינע צוריקלויפענדע סאל־דאטען.

נאך דיזען זיעג האט שוין דער גארניזאן פון דיא פעסטונגען אין קוויבעק קיין אנדער ברירה ניט געהאט וויא זיך אונטערצוגעבען. לויט דיא פונקטען פון דער קאפיטולאציאן האבען דיא פראנצויזישע סאלדאטען געקראגען דאס רעכט ארויסצומארשירען מיט זייער געוועהר און מיליטערישע עהרע און אויך צוריקגעשיקט ווערען אויף ענגלישע שיפען נאך פראנקרייך. אין אייניגע אנ־דערע פונקטען, ספעציעל ארום מאנטריאל, האבען דיא פראנצויזען אנגע־שטרענגט זייערע לעצטע קרעפטע צו האלטען זיך געגען דיא ענגלענדער.

גענעראל לעווים, זייער פעהיגסטער קאמאנדיר, האט זאגאר געפלאנעוועט צו אטאקירען אין פריהלינג פון 1760 דיא ענגלענדער אין קוויבעק. אבער אן ענגלישע פלאטע, וועלכע איז אנגעקומען גראדע אין דער צייט, ווען דער ענגלישער גארניזאן האט זיך געפונען אין א געפעהרליכער לאגע, האט צור־קלאפט דיא לעצטע האפנונגען פון דיא פראנצויזען צוריק צו געווינען דעם שלי־סעל פון סענט לארענס. גענעראל לעווים איז דאן געצוואונגען געווען זיך צור־ריקצוציהען נאך מאנטריאל, וואו ער האט אין עטליכע מאנאט ארום געמוזט קאפיטולירען אויף דיא זעלבע בעדינגונגען, וויא דער גארניזאן פון קוויבעק. צווישען דיזע בעדינגונגען זיינען דיא וויכטיגסטע געווען און געבליבען: דיא בעשטעטיגונג פון דיא פריווילעגיעס פון דער קאטאלישער קירכע, דיא אנער־קענונג פון דער פראנצויזישער שפראך און פון דיא פראנצויזישע פיהרונגען בכלל. דער ענגלישער פלאג האט דאן געפלאטערט אויף דעם פלאץ פון דעם פראנ־צויזישען אין גאנצען טהאל פון סענט לארענס.

צעהנטער קאַפּיטעל.

די קענעדער פּראַנצויזען און די אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן

אין 1760 זיינען דיא ענגלענדער אַזוי געוואָרען דיא פּאַקטישע הערשער איבער גאַנץ קענעדע. אין 1763, ווען דער טראַקטאַט פון פּאַריז איז געשלאָסען געוואָרען, איז עס אויך אָפּיציעל אַנערקענט געוואָרען. פראַנקרייך האָט דאַן געמוזט אָבטרעטען צו ענגלאַנד ניט נור אַקאַדיע, קייפּ ברעטאָן און גאַנץ קענעדע, זאָנדערן אויך אַלע לענדער צום מזרח פון מיסיסיפּי (דער טהאָל פון אָהייאָ נאַטירליך אריינגערעכענט) מיט אויסנאַהמע בלויז פון דער שטאָדט ניו־אָרליענס און פון דעם דיסטריקט ארום (יעצט אַ טהייל פון סטייט לואיזענע).

נאָך דיזען טראַקטאַט איז עס ענגלאַנד געוואָרען ניט נור דיא גרעסטע ים־מאַכט, זאָנדערן אויך דיא גרעסטע קאָלאָניאַלע מאַכט אין דער וועלט. דיא פראַנצויזען האָבען פערלאָרען אַ ריזיגע קאָלאָניאַלע אימפּעריע. אַלעס וואָס עס איז זיי איבערגעבליבען פון ניי־פראַנקרייך — דאָס זיינען דיא צוויי קליינע און וויסטע אינזלען סען־פּיער און מיקעלאָן לעבען דיא זידליכע ברעגען פון ניו־פאַונדלענד.

אָבער ניט לאַנג איז ענגלאַנד געבליבען דיא איינציגע הערשענדע מאַכט אין דיא אונגעהייערע געגענדען פון נאָרד־אַמעריקאַ. דרייצעהן יאָהר נאָך דעם פּאַריזער טראַקטאַט איז אויפגעקומען אַ נייע מאַכט אין דער נייער וועלט. דער לעזער פערשטעהט שוין, אַז דאָס מיינט מען דיא גרויסע נאָרד־אַמעריקאַנישע רעפּובליק, וואָס טראָגט דעם נאָמען יונייטעד סטייטס אָוו אַמעריקאַ. אָן אויסעראָרדענטליכע איבערקעהרענעס איז אין דיזער קורצער צייט פּאָרגעקומען אין דיזען טהייל פון דער נייער וועלט. גראַדע דיא ענגלישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבען אַזוי טריי געשטיצט זייער מוטערלאַנד אין דעם לאַנגען און ביטערען קאַמפּף מיט דיא פראַנצויזען, וויא מיר האָבען עס געזעהען אין דיא פּאָריגע קאַפּיטלעך, האָבען זיך אָבגעטהיילט און געבילדעט אַן אונאַבהענגיגען שטאַאַט, וועהרענד דיא פראַנצויזישע קאָלאָניעס זיינען פערבליבען טריי צו זייערע פרעמדע הערשער. ניי־פראַנקרייך, דיא בעזיעגטע, רואינירטע, פראַנצויזיש־שפּרעכענדע און קאַטאָליש־פאַנאַטיזירטע קענעדע, האָט געדולדעט און זאָגאַר געשטיצט דעם פלאַג פון אַ פרעמדער און פּראָטעסטאַנטישער נאַציאָן,

און ניי־ענגלאַנד צוזאַמען מיט ניו יאָרק, פּענסילווייניאַ, ווירדזשיניאַ און דיא אַנדערע ענגלישע קאָלאָניעס — 13 אין צאָהל וויא מיר ווייסען עס — האָבען צוריסען דיזען פלאַג, דעם פלאַג פון זייער מוטערלאַנד, דעם פלאַג אונטער וועלכען זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו קעמפּפען געגען דיא פראַנצויזען אין אַקאַדיע און קענעדע! וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע ענדערונג!

דיא אורזאַכען פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן זיינען ערקלערט געוואָרען אין דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס. דאָ בלייבט צו ערקלערען דיא אורזאַכען, וועלכע האָבען געפיהרט דערצו, אַז דיא קענעדער זיינען ניט צוגעשטאַנען צו דיא קעמפּפער געגען דיא ענגלישע הערשאַפט.

צוערשט דאַרף מען נעהמען אין בעטראַכט, אַז אונטער דעם ענגלישען פלאַג האָבען זיך דיא איינוואָהנער פון קענעדע באַלד אָנגעפאַנגען צו פיהלען זיכערער און פרייער, וויא אונטער דעם פראַנצויזישען פלאַג. דיא אמת'ע קאָלאָניסטען, דיא אַקערבויער, דיא „האַביטאַן", זיינען פערבליבען אויף זייערע ערטער. עס איז אַ פאַקט, אַז קיינער פון דיזע „האַביטאַן" האָט ניט פערלאָזען קענעדע נאָך דעם פאַל פון קוויבעק און נאָך דעם פאַריזער טראַקטאַט. בלויז איינציגע אַדעליגע פאַמיליעס, איינציגע קויפלייטע און בעאַמטע — מען רעכענט אַז זייער צאָהל האָט קוים דערגרייכט ביז דריי הונדערט — האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך פראַנקרייך.

דיא „האַביטאַן", אָדער דער בויערן קלאַס, זיינען זעהר צוגעבונדען געוואָרען צו זייערע נייע היימען. פאַר זיי איז קענעדע טאַקע געוואָרען אַ צווייטע פאָטערלאַנד. יעדענפאַלס איז ביי זיי אויף דעם ערשטען פלאַן געשטאַנען דיא קאַטאָלישע קירכע. זייערע לעהרער, וועגווייזער און אָנפיהרער זיינען פון אָנפאַנג אָן געווען דיא יעזואיטען און בכלל דיא גלחים. אין דיא נאָרד־וועסטליכע פראָווינצען פון פראַנקרייך, פון וואַנען די מייסטע קאָלאָניסטען זיינען אַריבערגעקומען, וויא דאָס איז שוין בעמערקט געווען אין אַ פאָריגען קאַפּיטעל, איז דער קאַטאָליציזם אויך געווען בעזאָנדערס שטאַרק און איינפלוסרייך. דאַרום האָבען זיי זיך גאַנץ ווענים געקימערט וועגען זייער אַלטע היימאַטה און זיינען געווען צופריעדען, ווען זיי האָבען געקראָגען פולע רעליגיעזע אָטאָנאָמיע און דערצו נאָך דיא אַנערקענונג פון זייערע ציוויל־געזעץ און שפּראַך. אונטער דער הערשאַפט פון ענגלאַנד האָבען דיא קענעדער פראַנצויזען געקראָגען אַ געוויסע זעלבסטפערוואַלטונג, וואָס זיי האָבען קיין מאָל ניט געהאַט אונטער דער הערשאַפט פון זייערע קעניגע און גובערנאַטאָרען.

דיא ענגלישע רעגיערונג האָט פון איהר זייט געזוכט צו געווינען דיא סימפּאַטיע פון דער פראַנצויזישער בעפעלקערונג בכלל און פון דיא גלחים בפרט. זיא האָט געוואָלט, אַז דיא „האַביטאַן" זאָלען פערבלייבען אויף זייערע ערטער און רוהיג פאָרטזעצען זייערע בעשעפטיגונגען. דיא קאָמאַנדירען האָבען גע־

קראַגען בעפעהלען ניט צו דערלאָזען צו אַזעלכע באַרבאַרישע האַנדלונגען אין דעם טהאָל פון סענט לאָרענס, וויא אין אַקאַדיע, פון וואַנען דיא ענגלענדער האָבען טאַקע אַרויסגעיאָגט כמעט אַלע פראַנצויזען. דיא פּונקטען פון דעם פּאַריזער טראַקטאַט מכח דיא, מעג מען זאָגען, רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אַטאָ־נאָמיע פון דיא קענעדער פראַנצויזען זיינען אַזוי אויסגעפיהרט געוואָרען פון דיא ענגלישע הערשער, אַז ניט נור דיא גלחים, זאָנדערן אויך דיא אַדעליגע גרונדבעזיצער האָבען זיך שנעל אַרומגעזעהען, דאָס זייערע אינטערעסען ליידען גאָר ניט און געווינען זאָגאַר דורך דיא נייע אָרדנונג.

דיא הייסע געגנער פון דער ענגלישער הערשאַפט אין ניי־פראַנקרייך זיי־נען, נאָך דעם פאַל פון קוויבעק און פון מאָנטריאָל, אַוועק אין דיא נאָרד־וועסטליכע געגענדען, ספּעציעל אַרום דיא גרויסע לעיקס, וואו עס האָבען זיך געפונען עטליכע קליינע פראַנצויזישע פעסטונגען און בעזעצונגען און וואו דיא אינדיאַנער האָבען זיי געשטיצט געגען דיא ענגלענדער. אין דער נאַכבאַרשאַפט פון דיטראָיט, מאַקינאַק און אַנדערע ערטער פון דיא געגענדען, וואָס געהערען יעצט צו דיא סטייטס מישיגען, וויסקאָנסין און אילינאָי, האָבען געלעבט אין דערפלעך און פאַרטען פון צוויי ביז דריי טויזענד פראַנצויזען (מייסטענס יעגער און פעלץ־הענדלער). זיי האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צו דיא ענגלענ־דער און האָבען אויפגעהעצט אין 1763 דיא אינדיאַנער שבטים צו אַן אויפ־שטאַנד געגען ענגלאַנד. פראַנצויזישע אַגענטען האָבען איינגערעדט דיא אינ־דיאַנער, אַז דיא ענגלענדער וועלען זיי פערטריבען פון זייערע דערפער און יאַגד־פעלדער אין דיא געגענדען אַרום דיא לעיקס און אויך אין דעם טהאָל פון מיסיסיפּי. ביז דעם טראַקטאַט פון פּאַריז האָבען טהיילען פון דיא פראַנצויזען אַלץ געגלויבט, אַז קענעדע וועט פערבלייבען אונטער דער הערשאַפט פון זייער מוטערלאַנד, טראָץ דעם פאַל פון קוויבעק. ווען זיי האָבען זיך אָבער דער־וואוסט, אַז גאַנץ קענעדע פערבלייבט אין ענגלישע הענד, האָט גלייך אויס־געבראָכען אַ פראַנצויזיש־אינדיאַנער אויפשטאַנד, אין וועלכען עס האָט גענומען אַנטהייל אפילו אַ שטאַם פון דיא איראָקוואַיס, נעמליך דיא סענעקאַס וואָס האָבען געלעבט אין דער געגענד אַרום דעם ניאַגאַראַ וואַסערפאַל.

אָבער דיזער אויפשטאַנד, וועלכער ווערט גערופען אין דער געשיכטע פּאָנ־טיאַק׳ס מלחמה נאָך דעם פראַנצויזישען נאָמען פון דעם גרעסטען און בע־ריהמטעסטען פון דיא אינדיאַנער קריעגס־פיהרער, האָט זעלבסטפערשטענדליך ניט געקענט ענדערען דעם שיקזאַל פון קענעדע. אום צו בערוהיגען דיא אינ־דיאַנער האָט דער ענגלישער קעניג, דזשאָרדזש דער דריטער, ערקלערט אין אַ פּראָקלאַמאַציאָן, אַז מען וועט זיי לאָזען צו רוהע אין זייערע יאַגד־פעלדער. פּאָנטיאַק זעלבסט איז באַלד נאָכדעם פערשוואונדען געוואָרען. מען

רעכענט, אז ער איז געטויטעט געוואָרען פון אַן אינדיאַנער פון דעם שטאַם אילינאַי.

ערשט אין 1774 איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דיא נייע אָרדנונג אין קענעדע. צום ערשטען מאָל האָט דער ענגלישער פּאַרלאַמענט דאַן אריינגעמישט זיך אין דיא אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון דיזער קאָלאָניע. אום צו מאַכען אַ סוף פון דיא שטרייטען, וועלכע זיינען אַלץ הייסער און שאַרפער געוואָרען צווישען דיא איבערגעבליבענע פראַנצויזען און דיא ניי־אָנגעקומענע ענגלענדער וועגען דעם, וועלכע געזעץ מען זאָל אָנווענדען, דיא פראַנצויזישע אָדער דיא ענגלישע, האָט דער פּאַרלאַמענט, נאָך לאַנגע דעבאַטען, אָנגענומען דעם זאָ־גענאַנטען קוויבעק אַקט, וועלכער איז געווען בעזאָנדערס גינסטיג פאַר דיא קענעדער פראַנצויזען. דיא גרענעצען פון דער פּראָווינץ קוויבעק זיינען דאַן זעהר ווייט פערשפּרייטעט געוואָרען, און דאָס האָט בעדייטעט, אז דיא פראַנ־צויזען און בכלל דיא קאַטאָליקען האָבען געקענט אָנהאַלטען זייערע פּריווי־לעגיעם און פיהרען דיא רעדעל אין דיא נייע טעריטאָריעס, אין דיא טהיילען צום וועסט פון מאָנטריאָל, ספּעציעל אין דער געגענד וואָס ווערט יעצט פער־נומען פון דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ, וואו ענגלישע קאָלאָניסטען האָבען דאַן אָנגעפאַנגען צו בעזעצען זיך.

דער קוויבעק אַקט פון 1774 האָט אָבער זעהר פיעל פערשטאַרקט דיא אונצופריעדענהייט, וועלכע האָט זיך אַלץ מעהר און שאַרפער אַרויסגעצייגט אין דיא ענגלישע קאָלאָניעס. דאָס איז דאָך שוין געווען דיא צייט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן, מיט פיער יאָהר נאָך דעם "באָסטאָן מעסעקר (הריגה)" און בלויז מיט צוויי יאָהר פאַר דער אונאַבהענגיגקייטס־ערקלערונג פון דיא 13 פערבונדענע ענגלישע קאָלאָניעס. עס איז זיכער, אז דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט זיך אַרויסגעצייגט אַזוי ליבעראַל צו דיא פראַנצויזען און קאַטאָליקען אין קענעדע, אום זיי זאָלען ניט מאַכען יד אחת מיט זייערע שכנים אין ניו־ענגלאַנד און אין ניו יאָרק און זאָלען בכלל מעהר צוגעבונדען ווערען צו דער ענגלישער קרוין.

דיא רעזולטאַטען פון דיזער ליבעראַלער פּאָליטיק זיינען יעדענפאַלס גע־ווען אויסגעצייכענטע פאַר ענגלאַנד. עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אז אַ דאַנק דעם קוויבעק אַקט פון 1774 איז קענעדע געבליבען אונטער דער הערשאַפט פון ענגלאַנד. אויסערדעם האָבען דיא פיהרער פון דער אַמעריקאַ־נער רעוואָלוציאָן, וועלכע האָבען פּרובירט צוציהען דיא קענעדער מיט אויפ־רופען אין נאָמען פון פרייהייט און פון אַזעלכע פראַנצויזישע דענקער וויא מאָנטעסקיע, אַרויסגעוויזען, וויא וועניג זיי האָבען געקענט זייערע פראַנצוי־זיש־שפּרעכענדע שכנים. דיא "האַביטאַן" האָבען בכלל ניט געקענט לעזען. זיי האָבען זעלטען ווען געזעהען אַ בוך. אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט

האט קיין איינציגע פריוואט־דרוקעריי ניט עקזיסטירט אין קענעדע. דיא גלחים האבען אויך געדענקט פאר דיא "האביטאן". אין דיא קענעדער דער־פער האט מען זיך אייגענטליך גאר ניט אינטערעסירט מיט דער אמעריקאנער רעוואלוציאן. דיא אונוויסענדע און בלינד־קאטאלישע פויערים זיינען געווען צופריעדען, וואס זייערע פרעמדע הערשער האבען זיך ניט געמישט אין זייערע אלטע פיהרונגען, אין זייער געמיינדע־לעבען, אין זייער רעליגיאן.

וואס אנבעלאנגט צו דיא יעזואיטען און אלע אנדערע גלחים אין קענעדע, איז לייכט זיך פארצושטעלען, וואס פאר אן איינדרוק עס האבען אויף זיי געקענט מאכען אויפרופען פון רעוואלוציאנערען, וועלכע האבען ניט נור פראָ־טעסטירט געגען דעם קוויבעק אקט, זאנדערן האבען עס אויך פארגעשטעלט אלס א זיעג פון דער קאטאלישער טיראניי. דיא ענגלישע קאלאניסטען זיינען דאך געווען פערביסענע פראטעסטאנטען און אין זייערע צוזאמענשטויסען מיט דיא פראנצויזען האט זייער האס צום קאטאליציזם און פאפסטהום געשפיעלט א זעהר גרויסע ראלע.

מיט אויסנאהמע פון א קליינער צאהל אויפגעקלעהרטע פראנצויזען אין קוויבעק און אין מאנטריאל (איינער פון זיי מיט'ן נאמען פלוירי מעספלע האט געעפענט דיא ערשטע דרוקעריי אין מאנטריאל, אום צו פערשפרייטען פראנ־צויזישע פראקלאמאציעס געגען ענגלאנד) און א געוויסען טהייל פון דיא ניי־אנגעקומענע ענגלענדער האט קיינער אין קענעדע ניט סימפאטיזירט מיט דער אמעריקאנער רעוואלוציאן. און דיא קענעדער ענגלענדער, וועלכע האבען געוואלט העלפען דיא רעוואלוציאנערען אין דיא קאלאניעס, זיינען מייסטענס געווען געגנער פון דעם קוויבעק אקט און האבען געוואלט בעהערשען דיא פראנ־צויזען און פיהרען דיא רעדעל אין גאנץ קענעדע.

דארום איז עס געווען נאטירליך, אז דיא אמעריקאנער גענעראלען האבען כמעט גאר קיין מיטהעלפער ניט געפונען צווישען דיא פראנצויזישע איינ־וואהנער, ווען זיי האבען זיך אין 1775 א לאז געטאן איינצונעהמען קענעדע. דיא צאהל פון ענגלישע סאלדאטען איז דאן געווען זעהר קליין אין קענעדע. אפילו אין קוויבעק גופא, וואוהין סער גאי קארלטאן, דער זעהר פעהיגער און ליבעראלער ענגלישער גובערנאטאר (ער איז עס געווען דער גרעסטער און הייסעסטער קעמפפער פאר דיא רעכטע פון דיא קענעדער פראנצויזען בכלל און פאר דעם קוויבעק אקט פון 1774 בפרט), האט זיך צוריקגעצויגען אין גרויס איילענעס נאכדעם וויא גענעראל מאנטגאמערי, דער קאמאנדיר פון א שטארקער אמעריקאנער מחנה, האט אויך פערנומען מאנטריאל — אט אין דיזער בעריהמ־טער פעסטונג איז דער גארניזאן בעשטאנען בלויז פון 1800 רעגעלמעסיגע ענגלישע סאלדאטען צוזאמען מיט מיליציאנטען, פון וועלכע 500 זיינען געווען פראנצויזישע קענעדער. אנשטאט צו העלפען דיא רעוואלוציאנערען, וויא דיא

אַמעריקאַנער גענעראַלען און סאָלדאַטען האָבען עס געהאָפּט, האָבען גאָר דיא
פראַנצויזען געהאָלפען דיא ענגלישע סאָלדאַטען אין דער דאַמאָלסדיגער הויפּט־
שטאָדט פון קענעדע.

מיט אויסנאַהמע פון קוויבעק איז אין 1775 גאַנץ קענעדע געווען אין דיא
הענד פון דער אַמעריקאַנער אַרמעע. עס קען זיין, אַז אויב עס וואָלט דיא אַמע־
ריקאַנער געלונגען אויך איינצונעהמען דיזע פעסטונג, וואָלט ענגלאַנד טאַקע
פערלאָרען קענעדע אַזוי וויא זיא האָט פערלאָרען איהרע נאָרד־אַמעריקאַני־
שע קאָלאָניעס. אָבער דיא אַטאַקעס פון דיא אַמעריקאַנער גענעראַלען מאָנט־
גאָמערי און אַרנאָלד אויף קוויבעק האָבען זיך געענדיגט זעהר אונגליקליך פאַר
זיי. גענעראַל מאָנטגאָמערי צוזאַמען מיט זיינע אַדיוטאַנטען און אַ בעדייי־
טענדער צאָהל פון זיינע סאָלדאַטען זיינען געפאַלען טויט און גענעראַל אַרנאָלד
איז פערוואונדעט געוואָרען. דיא אַמעריקאַנער האָבען ניט געהאַט גענוג קאַ־
נאָנען צו באָמבאַרדירען אַזאַ פעסטונג וויא קוויבעק און זיי האָבען אויך זעהר
פיעל געליטען פון קראַנקהייטען, פון קעלט (דאָס איז געווען אין מיטען ווינטער)
און פון מאַנגעל אין שפּייז.

אין פריהלינג, ווען עס זיינען אָנגעקומען שיפען מיט סאָלדאַטען, געוועהר
און פּראָוויאַנט פון ענגלאַנד, האָבען דיא אַמעריקאַנער, וועלכע האָבען בעלאַגערט
קוויבעק, געפונען פאַר נויטיג צוריקצוציהען זיך אין איילענעס פון זייערע פּאָ־
זיציעס לעבען קוויבעק נאָך מאָנטריאָל. עטליכע וואָכען שפּעטער, ווען אין
קוויבעק זיינען אָנגעקומען 7 ענגלישע רעגימענטען אונטער דער קאָמאַנדע פון
גענעראַל בורגאָין צוזאַמען מיט אַן אָבטהיילונג פון געדונגענע דייטשע סאָל־
דאַטען, האָט גענעראַל אַרנאָלד אויך פערלאָזען מאָנטריאָל און זיך אַריבער־
געצויגען אין ניו יאָרק סטייט. אַלע קענעדער פּונקטען, וועלכע דיא אַמעריקאַנער
האָבען פערנומען אין דעם טהאָל פון סענט לאָרענס און לעבען לעיק שאַמפּלעין
אין 1775, זיינען דאַן אַריבער צוריק אין דיא הענד פון דיא ענגלענדער. סער
גאַי קאַרלטאָן, וועלכער האָט זיך אַזוי אויסגעצייכענט געגען דיא אַטאַקעס
פון דיא אַמעריקאַנער, וויא אַמאָל דער פראַנצויזישער גובערנאַטאָר פראָנטע־
נאַק געגען דיא אַטאַקעס פון דיא ענגלענדער צוזאַמען מיט דיא אַמעריקאַנער
קאָלאָניסטען, האָט אויך בעוויזען צו צושטערען אַן אַמעריקאַנער פלאָטע אויף
לעיק שאַמפּלעין. דיא אַמעריקאַנער עקספּעדיציע אַרויסצוטרייבען קענעדע פון
ענגלישע הענד איז אַזוי געווען אַ דורכפאַל.

אפילו ווען דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט גענומען העלפען דיא אַמע־
ריקאַנער רעוואָלוציאָנערען, אום זיך אָפּצורעכענען אויף דיזען וועג מיט ענגלאַנד
פאַר דעם פערלוסט פון נייע־פראַנקרייך, וויא מיר ווייסען עס שוין פון דער
געשיכטע פון יונייטעד סטייטס, זיינען דיא קענעדער פראַנצויזען אויך געבליבען
גלייכגילטיג צום גרויסען קאַמפף פון זייערע ענגליש־שפּרעכענדע שכנים פאַר

אונאַבהענגיגקייט. דיא "האביטאַן" האָבען שנעל פערלאָרען זייער ליעבע צו זייער מוטערלאַנד, און דיא גלחים, וועלכע זיינען געווען דיא גייסטיגע פיהרער און וועגווייזער פון דיזע אונוויסענדע אַקערבויער, וויא מיר ווייסען עס שוין, זיינען באַלד געקומען צום שלום, אַז זייער ממשלה איז מעהר געזיכערט אונטער דעם ענגלישען פלאַג, וויא אונטער דעם פראַנצויזישען פלאַג.

אַט דאַרום האָט עס פּאַסירט, דאָס אין 1783, ווען ענגלאַנד איז שליסליך געצוואונגען געווען צו אַנערקענען דיא אונאַבהענגיגקייט פון איהרע אַלטע קאָ־לאָניעס, זיינען נראַדע איהרע נייע קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקא געבליבען אונטער איהר הערשאַפט.

עלפטער קאפיטעל.

דיא לאיאליסטען און דיא ענגליש־אמעריקאנער מלחמה פון 1812

איינער פון דיא וויכטיגסטע רעזולטאטען פון דער אמעריקאנער רעוואלו־ציאן פאר קענעדע איז געווען, וואס דיא טארים, וויא מען האט דאן גערופען אין דיא אמעריקאנער קאלאניעס דיא אנהענגער פון ענגלאנד און, פאלגליך, דיא געגנער פון דעם קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט, האבען עמיגרירט נאך נאווע סקאשע, אנטאריא און בכלל דיא קענעדער פראווינצען. אין געשיכטען פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאן רופט מען זיי אויך אמאל פעררעטהער. דיא קעמפפער פאר אונאבהענגיגקייט אין דיא 13 קאלאניעס האבען יעדענ־פאלס געקוקט אויף אזעלכע ענגלישע פאטריאטען וויא אויף פעררעטהער און האבען זיי אויך פערפאלגט דערפאר, ניט זעלטען טאקע זעהר גרויזאם. עס איז געווען נאטירליך, אז דיא יעניגע, וועלכע האבען רעבעלירט געגען דיא ענגלישע הערשאפט און ריזיקירט מיט זייערע לעבענס אין דעם לאנגען קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט, זאלען קוקען אויף דיא יעניגע, וועלכע האבען געוואלט בלייבען טריי צו זייער מוטערלאנד, וויא אויף פעררעטהער און יעדענפאלס וויא אויף געפעהרליכע שונאים, וועלכע עס איז, זא צו זאגען, א רעוואלוציא־נערע מצוה צו אונטערדריקען און צו פעריאגען.

אין דער געשיכטע פון קענעדע אבער טראגען דיזע טארים דעם עהרען־נאמען "יונייטעד עמפאיר לאיאליסטס" און פערנעהמען א בעזאנדערס וויכטיגען פלאץ. זיי זיינען נאטירליך געווען דיא פערביטערטסטע שונאים פון יונייטעד סטייטס, און זייער שנאה איז אויך איבערגעגאנגען צו זייערע קינדער. דיזע טארים אדער לאיאליסטען האבען אנגעפאנגען צו פערלאזען דיא קאלאניעס אין דיא לעצטע יאהרען פון דער רעוואלוציאן, ווען עס איז אלץ קלערער געווארען, אז ענגלאנד וועט שליסליך מוזען אנערקענען דיא אונאבהענגיגקייט פון דער ניי־געשאפענער רעפובליק און ווען דיא רעוואלוציאנערען האבען אנגעפאנגען אלץ מעהר צו קאנפיסצירען זייערע מאיאנטקעס און אין אלגעמיין צו פער־פאלגען זיי אויף יעדען שריט. בעזאנדערס האבען זיי געקומען אויסוואנדערען

נאָך דעם טראַקטאַט פון 1783, אַבוואָהל די ענגלישע פּערטרעטער, וועלכע האָבען נאַטירליך געזוכט צו העלפען די לאָיאַליסטען, האָבען שליסליך אויסגעפיהרט, אַז מען זאָל אריינשטעלען אַ פּונקט, דאָס דער קאָנגרעס רעקאָמענדירט צו די לעדזשיסלייטשורס פון די סטייטס צוריקצוקעהרען צו די לאָיאַליסטען די קאָנפיסצירטע מאַיאָנטקעס און בכלל זיי צו רוהע צו לאָזען (דיזע רעקאָמענדאַציאָן איז אָבער קיין מאָל ניט אויסגעפיהרט געוואָרען).

מען רעכענט, אַז פון 40 ביז 50 טויזענד אַזעלכע לאָיאַליסטען האָבען זיך בעזעצט אין דער בריטישער נאָרד־אַמעריקאַ, ספּעציעל אין די פּראָווינצען נאָווע סקאָשע, ניו־בראָנסוויק און אין אָפּפּער (אויבערשטע) קענעדע, וויא מען האָט דאַן גערופען די פּראָווינץ אָנטאַריאָ. דאָס איז געווען אַ גרויסער געווינס פאַר די איבערגעבליבענע ענגלישע פּאָסעסיעס אין נאָרד־אַמעריקאַ, וועלכע זיינען געווען זעהר ווענינ בעפעלקערט, וויא מיר ווייסען עס, און דערצו נאָך מייסטענס פון פראַנצויזען. אין דיזער זעהר לאָיאַלער ענגלישער בעפעלקערונג האָט די מוטערלאַנד געפונען אַ שטאַרקע שטיצע ניט נור געגען די אויסערליכע שונאים, ספּעציעל די אַמעריקאַנער, וועלכע האָבען ניט אויפגעגעבען די האָפנונגען צו פערבינדען זיך מיט קענעדע, זאָנדערן אויך געגען די אינערליכע געגנער, ספּעציעל די פראַנצויזען, וועלכע האָבען אַלץ ניט אויפגעגעבען זייערע האָפנונגען אָראָבצושליידערען פון זיך דעם ענגלישען יאָך.

די ענגלישע רעגיערונג האָט טאַקע זעהר פיעל געשטיצט די יונייטעד עמפּאיר לאָיאַליסטען, וועלכע זיינען אין גאַנצען רואינירט געוואָרען דורך די פערפאָלגונגען פון די אַמעריקאַנער פּאַטריאָטען. זיא האָט זיי אויסגעטהיילט שפּייז און קליידער און געגעבען די נויטיגע זאַכען צו בעאַרבייטען די געשאָנקענע פאַרמס. די לאָיאַליסטען האָבען מייסטענס געהערט צו די רייכערע, אָנגעזעהענערע און געבילדעטערע קלאַסען אין די קאָלאָניעס. אַ סך פון זיי זיינען געווען רעגיערונגס־בעאַמטע. צו פאַרמעריי זיינען זיי גאָר ניט געוואָהנט געווען. אָבער זיי זיינען געווען זעהר ענערגישע און מוטהיגע מענשען און זיי האָבען זיך בּיסלעכווייז צוגעוואָהנט צום שווערען און פראָסטען לעבען פון פּיאָנערען אין די ווילדע געגענדען פון קענעדע. זיי זיינען עס געווען די גרינדער פון דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ, וועלכע פערנעהמט היינט דעם ערשטען פּלאַץ אין דער דאָמיניאָן אָוו קענעדע, און זייערע פאַמיליען זיינען עס די יחסן׳ישע דאָרטען אַזוי וויא די פאַמיליען פון די פּוריטאַנער אין יונייטעד סטייטס.

אין 1786, ווען סער גאַי קאַרלטאָן, וועלכער איז ערהויבען געוואָרען צום טיטול לאָרד דאָרטשעסטער, איז צום צווייטען מאָל געוואָרען גובערנאַטאָר פון קענעדע אום איינצופיהרען אַ בעסערע קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג, האָבען זיך אין גאַנץ בריטיש נאָרד־אַמעריקאַ געפונען העכסטענס אַ פיערטעל מיליאָן נפשות, פון וועלכע אַ העלפט האָבען געלעבט אין דעם טהאָל פון סענט לאָרענס און

האָבען כמעט אויסשליסליך געשפּראָכען פראַנצויזיש. דיא ענגליש־שפּרעכענדע העלפט איז געווען צושפּרייט איבער אַלע פּראָווינצען, וועהרענד דיא פראַנצויזיש־שפּרעכענדע העלפט איז פערבליבען אין דיא אַלטע בעזעצונגען פון ניי־פראַנק־רייך אָדער לאָוער (אונטערשטע) קענעדע (דיא היינטיגע פּראָווינץ קוויבעק).

צווישען דיזע צוויי נאַציאָנאַלע גרופּען זיינען נאַטירליך פאָרגעקומען רייַ־סעריַען און שטרייטיגקייטען וועגען זייערע רעכטע און פּרעטענזיעס. אַלע האָ־בען אָבער געפאָדערט מעהר זעלבסטפערוואַלטונג און בכלל קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען. דיא ענגלישע רעגיערונג, וועלכע האָט זיך אָבגעבריהט אין איהרע אַלטע קאָלאָניעס, ווייל זיא האָט ניט געוואָלט נאָכגעבען דיא גערעכטע פאָדע־רונגען פון זייערע איינוואָהנער, און וועלכע האָט בכלל זעהר פיעל געלערנט דורך דיא אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָן, וויא צו פערוואַלטען קאָלאָניעס, האָט אין 1791 איינגעפיהרט אַ קאָנסטיטוציאָן אין דיא קענעדער פּראָווינצען. דיא אַלטע פּראָ־ווינץ קוויבעק איז דאַן צוטהיילט געוואָרען אין צוויי. וויא דיא לאָיאַליסטען אין בכלל דיא ענגלענדער האָבען עס פערלאַנגט, נעמליך אין אַפּפּער קענעדע (אָנטאַריאָ) און לאָוער קענעדע (קוויבעק). דיא אַנדערע פּראָווינצען זיינען דאַן געווען: נאָווע סקאָשע, ניו־בראַנסוויק און פּרינס עדוואַרד איילענד (זיי טראָגען דעם אַלגעמיינען נאָמען "מאַריטים פּראָווינסעס", וואָס עס מיינט דיא פּראָווינצען ביי דיא ברעגען פון ים).

ווען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר לאָרד דאָרטשעסטער, וועלכער האָט דורכ־געפיהרט דעם קאָנסטיטוציאָנעלען אַקט פון 1791, האָט צוזאַמענגערופען דיא ערשטע געזעצגעבענדע קאַמער פון לאָוער קענעדע אין אַן אַלטען שלאָס פון קוויבעק, האָבען דיא ענגלישע דעפּוטאַטען פאָרגעשלאָגען, אַז דער פּאָרזיצענדער זאָל זיין אַן ענגלענדער און אַז דיא פראַנצויזישע שפּראַך זאָל גאָר ניט געהערט ווערען אין דיא דעבאַטען. דיא פראַנצויזען האָבען נאַטירליך העפטיג פּראָטעס־טירט דאַגעגען און אַזוי וויא זיי האָבען געהאַט דיא מאַיאָריטעט, האָבען זיי אויסגעפיהרט וואָס זיי האָבען געוואָלט, וויא ווייט דאָס איז זיי מעגליך געווען אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט. עס איז שליסליך געבליבען, אַז אַלע פערהאַנד־לונגען אין דעם פּראָווינציעלען פּאַרלאַמענט פון קוויבעק זאָלען פּובליצירט ווערען איןביידע שפּראַכען.

אין דיא אַנדערע פּראָווינצען האָט עס ניט געקענט קומען צו אַזעלכע נאַציאָנאַלע שטרייטען, ווייל דיא בעפעלקערונג דאָרטען איז כמעט אויסשליס־ליך געווען אַן ענגלישע. אין אַלגעמיינען האָבען אַלע דיזע פּראָווינצען געמאַכט גוטע פאָרשריטע און זיינען געוואַקסען אין בעפעלקערונג אין פערלויף פון דיא צוואַנציג יאָהר זייט דיא איינפיהרונג פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלען אַקט פון 1791 ביז צו דער ענגליש־אַמעריקאַנער מלחמה אין 1812.

דיא אורזאַכען פון דיזער מלחמה זיינען ערקלערט געוואָרען אין דער גע־

שיכטע פון יונייטעד סטייטס. וואָס אַנבעלאַנגט צו דיא איינוואָהנער פון דיא קענעדער פּראָווינצען, האָבען דיא דאָזיגע אורזאַכען גאַר ניט געהאַט צו טאָן מיט זיי. אָבער צרות האָבען דיא קענעדער דערפון געהאַט פּונקט אַזוי פיעל, וויא ווען זיי אַליין וואָלטען ארויסגערופען דעם קריעג. דיא קענעדער האָבען עס געהאַלטען פאר זייער פליכט צו העלפען דיא ענגלענדער נאָך זייערע קרעפ־טען. זיי האָבען דערביי ארויסגעוויזען אַ מערקווירדיגע טרייהייט צו ענגלאַנד. דיא יונייטעד עמפּאַיר לאָיאַליסטען האָבען ערשט דאָ געקראָגען דיא געלעגענ־הייט זיך אָבצורעכענען מיט זייערע פערפאָלגער אין דיא "סטייטס", וויא זיי פלעגען געוועהנליך רופען יונייטעד סטייטס. זיי האָבען געקעמפּפט וויא לייבען געגען דיא אַמעריקאַנער, און עס וועט ניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, דאָס אַ דאַנק זיי האָט דאַן ענגלאַנד ניט פערלאָרען אירגענד וועלכען טהייל פון קע־נעדע.

פון אָנפאַנג ביז'ן סוף איז דיזע מלחמה געפיהרט געוואָרען מייסטענס אויף דעם קענעדער באָדען. דיא אַמעריקאַנער האָבען דאַן אַנדערש ניט געקענט טרעפען דיא ענגלענדער וויא נור אין קענעדע. אויף'ן ים איז דאָך דיא יונגע רעפּובליק, וועלכע האָט שוין אפילו געצעהלט ארום יענער צייט אומגעפעהר 8 מיליאָן נפשות, געווען מאַכטלאָז געגען ענגלאַנד, וועלכע איז אויך דאַמאָלס געווען דיא גרעסטע ים־מאַכט אין דער וועלט. אויף דער יבשה איז דער וועג, זעלבסטפערשטענדליך געלעגען צו דיא נעהענטסטע קענעדער פּראָווינצען, ספּע־ציעל צו אָפּפּער קענעדע אָדער אָנטאַריאָ, וועלכע האָט דאַן געצעהלט העכסטענס 80 טויזענד נפשות.

דיא רעזולטאַטען פון דיזער מלחמה האָבען בעוויזען, וויא פיעל דיא אַמע־ריקאַנער זיינען געווען גענאַרט אין זייערע האָפנונגען צו אַנעקטירען קענעדע אָדער וועניגסטענס ארויסצורייסען ביי ענגלאַנד דיא פּראָווינץ אָנטאַריאָ, וועל־כע שניידט זיך אריין אַזוי וויא אַ קלין אין דער טעריטאָריע פון יונייטעד סטייטס. אויך אין דיזער פּראָווינץ האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דער הערשאַפט פון ענגלאַנד און וואָס האָבען סימ־פּאַטיזירט מיט דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, אָבער דיא גרויסע מאַיאָריטעט איז געבליבען מערקווירדיג לאָיאַל צו דער ענגלישער קרוין. דיא אַטאַקעס פון דיא אַמעריקאַנער זיינען צוריקגעשטויסען געוואָרען פון דיא ענגלישע רעגולערע סאָלדאַטען צוזאַמען מיט דיא קענעדער מיליץ, וועלכע איז מייסטענס בע־שטאַנען פון דיא יונייטעד עמפּאַיר לאָיאַליסטען. דיא פראַנצויזיש־שפּרעכענדע קענעדער האָבען פערהעלטניסמעסיג גאַנץ וועניג אַנטהייל גענומען אין דיזער מלחמה. דיא ענגליש־שפּרעכענדע קענעדער האָבען גראַדע ארויסגעצייגט אַזאַ הייסען פּאַטריאָטיזם צו ענגלאַנד, וויא דיא אַמעריקאַנער צו זייער רעפּובליק.

דאָס זיינען שוין דאַמאָלס געווען, מעג מען זאָגען, צוויי בעזונדערע נאַציאָנען, אָבוואָהל זייער אָבשטאַמונג, שפּראַך און מנהגים זיינען געווען דיא זעלבע.

אין 1814, ווען פריעדען איז געשלאָסען געוואָרען צווישען ענגלאַנד און יונייטעד סטייטס אין דער בעלגישער שטאָדט גהענט, האָט דער אַמעריקאַנער פלאַג געפלאַטערט נור איבער איין קענעדער דערפעל, וועהרענד דער ענגלישער פלאַג האָט געפלאַטערט איבער עטליכע פּאָרטען פון סטייט מעין און איבער דעם וויכטיגען סטראַטעגישען פונקט מאַקינאַק אין דעם סטייט מישיגען. עס איז אָבער אָבגעמאַכט געוואָרען, אַז זייערע פריהערע גרענעצען זאָלען גאָר ניט געענדערט ווערען.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

דיא אורזאַכען און דיא פאָלגען פון דעם אויפשטאַנד אין 1837

נאָך דער מלחמה מיט יונייטעד סטייטס זיינען אַלע קענעדער פּראָווינצען שנעל געוואַקסען אין בעפעלקערונג און אין רייכטהום. דיא ענגלישע רעגיערונג האָט געשיקט אויף איהר רעכנונג עמיגראַנטען פון גאַנץ גרויס־בריטאַניען, ספּעציעל פון שאָטלאַנד און אירלאַנד. זיא האָט נאַטירליך געוואָלט וואָס מעהר בעזעצען איהרע ריזיגע פּאָסעסיעס אין נאָרד־אַמעריקאַ. אַ סך זיינען אויך געקומען אויף זייער רעכנונג, דאַרונטער אויך אַ טהייל פון יונייטעד סטייטס (אַלץ טאָרים אָדער לאָיאַליסטען). וויא שנעל דיא בעפעלקערונג איז געוואַקסען צייגען פאָלגענדע ציפער: אין 1812 האָט אָפּפּער קענעדע (אָנטאַריאָ) געצעהלט 75,000, אין 1824 — 157,000 און אין 1841 — 470,000 נפשות; אין 1812 האָט לאָוער קענעדע (קוויבעק) געצעהלט 225,000, אין 1824 — 430,000 און אין 1841 — 630,000 נפשות.

אין דער זעלבער צייט זיינען אָבער אויך געוואַקסען דיא אינערליכע רייַ־סערייען און שטרייטען. ניט נור איז דער שטענדיגער נאַציאָנאַליסטישער קאַמפּף צווישען דיא פראַנצויזען און ענגלענדער אַלץ שטאַרקער און ביטערער געוואָרען, זאָנדערן אויך דער קאַמפּף געגען דיא ענגלישע רעגיערונג אָדער, ריכטיגער, דער קאַמפּף פאַר רעפאָרמען. דיא פּראָווינציאַלען האָבען געפאָרדערט וואָס מעהר זעלבסטפערוואַלטונג, וואָס מעהר פרייהייט. אפילו אין אזעלכע לאָיאַלע פּראָווינצען, וויא נאָווע סקאָשע און ניו־בראַנסוויק, איז דיא אונצופריעדענהייט מיט דיא גובערנאַטאָרען און בכלל מיט דיא ענגלישע בעאַמטע אַלץ שאַרפער און טיעפער געוואָרען. צווישען דיא פּראָווינציעלע פּאַרלאַמענטען און דיא גובערנאַטאָרען, וועלכע האָבען פערטראָטען דיא ענגלישע קרוין, זיינען פאָרגעקומען פערשיעדענע שטרייטיגקייטען.

אין דער פּראָווינץ קוויבעק, וועלכע איז דאַן געווען ניט נור דיא גרעסטע און וויכטיגסטע, זאָנדערן אויך דיא צאָהלרייכסטע אין בעפעלקערונג, זיינען צו דיא אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרייטיגקייטען צווישען דיא פאָלקספערטרעטער

און דיא גובערנאטארען צוגעקומען, נאטירליך, רייסערייען צווישען דיא פערטרעטער פון דיא צוויי נאציאנאליטעטען. אין דער לעגיסלאטור אדער פראווינציעלען פארלאמענט האבען דיא פראנצויזען, זעלבסטפערשטענדליך, געוואלט בענוצען זייער מאיאריטעט, אום דורכצופיהרען וואס מעהר גינסטיגע געזעץ פאר זיך און געגען דיא שטרעבונגען פון דער ענגלישער מינאריטעט; אבער דיא עקזעקוטיווע מאכט איז דאך געלעגען אין דיא הענד פון דיא ענגלענדער. עס איז טאקע געווען, וויא דער גענעראל גובערנאטאר לארד דורהעם האט עס ערקלערט אין זיין בעריהמטען בעריכט איבער דעם צושטאנד אין קענעדע: ״איך האב געפונען צוויי נאציאנען פיהרענדיג קריעג אין איין שטאאט; איך האב געפונען א קאמפף ניט פון פרינציפען, נור פון ראסען״.


לואי פאפינא (Papineau)

דיא אינערליכע רייסערייען האבען שליסליך געפיהרט צו אן אויפשטאנד אין 1837. דער הויפט־פיהרער פון דיא פראנצויזען און, מען מעג אויך זאגען, דיא נשמה פון דעם דאמאלסדיגען קאמפף געגען די ענגלישע הערשאפט איז געווען לואי פאפינא, וועלכער האט זיך בעזאנדערס אויסגעצייכענט מיט א גרויסען רעדנערטאלענט. צו איהם און בכלל צו דיא פראנצויזען, וועלכע האבען געוואלט אומוואנדלען זייער פראווינץ קוויבעק אין א בעזונדערען און זאגאר אונאבהענגיגען שטאאט, זיינען צוגעשטאנען אונצופריעדענע און דעפארמערס פון דיא ענגליש־שפרעכענדע פראווינצען, ספעציעל פון אנטאריא, וואו עס איז אויך אויפגעקומען א פארטיי, וועלכע איז געווען גענייגט צו א פעראייניגונג מיט יונייטעד סטייטס.

דער וויכטיגסטער פיהרער פון דיזער פארטיי איז געווען א סקאטשמען (שאטלענדער) מיט'ן נאמען וויליאם לייאן מעק־קענזי. אין זיין צייטונג ״קאלאניאל אדוואקייט״ פלעגט ער זעהר ביטער אטאקירען דיא קאנסערוואטיווע אדער, ריכטיגער, דיא רעגירונגס־פארטיי, וועלכע האט געקראגען דיא צונעמענעם ״פעמילי קאמפעקט״, ווייל עטליכע לאיאליסטישע פאמיליען האבען פערנומען אלע רעגירונגס־שטעלען און געגעבען גרויסע שטיקער לאנד צו זייערע קירכען (דיא עפיסקאפאלישע), ניט אכטענדיג אויף דיא פראטעסטען פון דיא

מעטהאָדיסטען און אַנדערע פּראָטעסטאַנטישע סעקטאַנטען, וועלכע זיינען גע־וועזען דיא מאַיאָריטעט אין אָפּפּער קענעדע. אין דער זעלבער צייט פלעגט ער אויך שאַרף קריטיקירען דיא האַנדלונגען פון דיא גובערנאַטאָרען און פון דער גאַנצער ענגלישער רעגיערונג. אין 1830, ווען דיא טאָרים אָדער דיא "פעמילי קאָמפּעקט" פּאַרטיי, וועלכע האָט געהאַט דיא מאַיאָריטעט אין דער אַסעמבלי אָדער לע־גיסלאַטור, האָבען איהם אויס־געשלאָסען פאַר זיינע פייער־דיגע אַטאַקעס אויף זיי צוזאַ־מען מיט דער רעגיערונג, איז ער אַוועקגעפאָהרען נאָך ענג־לאַנד מיט אַ לאַנגען צעטעל פון קלאַגען געגען זיי און דיא גובערנאַטאָרען. דיא ראַדיקאַ־לען אין ענגלאַנד האָבען איהם פריינדליך אויפגענומען, און אפילו אין קאָנסערוואַטיווע קרייזען האָט ער געפונען סימ־פּאַטיע; אָבער דאָס האָט איהם גאָר ניט געהאָלפען אין זיין ענערגישען קאַמפף פאַר רע־פאָרמען אין קענעדע.


זויליאַם לייאָן מעקקענזי.

אין 1836, ווען מעק־קענ־זי האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז מיט געוועהנליכע פּראָטעסטען געגען דיא הערשענדע פּאַרטיי, וועלכע איז דאַן בעזאָנדערס שטאַרק געשטיצט געוועזען פון אַ זעהר פערביסענען קאָנסערוואַטיווען גובערנאַטאָר, וועט ער גאָר נישט אויספיהרען, האָט ער בעשלאָסען צו פערבינ־דען זיך מיט דעם פראַנצויזישען פיהרער פּאַפּינאָ, אום אַרויסצורופען אַן אויפ־שטאַנד געגען דיא ענגלישע הערשאַפט. פּאַפּינאָ האָט געטרוימט פון אַ רע־פּובליק אויף דיא ברעגען פון סענט לאָרענס. זיינע אַנהענגער, וועלכע האָבען זיך גערופען "פרייהייטס־קינדער" און "פּאַטריאָטען", האָבען אָבגעהאַלטען גע־היימע פערזאַמלונגען אין איינִיגע שטעדט און דערפער פון לאָוער קענעדע. מאַנ־כע פון אַזעלכע פערזאַמלונגען האָבען געפיהרט צו אונרוהען און צו אַן אָפענעם אויפשטאַנד אין 1837.

דיא קאַטאָלישע קירכע האָט זיך אָבער אויך דיזעס מאָל געשטעלט אויף

דער זייט פון ענגלאנד. דיא גלחים האבען איבערהויפט ניט געטרויט דיא אנהענגער פון פאפינא. אין דיא אויגען פון דיא יעזואיטען זיינען פאפינא און דיא אנדערע פיהרער פון דער רעפארם-בעוועגונג געווען געפעהרליכע רע-וואלוציאנערען. דארום האבען עס זעהר ווייניג פון דיא "האביטאן" אנטהייל גענומען אין דיזען אויפשטאנד. וואס אנבעלאנגט צום דעם ענגליש-שפרעכענדען טהייל פון דער בעפעלקערונג אין דער פראווינץ קוויבעק איז ער כמעט אויס-שליסליך געווען געגען דיזען אויפשטאנד, אבוואהל עס האבען זיך געפונען צווי-שען זיי רעפארמערס און בכלל אזעלכע, וועלכע זיינען ניט געווען צופריעדען מיט דיא האנדלונגען פון דיא גובערנאטארען און מיט דער גאנצער פאליטיק פון דער ענגלישער רעגיערונג.

דארום איז עס לייכט געווען צו אונטערדריקען דיזען אויפשטאנד גלייך אין אנפאנג. טראץ דעם וואס דיא קענעדער "פאטריאטען" האבען געקראגען הילפע פון יונייטעד סטייטס, וואו איינינגע האבען זיך געוואלט בענוצען מיט דיזער געלעגענהייט צו אנעקטירען גאנץ קענעדע אדער וועניגסטענס אבצורייסען א פאר פראווינצען פון ענגלאנד, האבען זיי אין קיין איינציגען פונקט ניט געקענט אויסהאלטען אן אטאקע פון ענגלישע סאלדאטען. איינינגע שטעדטלעך און דערפער אין לאוער קענעדע האבען זעהר פיעל געליטען דורך דיזען שוואכען אויפשטאנד. אין איין ארט (סענט יוסטאש) זיינען איינינגע פון דיא פראנצוי-זישע מיאטעזשניקעס פערברענט געווארען אין א קירכע, וואו זיי האבען זיך פארבאריקאדירט. אין אן אנדער ארט (סענט בענוא) האבען דיא לאיאליסטען פערברענט אלע הייזער פון דיא "האביטאן", וועלכע מען האט פערדעכטיגט אלס אנהענגער פון פאפינא.

פאפינא אליין האט זיך אריבערגעכאפט אויף דער אמעריקאנער זייט פון דעם גרענעץ, וויא נור עס איז געקומען פון ווערטער צו טהאטען. דר. נעלסאן, אן ענגליש-שפרעכענדער אנפיהרער פון דיא רעבעלען, האט זיך אבגעטראגען נאך יונייטעד סטייטס נאכדעם וויא אבטהיילונגען פון דיא "פאטריאטען" אונטער זיין קאמאנדע און אונטער דער קאמאנדע פון אן אמעריקאנער מיט'ן נאמען טהאמאס סטארא בראון זיינען צוטריעבען געווארען פון ענגלישע סאל-דאטען.

אין אפפער קענעדע איז עס געקומען צו א בלוטיגען צוזאמענשטויס צווי-שען דיא לאיאליסטען און רעפארמערס אין דער שטאדט טאראנטא. דיא לא-יאליסטען האבען געזיעגט, און דיא וויכטיגסטע אנפיהרער פון דער רעפארם-בעוועגונג, דארונטער אויך מעק-קענזי, זיינען אנטלאפען נאך יונייטעד סטייטס. דיא רעבעלען האבען דאן פרובירט ארגאניזירען עקספעדיציעס אין יונייטעד סטייטס, אום צו בעפאלען קענעדע. מעק-קענזי און איינינגע אנדערע אנטלאפענע אנפיהרער פון דער בעוועגונג פאר א קענעדער רעפובליק האבען אזוי לאנג

אינטריגירט און געהעצט צו אַטאַקעס אויף קענעדע, אז די רעגירונג פון יונייטעד סטייטס איז געצוואונגען געווען זיי צו אַרעסטירען און צו פערפאָלגען.

אַלע אַטאַקעס פון די קענעדער רעבעלען צוזאַמען מיט זייערע אַמעריקאַנער אונטערשטיצער זיינען צוריקגעשטויסען געוואָרען פון די לאָיאַליסטישע וואָלאַנטירען. פיעלע פון זיי זיינען געפאַנגען געוואָרען, אָבער נור עטליכע זיינען היגגעריכטעט געוואָרען. די ענגלישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט זיין צו שטרענג מיט די רעבעלען, ווייל זיא האָט פון איין זייט אַנערקענט, אַז די גובערנאַטאָרען האָבען געהאַנדעלט טיראַניש, און פון דער אַנדער זייט האָט זיא געוואָלט בערוהיגען די אונצופריעדענע בעפעלקערונג. לאָרד דורהעם, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין ענגלאַנד אַלס רעפאָרמער, איז געשיקט געוואָרען אין 1838 אַלס גענעראַל-גובערנאַטאָר, אום צו אונטערזוכען די אורזאַכען פון דער רעבעליאָן און איינצופיהרען אַ בעסערע אָרדנונג. ער האָט זיך בעגאַנגען בעזאָנדערס מילד מיט די שולדיגע אין דער רעבעליאָן. דר. נעלסאָן און 7 אַנדערע פון די וויכטיגסטע פיהרער, וועלכע זיינען געפאַנגען געוואָרען און זיינען געהאַלטען געוואָרען אין געפענגניסע, האָט ער בעפוילען צו פערשיקען נאָך דעם אינזעל בערמיודאַ. פּאַפּינאָ און אַנדערע רעבעלען, וועלכע זיינען ניט אריינגעפאַלען אין ענגלישע הענד און האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין יונייטעד סטייטס, זיינען געסטראַשעט געוואָרען פון דיזען מערקווירדיגען גענעראַל-גובערנאַטאָר מיט'ן טויט, אויב זיי וועלען זיך צוריק קעהרען נאָך קענעדע.

פאַר דיזע הומאַנע און אויך קלוגע האַנדלונגען איז ער אָבער זעהר פיעל און ביטער קריטיקירט געוואָרען אין ענגלאַנד אויף דעם גרונד, דאָס ער האָט איבערטראָטען די געזעץ, נאָך וועלכע ער האָט בעדאַרפט איבערגעבען די רעבעלען צו אַ קריעגס-געריכט. מען האָט איהם בעשולדיגט, דאָס ער האָט זיך געפיהרט וויא אַ דיקטאַטאָר, אַ זעלבסטהערשער, אָבוואָהל אפילו זיינע ביטערסטע געגנער האָבען געמוזט צוגעבען, דאָס די געשריעבענע געזעץ האָט ער פערבויגען נור אין נאָמען פון מענשליכקייט און פון די העכערע פּאָליטישע אינטערעסען פון דער ענגלישער אימפּעריע. זיינע קריטיקער האָבען אויסגעפיהרט, אַז מען האָט איהם צוריקגערופען אין 1839 נאָך ענגלאַנד, וואו ער איז אין עטליכע מאָנאַטען ארום געשטאָרבען, אָבער זיינע ליבעראַלע מיינונגען און פּלענער, וויא ער האָט זיי איבערגעגעבען אין זיין בעריהמטען בעריכט צום ענגלישען פּאַרלאַמענט, זיינען אויסגעפיהרט געוואָרען אין דעם וויכטיגען קאָנסטיטוציאָנעלען אַקט, וואָס טראָגט אין דער געשיכטע פון קענעדע דעם נאָמען יוניאָן אַקט פון 1840.

די רעבעליאָן אין די פּראָווינצען האָט געעפענט די אויגען פון דער ענגלישער רעגירונג אויף דער נויטווענדיגקייט פון אַדמיניסטראַטיווע רעפאָרמען אין קענעדע, און דער בעריכט פון לאָרד דורהעם האָט אָנגעצייכענט דעם

בעסטען וועג וויא זיי איינצופיהרען אונטער דיא דאַמאָלסדיגע אומשטענדען. דיא וויכטיגסטע ענדערונג, וועלכע דער יוניאָן אַקט פון 1840 האָט געבראַכט אין אַלע קענעדער פּראָווינצען, איז געוועזן דיא אַנערקענונג פון דעם פּרינציפּ פון אַ פערראַנטוואָרטליכען מיניסטעריום אין דיא קאָלאָניעס אַזוי גוט וויא אין ענגלאַנד גופא. עס איז געבליבען, וויא לאָרד דורהעם האָט עס פאָרטרעפליך ערקלערט אין זיין בעריכט, אַז דיא גובערנאַטאָרען זאָלען פערטרעטען דיא ענגלישע קרוין אין דיא פּראָווינצען, אָבער זיי זאָלען זיך רעכענען מיט דיא מיינונגען און פאָדערונגען פון דיא פאָלקספערטרעטער אין דיא פּראָווינציעלע פאַרלאַמענטען. דיא ראַטהגעבער און מיניסטאָרען האָבען געמוזט האָבען דעם צוטרויען פון דער מאַיאָריטעט פון דיא ערוועהלטע דעפּוטאַטען. קורץ, עס איז דאַן געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער ענגלישער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם, וועלכע איז פערבליבען אין דער דאָמיניאָן אָוו קענעדע און וועלכע איז גאַנץ פערשיעדען פון דער פּאַרלאַמענטאַרישער סיסטעם אין יונייטעד סטייטס.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

דער פערבאַנד פון דיא פּראָווינצען אין 1867

אין דעם פיערטעל יאָהרהונדערט נאָך דער איינפיהרונג פון דעם יוניאָן־אַקט פון 1840 האָט זיך דיא בעפעלקערונג פון אַלע קענעדער פּראָווינצען בעדייטענד שנעל פערמעהרט. דערפער, שטעדטלעך און שטעדט זיינען אויפגעבויט געוואָרען מיט א שנעלקייט, וועלכע איז ניט זעלטען געווען גרעסער וויא אפילו אין יונייטעד סטייטס. פון אַנדערטהאַלב מיליאָן נפשות אין 1840 זיינען אין 1861 געוואָרען דריי און א פיערטעל מיליאָן. דאָס איז אויך געווען דיא צייט פון א פיעבערהאַפטער אויפבויאונג פון אייזענבאַהנען. אין 1850 האָבען זיך אין גאַנץ קענעדע געצויגען 50 מייל פון אַן אייזענבאַהן־ליניע. אין דיא נעכסטע 25 יאָהר זיינען דיא ריזיגע געגענדען דאָרטען דורכגעשניטען געוואָרען מיט אייזענבאַהן־ליניעס, וועלכע האָבען זיך געצויגען 3000 מייל.

דיא ענגלישע רעגיערונג פון איהר זייט האָט א קורצע צייט נאָך דעם יוניאָן־אַקט פון 1840 געגעבען אַמניסטיע אויך צו דיא הויפּט־פיהרער פון דער רעבעליאָן פון 1837. זיא האָט געוואָלט, אַז מען זאָל וואָס שנעלער פערגעסען אָן אַזעלכע אונגליקליכע פּאַסירונגען. פּאַפּינאָ און מעק־קענזי, וועלכע האָבען זיך אויך בענוצט מיט דיזער אַמניסטיע, זיינען זאָגאַר ווידער ערוועהלט געוואָרען אַלס מיטגליעדער פון פּאַרלאַמענט.

דיא צוויסטיגקייטען און רייסערייען צווישען דיא פראַנצויזען און ענגלענדער האָבען פון דעסטוועגען א מינוט ניט אויפגעהערט. אין 1845 איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז אייניגע פון דיא לאָיאַליסטען האָבען אַרויסגעלאָזען א מאַניפעסט צו גונסטען פון א פעראייניגונג מיט יונייטעד סטייטס. דיא אורזאַכע פון אַזאַ רעבעלישען מאַניפעסט איז געווען וואָס לאָרד עלדזשין, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט אויך אונטערשטיצט א פאָרשלאַג צו בעלוינען אַלע דיא יעניגע, וועלכע האָבען געליטען שאַדען דורך דיא רעבעליאָן פון 1837. דיא קאָנסערוואַטיווע ענגלישע פּאַרטיי האָט ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז אויך דיא פראַנצויזען פון לאָוער קענעדע זאָלען קריגען שאַדענערזאַץ פאַר זייערע פערלוסטען. „קיינע צאָהלונגען צו רעבעלען!“ האָבען געשריען דיא זעלבע טאָרים, וועלכע האָבען פערלאַנגט און אויך געקראָגען שאַדענערזאַץ פאַר זייערע פריינד וואָס

האָבען געהאַט שאָדען דורך דעם אויפשטאַנד. אין דיזען גערודער איז דיא גע־ביידע פון פּאַרלאַמענט אין מאָנטריאָל אָבגעברענט געוואָרען, א מאַסע דאָקור־מענטען זיינען צושטערט געוואָרען און לאָרד עלדזשין איז גראָב בעליידיגט געוואָרען פאַר זיין צושטימונג צו דעם דאָזיגען בעלוינונגס־פּאָרשלאַג.

דיא איינוואָהנער פון דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ זיינען געוואָרען אַלץ אונ־צופריעדענער מיט דעם יוניאָן־אַקט פון 1840, וואָס מעהר דיא בעפעלקערונג איז דאָרטען געוואַקסען, מייסטענס דורך איינוואַנדערונג. זיי האָבען געפאָדערט א גרעסערע צאָהל פערטרעטער אָדער דעפּוטאַטען אין דעם אַלגעמיינען פּאַר־לאַמענט, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער שנעל אויפגעוואַקסענער בעפעלקערונג; אָבער דיא איינוואָהנער פון דער פּראָווינץ קוויבעק האָבען עס ניט געוואָלט נאָכ־געבען.

צווישען דיא פערטרעטער פון דיזע צוויי פּראָווינצען איז דארום דער קאַמפּף אַלץ העפטיגער געוואָרען. זיי האָבען ניט געקענט שטימען צוליעב רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אורזאַכען. קוויבעק אָדער דיא לאָוער קענעדע איז געווען און אויך געבליבען עד היום קאַטאָליש און פראַנצויזיש, וועהרענד אָנטאַריאָ אָדער אָפּפּער קענעדע איז געווען און געבליבען עד היום פּראָטעסטאַנטיש און ענגליש. ביידע פּראָווינצען האָבען אָבער, נאָך דעם יוניאָן אַקט פון 1840, געהאַט א גלייכע צאָהל פערטרעטער אין דעם אַלגעמיינען פּאַרלאַמענט. זאָ לאַנג דיא פּראָווינץ קוויבעק האָט געהאַט א גרעסערע בעפעלקערונג פאַר דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ, זיינען דיא איינוואָהנער פון דער לעצטער געווען צופריעדען. דיא טאָרים האָבען גערעכענט, אַז זיי דאַרפען איבערהויפּט פיהרען דיא רעדעל אין גאַנץ קענעדע פאַר זייער טרייהייט צו דער ענגלישער קרוין. וויא נור אָנטאַריאָ האָט איבערשטיגען קוויבעק אין בעפעלקערונג, האָבען זיי גענומען פאָדערען מעהר פערטרעטער אין דעם פּאַרלאַמענט פון ביידע פּראָווינצען און בכלל אַן ענדערונג אין דעם יוניאָן־אַקט פון 1840.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס אין 1864 זיינען זיך צוזאַמענ־געקומען אין דער שטאָדט קוויבעק 33 פערטרעטער פון דיא דאַמאָלסדיגע פּראָווינצען פון דער בריטישער נאָרד־אַמעריקא. דער צוועק איז געווען צו פער־בינדען אַלע פּראָווינצען אונטער איין רעגיערונג, צו בילדען א מין פעראייניגטע שטאַאַטען פון קענעדע. דער דאָזיגער צוועק איז דערגרייכט געוואָרען נאָך לאַנגע דעבאַטען און בעטראַכטונגען אין 1867. דיא דעלעגאַטען פון ביידע קענעדעס (קוויבעק און אָנטאַריאָ) און פון דיא מאַריטים פּראָווינצען (נאָווע סקאָשע, ניו־בראָנסוויק און פּרינס עדוואַרד איילענד) האָבען אויסגעאַרבייט און איינשטימיג אָנגענומען 72 רעזאָלוציאָנען, וועלכע זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו דער אָבשטימונג פון דיא לעגיסלאַטורען אָדער פּראָווינציעלע פּאַרלאַמענטען.

עס האָט גענומען אונגעפעהר צוויי יאָהר ביז דיזע פּונקטען פון אַ פעדע־ראַטיווען פערבאַנד זיינען גוטגעהייסען געוואָרען פון דיזע פּאַרלאַמענטען. נאָכ־דעם האָט שטאַטגעפונען אַ צווייטע קאָנפערענץ פון פּראָווינציעלע דעלעגאַטען. דיזעס מאָל האָבען זיי זיך שוין צוזאַמענגעטראָפען אין לאָנדאָן, אום צו קומען צו אַ נעהענטערער פערשטענדיגונג מיט דער ענגלישער רעגיערונג און מיט דיא פיהרער פון דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט. נאָך אייניגע ענדערונגען אין דיא רעזאָלוציאָנען, וואָס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אויף דער קוויבעק'ער קאָנ־פערענץ, איז אין ענגלישען פּאַרלאַמענט איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען אַ סטאַטוס אָדער קאָנסטיטוציאָן, וואָס איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "בריטיש נאָרטה־אַמעריקאַ אַקט, 1867" און וואָס איז געבליבען דער פונדאַמענט פון דער עקזיסטירענדער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציאָן פון דער דאָמיניאָן אָוו קענעדע.

אין דיזען אַקט זיינען אויך פערצייכענט געוואָרען פּונקטען, אַז ניו־פאַונד־לענד, בריטיש קאָלומביאַ און דיא ריזיגע געגענדען אין נאָרד־וועסט, וואו עס זיינען נאָכהער אויפגעקומען נייע פּראָווינצען, זאָלען קענען אריינטרעטען אין דעם פערבאַנד. דאָס איז טאַקע געשעהען, מיט אויסנאַהמע בלויז פון ניו־פאַונדלענד, וועלכע פערבלייבט עד היום אַ בעזונדערע ענגלישע קאָלאָניע. דורך דיזען פּאָליטישען פערבאַנד איז אויך ענטשטאַנען אַ נאַציאָנאַלער פער־באַנד. דיא פריהער אָבגעזונדערטע און זאָגאַר שטרייטענדע פּראָווינצען זיינען געוואָרען טהיילען פון איין לאַנד, און אין דער נייער וועלט איז אַזוי אויפ־געקומען נאָך אַ נייע נאַציאָן.

אין דער זעלבער צייט זיינען אויך דיא בעציהונגען און פערבינדונגען פון קענעדע מיט יונייטעד סטייטס געוואָרען נעהענטער. דיא דיפערענצען וועגען דיא גרענעצען פון סטייט מעין און פון דער פּראָווינץ ניו־בראָנסוויק זיינען אויסגעגליכען געוואָרען אין 1842. מיט פיער יאָהר שפּעטער האָט ענגלאַנד אויך אָנגענומען דעם אַמעריקאַנער פּאָרשלאַג, אַז דיא גרענעץ־ליניע צווישען קענעדע און יונייטעד סטייט צום וועסט פון דיא גרויסע לעיקס ביז צום פּאַ־סיפישען אָקעאַן זאָל זיין דער 49טער געאָגראַפישער פּאַראַלעל. אין 1854 איז צווישעןביידע לענדער געשלאָסען געוואָרען אַ געגענזייטיגער האַנדעלס־אָבמאַך, אַ רעסיפּראָסיטי טריטי, אָבער ער האָט נור אָנגעהאַלטען צוועלף יאָהר. אין 1866 האָט זיך יונייטעד סטייטס ענטזאָגט פון איהם.

אַזוי וויא מיר האַלטען דערביי, וועלען מיר דאָ מאַכען אַ שפּרונג אין דער געשיכטע פון קענעדע און יונייטעד סטייטס אויף אונגעפעהר אַ האַלבען יאָהר־הונדערט. אין 1910 האָבען דיא פערטרעטער פון דיזע לענדער געשלאָסען אַ נייעם רעסיפּראָסיטי טריטי. דיזעס מאָל איז דיזער זעהר וויכטיגער האַנדעלס־אָבמאַך אָנגענומען געוואָרען אין יונייטעד סטייטס, אָבער ער איז פּערוואָרפען

געוואָרען אין קענעדע נאָך אַלגעמיינע פּאַרלאַמענטאַרישע וואַהלען אין 1911 ספּעציעל וועגען דיזע פראַגע.

איינע פון דיא וויכטיגסטע אורזאַכען, ווארום יונייטעד סטייטס האָט זיך אָבגעזאָגט אין 1866 ווייטער אָנצוהאַלטען דעם רעסיפּראָסיטי אָבמאַך פון 1854, איז געווען, ווייל אין דער צייט פון דעם בירגער קריעג וועגען דיא אָבשאַפונג פון דער נעגער־שקלאַווערייַ האָבען אייניגע פון דיא קאָנפעדעראַטען, וועלכע האָבען עמיגרירט נאָך קענעדע, געמאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ באַנק אין סטייט ווערמאָנט. דאָס האָט זעהר שטארק אויפגערעגט דיא אַמעריקאַנער אין דיא נאָרדליכע סטייטס, וואו מען האָט בכלל פערדעכטיגט דיא קענעדער אין סימפּאַטיע צו דיא קאָנפעדעראַטען פון דיא זידליכע סטייטס. דיא קענעדער רעגיערונג האָט פון איהר זייט אַלעס געטאָן צו איבערצייגען דיא אַמעריקאַנער, אַז זיא איז געווען אַבזאָלוט נייטראַל צום בירגער קריעג אין יונייטעד סטייטס און אַז זיא האָט גאָר ניט געוואוסט פון דעם דאָזיגען אָנפאַל. זיא האָט איבערגעגעבען דיא שולדיגע צום געריכט, האָט אויסגעשטעלט באַטאַליאָנען פון וואָלאָנטירען צו בעוואַכען דיא גרענעצען און האָט זאָגאר בעצאָהלט אַ גרויסע סומע שאַדענערזאַץ. אָבער אויסגעלאָזען האָט עס זיך, אַז דיא גאַנצע אַמעריקאַנער נאַציאָן איז געווען אויפגעבראַכט ספּעציעל אויף קענעדע נאָך דעם סוף פון דעם בירגער־קריעג. אין דיא נאָרדליכע סטייטס איז מען געווען אין כעס אויף קענעדע ספּעציעל דערפאַר, וואָס דיא שיפען פון דיא קאָנפעדעראַטען האָבען געפונען אַ מקום מנוחה אין ענגלישע פּאָרטען, און אין דיא זידליכע סטייטס האָט מען אויסגעלאָזען דיא פערביטערטע הערצער צו קענעדע דערפאַר, וואָס דיא קאָנפעדעראַטען האָבען ניט געקראָגען פון ענגלאַנד דיא ערוואַרטעטע שטיצע.

דיזע פיינדליכע שטימונג איז דאַן נאָך פערשטאַרקט געוואָרען דורך דיא אָנפאַלען אויף קענעדע פון דיא אירלענדישע פּאַטריאָטען, בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "פעניער". דיא אירלענדער, וועלכע האָבען עמיגרירט אין מאַסען נאָך יונייטעד סטייטס, האָבען נאַטירליך געטראָגען אַ האַס צו ענגלאַנד. אין 1866 האָבען זיי אָרגאַניזירט באַנדעס צו בעפאַלען קענעדע, האָפענדיג אויף דיזען וועג זיך אָבצורעכענען מיט זייערע ענגלישע אונטערדריקער. קענעדע האָט דאָ ווידער געליטען פאַר דיא זינד פון איהר מוטערלאַנד. דיא פעניער האָבען זיך אריינגעריסען אין קענעדע און האָבען צושטערט אייגענטהום אין אייניגע פונקטען. אין איין אָרט, ניט ווייט פון דעם ניאַגאַראַ וואַסערפאַל, איז עס געקומען צו אַ בלוטיגען צוזאַמענשטויס צווישען דיא פעניער מיט קענעדער פער־

טהיידיגער. איינינע פון דיא פעניער, וועלכע האָבען אנטהייל גענומען אין דיזע אָנפאַלען אויף קענעדע, זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין יונייטעד סטייטס, אָבער מען האָט זיי ווייטער ניט פערפאָלגט. אין 1870 און אויך אין 1871 האָבען דיא פעניער ווידער פּרובירט בעפאַלען קענעדע, אָבער דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס האָט בעצייטענס גענומען שריטע געגען דעם און האָט אויך אויסגעשטעלט סאָלדאַטען צו בעוואכען דעם גרענעץ. דיא בעציהונגען צווישען דיא קענעדער און אַמעריקאַנער זיינען נאָכדעם אַלץ פריינדליכער געוואָרען.

פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

דיא נייע פּראָווינצען אין נאָרד־וועסט

נאָך דעם פערבאַנד פון 1867 האָט קענעדע אָנגעפאַנגען צו וואַקסען אויף אין דער ברייט. צו דיא אַלטע פּראָווינצען זיינען שנעל צוגעקומען נייע, וועלכע ציהען זיך איבער דיא אונגעהייערע געגענדען צווישען דיא גרויסע לעיקס אין מזרח, בריטיש קאָלומביא אין מערב, האָדסאָן בעי און קאַלטען ים אין נאָרד און יונייטעד סטייטס אין זיד. דאָס איז דיא נייע קענעדע. פריהער פלעגען זיך דאָרטען אַרומשלעפּען נור יעגער, מייסטענס אינדיאַנער, און פעלץ־הענדלער. צוויי גרויסע האַנדעלס־קאָמפּאַניעס האָבען דאָרטען ניט נור קאָנקורירט אין פערלויף פון אַ 200 יאָהר, זאָנדערן אויך געפיהרט באַטאַליעס. איין קאָמפּאַניע איז געווען אַן ענגלישע, דיא אַנדערע אַ פראַנצויזישע. דיא ערשטע האָט געטראָגען דעם נאָמען האָדסאָן בעי קאָמפּאַניע און האָט בעהערשט דיא געגענדען אַרום דיזען ים און ווייטער צום נאָרד־וועסט, דיא געגענדען, וועלכע זיינען לאַנג בעקאַנט געווען אונטער דעם נאָמען רופּערט׳ס לאַנד. זיא איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין 17טען יאָהרהונדערט און האָט געקראָגען אַ טשאַרטער פון ענגלישען קעניג טשאַרלז דעם צווייטען. דיא ענגלענדער זיינען צוגעקומען צו דיזע ווייטע נאָרדליכע געגענדען פון דער נייער וועלט דורך׳ן ים און האָבען אויפגעבויט פאָרטען אין געוויסע פונקטען ביי דיא ברעגען פון האָדסאָן בעי, אום צו פיהרען דעם פעלץ־האַנדעל מיט דיא אינדיאַנער און אויך צו קענען אויסהאַלטען דיא אַטאַקעס פון דיא פראַנצויזען, וועלכע זיינען אַהין צוגעקומען אויך דורך דיא יבשה־וועגען פון זייערע בעזעצונגען אין קוויבעק, מאָנטריאָל און אַנדערע ערטער ביי דיא טייכען סענט לאָרענס און אָטאַוואַ.

איינער פון דיא ערשטע קענעדער וואַלד־לויפער און אַוואַנטוריסטען, וועלכע האָבען דערגרייכט דורך דיא וועלדער און טייכען צום נאָרד פון דיא גרויסע לעיקס ביז צום האָדסאָן בעי, איז געווען לאַ ווערענדרי מיט זיינע צוויי זיהן. דאָס איז געווען אין 1743. דורך דעם איז געעפענט געוואָרען אַ וועג פאַר דיא פראַנצויזישע, ריכטיגער גערעדט, פראַנצויזיש־קענעדער יעגער און פעלץ־הענדלער צו דיא געגענדען, וועלכע זיינען בעזאָנדערס רייך געווען אין חיות מיט דיא טהייערסטע סאָרטען פעלצען און וועלכע דיא ענגלענדער, ריכטיגער גערעדט,

דיא מיטגליעדער און בעאַמטע פון דער האָדסאָן בעי קאָמפּאַניע האָבען געהאַלטען פאַר זייערע, וואו נור זיי מעגען פיהרען דעם האַנדעל מיט דיא אינדיאַנער יעגער.

אין דער צווייטער העלפט פון 18טען יאָהרהונדערט האָבען דיא גרעסטע פעלץ־הענדלער פון קענעדע זיך פעראייניגט, אום צו קענען בעסער קאָנקורירען מיט דער האָדסאָן בעי קאָמפּאַניע. זיי האָבען זיך אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען נאָרטה־וועסט קאָמפּאַניע. דיא דירעקטאָרס און וויכטיגסטע מיטגליע־דער פוןביידע דיזע קאָמפּאַניעס זיינען געווען ענגלענדער און שאָטלענדער, נור דיא נאָרטה־וועסט קאָמפּאַניע האָט כמעט אויסשליסליך בעשעפטיגט פראַנ־צויזישע יעגער און אַגענטען און האָט זיך בכלל געשטיצט אויף דער פראַנצויזיש־קענעדער בעפעלקערונג. דיא אַגענטען און בעאַמטע פון דער האָדסאָן בעי קאָמפּאַניע זיינען מייסטענס געווען שאָטלענדער. אין דער קאָנקורענץ פון דיזע האַנדעלס־קאָמפּאַניעס, וועלכע פלעגען זיך צוזאַמענשטויסען אין פיעלע ערטער פון דיא ריזיגע קאַלטע געגענדען אין נאָרד פון קענעדע, זיינען דאָרום אויך אריינגעמישט געווען נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע דיפערענצען.

יעדע פון דיזע קאָמפּאַניעס האָט עטאַבלירט איהרע קאָנטאָרען און פּאָסטען אין געוויסע ערטער, אום דורך דעם צו האָבען אַ חזקה אויף דיא געגענדען און דעם פעלץ־האַנדעל ארום. דיא נעמען פון אייניגע פון דיזע האַנדעלס־פּאָסטען אָדער סטאַנציאָנען טראָגען היינט שטעדט און שטעדטלעך אין דיא נייע פּראָ־ווינצען, וועלכע זיינען ענטשטאַנען אין דיזע אונגעהייערע געגענדען אין דיא לעצטע פופציג יאָהר. דיא אַגענטען און בעאַמטע פון ביידע קאָמפּאַניעס פלעגען אַלץ זוכען נייע ערטער און אינדיאַנער יעגער, און אַזוי זיינען דאָרטען ענטדעקט געוואָרען פיעלע טייכען און לעיקס. איינער פון דיא מיטגליעדער פון דער נאָרטה־וועסט קאָמפּאַניע האָט ענטדעקט דעם ריזיגען טייך וואָס טראָגט זיין נאָמען מאַק־קענזי און וואָס פאַלט אריין וויית־וויית צום נאָרד אין קאַלטען ים. אַנאַנ־דער פעלץ־הענדלער, סיימאָן פרעיזער, האָט ענטדעקט דעם מערקווירדיגען טייך וואָס שניידט דורך דיא בערג פון בריטיש קאָלומביאַ און טראָגט זיין נאָמען.

דיזע שטרייטען און צוזאַמענשטויסען צווישען דיא קאָמפּאַניעס און זייערע אָנגעשטעלטע און יעגער האָבען אין איין אָרט געפיהרט צו אַן אויפשטאַנד גע־גען דיא ענגלישע רעגיערונג גופא. דיזער אויפשטאַנד איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען ריעל'ס רעבעליאָן. דיא אַנטהייל נעהמער אין דיזער רעבעליאָן זיי־נען געווען דיא האַלבע פראַנצויזען און האַלבע אינדיאַנער (מען רופט זיי גע־וועהנליך מעטיסען אָדער האַף־בריעדס), וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין געגענד לעבען דעם רעד ריווער, וואו עס געפינט זיך היינט וויניפעג, דיא הויפּט שטאָדט פון דער פּראָווינץ מאַניטאָבאַ. ביי דיא ברעגען פון רעד ריווער, לעבען דעם פונקט וואו עס פאַלט אריין דער אַסיניבאָין טייך, האָט דער דערמאָנטער לאָ

ווערענדרי אויפגעבויט אין 1735 דעם פֿאָרט רוזש (רויטער פֿאָרט), וואו עס פֿלעגען זיך אויפהאַלטען דיא קענעדער וואַלד־לויפער און אינדיאַנער יעגער. דאָס איז דאַן געוועז דער וויטעסטער האַנדעלס־פּאָסט צו מערב זייט פון דיא גרויסע לעיקס. דיא וואַלד־לויפער און בכלל דיא ווייסע, וועלכע פֿלעגען אהין צוקומען, פֿלעגען געוועהנליך חתונה האָבען מיט אינדיאַנער פרויען, זאָ דאָס ביסלעכווייז איז דאָרטען ענטשטאַנען אַ געמישטע פראַנצויזיש־שפּרעכענדע בע־פעלקערונג, וועלכע האָט געקוקט מיט פיינדליכע אויגען ניט נור אויף דיא ענג־לענדער, זאָנדערן אויך אויף יעדען פרעמדען וואָס האָט געוואָלט בעזעצען זיך דאָרטען אַלס פאַרמער. דיא געגענדען אַרום זיינען גראָדע אויסגעצייכענטע פאַר אַקערבוי. דאָרטען ציהען זיך דאָך אויף טויזענדע מיילען דיא פּרעירים (סטעפּעס), וואו עס זיינען אויפגעקומען דיא גרויסע אַגריקולטורעלע פּראָווינצען מאַניטאָבאַ, סאַסקאַטשעוואַן און אַלבערטאַ.

אין 1811 האָט אַ שאָטלענדישער אַדעלמאַן, לאָרד סעלקירק, וועלכער האָט בעזעסען אַ גרויסען טהייל פון דיא אַקציעס פון דער האַדסאָן בעי קאָמפּאַניע, געקויפט דאָרטען ביי דיזער קאָמפּאַניע אַ שטיק לאַנד פון איבער 100,000 סקוועער מייל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבען אסיניבאָיאַ. מיט אַ יאָהר שפּע־טער האָט ער אַהין געשיקט שאָטלענדער און אירלענדער צו גרינדען אַ קאָלאָניע. זיי האָבען זיך אויך בעזעצט ביי דיא ברעגען פון רעד ריווער. דיא מעטיסען און דיא אַגענטען פון דער נאָרטה־וועסט קאָמפּאַניע האָבען געקוקט מיט פער־דאַכט אויף דער גאַנצער אונטערנעהמונג פון לאָרד סעלקירק. אין 1816 זיינען זיי בעפאַלען דיא שאָטלענדישע קאָלאָניע, האָבען צושטערט דאָרטען דעם פאָרט דאָגלאַס און ערמאָרדעט דעם גובערנאַטאָר.

נאָך דעם טויט פון לאָרד סעלקירק אין 1818 האָבען ביידע קאָמפּאַניעס, וועלכע האָבען זעהר פיעל געליטען דורך זייער ווילדע קאָנקורענץ און בלוטיגע צוזאַמענשטויסען, זיך פערבונדען און בעהערשט דיא ריזיגע געגענדען ביז 1870. דיא ערשטע בעזעצונגען לעבען רעד ריווער זיינען געוואָרען דיא הויפּט־קוואַר־טיר פון דיזער קאָמפּאַניע. דיא פראַנצויזיש־שפּרעכענדע בעפעלקערונג האָט זיך אַלץ פערמעהרט אין דיזער צייט. איהר הויפּט־בעשעפטיגונג איז בעשטאַנען אין געיעג אויף פעלץ־טהיערע און אין פעלץ־האַנדעל. נור אַן אונבעדייטענדער טהייל פון דיזער געמישטער בעפעלקערונג האָט זיך אָבגעגעבען מיט אַקערבוי.

ווען דיא רעגיערונג פון קענעדע האָט נאָך דעם פערבאַנד פון דיא אַלטע פּראָווינצען אין 1867 געוואָלט אָרגאַניזירען אַ רעגיערונג אין דער געגענד אַרום רעד ריווער און האָט געשיקט סאָרוועיאָרס (לאַנד־מעסטער) אַהין, האָט עס אַרויסגערופען אַ זעהר גרויסע אונצופריעדענהייט צווישען אַלע דאָרטיגע איינ־וואָהנער, אפילו דיא ענגלישע אויך. דיא מעטיסען האָבען זיך אויך דערשראָקען, אַז מען וועט ביי זיי צונעהמען זייערע שטיקער לאַנד. עס האָבען זיך אויך געפֿו־

נען געגנער פון דער ענגלישער הערשאַפט, וועלכע האָבען אויפגעהעצט די און־וויסענדע פראַנצויזיש־שפּרעכענדע בעפעלקערונג, אז די ענגלענדער וועלען זיי גאַר אין גאַנצען פעריאָגען.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, דאָס צו ענדע פון 1869 האָט דאָרטען אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד. די מעטיסען צוזאַמען מיט די אונצופריע־דענע אַגענטען פון דער האַדסאָן בעי קאָמפּאַניע האָבען אָרגאַניזירט אַ מין רעגירונג. דער נאָמינעלער פּרעזידענט איז געווען אַ שאָטלענדער מיט'ן נאָמען דזשאָהן ברוס, אָבער דער אמת'ער אָנפיהרער איז געווען דער מעטיס לואי ריעל, וועלכער האָט געקראָגען אַן אָבערפלעכליכע בילדונג אין קוויבעק. אין נאָמען פון דעם "ראַטה פון טעריטאָריאַלע פערטהיידיגונג" האָט ער עס, אַלס סעקרעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, בעפוילען דעם גובערנאַטאָר מאַק דוגאַל, וועמען די פעדעראַלע רעגירונג פון קענעדע האָט געשיקט איינצופיהרען אַ פּראָווינציעלע רעגירונג, צוריק צו ציהען זיך פון דיזער גע־גענד. ווען דער גובערנאַטאָר האָט ניט געפאָלגט, איז ער טאַקע פעריאָגט גע־וואָרען פון אַ באַנדע מעטיסען, וועלכע האָבען אויך פערכאַפּט פאָרט גאַררי און האָבען צוזאַמענגערופען אַ פערזאַמלונג פון די פערטרעטער פון דער פראַנ־צויזישער און ענגלישער בעפעלקערונג אין דער טעריטאָריע מאַניטאָבאַ. ריעל איז דאַן געוואָרען פּרעזידענט און ער האָט אָנגעהויבען צו טרוימען וועגען גרינ־דען אַן אונאַבהענגיגען שטאַאַט אין מאַניטאָבאַ.

די פעדעראַלע רעגירונג, וועלכע האָט איינגעזעהען אז זי האָט צו ראַש געהאַנדעלט, האָט געזוכט צו בעאיינפלוסען די מעטיסען דורך די קאַ־טאָלישע גייסטליכע און ספּעציעל דורך דעם בעוואוסטען ארכיביסקופּ טאַשע און האָט אויך פערשפּראָכען אַמניסטיע צו אַלע רעבעלען. אָבער אַזוי וויא ריעל האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען און האָט נאָך בעגאַנגען אַזעלכע בלו־טיגע אַקטען, וויא די הינריכטונג פון איינינע געפאַנגענע, האָט זיא אין 1870 געשיקט אַן עקספּעדיציע פון רעגעלע סאָלדאַטען און ענגלישע וואָלאָנטירען פון דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ צו אונטערדריקען דעם אויפשטאַנד. ריעל האָט זיך אָבער בעצייטענס אָבגעטראָגען נאָך יונייטעד סטייטס, און אַ נייע פּראָווינץ מיט'ן נאָמען מאַניטאָבאַ איז דאַן געשאַפען געוואָרען.

די אונצופריעדענהייט פון די מעטיסען האָט זיך אָבער דערמיט ניט גע־ענדיגט. אַ גרויסער טהייל פון זיי האָבען פערלאָזען מאַניטאָבאַ, וואו פּאַר־מערם האָבען אָנגעפאַנגען שנעל צו בעזעצען זיך, און האָבען פערנומען געוויסע געגענדען אין דעם זידליכען טהייל פון דער יעצטיגער פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן. דאָרטען האָבען זיי, אונגעפעהר פיער טויזענד אין צאָהל, געקענט פאָרטזעצען זייער געוועהנליכען יעגערשען לעבען. אָבער די צוויליזאַציאָן האָט זיי אויך אָנגעהויבען צו יאָגען פון דאָרטען. וויסע אַקערבויער האָבען זיך גערוקט אַלץ

ווייטער צו וועסט און האָבען פערנומען די פרוכטבאַרע פעלדער פון סאַסקאַטשעוואַן. מיט דיזער אונצופריעדענהייט האָבען זיך ריעל און אַנדערע אַגיטאַטאָרס און אָנפיהרער פון די מעטיסען און אינדיאַנער בענוצט, אום אַרויסצורופען אַ נייעם אויפשטאַנד. אין פריהלינג פון 1885, פיערצעהן יאָהר נאָך דעם אויפשטאַנד אין דער געגענד פון רעד ריווער, האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד פון מעטיסען און אינדיאַנער אין סאַסקאַטשעוואַן. די הויפּטפיהרער זיינען געווען ריעל און דיומאָן, אויך אַ מעטיס.

דיזעם מאָל האָט די פעדעראַלע רעגיערונג אין אָטאַוואַ ניט לאַנג געוואַרט. פון אַלע פּראָווינצען, דאַרונטער אויך פון קוויבעק, זיינען וואָלאָנטירען געקומען צו שטיצען די רעגיערונג. צו יענער צייט איז שוין די קענעדיען פּאַסיפיק רעילראָוד, וואָס שניידט דורך די גאַנצע ברייט פון בריטיש נאָרד־אַמעריקאַ, פון די ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן ביז צו די ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן, געווען אויפגעבויט אַזוי ווייט צו מערב זייט וויא 1600 מייל פון דער הויפּטשטאָדט אָטאַוואַ, זאָ דאָס מען האָט געקענט צוקומען צו די ווייטע, ווילדע און פערוואָרפענע מקומות פון נאָרד־וועסט אין אַ פערהעלטניסמעסיג קורצער צייט. עס האָט דאָך גענומען אַ מאָנאַט צייט ביז די וואָלאָנטירען, איבער 4000 אין צאָהל, אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל מידלטאָן, האָבען דערגרייכט פון אָטאַוואַ ביז צו אַ טייכעל אין סאַסקאַטשעוואַן, וואו עס איז געקומען צו אַ שלאַכט, אין וועלכער אַ בעדייטענדע צאָהל וואָלאָנטירען זיינען געפאַלען פון די קוילען פון די מעטיסען און אינדיאַנער אונטער דער קאָמאַנדע פון דיומאָן. דיזע יעגער זיינען נאַטירליך געווען אויסגעצייכענטע ציעל־שיסער.

נאַכהער אָבער, ביי דער שלאַכט לעבען באַטוש, זיינען די רעבעלען אַזוי צוקלאַפּט געוואָרען, אַז זיי האָבען שוין ניט געקענט פאָרטזעצען דעם קאַמפּף. דיזע נידערלאַגע איז פּאַקטיש געווען דער סוף פון דעם אויפשטאַנד. דיומאָן האָט זיך געראַטעוועט דורך אַ פּליטה נאָך יונייטעד סטייטס, אָבער ריעל איז געפאַנגען געוואָרען נאָך דער שלאַכט ביי באַטוש און איז פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט פון אַ געריכט און הינגעריכטעט געוואָרען אין נאָוועמבער 1885. איינינע אינדיאַנער פיהרער זיינען דאַן אויך הינגעריכטעט געוואָרען.

דאָס איז געווען דער לעצטער ווידערשטאַנד פון די מעטיסען, אינדיאַנער און יעגער בכלל אין דעם ווייטען נאָרד־וועסט, וואָס ווערט אַלץ מעהר בעזעצט פון פאַרמערס. זייט דאַן הערשט אין דיזער ריזיגער מדינה ניט נור רוהע, זאָנדערן אויך פּאָליטישע איינינקייט פוןביידע נאַציאָנאַליטעטען. דער נאַציאָנאַלער געפיהל, וואָס האָט זיך אַרויסגעצייגט ביי דער אונטערדריקונג פון ריעל׳ס רעבעליאָן, איז געוואָרען אַלץ טיעפער און שטאַרקער. אין אָטאַוואַ, טאָראָנטאָ

און וויניפעג האָט מען געשטעלט מאָנומענטען צום אנדענקען פון דיא וואָלאָנטי־רען, וועלכע האָבען אנטהייל גענומען אין דעם קאמפף געגען דיא רעבעלען.

דיא היינטיגע קענעדע*) בעשטעהט פון דיא אמאָליגע אקאדיע (דיא דריי מאריטים פּראָווינצען נאָווע סקאָשע, ניו־בראָנסוויק און פרינס עדוואַרד איילענד), פון דיא אַלטע קענעדע (דיא פּראָווינצען קוויבעק און אָנטאַריאָ), פון דיא נייע פּראָווינצען מאַניטאָבאַ, סאַסקאַטשעוואַן, אַלבערטאַ און בריטיש קאָלאָמביאַ און פון דיא טעריטאָריעס אונגאַווא (אויף דעם האלב־אינזעל לאַבראַדאָר), קיוואַטין (צום נאָרד פון אָנטאַריאָ), מאַק־קענזי און פרענקלין (צום נאָרד פון סאַסקאַטשעוואַן און אַלבערטאַ) און יוקאָן (צו מזרח זייט פון אַלאַסקאַ). צו־זאַמען פערנעהמען זיי 3,729,665 סקוועער מייל, וואָס עס איז מיט 113 טויזענד סקוועער מייל גרעסער פון יונייטעד סטייטס צוזאַמען מיט אַלאַסקאַ. דאָס איז אַ זעכצעהנטעל פון דער גאַנצער יבשה אויף דעם ערד־קוגעל. דיא בעפעלקע־רונג אָבער איז זעהר קליין, סך הכל אַ זיעבען מיליאָן נפשות נאָך דעם לעצטען צענזוס (אין 1911). דער גרעסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג, כמעט פיער־פינפטעל, געפינט זיך אין דיא פּראָווינצען אָנטאַריאָ און קוויבעק. נור מיט דער צייט וועלען דיא נייע פּראָווינצען פון נאָרד־וועסט, וועלכע מעגען גערעכענט ווערען פאַר דיא גרעסטע ווייץ־שפּייכלערס פון דער וועלט, איבער־יאָגען דיא אַלטע פּראָווינצען אויך אין בעפעלקערונג.

קענעדע האָט בכלל אַ גלענצענדע צוקונפט. זיא מוז וואַקסען אַלץ שנע־לער אין בעפעלקערונג און אין רייכטהום. "דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט געהערט צו קענעדע!" האָט מיט שטאָלץ אויסגערופען אין איינער פון זיינע רעדעס סער ווילפריד לאָריער, דער בעריהמטער קענעדער פראַנצויז, פיהרער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי און לאַנג־יעהריגער פּרעמיער פון קענעדע. אַזוי גלויבען בכלל דיא קענעדער, און מען מוז אַנערקענען, אַז זיי זיינען בערעכטיגט אַזוי צו גלויבען.

*) דער אָפיציעלער נאָמען איז Dominion of Canada אין ענגליש און Puissance du Canada אין פראַנצויזיש.

לאטיינישע אמעריקא

פאָרוואָרט צו דער לאַטיינישער אַמעריקאַ

צום זיד פון יונייטעד סטייטס ציהט זיך דיא העלפט פון דער נייער וועלט, וועלכע ווערט געוועהנליך גערופען לאַטיינישע אַמעריקאַ. מען וואָלט איהר געקענט רופען שפּאַניש־שפּרעכענדע אַמעריקאַ, ווען ניט בראַזיליען, וואו דיא לאַנד־שפּראַך איז פּאָרטוגעזיש. דיא בראַזיליאַנישע רעפובליק איז כמעט אַזוי גרויס און צעהלט אויך כמעט אַזוי פיעל איינוואָהנער וויא אַלע 9 שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפובליקען פון זיד־אַמעריקאַ. מען מעג רעכענען, דאָס אַ העלפט פון זיד־אַמעריקאַ איז פּאָרטוגעזיש און אַ העלפט שפּאַניש.

לאַטיינישע אַמעריקאַ איז פּאָליטיש צוטהיילט אין צוואַנציג רעפובליקען און אין איינינגע קאָלאָניען, מייסטענס אינזלען אין צענטראַל־אַמעריקאַ, וועלכע געהערען צו אייראָפּעאישע מעכטע, ספּעציעל צו ענגלאַנד, פראַנקרייך און האָלאַנד.

דיזע רעפובליקען זיינען זעהר עהנליך אין פיעלע פּרטים. מאַנכע פון זיי אונטערשיידען זיך אַזוי וועניג, אַז מען וואונדערט זיך, וואַרום זיי האָבען זיך ניט פערבונדען און בלייבען אַלץ אָבגעזונדערט. ספּעציעל איז דאָס אַזוי וועגען דיא קליינע רעפובליקען פון צענטראַל־אַמעריקאַ. זייערע איינוואָהנער געהערען, מעג מען זאָגען, צו איין פאָלק. זיי זיינען זעהר עהנליך אין שפּראַך, געשיכטע, גלויבען, מנהגים און אָבשטאַמונג, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דיא קאַפּיטלעך פון דער געשיכטע פון מעקסיקאָ און פון צענטראַל־אַמעריקאַ.

פאַר דעם היסטאָריקער זיינען בעזאָנדערס אינטערעסאַנט דיא ערטער פון דער לאַטיינישער אַמעריקאַ, וואו עס זיינען אויפגעקומען מלוכות און עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ ציוויליזאַציאָן איידער דיא שפּאַניער האָבען זיך אַריינגעריסען אַהין אַ קורצע צייט נאָך קאָלאָמבוס'עס ענטדעקונג. דיזע ערטער האָבען זיך געפונען, וויא מיר וועיסען עס שוין פון דער איינלייטונג צו דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס, אויף דיא ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן. דיא גרעסטע און וויכטיגסטע צענטערס פון דיזע איינגעבאָרענע ציוויליזאַציאָנען האָבען זיך געפונען אין מעקסיקאָ (צענטראַל־אַמעריקאַ אַריינגערע־

בענט) און אין פערו, ריכטיגער געדעט, די אימפעריע פון די אינקאס אין זיד־אמעריקא.

דיזע רעפובליקען זיינען וויט ניט גלייך אין שטח און בעפעלקערונג*), ווי פאָלגענדע ליסטע צייגט עס:

צענטראל־אמעריקא	סקווער מייל	בעפעלקערונג
מעקסיקאָ	767,090	15,063,207
גוואטעמאלא	48,290	1,992,000
האָנדוראַס	46,250	353,460
סאן סאלוואדאָר	7,225	1,700,000
ניקאראגוא	49,200	600,000
קאָסטא ריקא	23,000	379,550
פאנאמא	32,380	386,745

זיד־אמעריקא	סקווער מייל	בעפעלקערונג
קאָלאָמביא	438,436	4,313,000
ווענעצועלא	393,976	2,713,703
עקוואדאָר	116,000	1,500,000
פערו	679,600	4,900,000
באָליוויא	708,195	2,267,935
טשילי	292,580	3,329,030
ארגענטינא	1,139,979	7,171,910
אורוגוואי	72,210	1,112,000
פאראגוואי	171,204	715,841
בראזיליען	3,218,991	21,461,100

וועסט־אינדיען	סקווער מייל	בעפעלקערונג
האיטי	10,200	2,020,000
סאן דאָמינגאָ	19,325	675,000
קובא	44,164	2,161,662

אַ בליק אויף אַ קארטע פון דער נייער וועלט צייגט אונז, אז די צענטערס פון דער ציוויליזאציאָן פון דער רויטהויטיגער ראַסע האָבען זיך געפונען צווישען די טראָפּיקס און מייסטענס אויף די בערג־לענדער ביי די ברעגען פון פאַסיפישען אָקעאַן. איינע פון די הויפּט־שטעדט פון דער פערואנער אימפעריע, קוויטאָ, וועלכע איז אויך פערבליבען די הויפּט־שטאָדט פון דער היינטיגער רעפובליק עקוואדאָר, ליעגט טאקע אויף

*) נאָך דעם יאהר־בוך (1913) פון דער ענציקלאָפּעדיא בריטאַניקא.

דעם סאמע עקוואטאר. אין אזעלכע הייסע לענדער וואלט גאר ניט מעגליך געווען צו דערגרייכען צו אזא הויכער קולטור־שטופע, וויא דיא שפאניער האבען עס דארטען געפונען, ווען ניט דיא הויכע בערג, וועלכע טראגען דיא אלגעמיינע נעמען קארדילערא און אנדעס. אפילו אונטער דער עקוואטארישער זון איז עס קיהל אויף אזעלכע הויכקייטען. דיא קלימאטישע בעדינגונגען זיינען דארטען דיא בעסטע, אנגענעהמסטע און געזינדעסטע אויף׳ן ערד־קוגעל. דיא טעמפעראטור איז דארטען שטענדיג א מעסיגע און ענדערט זיך גאנץ ווייניג אין פערלויף פון יאהר. אזעלכע הויכלענדער אדער פלאטא (plateaux), וויא מען רופט זיי געוועהנליך אין געאגראפיעס, זיינען אויך אויסגעצייכענט פאר איינראפעער.

דיא שפאנישע שווערד־העלדען, דיא קאנקוויסטאדארעס (עראבערער), וויא מען רופט זיי אין דיא געשיכטען פון דער לאטיינישער אמעריקא, האבען אבער ליידער צושטערט דיא מייסטע מאנומענטען און סמנים פון דיזע איינגעבארענע ציוויליזאציאנען. דיא פאנאטישע גלחים זיינען נאכהער אונטערגעקומען און האבען אויך פערניכטעט אין יעזוס׳עס נאמען דיא שריפטען, בילדער און געצען אין דיא טעמפלען פון דיא טאלטעקען, אצטעקען, מאיאס, אינקאס און אנדערע אינדיאנער שטאמען. עס זיינען דארום פערבליבען פיעלע דונקעלע פונקטען אין דער געשיכטע פון דיזע מערקווירדיגע ציוויליזאציאנען.

מיר ווילען דא אין קורצען איבערגעבען וואס מען איז דערגאנגען, נאך לאנגע און שווערע פארשונגען, וועגען דיא געשיכטע פון דיזע אינדיאנער קולטור־לענדער ביז צו דער צייט פון דיא שפאנישע קאנקוויסטאדארעס. אנפאנגען ווילען מיר מיט מעקסיקא, ווייל זיא פערנעהמט דעם ערשטען און וויכטיגסטען פלאץ אין דער געשיכטע פון דער שפאנישער הערשאפט אין דער נייער וועלט און אויך אין דער געשיכטע פון דער לאטיינישער אמעריקא.

אין מעקסיקא איז פארגעקומען דער ערשטער צוזאמענשטויס צווישען דיא שפאנישע שווערד־העלדען, וועלכע האבען פארגעשטעלט דיא אייראפעאישע ציוויליזאציאן, און דיא מעקסיקאנער קריעגער, וועלכע האבען פארגעשטעלט דיא אינדיאנער ציוויליזאציאן אין צענטראל־אמעריקא.

דיא געשיכטע פון מעקסיקא ווערט צוטהיילט אין דריי פעריאדען: 1) דער אלטער, וועלכער איז צוגלייך דיא געשיכטע פון דער אייגענארטיגער ציוויליזאציאן פון דיא פערשיעדענע אינדיאנער שטאמען אין צענטראל־אמעריקא; 2) דער קאלאניאלער, זייט דיא שפאנישע עראבערונג ביז צו דער גרינדונג פון אן אונאבהענגיגער רעפובליק, און 3) דער אונאבהענגיגער, וועלכער האט זיך אנגעפאנגען מיט דער ערקלערונג פון אונאבהענגיגקייט אין 1821.

עס איז נויטיג צו וויסען ניט נור דיא געשיכטע פון דער שפאנישער הערשאפט אין צענטראל־אמעריקא, זאנדערן אויך דיא געשיכטע פון דיא אינ־

דיאַנער מלוכות דאָרטען, אום צו פערשטעהן דיא פּאַסירונגען און דעם צושטאַנד אין דער אונאַבהענגיגער מעקסיקאָ. דיא אינדיאַנער בילדען נאָך עד היום דיא מאַיאָריטעט פון דער בעפעלקערונג אין מעקסיקאָ, וויא אויך אין גאַנץ צענטראַל־אַמעריקאַ. העכסטענס אַ פינפטעל פון דיא איינוואָהנער אין מעקסיקאָ קענען גערעכענט ווערען פאַר ווייסע (מייסטענס זיינען זיי קרעאָלען). דיא איבעריגע זיינען ריינע אינדיאַנער (38 פּראָצענט) און געמישטע, גענאַנט געוועהנליך מעסטיזאָס (43 פּראָצענט). דיא צאָהל פון מעסטיזאָס אָדער מעטיסען (קינדער פון ווייסע און אינדיאַנער) ווערט אַלץ גרעסער, זאָ דאָס מיט דער צייט, רעכענט מען, וועט אויפקומען ניט נור איין מעקסיקאַנער נאַציאָן, זאָנדערן אויך אַ מעקסיקאַנער ראַסע. מאַנכע פון דיא אינדיאַנער שבטים זיינען נאָך היינט אַזוי ווילד וויא פאַר דער ענטדעקונג פון אַמעריקאַ. אַנדערע זיינען האַלב־ווילד, און דיא מייסטע פון דיא, וועלכע רעדען שוין אפילו שפּאַניש, זיינען אַנאַלפאַבעטען (בעזונדערס אַזעלכע וואָס קענען ניט לעזען און שרייבען).

יעדענפאַלס איז עס זעלבסטפערשטענדליך אַז דיא אינדיאַנער מאַסען האָבען פון זייער זייט געמוזט שלעכט ווירקען אויף זייערע ווייסע ציוויליזירער און אַרויפלעגען זייער שטעמפּעל אויף דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציאָן, וועלכע דיא שפּאַניער האָבען איינגעפיהרט דאָרטען. אַזוי איז עס אויך אין אַלע אַנדערע שפּאַניש־שפּרעכענדע רעפּובליקען, וואו דיא אינדיאַנער און מעטיסען זיינען דיא מאַיאָריטעט.

מען רעכענט, אַז עס געפינט זיך היינט אין גאַנץ אַמעריקאַ אַ 15 מיליאָן אינדיאַנער. אין נאָרד־אַמעריקאַ, וואו זיי זיינען שטענדיג געוועזן אין קליינע גרופּען אַלס ווילדע יעגער, דערגרייכט היינט זייער צאָהל העכסטענס ביז אַ האַלב מיליאָן (נאָך דיא לעצטע פאָלקס־צעהלונגען געפינען זיך אין קענעדע 110,000 און אין יונייטעד סטייטס אַרום 350,000). דיא איבריגע, מען מעג זאָגען דיא גאַנצע רויטהויטיגע ראַסע, געפינט זיך אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ, ספּעציעל אין דיא געגענדען, וואו זיי האָבען געלעבט אין פערהעלטניסמעסיג גרויסע צאָהלען און געהאַט מלוכות און זאָגאַר אימפּעריעס צו דער צייט פון דער שפּאַנישער עראָבערונג.

מעקסיקא
MEXICO

ערשטער קאַפּיטעל.

די אינדיאַנישע ציוויליזאַציע

דער אַלטער נאָמען פון דער פּראַכטפולער און וואונדערבאַרער געגענד, וואו עס געפינט זיך די הויפּט־שטאָט פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק איז געווען אַנאַהואַק. אויף דער שפּראַך פון די נאַהואַ־שטאַמען, צו וועלכע די אַצטעקען האָבען אויך געהערט, מיינט עס: „דאָס לאַנד ביים וואַסער“. דער דאָזיגער נאָמען שטאַמט פון די לאַגונען (לעיקס, אָזערעס) אין דעם טאָל, וואָס ווערט איצט גערופען דער טאָל פון מעקסיקאָ. ביי די ברעגען פון דער גרעסטער פון די דאָזיגע אָזערעס, געגאַנט, טעכקוקאָ אָדער טעצקוקאָ, אויף דעם אָרט, וואו עס שטעהט די היינטיגע הויפּט־שטאָט פון מעקסיקאָ, איז אויך געשטאַנען די הויפּט־שטאָט פון די אינדיאַנער, וועלכע האָבען זיך גערופען מעקיכאַ אָדער אַצטעקאַ. איהר נאָמען איז געווען ט ע נ אָ ט ש ט י ט ל אַ ן, וואָס עס מיינט „דער אָרט פון אַ שטיין און אַ קאַקטוס־פּלאַנץ“. אַזוי ווי די אַצטעקען האָבען אויך זייער הויפּט־שטאָט גערופען מעכיקאַ לכבוד זייער קריגס־גאָט **Mexitli** (מעכיטלי, ווי די שפּאַניער שפּרעכען־אויס דעם בוכשטאַב „עקס“), האָבען די שפּאַניער אויסגעקליבען דעם דאָזיגען נאָמען, וואָס איז זיי געווען לייכטער אויסצושפּרעכען און וואָס איז פאַרבליבען ניט נאָר פאַר גאַנץ אַנאַהואַק און פאַר די אַרומיגע געגענדען, וועלכע די אַצטעקישע קעניגען האָבען מעהר אָדער וויינער באַהערשט, נאָר אויך פאַר אַזעלכע געגענדען, וואו עס האָבען זיך געפונען אומאָפּהענגיגע מלוכות.

עד־היום ווערען נאָך געשפּראָכען אַ 180 אינדיאַנער שפּראַכען און דיאַלעקטען אויף דער טעריטאָריע פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק. געלערטע שפּראַך־פאָרשער האָבען סאָרטירט די דאָזיגע דיאַלעקטען אין פאַרשידענע גרופּען, אום צו באַשטימען זייערע עהנליכקייטען און אָפּשטאַמונגען. יעדער דיאַלעקט ווערט געשפּראָכען פון אַ באַזונדערען רויטהויטיגען שטאַם. מאַנכע פון די דאָזיגע דיאַלעקטען זיינען פאַרבליבען אַזוי ווי פאַר דער שפּאַנישער עראָבערונג. אַנדערע זיינען שוין פאַרשוואונדען אָדער פאַרשווינדען זעהר שנעל. זייער פּלאַץ ווערט פאַרנומען פון שפּאַניש, וועלכע ווערט מיט דער צייט, נאַטירליך,

אַרויסשטויסען די אינדיאַנער דיאַלעקטען אפילו פון די ווילדסטע און פאַרוואָר־פענסטע ערטער צווישען די בערג.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז צו דער צייט, וואָס די שפּאַניער האָבען זיך באַוויזען אין אַנאַהואַק, איז די צאָל פון די אינדיאַנער שטאַמען און פון זייערע דיאַלעקטען געוועזן פיל גרעסער ווי היינט. די דאָזיגע שטאַמען האָבען אויך געהערט צו פאַרשידענע אָפּטיילונגען אָדער גרופּען פון דער רויטהויטיגער ראַסע. די נאַהואַטל אָדער נאַהוא־שטאַמען, צו וועלכע די אַצטעקען האָבען געהערט, זיינען נאָר געווען איינע פון די דאָזיגע גרופּען. זיי בילדען היינט אַ פערטעל פון דער אינדיאַנער באַפעלקערונג אין דער מעקסיקאַנער רעפּובליק, און מען מעג רעכענען, אַז אַזוי איז עס געווען אונטער דער הערשאַפט פון די אַצטעקישע קעניגען.



די טעמפּעל־פּיראַמידע אין פּאַפּאַנטלאַ, מעקסיקאַ

די נאַהוא־שטאַמען זיינען אויך ניט געווען די ציוויליזירטסטע אויף די הויכלענדער פון מעקסיקאַ. זיי זיינען אַליין געווען עראָבערער דאָרטען און האָבען פאַרכאַפּט אַ געגענד, וואָס איז פון די עלטסטע צייטען געווען אַ קולטור־צענטער, ווי מען דאַרף עס שליסען פון געוויסע פאַרבליבענע סמנים. וואָס אַנבאַלאַנגט די אַצטעקען, זיינען זיי גראָדע געווען ווילדער פון די אַנדערע נאַהוא־שטאַמען אין אַנאַהואַק, ספּעציעל פאַר זייערע שכנים לעבען טעצקוקאָ, די אַלקאָהואַס, וועלכע האָבען דאָרטען געגרינדעט אַן עלטערע און גרעסערע מלוכה.

ווען מען לעזט די באשרייבונגען פון די קאָקוויסטאַדאָרעס, דאַרונטער אויך פון קאָרטעז, קען מען מיינען, אַז די מלוכה פון די אַצטעקען איז ווירקליך געווען אַ ריזיגע און מעכטיגע. דער אמת איז אָבער, אַז די אַצטעקען האָבען פאַרנומען נאָר אַ ט י י ל פון אַנאַהואַק גופא. גאַנץ אַנאַהואַק האָט זיך געצויגען אומגעפעהר 200 מייל אין דער לענג און 75 מייל אין דער ברייט. די אַצטעקען זיינען נאָר געווען קריגערישער פאַר די אַנדערע שטאַמען אין אַנאַהואַק און אַרום.

די געשיכטע פון די נאַהואַ־שטאַמען בלייבט נאָך אַלץ אין דונקעלהייט,



חורבות פון אַ טעמפעל אין קסאַטשיקאַלקאַ, מעקסיקאַ

טראָץ אַלע אָנשטרענגונגען פון אַרכעאָלאָגען, לינגוויסטען און אַנדערע געלעהרטע פאָרשער, ווייל די קאָנקוויסטאַדאָרעס און גלחים האָבען פאַרניכטעט זייערע שריפטען און צעשטערט זייערע טעמפלען. ווי פיל מען האָט עס ביז איצט געקענט דערגעהן נאָך פילע נאָכפאָרשונגען, האָבען זיך אין אַנאַהואַק און אין די געגענדען אַרום אַריינגעריסען מיט אומגעפעהר טויזענט יאָהר פאַר קאָלאָמבוס'עס רייזע מחנות פון אַ פאָלק מיט'ן נאָמען טאָלטעקען. מען רעכענט, אַז זיי זיינען געקומען פון נאָרדליכע געגענדען, אַזוי ווי שפּעטער די טשישימעגען, די אַצטעקען און בכלל די אַנדערע שטאַמען, וועלכע האָבען געשפּראָכען דיאַלעקטען פון דער נאַהואַטל שפּראַך און האָבען נאָכגעפאָלגט דעם זעלבען

וועג ביז צו אנאהואק און ווייטער צו דרום ביז יוקאטאן און גוואטעמאלא. די טאלטעקען זיינען געווען א שטאם פון די נאהואס. זיי האבען געבויט גרויסע טעמפלען. זייער נאמען באדייטעט: ארכיטעקטען, קינסטלער. זיי זיינען הפנים אויך געווען די ערפינדער פון די מעקסיקאנער בילדער־שריפטען, צו וועלכע מען האט נאך אלץ ניט געפונען קיין שליסעל, און פון דעם מערקווירדיגען לוח, וואס איז איבערגענומען און וואהרשיינליך אויך אויסגעבעסערט געווארען פון די אצטעקען.

אין אנאהואק, ווי אויך אין דער געגענד ארום דעם פארט ווערא קרוז האבען די טאלטעקען איבערגעלאזען שטומע עדות פון זייער הערשאפט אין די באריהמטע חורבות פון טולא, קסאטשיקאלקא, פאפאנטלא, טשאלולא א. אז. וו. זייערע טעמפלען האבען זיך געפונען אויף פיראמידען, אזוי ווי די טעמפלען פון די אנדערע שטאמען, דארונטער אויך פון די אצטעקען. איינע פון זייערע וויכטיגסטע שטעט איז געווען טאלאן (איצט טולא), א מייל 50 צום נארד פון דער מעקסיקאנער הויפט־שטאט. טולא איז צעשטערט געווארען מיט א יאהר 500 פאר דער שפאנישער הערשאפט, וואהרשיינליך פון די ווילדע שטאמען, וועלכע האבען געטראגען דעם נאמען טשיטשימעגען אין די לעגענדען און כראניקעס פון די אצטעקן. די טעמפלען פון טשאלולא זיינען טיילווייז צעשטערט געווארען פון די שפאניער אונטער דער קאמאנדע פון קארטעץ. ביי אויסגראבונגען אין די דאזיגע ערטער האט מען געפונען איינגע זיילען און געצען. די באדייטונג פון די צייכענס און בילדער אויף די דאזיגע מאנומענטען בלייבט א געהיימניס.


א זייל פון טולא, מעקסיקא

מען האט געפונען באווייזען ביי אויסגראבונגען, און אזוי דארף מען אויך שליסען פון די מעקסיקאנער לעגענדען און בילדער־שריפטען, אז די אצטעקען האבען איבערגענומען ביי די טאלטעקען אויך דעם זונען־גאט קוועצאלקאאטל, וועלכער איז אויך פארעהרט געווארען פון די מאיאס און וועלכער האט אין מאנכע פונקטען מערקווירדיגע עהנליכקייטען מיט די זונגען־געטער און „ערלייזערס“, געבארענע פון בתולות און געקרייציגטע אין הימעל, ביי די קולטור־פעלקער אין דער אלטער וועלט.

וועגען דעם דאזיגען אפגאט זיינען אנגעשריבען געווארען פילע ביכער. די שפאנישע גלחים האבען ספעציעל צעשטערט אלעס, וואס האט נאר געהאט א שייכות מיט איהם, ווייל ער האט זיי צו־פיל דערמאנט אן יעזוס קריסטוס. די באדייטונג פון זיין נאמען

באַשטעטיגט די מיינונג פון די געלעהרטע פאָרשער, אַז דער אָפּגאָט האָט פּער־זאָניפיצירט די שאַפענדע קראַפט פון דער זון. קוועצאַלקאָאַטל באַדייטעט:

א סטאַטוע פון קוועצאַלקאַאטל

„אַ שלאַנג באַדעקט מיט פעדערען“, אין קורצען: „אַ פויגעל־שלאַנג“. דאָס איז אַ פאַרבינדונג פון די געוועהנליכע סימבאָלען פון ווינט און בליץ, ווי דאַניעל ברינטאָן, דער באַוואוסטער קענער פון אינדיאַנער שפּראַכען און לעגענדען, פיהרט עס אויס אין זיין ווערק: „די מיטהען פון דער נייער וועלט“. אין אַלע מיטהאָ־

לאָגיען ווערט דער בליץ פאַרגליכען צו אַ שלאַנג. דער „געטליכער שלאַנג", דער „הימלישער שלאַנג", דער „דראַגאָן" — דאָס זיינען אַלץ מיטהאָלאָגישע פאָרשטעלונגען פון די בליצען, וועלכע שניידען־דורך די וואָלקענס אין דער צייט פון אַ שטורעם.

פאַרשידענע מעשיות ווערען דערצעהלט וועגען קוועצאַלקאָאַטל צווישען די אינדיאַנער אויף די הויכלענדער פון מעקסיקאָ. מיר קענען זיך דאָ אָבער מיט זיי ניט פאַרנעמען*), ווייל דאָס וועט אונז אַוועקפיהרען צו־ווייט פון אונזער ענין. איינינע פון די דאָזיגע מעשיות האָבען גראָדע זעהר גוט געדינט קאָרטעץ'ען אין דעם קאַמף מיט די אַצטעקען, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהן. מען האָט געפונען געצקעם פון קוועצאַלקאָאַטל אין פאַרשידענע ערטער. זיינע אַטריבוטען און אויפטואונגען זיינען אויך פאָרגעשטעלט געווען אויף באַרעליעפען אין די טעמפּלען צו זיין עהרע און בילדער־שריפטען. אין די גרויסע מוזעאומס פון אייראָפּע און אַמעריקע געפינען זיך פיגורען פון דעם דאָזיגען אָפּגאָט. מיר ברענגען דאָ צוויי פון אַזעלכע פיגורען, איינע אַ קאָפּיע פון אַ סטאַטוע, די אַנדערע אַ קאָפּיע פון אַ צייכענונג אין אַ פאַרבליבענעם אַצטעקישען מאַנוסקריפּט.

פיגורען פון די געטער קוועצאַלקאָאַטל און טעפּעיאָלאָטלי (נאָך אַן אַצטעקישען מאַנוסקריפּט)

אין דעם שטאָט אָאַקסאַקאַ פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק געפינען זיך חורבות פון אַ זעהר אַלטער שטאָט מיט'ן נאָמען מיטלאַ. דאָרטען פלעגען באַערדיגט ווערען די פּריסטער און קעניגען פון די זאַפּאָטעקען, וועלכע געהערען צו אַן אַנדער גרופּע פון דער רויטהויטיגער ראַסע, ווי די נאַהואַס. די זאַפּאָטעקען האָבען זיך געפונען אין געגענדען צו מערב פון די נאַהואַ־שטאַמען און האָבען אויך געהאַט אַן אייגענע מלוכה. ווען די אַצטעקען האָבען געהערשט אין אַנאַהואַק. ווייטער אַרונטער צו דרום האָבען שוין מייסטענס געוואוינט די מאַיאַ־שטאַמען, וועלכע האָבען געהאַט זייער וויכטיגסטע צענטערס אויף

*) איינצעלהייטען וועגען דיזען מערקווירדיגען אָפּגאָט קענען די לעזער געפינען אין דעם קאַפּיטעל „דער מעקסיקאַנער זונען־גאָט און משיח קוועצאַלקאָאַטל" פון מיין בוך „אַמעריקע פאַר קאָלאָמבוס". — פּ. ק.

דעם האַלב־אינזעל יוקאַטאַן און בכלל אין צענטראַל־אַמעריקע. אַזוי ווי די שטאַ־
מען פון די נאַהואַס, מאַיאַס און אַנדערע פון דער רויטהויטיגער ראַסע האָבען



אַ זייל מיט פיגורען און היעראָגליפען אין די חורבות פון קאָפּאַן

זיך צוזאַמענגעמישט אין איניגע ערטער און האָבען געלערנט איינע פון די
אַנדערע, דאַרום וועלען מיר דאָ אויך זיך אָפּשטעלען אויף דער אַלטער ציוויליז
זאַציע פון גאַנץ צענטראַל־אַמעריקע.

די דאָזיגע ציוויליזאַציע ווערט היינט פאָרגעשטעלט נאָר דורך חורבות פון

טעמפּלען און פּאַלאַצען אין ערטער, וועלכע ווערען אויסגעפאָרשט פון אַרכעאָ־לאָגען. די מערקווירדיגסטע פון די דאָזיגע חורבות געפינען זיך אין פּ א ל ע נ ק ע (א דערפעל אין שטאַט טשיאַפּאַס פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק), אין טשי־טשעניצא (אויף דעם מעקסיקאַנער טייל פון דעם האַלב־אינזעל יוקאַטאַן), אין קווירינגוא (גוואַטעמאַלא), אין קאָפּאַן (האָנדוראַס). זיי ווערען איצט באַוואוג־דערט פון פאָרשער און רייזענדע. א בליק אויף זיי צייגט, אז זייערע בויערס האָבען דערגרייכט צו אַזאַ הויכער קולטור, ווי די בויערס פון די פּיראַמידען אין מצרים. די טעמפּלען זיינען באַצירט געווען מיט סטאַטועז, זיילען און אויפ־שריפטען, ריכטיגער, אויסקריצונגען, רעליעפען און בכלל מיט אַזעלכע צייכענס, וועלכע האָבען געדינט אַזוי ווי די היעראָגליפען אין מצרים. א ביישפּיל פון אַזעלכע פיגורען און היעראָגליפישע צייכענס ליפערט אונז די פאָטאָגראַפיע פון דעם זייל, וואָס איז געפונען געוואָרען צווישען די חורבות פון קאָפּאַן. די בויערס פון די דאָזיגע טעמפּלען, די שרייבערס פון די דאָזיגע היעראָגליפען און די אַר־טיסטען, וועלכע האָבען געמאַכט די סטאַטועז פון די געטער און די באַפּוצונגען, זיינען שוין געווען פאַרשוואונדען מיט א צייט פריהער פאַר קאָלאָמבוס'עס רייזע. די מאַיא־שטאַמען, וועלכע די שפּאַניער האָבען געפונען אין די דאָזיגע ערטער, האָבען אַליין ניט געוואוסט, ווער די בויערס פון זייערע טעמפּלען זיינען געווען.

דעם העכסטען אינטערעס פון פאָרשער רופען־אַרויס די חורבות, וועלכע זיינען צופעליג אַנטדעקט געוואָרען אין 18טען יאָהרהונדערט פון א גלח פון דערפעל פּאַלענקע. צו דער צייט, ווען קאָרטעז האָט דורכמאַרשירט די דאָזיגע געגענדען אויף דעם וועג פון מעקסיקאָ נאָך האָנדוראַס, זיינען שוין די דאָזיגע מערקווירדיגע סמנים פון אַן אַמאָליגער מלוכה געווען אַזוי באַוואַקסען מיט טראָפּישע פּלאַנצען, אַז קיינער האָט פון זיי גאָר קיין אַהנונג ניט געהאַט. אין 1764 האָט די שפּאַנישע רעגירונג געשיקט געלעהרטע צו אונטערזוכען די דאָזיגע חורבות. זייט דאַן האָבען אַנדערע פאָרשער באַזוכט די דאָזיגע פאַרוואָרפענע ערטער אין טראָפּישע וועלדער און האָבען אויספיהרליך באַשריבען און פאָטאָ־גראַפירט אַלעס, וואָס זיי האָבען דאָרטען געפונען. נאָך די סמנים פון לאַנגע גאַסען, שליסט מען, אַז דאָרט, וואו עס געפינט זיך היינט פּאַלענקע, האָט זיך אַמאָל געפונען א גרויסע שטאָט, וואַהרשיינליך די הויפּט־שטאָט פון א מלוכה.

אַזוי דאַרף מען אויך שליסען פון די חורבות פון א פּאַלאַץ, וואָס איז דאָר־טען געווען אויפגעבויט אויף א גרויסער און הויכער פּיראַמידע פון אַנגעשאָטענער ערד, באַדעקט מיט גרויסע פלאַכע שטיינער. אונטען זיינען אין דער פּיראַמידע געווען דורכגאַנגען און גאַלערעען, און אַרום האָבען זיך געפונען טרעפּ, וועלכע האָבען געפיהרט צו א פּאַלאַץ, וואָס זיינע חורבות רופען היינט אַרויס באַוואונ־דערונג. די באַפּוצונגען און די סטאַטועז דאָרטען אונטערשיידען זיך אין מאַנכע

פרטים פון די באַפּוצונגען און סטאַטוען אין די אַנדערע פּאַלאַצען און טעמפּלען פון די מאַיאַס אין צענטראַל־אַמעריקע. די זײַלען ביי די אַריינגאַנגען אין דעם דאָזיגען פּאַלאַץ, וואָס האָט פאַרנומען 180 פוס אין דער לענג און 128 פוס אין דער ברייט, זיינען באַצירט געווען מיט סטאַטוען, זעקס פוס הויך, און מיט היעראָגליפישע אויפשריפטען איבער זייערע קעפּ. די דאָזיגע היעראָגליפען בלייבען פאַר אונז אַזאַ געהיימניס, ווי די היעראָגליפען אין די אַנדערע אַמאָליגע קולטור־צענטערס אויף די הויכלענדער פון מעקסיקאָ און צענטראַל־אַמעריקע. ווי ווייט די קונסט האָט דאָרטען דערגרייכט, קען דער לעזער שליסען פון די אילוסטראַציעס, וועלכע מיר גיבען דאָ.


א סטאַטוע פון פּאַלענקע

אינוויינ‏יג איז דער פּאַלאַץ פון פּאַלענקע געווען באַצירט מיט זאָנדערבאַרע סקולפּטורען פון גראַניט. זיי זיינען אומגעפעהר 13 פוס הויך. די ווענט, וועלכע זיינען פון 2 ביז 3 פוס דיק, זיינען אויך געפאַרבט. איינע פון די געהיימניסען פון דעם דאָזיגען פּאַלאַץ איז אויך, וואָס די טרעפּ, וועלכע פיהרען צו איהם זיינען גאָר ניט אויסגעריבען. זייערע ברעגען זיינען אַזוי שאַרף, ווי מען וואָלט זיי ערשט אויסגעהאַקט און קיינמאָל ניט באַטראָטען. מאַנכע פאָרשער שליסען דערפון, אַז עפּעס האָט געטראָפען מיט די איינוואוינער באַלד נאָך דער אויפבויאונג פון דעם דאָזיגען פּאַלאַץ, וואָס זיי האָבען פּלוצלונג געמוזט פאַרלאָזען זייער שטאָט.

נאָך מעהר באַוואונדערונג רופט־אַרויס אַ טעמפּעל דאָרטען, וועלכער איז העכסט וואַהרשיינליך געבויט געוואָרען צו עהרע פון דער זון. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „טעמפּעל פון קרייץ“, ווייל מען האָט דאָרטען געפונען לעבען מזבח אַ סקולפּטור, וואָס האָט די פאָרמע פון אַ קרייץ און זעהט־אויס, ווי אויף דער צייכענונג זייט 209. די אויפפאַלענדע עהנליכקייט פון דעם דאָזיגען קרייץ צום קריסט־

ליכען האָט ארויסגערופען פילע דיסקוסיעס צווישען געלעהרטע און גלחים. עס קען קיין צווייפעל ניט זיין, אז ווען די גלחים וואָלטען אנטדעקט דעם דאָזיגען קרייץ פון פאַלענקע אין די צייטען פון קאָרטעץ און אנדערע קאָנקוויסטאַדאָרעס, וואָלטען זיי איהם צעשטערט, אז עס וואָלט פון איהם קיין שפור ניט געבליבען, אזוי ווי פון די אנדערע קרייצען און סימבאָלען, וועלכע זיי האָבען געפונען אין אנדערע טעמפּלען און וועלכע האָבען צופיל דערמאָנט אָן די קריסטליכע סימבאָלען.

פון די דריי מאַרמאָר־פּלאַטען, וועלכע האָבען באצירט דעם מזבח פון דעם דאָזיגען „טעמפּעל פון קרייץ“, געפינט זיך איינע אין דעם נאַציאָנאַלען מוזעאום פון מעקסיקאָ, די אנדערע אין סמיטהסאָניען אינסטיטוט אין וואשינגטאָן און די דריטע בלייבט אַלץ אין פאַלענקע. יעדע פּלאַטע איז זעקס פוס פיער צאָל לאַנג, 4 פוס ברייט און 6 צאָל דיק. א בליק אויף די פיגורען און צייכענס לעבען דעם דאָזיגען קרייץ צייגט, אז זיי שטעלען־פאָר א ג אָ ט ע ס־ד י נ ס ט. ווען מען וואָלט געפונען א שליסעל צו די היעראָגליפען און סימבאָלען ארום דעם דאָזיגען באַ־ריהמטען קרייץ, וואָלט מען פאַר־שפּאָרט צו דיספּוטירען וועגען זיין ריכטיגע באדייטונג. אזוי אָבער ווי מען איז שוין דערגאַנגען אויף זי־כער, אז די מאַיאַס האָבען באַ־טראַכט דעם קרייץ פאַר א צייכען פון דער שעפּפענדער קראַפט פון דער נאַטור, בלייבט אַנצונעמען, אז דאָס איז טאַקע די באדייטונג פון דעם קרייץ פון פאַלענקע. מען ווייס אויך, אז דער קרייץ איז איינגע־פיהרט געוועען ביי די מאַיאַס און אנדערע אינדיאַנער שטאַמען, אזוי גוט ווי ביי פאַרשידענע קולטור־פעלקער אין אזיע, אפריקע און איי־ראָפּע, אַלס א צייכען פון די פ י ע ר ע ק ע ן ו ו ע ל ט און פון די פ י ע ר צ י י ט ע ן פ ו ן י אָ ה ר.


פיגורען מיט היעראָגליפען פון פאַלענקע

די זאָנדערבאַרע באַפליגעלטע באַשעפעניש איבער דעם דאָזיגען קרייץ זאָל, נאָך

דער מיינונג פון געלעהרטע אַרכעאָלאָגען, וועלכע האָבען פּרובירט אויפדעקען די טיפע געהיימנים פון די דאָזיגע אַלע צייכענס, סימבאָלען און היעראָגליפען, האָבען פאַרגעשטעלט דעם מאָרגענשטערען.

נאָר וואָס פאַר אַ גלויבען עס איז ניט געווען פאַרבונדען מיט דעם דאָזיגען



דער קרייץ פון פּאַלענקע

געהיימניספולען קרייץ, איז עס דאָך קלאָר, אַז די בויערס פון אַזעלכע פּאַלאַצען און טעמפּלען זיינען שוין געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע פון קולטור.

צווייטער קאַפּיטעל.

די מלוכות אין אַנאַהואַק

נאָך די טאָלטעקען האָבען זיך אריינגעריסען אין אַנאַהואַק אַנדערע נאַהואַ־שטאַמען, פון וועלכע די באַקאַנטעסטע זיינען די טשיטשימעגען און אַצטעקען.

זיי זיינען געווען זעהר ווילד און גרויזאַם, אָבער ביסלעכווייז זיינען זיי געוואָרען ציוויליזירטער, אונטער דעם איינפלוס פון די טאָלטעקען און אַנדערע פאָרטגעשריטענע שטאַמען אין דעם טאָל פון מעקסיקאָ. אַלעס, וואָס מען ווייס פון זיי, איז פון אייניגע איבערגעבליבענע בילדער־שריפטען און געשיכטען, וועלכע אַ פּאָר שפּאַניש־געבילדעטע מעקסיקאַנער האָבען אָנגעשריבען אַ קורצע צייט נאָך דער שפּאַנישער עראָבערונג. די וויכטיגסטע קוועלען פאַר דער געשיכטע פון אַלט־מעקסיקאָ, ספּעציעל פון די מלוכות אין אַנאַהואַק, געפינען זיך אין די באַשרייבונגען פון פערנאַנדאָ דע אַלוואַ איכטלילכאָטשיטל (Ixtlilxochitl), וועלכער האָט געשטאַמט פון דער קעניגליכער פאַמיליע אין טעצקוקאָ און איז געווען אָנגעשטעלט אַלס דאָלמעטשער ביי די שפּאַנישע וויצע־קעניגען אין מעקסיקאָ. ער האָט זיינע היסטאָרישע ווערק געשריבען אין שפּאַניש, נאָר ער האָט אויך פאַרשטאַנען די בילדער־שריפטען פון זיינע לאַנדסלייט. ער האָט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק און פלעגט זעהר פלייסיג שטודירען די מעקסיקאַנער מאַנוסקריפּטען, וועלכע ער האָט נאָר געקענט קריגען. ער האָט אויך איבער־געגעבען די לעגענדען פון די נאַהואַ־שטאַמען. אין זיין געשיכטע זיינען אָבער היסטאָרישע פאַקטען אַזוי צוזאַמענגעמישט מיט מיטהען און באָבע־מעשיות, אַז עס איז אָפט שווער צו דערגעהן דעם אמת.

די טשיטשימעגען שטעלט ער פאָר אַלס ווילדע, וועלכע פלעגען אַרומגעהן נאַקעט און פרעסען הינט, וועלף, מייז, יאַשטשערקעס, שלאַנגען און אפילו ווערים. די קריגסגעפאַנגענע פלעגען זיי ניט נאָר סקאַלפּירען, ווי דאָס איז געווען דער מנהג פון אינדיאַנער בכלל, און אָפּפערען צו די געטער, ווי אַלע אַנדערע שטאַמען אין מעקסיקאָ און אין צענטראַל־אַמעריקע, נאָר פשוט אויפ־פרעסען. זיי האָבען פאַרגעטערט די נאַטור־קרעפטען, ווי אַלע אַנדערע פרימי־טיווע מענשען אויף דעם ערד־קוגעל. זייער הויפּט־גאָט ניכקאָאַטל איז געווען

אַ פּערזאָניפיצירונג פון דער שטראַהלענדער, וואַרעמענדער און אויפלעבענדער זון. די באַדייטונג פון דעם דאָזיגען נאָמען איז "די שלאַנג פון די וואָלקענס„. דאָס איז געווען זייער יופּיטער מיט'ן דונער און בליץ. ווי מיר ווייסען עס שוין פון די ערקלערונגען איבער קוועצאַלקאָאַטל, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט בליצען אין דער פאָרמע פון שלאַנגען.

די טשיטשימעקען האָבען געלעבט אַ לענגערע צייט אין אַנאַהואַק, ווען די טאָלטעקען האָבען דאָרטען געהערשט. נאָכהער אָבער, אין אָנפאַנג פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, ווי מען שליסט עס פון די איבערגעבליבענע מעקסיקאַנער כראָניקעס, האָבען זיי זיך פאַרבונדען אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ פיהרער מיט'ן נאָמען כאָלאָטל, וועלכער איז געווען דער גרינדער פון אַ קעניגליכער דינאַסטיע, מיט וועלכער די אַצטעקישע איז שפּעטער פאַרוואַנדט געוואָרען. זיי האָבען אָבער אפנים שנעל איבערגענומען די ציוויליזאַציע פון די טאָלטעקען און בכלל פון די עלטערע מלוכות אין אַנאַהואַק. איינער פון כאָלאָטל'ס יורשים האָט געגרינדעט לעבען די ברעגען פון דער אָזערע טעצקוקאָ אַ מלוכה, וועלכע איז געווען אָנערקענט פאַר די בעסטע און ציוויליזירטסטע.

איכטלילכאָטשיטל, וועלכער האָט געשטאַמט פון דער דאָזיגער קעניגליכער דינאַסטיע, באַשרייבט אין זיין געשיכטע באַזונדערס אויספיהרליך און מיט זעהר העלע פאַרבען די מלוכה פון טעצקוקאָ, וועלכע האָט דערגרייכט איהר העכסטע שטופע אַ הונדערט יאָהר פאַר דער שפּאַנישער ערעָבערונג. ער שטעלט־פאַר איינעם פון די קעניגען פון טעצקוקאָ, מיט'ן לאַנגען נאָמען נעזאַהואַלקאָיאָטל (דאָס מיינט: דער הונגעריגער פוקס) אַלס אַ גרויסען חכם און פילאָזאָף, אַלס אַ גלויביגען אין איין גאָט און פּרעדיגער געגען מענשליכע קרבנות. ער האָט אויך פאַרצייכענט איינגע שפּרוכען און שירים פון דעם דאָזיגען מעקסיקאַנער שלמה המלך.

צו דער צייט פון דעם דאָזיגען קעניג און פון זיין זוהן מיט'ן נאָמען נעזאַהואַלפּילי איז שוין אויך שטאַרק געוואָרען די מלוכה פון די אַצטעקען. די איינוואוינער פון טעצקוקאָ, די אַלקאָהואַס, און די אַנדערע שטאַמען אין אַנאַהואַק און אַרום האָבען געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די אַצטעקען, וועלכע האָבען זיך באַזעצט אויף עטליכע קליינע אינזלען אין די ערגסטע און זומפּיגסטע ערטער ביי דער אָזערע טעצקוקאָ. מען האָט זיי באַזונדערס געהאַסט פאַר זייער מענשענפרעסענדע רעליגיע, פאַר די גרויסע צאָלען מענשליכע קרבנות, וועלכע זיי פלעגען שטענדיג ברענגען צו זייער קריגס־גאָט מיט'ן לאַנגען נאָמען הויצילאָפּאָטשטלי און מיט'ן קירצערען נאָמען מעכיטלי. אָבער מען האָט אויך מורא געהאַט פאַר זיי, ווייל זיי זיינען געווען זעהר קריגעריש. ביסלעכוויז האָבען זיי זיך ניט נאָר פאַרמעהרט און פאַרשטאַרקט אויף זייערע אינזלען, נאָר זיי האָבען אויך גע־

קראַנגען די אויבערהאַנד. דער צענטער פון קולטור איז אַלץ פאַרבליבען אין דער מלוכה פון די אַלקאַהואַס אָדער טעצקוקער, אָבער די פּאָליטישע מאַכט איז געלעגען אין דער מלוכה פון די אַצטעקען. די דאָזיגע צוויי מלוכות, צוזאַמען מיט דער קלענערער מלוכה טאַלקאָפּאַן פון דעם שטאַם טרעפּאַנעקען, האָבען עס געהאַט געבילדעט דעם דריי־בונד פון אַנאַהואַק צו דער צייט פון דער שפּאַנישער עראָבערונג.

די מעקסיקאַנער כראָניקעס שילדערען די לאַנגע און ביטערע מלחמות, וועלכע זיינען געפיהרט געוואָרען אין פאַרלויף פון אומגעפעהר צוויי הונדערט יאָהר פאַר קאָלאָמבוס'עס רייזע צווישען די שטאַרקסטע שטאַמען פון אַנאַהואַק, די טשיטשימעגען, אַלקאַהואַס, טרעפּאַנעקען און אַצטעקען, פאַר דער אויבערהערשאַפט. קיינער פון זיי איז אָבער ניט געווען גענוג שטאַרק צו באַהערשען אַ לענגערע צייט די אַנדערע. ווען איינע פון זייערע קליינע מלוכות פלעגט ווערען צו־שטאַרק אונטער דער פיהרונג פון אַ קריגערישען קעניג, פלעגען זיך די אַנדערע פאַרבינדונגען געגען איהם, אום צו ברעכען זיין מאַכט און אָנהאַלטען דאָס פּאָליטישע גלייכגעוויכט.

די אַצטעקען, וועלכע זיינען געווען די שוואַכסטע, בשעת זיי האָבען אַריינגעוואַנדערט אין דעם טאָל פון מעקסיקאָ, און זיינען אַ געוויסע צייט זאָגאַר פאַרשקלאַפט געווען פון די טרעפּאַנעקען, האָבען אַלץ געוואונען אין מאַכט דורך זייער מיליטערישער הילף אין די מלחמות צווישען די שטאַרקסטע שטאַמען. אין אָנפאַנג פון 14טען יאָהרהונדערט האָבען זיי געהאָלפען די טרעפּאַנעקען אין דעם קאַמף געגען דער מלוכה פון די טשיטשימעגען אין טעצקוקאָ. נאָר מיט איינינע יאָהר שפּעטער האָבען זיי זיך פאַרבונדען מיט די טעצקוקער געגען מאַכטלאַ, דעם גרויזאַמען קעניג פון די טרעפּאַנעקען. נאָך אַ גרויסער שלאַכט, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט'ן טויט פון מאַכטלאַ און מיט דער צעשטערונג פון זיין הויפּט־שטאָט, וואָס עס איז געשעהן אין דער ערשטער העלפט פון 15טען יאָהרהונדערט, מיט אומגעפעהר אַ יאָהר אַכציג פאַר קאָרטעז'עס עקספּעדיציע, האָבען די אַצטעקען אויסגעקליבען פאַר זייער הערשער אַ מיטגליד פון זייער קעניגליכער פאַמיליע, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט אַלס קריגער אין דעם לאַנגען קאַמף מיט די טרעפּאַנעקען. זיין אַצטעקישער נאָמען איז געווען מאָנטעקהוזאָמאַ אילהוקאַמינאַ. דאָס איז אפנים געווען דער ערשטער פון די אַצטעקישע קעניגען מיט'ן נאָמען מאָנטעקהוזאָמאַ אָדער מאָנטעזומאַ, ווי די שפּאַניער האָבען עס אויסגעשפּראָכען.

אונטער דער הערשאַפט פון דעם דאָזיגען קריגערישען קעניג זיינען די אַצטעקען אַלץ שטאַרקער געוואָרען. די אַנדערע קעניגען אין אַנאַהואַק האָבען מורא געהאַט איינצורייסען מיט איהם. ער האָט פאַרברייטערט די גרעניצען

פון זיין מלוכה און געצוואונגען א סך שבטים ארום צו צאלען איהם קאנטריבו־ציע. די שוידערליכע זייט פון דער דאזיגער קאנטריבוציע איז באשטאנען אין מענשליכע קרבנות צו די געטער, ספעציעל צום קריגס־גאט הויצילאפאטשטלי. לכבוד דעם דאזיגען בלוטיגען פון אלע בלוטיגע אפגעטער ביי אלע אינדיא־נישע פעלקער, האט דער דאזיגער מאנטעזומא, וועלכער איז אויך געווען א גרויסער פאנאטיקער, אויפגעבויט א ריזיגען טעמפעל אדער „טעאקאלי“ אויף דעם מעקסיקאנער לשון. דאס איז געווען דער גרעסטער טעאקאלי אין אנאהואק צו דער צייט פון קארטעז, וועלכער האט איהם צעשטערט נאך איינער פון זיינע אטאקעס אויף דער הויפט־שטאט פון די אצטעקען.

די ערעפענונג פון דעם דאזיגען טעמפעל איז געפייערט געווארען מיט גרויסע צערעמאניעס און מיט מאסען מענשליכע קרבנות. די פעלקער, וואס האבען געמוזט אנערקענען די איבערמאכט פון די אצטעקען, האבען אויך געמוזט צושטעלען א באשטימטע צאל יונגעלייט אלס אפפער צו די אצטעקישע געטער. אבער אזוי ווי דאס איז ניט גענוג געווען פאר דעם אויסערארדענטליכען בלוטיגען געצענדינסט פון די אצטעקען, פלעגען זייערע קעניגען פיהרען מלחמות און באפאלען די שוואכערע שבטים אין אלץ ווייטערע געגענדען, אום צו פאנגען קרבנות פאר זייער אומערזעטליכען הויצילאפאטשטלי.

זיי פלעגען זוכען ניט צו טויטען זייערע שונאים אין קריג, נאר זיי צו פאנגען לעבעדיגערהייד. זיי האבען געגלויבט, אז דער בעסטער אפפער און טייערסטער מאכל פאר זייערע געטער איז דאס צאפעלדיגע הארץ פון א קריגס־געפאנגענעם. אזא גלויבען איז אויך געווען פארשפרייט ביי די אנדערע נאהוא־שבטים, ביי די מאיאס א. אז. וו. געוועהנליך פלעגען זיי אפפערען צו זייערע געטער קריגס־געפאנגענע און בכלל פרעמדע. נאר די אצטעקען האבען אפנים איבערטראפען אין די דאזיגע רעליגיעזע אויסשלאכטונגען אלע אנדערע אינ־דיאנער, אויב מען זאל אננעמען פאר כשור'ע מטבעות די באשרייבונגען פון די קאנקוויסטאדארעס, וועלכע האבען, נאטירליך געהאט אן אינטערעס צו מאלען דעם שונא וואס־שווארצער, אום דערמיט צו רעכטפערטיגען זייערע אייגענע ווילדע רציחות.

פארבייגעהענדיג, ווילען מיר דא פארצייכענען דעם פאקט, דאס קארטעז האט זעהר פיל געוואונען אין די שלאכטען מיט די אצטעקען ניט נאר דורך דעם, וואס זיי זיינען פארהאסט געווען פון די ארומיגע שבטים פאר די מענש־ליכע קרבנות, וועלכע זיי פלעגען אלץ־מעהר פאדערען, נאר אויך דורך דעם, וואס זיי פלעגען אלץ זוכען צו פאנגען א שפאניער לעבעדיגערהייד, אום איהם צו אפפערען צו זייער קריגס־גאט. עס קען זיין, אז קיין איינער פון די שווערד־העלדען אונטער דער קאמאנדע פון קארטעז וואלט ניט געבליבען צו

דערצעהלען עפעס וועגען דער וואונדערבארער עראָבערונג פון מעקסיקאָ, ווען די אַצטעקישע קריגער וואָלטען געזוכט זיי צו טויטען און ניט צו פאַנגען לעבעדיגערהייד.



א סקולפטור, וואס שטעלט פאר, ווי מען האט מקריב געווען מענשען

ווי אזוי מען פלעגט ברענגען מענשליכע קרבנות צו די געטער, איז צו זעהן פון דעם ביילינגענדען בילד, וואס איז א פאָטאָגראַפיע פון א סקולפטור, וועלכע א דייטשער רייזענדער האָט געפונען צווישען די חורבות פון טעמפּלען לעבען דעם דאָרף סאַנטאַ לוטשיאַ אין גוואַטעמאַלאַ (די דאָזיגע סקולפטור איז אינמיטען איבערגעבראָכען). דער מעסער, וואָס דער נאַקעטער פריסטער, מיט משונה׳דיגע באַפּוצונגען אויפ׳ן קאָפּ, האַלט אין דער רעכטער האַנט, איז געווען פון א האַרטען סאָרט שטיינער. די פריסטער אין אַנאַהואַק פלעגען צוערשט אויפשניידען די ברוסט פון די קרבנות מיט שטיינערנע מעסערס און ארויסרייסען זייערע הערצער. זיי פלעגען עס טאָן זעהר פלינק מיט אַזעלכע שטיינערנע מעסערס, ווי אויף דער ביילינגענדער צייכענונג. מאַנכעס מאָל פלעגט מען אָבער זעהר פיל און לאַנג מאַטערען די אָפּפער, נאָך די פאָרשריפטען פון א גרויליכען צערעמאָניאַל, איידער מען פלעגט ענדיגען זייער לעבען דורך ארויסרייסען זייערע צאַפּלדיגע הערצער. ביי איינינגע צערעמאָניעס פלעגען זיך די

פריסטער באַשמירען מיט דעם בלוט און זיך אויך באַדעקען מיט די הויטען פון די קרבנות. מיר ברענגען אַ צייכענונג פון אַ מעקסיקאַנער סטאַטוע, וועלכע שטעלט־פאָר אַ פריסט אָנגעטאָן אין דער הויט פון אַ מענשליכען קרבן. די רע־



אַ שטיינערנער מעסער צו עפענען די הערצער פון מענשליכע קרבנות

ליגיע פון די פעלקער אין מעקסיקאָ און צענטראַל־אַמעריקע האָט בכלל פאַרלאַנגט פיל בלוט. זעהר אָפט פלעגען זיי ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס עפענען זייערע אָדערען און זיך איינשטעכען (באַזונדערס אין די אויערען), אום צו לאָזען בלוט. נאָר הויפּטזעכליך פלעגען עס טאָן די פּריס־טער.

סטאַטוע פון אַ פּריסט אין הויט
פון אַ מענשליכען קרבן

די אַצטעקען פלעגען צוקוקען מיט פאַ־נאַטישער האַרטהערציגקייט, ווי מ'פלעגט מקריב זיין מענער, פרויען און אויך קינ־דער (אין דער צייט פון טריקענישען, פלעגט מען געוועהנליך אָפּפערען קינדער, אום איינצושטילען דעם צאָרן פון רעגען־גאָט), ווי מען פלעגט פייניגען די אָפּפער און בכלל פראַווען די בלוטיגע צערעמאָ־ניעס. די טעמפּלען פון די אַצטעקען זיי־נען געווען מענשליכע יאַטקעס. דאָרטען האָט עס שטענדיג געשטונקען מיט פאַר־פוילטע פלייש.

מען דאַרף אָבער דערפון ניט שליסען, אַז אין זייער פאַמיליען־לעבען און אין זייערע געזעלשאַפטליכע באַציהונגען זיי־נען זיי געווען ערגער, ווילדער און גרויזאַ־מער פאַר אַזעלכע אינדיאַנער שבטים, וועלכע פלעגען גאָר ניט מקריב זיין קיין

מענשען צו זייערע געטער, און בכלל פאר אנדערע פעלקער אויף דער זעלבער מדרגה פון קולטור. פארקערט, זיי האבען זיך גראד געפירט אין זייער געוועגליכען לעבען גאנץ פיין, אפילו נאך די באשרייבונגען פון די שפאניער. אונטער דעם איינפלוס פון די טעצקוקער זיינען די אצטעקען אויך אלץ מעהר ציוויליזירט געווארען. די פרויען זיינען פארהעלטניסמעסיג גוט באהאנדעלט געווארען. פאליגאמיע איז געווען פארבאטען. זיי זיינען געווען מוזיקאליש, ווי די מעקסיקאנער היינט. זיי האבען געהאט שולען, וואו מען פלעגט לערנען ניט נאר לעזען און שרייבען זייערע שריפטען און געבען אונטערריכט אין רעליגיע, מאראל און וועלטליכע קענטניסען (באזונדרס אסטראלאגיע און א באקאנטשאפט מיט זייער מערקווירדיגען לוח), נאר אויך איינשטודירען פאעמען און לידער. זיי האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א באזונדערער ליבע צו בלומען, ווי זייערע קינדער ביז היינטיגען טאג. ביי זיי זיינען אויך איינגעפיהרט געווען געוויסע טעאטראלע פארשטעלונגען מיט טענץ, נאר די שוישפילער פלעגען טראגען מאסקעס פון פארשידענע חיות.

סטאטוע פון מעקסיקאנער גאט
פון טענץ און ספארט

צווישען די איבערגעבליבענע שטומע עדות פון זייער ציוויליזאציע איז דער מערקווירדיגסטער א גרויסער אויסגעקריצטער שטיין, וואס געפינט זיך איצט לעבען דעם קאטוילישען קאטעהדראל פון דער מעקסיקאנער הויפט־שטאט. ער טראגט דעם נאמען „קאלענדאר־שטיין", ווייל די אצטעקען האבען אויף איהם אויסגעקריצט זייערע צייט־רעכנונגען אין יאהרען, מאנאטען און טעג. מיר קענען זיך ניט אריינלאזען אין איינצעלהייטען מכח די דאזיגע רעכנונגען, וועלכע די אצטעקען האבען איבערגענומען צוזאמען מיט בילדער־שריפטען און אנדערע קונסטען ביי די טאלטעקען און אנדער עלטערע שבטים. מיר וועלען נאר איבערגעבען די במעט איינשטימיגע מיינונגען פון געלעהרטע פארשער, דארונטער אויך פון אלעקסאנדער פאן הומבאלט, אז דער דאזיגער קאלענדאר האט באזונדערס גרויסע עהנליכקייטען מיט דעם קאלענדאר פון די מאנגאלען אין אזיע, אזעלכע עהנליכקייטען, וועלכע מען קען אמבעסטען ערקלערען דורך דער היפאטעזע (השערה).

אז די מעקסיקאנער שבטים האבען אמאל איבערגענומען די וויכטיגסטע טיילען פון זייער לוח ביי די מאנגאלישע שבטים.

דער דאזיגער קאלענדאר־שטיין איז געפונען געווארען אין יאהר 1790, בשעת מען האט געמאכט אויסגראבונגען אין דעם ארט, וואו עס איז געוועזען אויסגעבויט דער גרויסער אצטעקישער טעאקאלי, און וואו עס שטעהט היינט דער גרויסער קאטוילישער קאטהעדראל. ער איז דארטען געבליבען ליגען צווישען די חורבות , ווען די שפאניער, אונטער דער קאמאנדע פון קארעץ, האבען צעשטערט אלע אצטעקישע טעמפלען. מען רעכענט, אז די קאטוילישע גלחים



דער אצטעקישער קאלענדאר־שטיין

האבען געהייסען ארייננווארפען אין די זומפען דארטען דעם דאזיגען קאלענדאר־שטיין צוזאמען מיט געצקעם און אנדערע חפצים פון די צעשטערטע טעאקאלים. נאר צו דער צייט, ווען מען האט אויסגעגראבען דעם דאזיגען שטיין, האט שוין געהערשט א פרייערער גייסט אפילו צווישען די קאטוילישע גלחים אין מעקסיקא. זיי האבען פארלאנגט דעם שטיין, אבער ניט אום איהם צו צעשטערען אדער

באַגראָבען, נאָר צו האַלטען אַלס אָנדענקען. דער שפּאַנישער וויצע־קעניג האָט זיי ערלויבט צו האַלטען דעם דאָזיגען שטיין אין קאַטהעדראַל, אָבער מיט דער באַדינגונג, אַז דאָס פּובליקום זאָל איהם קענען באַטראַכטען צו יעדער צייט. ער ווערט איצט גערעכענט פאַר דאָס אייגענטום פון נאַציאָנאַלען מוזעאום פון מעקסיקאָ.

דער קאַלענדאַר־שטיין איז אַ זעהר שווערער. ער פאַרנעמט צוועלף פוס אין דיאַמעטער (דורכמעסער). בשעת מען האָט איהם געבראַכט צו שלעפּען (דאָס האָט פּאַסירט מיט אַ קורצער צייט פאַר דער שפּאַנישער עראָבערונג) פון דעם אָרט, וואו מען האָט איהם אויסגעהאַקט און אויסגעקריצט, נאָך דער הויפּט־שטאָט, אום איהם אַרויפצוציהען אין דעם גרעסטען און הייליגסטען פון די טעאָקאַלים, האָט עס פּאַסירט, אַז ער האָט דורכגעבראָכען אַ בריק צווישען די אינזלען, און אַ סך אַרבייטער, ווי אויך אייניגע פּריסטער, וועלכע האָבען קאָ־מאַנדעוועט אַלס אינזשינערען און אַרכיטעקטען, זיינען דערטרונקען געוואָרען. מען האָט איהם אָבער אויפגעהויבען און שליסליך אויפגעשטעלט אויף זיין באַ־שטימטען פּלאַץ. ביי דער דאָזיגער צערעמאָניע האָט מען אויך מקריב געווען אַ סך מענשען אויף דעם דאָזיגען הייליגען שטיין גופא.



א געקרייציגטע פיגור מיט סימבאָ־לען פון מעקסיקאַנער גאָט טלאַקאַ־כיפּענאַליצטלי (נאָך אַן אַצטעקי־שען מאַנוסקריפּט)

אייניגע פון די אַרכעאָלאָגען, וועלכע האָבען זיך ספּעציעל אָפּגעגעבען מיט אויספאָרשען די מאָנומענטען און שריפטען פון מעקסיקאָ און צענטראַל־אַמעריקע, רעכענען, אַז דער דאָזיגער קאַלענדאַר־שטיין האָט אויך געדינט אַלס זון־זייגער און אַלס מזבח צו זייער גאָט.

אין דעם אָרט, וואו דער דאָזיגער קאַלענדאַר־שטיין איז געווען באַגראָבען, האָט מען אויך געפונען אַ מוסטער פון דער אַצטעקישער סקולפּ־טור־קונסט. דאָס איז אַ סטאַטוע פון אַ געטין, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען קאָאַטליקו אָדער ציהואַקאָאַטל (באַדייטעט די „שלאַנגען־פרוי"). די דאָזיגע זאָנדערבאַרע סטאַטוע מיט שלאַנגען געפינט זיך אין נאַציאָנאַלען מוזעאום פון דער מעקסיקאַנער הויפּט־שטאָט. די דאָזיגע געטין איז גערעכענט געווען אַלס די מוטער פון דער ערשטער מענשליכער פּאָר און אויך פון דעם זונען־גאָט קוועצאַלקאָאַטל. מען האָט איהר אויך פאַרעהרט אַלס די הערשערין איבער די טויטע.

די בילדער־שריפטען זיינען ביסלעכווייז אַזוי אַנטוויקעלט געוואָרען, אַז מען האָט זאָגאַר געקענט לעזען די נעמען פון פערזאָנען און ערטער, ווי אויך דאַטען פון פּאַסירונגען. דאָס האָט דאַרום זעהר פיל געהאָלפען און העלפט די אייראָפּעאישע און היינטיגע מעקסיקאַנישע געלעהרטע צו דערגעהן, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די דאָזיגע אינדיאַנער מלוכות.

מען דאַרף דערביי נעמען אין אַנבאַטראַכט, דאָס די דאָזיגע פעלקער האָבען ניט געהאַט קיין לאַסט־חיות: פערד, אָקסען, שעפּסען, ציגען א. אז. וו. — דאָס איז אַלץ געבראַכט געוואָרען פון אייראָפּע באַלד נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמע־ריקע. די בופעל־אָקסען האָבען זיך געפונען אין די געגענדען ווייט צום נאָרד פון די מעקסיקאַנער הויכלענדער. די דאָזיגע בהמות זיינען קיינמאָל ניט גע־צאַמט געוואָרען פון די ווילדער אינדיאַנער שבטים אין די געגענדען, וועלכע געהערען איצט צו די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע. די אַצטעקען און אַנדערע פעלקער אין מעקסיקאָ און אין צענטראַל־אַמעריקע האָבען וואַהרשיינליך גאָר ניט געהערט פון אַזעלכע חיות. זיי האָבען אפילו ניט געהאַט אַזעלכע קליינע און שוואַכע לאַסט־חיות, ווי די פּערואַנער שעפּסען (לאַמאַס, אַלפּאַקאַס). זיי האָבען דעריבער געמוזט אַלעם אַליין שלעפּען, וואָס עס האָט, נאַטירליך, זיי געמוזט זעהר פיל שטערען אויף יעדען שריט צו אַ העכערער קולטור. דערצו נאָך האָבען זיי גאָר ניט געוואוסט פון אייזען און אפילו מיט קופּערנע געצייג האָבען זיי זיך גאַנץ ווייניג באַנוצט. מען מוז זיך דעריבער וואונדערען, ווי אַזוי זיי האָבען געקענט אויפבויען אַזעלכע ריזיגע טעמפּלען און אויסהאַקען, פּאָלירען, אויסקריצען און שלעפּען אַזעלכע גרויסע שטיינער, ווי די חורבות אין די אַמאָליגע קולטור־צענטערס און מלוכות דאָרטען ציינען עס.

דריטער קאַפּיטעל.

די ערשטע עקספּעדיציעס נאָך מעקסיקאָ

דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישען די שפּאַניער און די איינגעבאָרענע פון צענטראַל־אַמעריקע איז פאָרגעקומען אַ יאָהר 25 נאָך קאָלאָמבוס'עס ערשטער רייזע. איינינע שפּאַנישע אַוואַנטוריסטען, אונטער דער קאָמאַנדע פון פראַנציסקאָ הערנאַנדעז דע קאָרדאָוואַ, האָבען זיך אין 1517 אַ לאָז געטאָן פון קובאַ צו זוכען נייע לענדער ווייטער צו וועסט און אויך צו פאַנגען נייע שקלאַפען פאַר די שפּאַנישע קאָלאָניעס אויף די וועסט־אינדישע אינזלען, וואו די שוואַכע איינגעבאָרענע, וועלכע האָבען גאָר ניט געטויגט צו שווערער ארבייט, זיינען אין אַ קורצער צייט אויסגעגאַנגען, פּשוט ווי פליגען, אונטער דער קריסטליכער השגחה פון זייערע שפּאַנישע הערשער. מען האָט אפילו באַלד נאָך דער גרינדונג פון די ערשטע קאָלאָניעס אין עספּאַניאָלאַ, קובאַ און פּאָרטאָ־ריקאָ אָנגעפאַנגען צו אימפּאָרטירען די קרעפטיגע שוואַרצע פון אַפריקע אויף דעם פּלאַץ פון די שוואַכע איינגעבאָרענע, אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג פאַר די שפּאַנישע קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען געזוכט וואָס־שנעלער צו ערווערבען גרויסע רייכטימער.

די דאָזיגע אַוואַנטוריסטען זיינען צוגעשוואומען צו די מזרח־ברעגען פון האַלב־אינזעל יוקאַטאַן, וואָס ליגט ניט ווייט פון די מערב־ברעגען פון קובאַ און וואָס איז געווען דער גרעסטער צענטער פון דער ציוויליזאַציע פון די מאַיאַ־שבטים. אין איין אָרט האָט מען זיי אויפגענומען פריינדליך, אין אַן אַנדערען אָבער האָט מען זיי באַגעגענט מיט אַ רעגען פון פיילען, ווען זיי האָבען געוואָלט לאַנדען. זיי האָבען זיך דעריבער שנעל צוריקגעקערט נאָך קובאַ. קאָרדאָוואַ האָט געקראָגען אַזעלכע וואונדען ביי אַ צוזאַמענשטויס מיט די איינגעבאָרענע אין יוקאַטאַן, אַז ער איז געשטאָרבען עטליכע טעג נאָך זיין אָנקומען צוריק אין האַוואַנאַ.

זיי האָבען אָבער געזעהן גענוג צו באַוואונדערען די שטעט פון די מאַיאַס און אויפצומונטערען מיט זייערע באַשרייבונגען אַנדערע שווערד־העלדען און

אויד וולאַסקעץ, דעם גובערנאַטאָר פון קובאַ, צו עראָבערען די דאָזיגע לענדער. פאַר דעם הויפּט פון דער עקספּעדיציע האָט דער דאָזיגער גובערנאַטאָר אויסגע־



די שוואַרצע טיילען אויף דיזער לאַנדקאַרטע פון וועסט־אינדיען אָדער אַנטיל־
אינזלען, פון צענטראַל־אַמעריקע און פון אַ טייל פון זיד־אַמעריקע, באַצייכענען
די ערטער, וואָס קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אין זיינע פיער רייזען.

קליבען אַ געוויסען כואַן דע גריכאַלוואַ, איינעם פון זיינע פאַרוואַנדטע. אין 1518 איז גריכאַלוואַ צוגעקומען מיט זיין באַנדע שפּאַניער צו די נאָרדליכע

געגענדען פון יוקאטאן, וועלכע האָבען געהאט נעהנטערע פאַרבינדונגען מיט דער מלוכה פון די אַצטעקען. לעבען דער מינדונג פון דעם טייך טאַבאַסקאָ, וועלכער פליסט דורך דעם מעקסיקאַנער שטאַט מיט'ן זעלבען נאָמען, האָבען זיך די שפּאַניער, אונטער דער קאָמאַנדע פון גריבאַלוואַ, צוזאַמענגעטראָפען צום ערשטען מאָל מיט די געזאַנדטע פון דעם אַצטעקישען קעניג מאָנטעזומאַ, וועמענס הערשאַפט איז שוין אויך געווען פאַרשפּרייט איבער ווייטע געגענדען לעבען די ברעגען פון גאָלף אָוו מעקסיקאָ. די רייכע פּרעזענטען, מייסטענס גאָלד־צירונגען, וואָס די שפּאַניער האָבען געקראָגען פון מאָנטעזומאַ'ס שליחים און פון די קאַסיקען (עלטסטע) אין טאַבאַסקאָ, ווי אויך די קליידער און די האַלטונג פון די דאָזיגע אינדיאַנער אַריסטאָקראַטען, האָבען געגעבען די שפּאַניער צו פאַרשטעהן, אַז דאָ האָבען זיי שוין צו טאָן מיט אַ גרויסער און רייכער אימפּעריע, ניט בלויז מיט נאַקעטע און שוואַכע אינדיאַנער, ווי אין קובאַ און אין גאַנץ וועסט־אינדיען.

גריבאַלוואַ האָט אָוועקגעשיקט איינעם פון זיינע וויכטיגסטע אַדיוטאַנטען, דעם זעלבען פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, וועלכער איז אויך געוואָרען די רעכטע האַנט פון קאָרטעץ און האָט זיך באַריהמט געמאַכט ביי דער עראָבערונג פון מעקסיקאָ און ביי ווייטערע עקספּעדיציעס אין צענטראַל־אַמעריקע, — צוריק נאָך קובאַ, אום צו דערלאַנגען די טייערע געשאַנקען צום גובערנאַטאָר וועלאַסקעץ און אָפּצוגעבען אַ באַריכט איבער די ניי־אַנטדעקטע לענדער. אַליין איז גריבאַלוואַ ווייטער אַרומגעשוואומען ביי די ברעגען פון מעקסיקאָ, און דערביי איז איהם אויך אויסגעקומען צו זעהן אויף איין אינזעל אַ טעמפּעל, וואו מען פלעגט ברענגען מענשליכע קרבנות.

ער האָט אָבער אויך ניט לאַנג אַרומגערייזט דאָרטען און האָט זיך צוריקגעקערט נאָך קובאַ, אום צו באַשפּרעכען נייע פּלענער מיט דעם גובערנאַטאָר וועלאַסקעץ. דער לעצטער האָט שוין אָבער ניט געוואַרט אויף קיין אויספיהרליכע באַריכטען פון גריבאַלוואַ. די געשאַנקען, וואָס אַלוואַראַדאָ האָט געבראַכט פון מעקסיקאָ, האָבען אויפגערייצט דעם אומערזעטליכען גאָלד־אַפּעטיט פון די שווערד־העלדען אין קובאַ, זיך אַ לאָז צו טאָן אַהין צו שעפּען גאָלד און צו באַהערשען נייע לענדער. וועלאַסקעץ האָט גלייך באַשלאָסען אויסצושטאַטען נייע שיפען און צו אָרגאַניזירען אַ שטאַרקע עקספּעדיציע. פאַר דעם פיהרער פון דער דאָזיגער עקספּעדיציע האָט ער אויסגעקליבען אַ יונגען שווערד־העלד, וועלכער פאַרנעמט דעם ערשטען פּלאַץ צווישען אַלע קאָנקוויסטאַדאָרעס און וועלכער האָט טאַקע איינגענומען מיט אַ הייפעל שפּאַניער די שטאַרקסטע מיליטערישע מלוכה אין דער נייער וועלט. דער לעזער פאַרשטעהט שוין, אַז דאָס איז געווען הערנאַנדאָ קאָרטעץ, וועמענס אויפטואונגען רופען־אַרויס אַלגעמיינע באַוואונדערונג.

ער איז אַלט געווען בלויז 19 יאָהר, ווען ער איז אין 1504 אוועק זוכען גליק אין דער נייער וועלט. זיין פאָטער איז געווען אַן אַדעלמאַן פון דער שפּאַנישער פראָווינץ עסטטרעמאַדוראַ, אָבער אַן אָרימער. ער האָט געשיקט זיין זוהן שטו־דירען יוריספּרודענץ אין דער אוניווערזיטעט פון סאַלאַמאַנקאַ, אום איהם פאָר־

הערנאַנדאָ קאָרטעץ

צובּרייטען פאַר אַ ציוויל־קאַריערע. אָבער דער יונגער קאָרטעץ האָב געטרוימט פון אַ מיליטערישער קאַריערע און האָט בכלל קיין חשק ניט געהאַט צו שטו־דירען. ער איז צוערשט אַריינגעטראָטען אין דער אַרמיי, אום צו דינען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם באַריהמטען שפּאַנישען קריגס־פיהרער גאָנסאַלוואָ דע קאָרדאָוואָ אין נעאַפּאָל. אָבער פאַר דער אָפּרייזע פון דער פלאָטע איז ער גראַדע פאַרוואונדעט געוואָרען דורך אַ פאַל פון אַ דאַך; און ווען ער איז געזונט גע־וואָרען, האָט ער באַשלאָסען צו פאָלגען דעם ביישפּיל פון פילע מוטיגע קאַוואַ־

ליערען אין זיין צייט צו צייגען גבורות און העלדען־טאַטען אין דער נייער וועלט. איינער פון די קרובים פון זיין פאַמיליע איז גראַדע דאַן באַשטימט געוואָרען פאַר דעם גובערנאַטאָר פון סאַן דאָמינגאָ (האַאיטי), וואו עס האָט זיך געפונען די ערשטע פון די שפּאַנישע קאָלאָניעס, וועלכע קאָלאָמבוס האָט געגרינדעט אין וועסט־אינדיען. קאָרטעץ האָט איהם באַגלייט און האָט געקראָגען זיין חלק לאַנד מיט אינדיאַנער שקלאַפען, „רעפּאַרטיעמענטאָ", ווי מען האָט עס גערופען אויף שפּאַניש, אין האַאיטי, אַזוי ווי יעדער שפּאַניער, וועלכער האָט געוואָלט זיך באַזעצען אין אַ קאָלאָניע און ווערען אַ פּלאַנטאַטאָר.

דער גובערנאַטאָר האָט פּאַטראָניזירט זיין קרוב, וועלכער איז געווען אַזוי שעהן און בראַוו, ווי יונג, און האָט איהם געגעבען געלעגענהייטען צו מאַכען געלט. אָבער קאָרטעץ האָט לאַנג ניט געקענט פאַרבלייבען אויף איין אָרט. ער האָט געטרוימט פון ווייטע רייזעס, אַוואַנטיורעס און עראָבערונגען. דאַריבער האָט ער זיך באַטייליגט אין דער עקספּעדיציע, וועלכע איז געשיקט געוואָרען אונטער דער קאָמאַנדע פון דיעגאָ וועלאַסקעץ, אין 1511, נאָך קובאַ. ער האָט זיך דאָרט אַזוי אויסגעצייכענט. אַז וועלאַסקעץ האָט איהם געמאַכט פאַר דעם אַלקאַדע אין סאַנטיאַגאָ און נאַכהער איהם אָנפאַרטרויט די עקספּעדיציע נאָך מעקסיקאָ, ווי מיר ווייסען עס שוין.

פון זיינע „רעפּאַרטיעמענטאָס" אין האַאיטי און קובאַ, וואו ער האָט באַהאַנדעלט די פאַרשקלאַפטע אינדיאַנער און אויך נעגערס, וועלכע מען האָט אָנגעפאַנגען אַלץ מעהר צו אימפּאָרטירען אין אַלע שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס, אַזוי גרויזאַם ווי די אַנדערע קאַוואַליערען, האָט ער אָנגעזאַמעלט אַ היבשע סומע געלט. אָבער ער האָט אויסגעגעבען זיין גאַנצען פאַרמעגען און האָט נאָך געבאָרגט, ווי פיל ער האָט געקענט, אום וואָס בעסער אויסצושטאַטען די עקספּעדיציע נאָך מעקסיקאָ.

נאָך אַלע אָנשטרענגונגען פון וועלאַסקעץ און קאָרטעץ, ווי אויך פון אַנדערע קאַוואַליערען און אַוואַנטיוריסטען, וועלכע האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגענהייט צו ערווערבען זיך אַ גרויסען שם אין דער וועלט און רייכטימער, האָט מען געקענט צוזאַמענברענגען בלויז 11 קליינע זעגעל־שיפען מיט 110 מאַטראָזען און 553 סאָלדאַטען, פון וועלכע נאָר 45 זיינען געווען באַוואָפענט מיט ביקסען. דערצו נאָך האָבען זיי געהאַט אַ צענדליג האַרמאַטען און 16 פערד. אָט מיט דער דאָזיגער „מחנה" האָט זיך עס הערנאַדאָ קאָרטעץ אַ לאָז געטאָן אין נאָוועמבער 1518 צו עראָבערען לענדער, וועגען וועלכע ער האָט שוין געוואוסט, אַז זיי זיינען באַפעלקערט פון שטאַרקע און קריגערישע שטאַמען אונטער דער הערשאַפט פון אַ גרויסען קייזער מיט'ן נאָמען מאָנטעזומאַ. זיין אַדיוטאַנט אַלוואַראַדאָ און עטליכע אַנדערע שווערד־העלדען, וועלכע האָבען זיך באַטייליגט

אין קאָרדאָוואַ'ס און גריכאַלוואַ'ס עקספּעדיציעס, האָבען איהם, נאַטירליך, אי־בערגעגעבען אַלעס, וואָס זיי האָבען געזעהן און געהערט אין צענטראַל־אַמעריקע.

אָבער די קאַוואַליערען און אַוואַנטיוריסטען, וועלכע האָבען זיך אַ שאָט געטאָן צו זאַמלען אוצרות אין די עלדאָראַדאָס פון דער נייער וועלט, האָבען זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע געפאַהרען. מען מעג זאָגען, אַז פאַר זיי איז קיין זאַך ניט געוועזן צו־שווער. זיי האָבען טאַקע באַוויזען אַזעלכע העלדען־טאַטען און גבורות, וואָס שיינען אונז פּשוט אומגלויבליך. די ווירקליכקייט האָט ניט איינמאָל איבערטראָפען די פאַנטאַזיעס אפילו פון די דאָזיגע שווערד־העלדען גופא. עס איז זיכער, אַז קאָרטעז האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, ווי שווער און בלוטיג עס וועט זיין דער קאַמף מיט די אַצטע־קען, אפילו ווען ער האָט שוין פאַר־ברענט זיינע שיפען און אָנגעפאַנגען זיין באַריהמטען מאַרש אויף די בערג צו דער מעקסיקאַנער הויפּט־שטאָט.

קאָרטעז אין פולער באַוואָפנונג
(דער אָריגינאַל געפינט זיך אין נאַציאָנאַלען מוזעאום פון מאַדריד)

פון דער אַנדערער זייט אָבער דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז די דאָזיגע שווערד־העלדען האָבען זיך, נאַטירליך, פאַרלאָזען אויף זייערע פייערשיסענדע און אייזערנע געוועהר, ווי אויך אויף זייער העכערער קריגס־קונסט. פייל־און בויגענס און שטיינער געגען ביקסען און קאַנאָנען; שטיינערנע העק און פּיקעס געגען אייזערנע; הילצערנע שווערדען מיט אַריינגעשטאָכענע שפּיציגע שטיקלעך פון אָבסידיאַן (וואול־קאַנישע גלאָז) און אַנדערע סאָרטען האַרטע שטיינער (אַזעלכע שווערדען זיינען געווען די שטאַרקסטע און געפעהרליכסטע געוועהר פון די אַצטעקען) געגען שטאָלענע שווערדען — דאָס איז פונקט ווי אַ צוזאַמענשטויס פון אַ ליימענעם טאָפּ מיט אַן אייזערנעם. עס ווערט אונז דאַן פאַרשטענדליך, ווי אַזוי עטליכע שווערד־העלדען האָבען געקענט ניט נאָר אויסהאַלטען די פאַרצווייפעלטע אַטאַ־קעס פון טויזענטער אינדיאַנער, נאָר אויך זיי צו פאַריאָגען און אויסשלאַכטען. נאָר ווען מען זאָל אפילו פאַרוואַרפען די שפּאַנישע באַריכטען (און קיין אַנדערע

האָבען דאָך גאָר ניט געקענט בלייבען) אַלס זעהר איבערטריבענע, מוז מען אַלץ צוגעבען, אַז עס איז טאַקע אַ וואונדער, ווי אַזוי אַזאַ געוואַגטע אונטערנעמונג איז שליסליך געלונגען.

ווען קאָרטעץ, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט דעם וועג פון גריכאַלוואַ'ס עקס־פּעדיציע, איז צוגעקומען צו קאָזומעל, אַן אינזעל ביי די ברעגען פון יוקאַטאַן, האָט ער ערפאַהרען דורך צייכענס פון די איינגעבאָרענע, אַז זיי האָבען געזעהן ווייסע מענשען מיט בערד אַלס געפאַנגענע. קאָרטעץ האָט דאַן איבערגעלאָזען אַ בריף מיט אַ שיפעל און עטליכע סאָלדאַטען פאַר זיי. מען האָט טאַקע באַלד אויסגעפונען אַ ווייסען מאַן געקליידעט און טאַטואירט ווי די מאַיאַס, צווישען וועלכע ער האָט שוין געהאַט אָפּגעלעבט זיבען יאָהר. זיין שפּאַנישער נאָמען איז געווען בעראָם ד'אַגילאַר. ער האָט דערצעהלט, אַז אין 1511 איז די שיף, אויף וועלכער ער איז געפאָהרען צוזאַמען מיט אַנדערע אוואַנטיוריסטען, גע־זונקען לעבען די ברעגען פון יוקאַטאַן. ער איז געווען איינער פון די פערצעהן, וועמען עס איז געלונגען צו רעטען זיך דורך שווימען. דער קאַסיק האָט זיי גראַדע גוט באַהאַנדעלט און אויך ניט דערלאָזען, אַז מען זאָל זיי מקריב זיין צו די געטער. זיי זיינען אָבער אַלע אויסגעשטאָרבען אויסער איהם, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ מאַיאַ־ווייב מיט קינדער און האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו לעבען ווי די איינגעבאָרענע, אַז ער האָט זיך אָנפאַנגס אָנטזאָגט צו נעמען אַנטייל אין קאָרטעץ'ס עקספּעדיציע. מען האָט איהם אָבער שנעל איבערגערעדט, און אַזוי ווי ער האָט זיך געקענט צוזאַמענריידען מיט די מאַיאַס, איז ער, נאַ־טירליך, געווען זעהר ניצליך אַלס דאָלמעטשער. דער דאָזיגער פאַל באַווייזט, אַז שפּאַניער האָבען זיך שוין געפונען אין דער נאָכבאַרשאַפט פון מעקסיקאָ וויינינגסטענס מיט אַ יאָהר זיבען פאַר גריכאַלוואַ'ס עקספּעדיציע. אויב מאָנטע־זומאַ און די אַנדערע הערשער אין אַנאַהואַק האָבען דערפון געהערט, בלייבט אַן אָפענע פראַגע.

יעדענפאַלס איז עס זיכער, אַז צו דער צייט, ווען קאָרטעץ איז צוגעקומען צו די ברעגען פון טאַבאַסקאָ, וואו די איינגעבאָרענע האָבען פּרובירט זיך וועהרען און וואו זיי האָבען שנעל זיך אונטערגעגעבען און אפילו צוגעזאָגט אָנצונעמען די קריסטליכע רעליגיע, ווי נאָר זיי האָבען דערהערט די שיסעריי פון ביקסען און דערזעהן די פערד, האָבען די אַצטעקען שוין גענוג געוואוסט פון די וואַנ־דערבאָרע פרעמדע, אום זיך צו שרעקען פאַר זיי זעהר שטאַרק. דער דאָזיגער נאַטירליכער שרעק פאַר אַזעלכע מענשען מיט אַזעלכע געוועהר איז נאָך פאַר־גרעסערט געוואָרען דורך דער מאַכט פון אָבערגלויבען, ספּעציעל דורך די זאָנדער־באָרע לעגענדעס וועגען דעם שוין־דערמאָנטען זונען־גאָט קוועצאַלקאָאַטל.

לויט די דאָזיגע לעגענדעס, האָט קוועצאַלקאָאַטל שליסליך פאַרלאָזען די הויכלענדער פון מעקסיקאָ, וואו ער האָט אויפגעטאָן זעהר פיל גוטס פאַר די פעלקער, וועלכע האָבען פריער געלעבט אין פינסטערניש און ווילדקייט, איז אוועק צו די ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן און איז אַוועקגעשוואומען צו דער פאַבעלהאַפטער מדינה טלאַפאַלאַן. פאַר זיין אָפּרייזע האָט ער אָבער געטרייסט זיינע פאַרטרויערטע באַגלייטער, אַז ער וועט נאָך צוריקקומען, און דאַן וועט זיך אָנפאַנגען, אַזוי־צו־זאָגען, משיח'ס־צייטען. די מעקסיקאַנער האָבען פעסט געגלויבט, אַז ער וועט האַלטען וואָרט און וועט קומען פון מזרח צו ערלייזען זיי פון אַלע זייערע צרות. אַזוי ווי זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט דעם דאָזיגען זונען־גאָט מיט א ווייסער הויט און אויך מיט א לאַנגער באָרד, האָט מען די דאָזיגע לעגענדעס צוזאַמענגעפלאָכטען מיט קאָרטעץ'ן און זיינע באַגלייטער. די דאָזיגע פאַרשטעלונגען, וועלכע שטימען, נאַטירליך, ניט מיט א רויטהויטיגער און באָרדלאָזער ראַסע, וואָלטען געבליבען אינגאַנצען אומערקלערליך, ווען גרינדליכע קולטור־געשיכטליכע נאָכפאָרשונגען איבער מיטהאָלאָגיע בכלל און איבער זונען־געטער בפרט, וואָלטען ניט געצייגט, אַז די געטער, וועלכע האָבען פערזאָניפיצירט די שיינענדע, וואַרעמענדע און אויפלעבענדע קראַפט פון דער זון און וועלכע זיינען דעריבער באַטראַכט געוועזען אַלס ציווילי־זירער און לעהרער, ווי אויך ערלייזער, האָבען זיך אַלע פעלקער געוועהנליך אויך פאָרגעשטעלט אין א העלער געשטאַלט און מיט שטראַלענדע האָר.

נאָר וואָס פאַר א מיינונגען מען זאָל ניט האָבען וועגען דעם אורשפּרונג פון אַזעלכע ערשטוינענדע פאַרשטעלונגען און לעגענדעס, איז עס זיכער, אַז קאָרטעץ, וועלכער איז אויך געווען א געשיקטער דיפּלאָמאַט, איז געווען צופרידען, וואָס די אינדיאַנער האָבען איהם צוערשט אָנגענומען פאַר דעם דאָזיגען אָפּגאָט אַליין אָדער פאַר זיינעם א זוהן. דאָס האָט איהם אויך זעהר פיל געהאָלפען אין זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם הערשער פון די אַצטעקען. דער לעצטער פון די מאָנטעזומאַס איז ערצויגען געוואָרען אַלס פּריסטער איידער ער איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס קעניג, ווי עס האָט זיך געפיהרט ביי די אַצטעקען. ער איז געווען זעהר אַבערגלויביש און פאַנאַטיש. די לעגענדעס וועגען קוועצאַלקאָאַטל האָבען באַזונדערס שטאַרק געווירקט אויף זיין שוואַכער און שרעקעדיגער שטעלונג צו קאָרטעץ'ן, ווי מיר וועלען עס באַלד זעהן.

דער הערשער פון די אַצטעקען, פאַר וועמען אַלע פעלקער אַרום האָבען געציטערט, האָט נאָר געזוכט איינצורעדען די „קינדער פון קוועצאַלקאָאַטל“, אַז זיי זאָלען זיך אָפּטראָגען צוריק אָדער וועניגסטענס ניט אַריינדרינגען אין זיין לאַנד. זיין ערשטער אולטימאַטום איז געווען, ווען ער האָט געקראָגען באַריכטען פון זיינע עסטאַפּעטען וועגען דער לאַנדונג פון קאָרטעץ'ס עקספּעדיציע אין דעם פּאָרט, וואָס טראָגט זייט דאַן דעם נאָמען ווערא קרוז, אַז די אומגעבעטענע

גענסט זאָלען זיך באַלד צוריקציהען. אַזוי איז געווען דער באַשלוס פון דעם שטאַטס־ראַט, וואָס מאַנטעזומאַ האָט צוזאַמענגערופען, אום צו באַשטימען, וואָס מען זאָל טאָן אין אַזאַ אויסעראָרדענטליכען פאַל. אין דער זעלבער צייט האָט ער אָבער געשיקט אַזעלכע טייערע געשאַנקען, אַז דאָס האָט נאָר געקענט נאָך מעהר אויפרייצען דעם באַגעהר פון די שפּאַניער צו פאַרכאַפּען אַזעלכע רייכע לענדער.

אין דער צייט, וואָס מאַנטעזומאַ האָט דורך זיינע שליחים ניט אויפגעהערט צו פאָדערען, אַז די פרעמדע זאָלען פאַרלאָזען זיין לאַנד, האָט קאָרטעץ זיך אַלץ מעהר באַקאַנט מיט די שבטים אין דער נאָכבאַרשאַפט פון ווערא קרוז און האָט געפּלאַנעוועט, ווי אַזוי אַמבעסטען צו דערגרייכען צו דער הויפּט־שטאָט פון די אַצטעקען. ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז די אַצטעקען זיינען פאַרהאַסט געווען ביי די דאָזיגע שבטים פאַר זייערע אונטערדריקונגען און ספּעציעל פאַר די מענשליכע קרבנות, וועלכע זיי פלעגען פאַרלאַנגען אַלס דעם וויכטיגסטען טייל פון דער קריגס־קאָנטריבוציע, ווי מיר ווייסען דאָס שוין. איין טאָג האָט קאָרטעץ געקראָגען די איינלאַדונג פון אַ קאַסיק פון אַן אָרט, וואָס בערנאַל דיאַץ און אַנדערע די באַשרייבער פון דער ערָאָבערונג פון מעקסיקאָ רופען צעמפּאָאַלאַן, צו באַזוכען זיין הויפּט־שטאָט. דערביי האָט ער אויך געלאָזט וויסען, אַז ער איז מאַנטעזומאַ'ס אַ שונא. קאָרטעץ, וועלכער האָט אויסגעקוקט אויף מיטהעלפער צווישען די איינגעבאָרענע געגען דעם הערשער פון די אַצטעקען, האָט זיך, זעלבסטפאַרשטענדליך, באַלד אָנגעכאַפּט אָן אַזאַ געלעגענהייט. אגב האָט ער אויך געוואָלט פאַרלאָזען זיין לאַגער ביי די הייסע און אומגעזונטע ברעגען פון אַטלאַנטישען אָקעאַן און אַריינדרינגען אין די געבירגיגע געגענדען, וואו עס איז קיהל אפילו אין זומער.

די שפּאַניער זיינען אויפגענומען געוואָרען אין צעמפּאָאַלאַן מיט גרויס פרייד. דאָרטען האָט עס קאָרטעץ זיך דערוואוסט פון אַ לאַנד מיט'ן נאָמען טלאַכקאַלאַ, וואו די איינוואוינער האָבען איינגעפיהרט אַ רעפּובליק און זיינען געווען געשוואָרענע שונאים פון די אַצטעקען. ער האָט דאַן גלייך באַשלאָסען אָנצופאַנגען אַ מאַרש צו דעם דאָזיגען לאַנד, אום צו באַנוצען זיך מיט דער הילף פון די דאָזיגע אינדיאַנער רעפּובליקאַנער געגען מאַנטעזומאַ, אויב דאָס וועט נאָר נויטיג זיין פאַר איהם.

דעם 16טען אויגוסט 1519, נאָכדעם ווי קאָרטעץ האָט פאַרבראַכט אום־געפעהר דריי מאָנאַטען אין ווערא קרוז, האָט ער אָנגעפאַנגען דעם באַריהמטען מאַרש צו די הויכלענדער פון מעקסיקאָ, וועלכער האָט זיך געענדיגט אין צוויי יאָהר אַרום מיט דער צעשטערונג פון דער אַצטעקישער אימפּעריע. פאַר זיין אַפּרייזע האָט ער באַגאַנגען אַ טאַט, וועלכע מוז פאַרצייכענט ווערען אַלס איינע פון די זעלטענסטע, מערקווירדיגסטע און געוואָגטסטע אין דער וועלט־געשיכטע.

ער האָט נעמליך פאַרברענט זיינע שיפען, מיט דער אויסנאַם פון דער קלענסטער, אום טאַקע אָפּצושניידען דעם וועג צוריק. ער איז געווען אַנטשלאָסען צו קעמפען ביז'ן לעצטען אָטעם און ער האָט געוואָלט, אַז זיינע סאָלדאַטען זאָלען אויך קוקען דעם מלאך־המות גלייך אין די אויגען אריין אויף יעדען שריט. ער האָט גערעכענט, אַז ווען זיי וועלען וויסען, דאָס זיי קענען גאָר ניט האָפען צו אַנטלויפען, וועלען זיי זיך ניט אָפּשטעלען פאַר קיינע געפאַהרען און וועלען אַלץ מאַרשירען פאָראויס, ביז זיי וועלען שטאַרבען אָדער דערגרייכען זייער ציל — די עראָבערונג פון מעקסיקאָ. זיינע רעכענונגען האָבען זיך ארויסגעוויזען פאַר זעהר קלוגע און ריכטיגע.

פערטער קאַפּיטעל.

דער מאַרש נאָך מאָנטעזומאַ׳ס הויפּט־שטאָט און די „טרויעריגע נאַכט“

די עקזיסטענץ פון טלאַכקאַלאַ ליפערט אונז דעם שטאַרקסטען באַוויז, אַז די מאַכט פון דער אַצטעקישער אימפּעריע איז גאָר ניט געווען אַזוי גרויס, ווי די קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען עס געשילדערט אין זייערע באַריכטען. דאָס איז דער קלענסטער פון די 27 שטאַטען און 3 טעריטאָריעס, אין וועלכע די היינטיגע מעקסיקאַנער רעפּובליק איז פּאָליטיש צעטיילט. טלאַכקאַלאַ פאַרנעמט היינט דעם זעלבען שטח, ווי אין מאָנטעזומאַ׳ס צייט, נעמליך 1595 סקווער מייל (ניט פיל גרעסער פאַר רהאָד איילענד און אומגעפעהר פינף מאָל אַזוי גרויס ווי ניו יאָרק סיטי). נאָך דעם צענזוס פון 1910 צעהלט דער דאָזיגער סטייט 172,315 נפשות. מען מעג מיט זיכערהייט אָננעמען, אַז מיט 400 יאָהר צוריק איז די באַפעלקערונג דאָרטען ניט געווען געדיכטער ווי היינט. דער באָדען איז אַ מאָגערער, ווייניג פרוכטבאַר, און עס קען זיין, אַז דעריבער האָבען די טלאַכקאַלאַנער, וועלכע האָבען געהערט צו דער נאַהואַ־ראַסע און האָבען מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר פאַר דער שפּאַנישער ערָאָבערונג אויסגעוואַנדערט פון אַ געגענד לעבען די וועסטליכע ברעגען פון טעכקוקאָ, געקענט פאַרבלייבען דאָרטען און אָנהאַלטען זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט.

יעדענפאַלס, ווען אַזאַ קליינער און אָרימער שבט אין אַזאַ קליינער און אָרימער געגענד אין אַנאַהואַק, טאַקע אין זעהר נאָהענטער נאַכבאַרשאַפט מיט מאָנטעזומאַ׳ס הויפּט־שטאָט, האָט געקענט אויסהאַלטען די אַטאַקעס פון די אַצטעקען, בלייבט דערפון צו שליסען, אַז די שפּאַנישע באַריכטען זיינען בכלל זעהר איבערטריבענע, באַזונדערס ווען זיי שילדערען זייערע שלאַכטען מיט די אַצטעקען. פאַר דעם הייפעלע שווערד־העלדען אונטער קאָרטעז׳ס קאָמאַנדע זיינען אָבער די דאָזיגע רויט־הויטיגע רעפּובליקאַנער געווען אַ גליק. מען מעג זאָגען, אַז אָהן דער הילף פון די טלאַכקאַלאַנער וואָלט קאָרטעז ניט דערלעבט אַריינצוריישען זיך אין דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט. קיין בעסערע מיט־

העלפער האָט ער גאָר ניט געקענט קריגען געגען מאָנטעזומאַ. זיי האָבען גע־האסט די אַצטעקען ווי דעם טויט.

צוערשט אָבער האָבען זיי גאָר ניט פריינדליך אויפגענומען די שפּאַניער. זייערע אָנפיהרער זיינען ניט געווען אייניג וועגען דעם, ווי אַזוי זיי זאָלען באַגעגענען די פרעמדע. זיי האָבען געפירט וועגען דעם לאַנגע און פייערדיגע דיסקוסיעס. אייניגע האָבען פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל זיך באַנוצען מיט אַזאַ טייערער געלעגענהייט אָפּצורעכענען זיך מיט דעם פאַרהאַסטען הערשער פון די אַצטעקען; אַנדערע האָבען פאָראויסגעזאָגט גרויסע אומגליקען דורך אַ פאַרבאַנד מיט אַזעלכע וואונדערליכע מענשען. קאָרטעז, וועלכער איז נאַטיר־ליך, געווען זעהר אומגדולדיג צו דערגרייכען וואָס־שנעלער דעם ציל פון זיין געוואָגטער אונטערנעמונג, האָט געוואַרט עטליכע טעג אויף דעם ענטפער פון די עלטסטע דאָרטען. אָבער נאָך אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ שבט, וואָס איז גע־ווען פריינדליך צו די מוטיגע רעפּובליקאַנער און וואָס האָט פּרובירט איבערהאַקען דעם וועג די שפּאַניער, האָט ער באַשלאָסען מעהר ניט צו וואַרטען און אַריינ־צורייסען זיך אין זייער הויפּט־שטאָט. דאַן האָבען זיי אָנגענומען דעם ראַט פון די עלטסטע, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף וואָס־שנעלער פאַר־יאָגען און פאַרניכטען די פרעמדע און אויך זיי פאַנגען אַלס קרבנות צו די געטער (די רעליגיע פון די טלאַכקאַלאַנער איז געווען אַ בלוטיגע, ווי ביי אַלע נאַהוא־שבטים, און זיי פלעגען פון צייט צו צייט אויך מקריב זיין מענשען צו די געטער).

דעם 5טען סעפּטעמבער 1519 איז אַזוי געקומען צו אַ שלאַכט צווישען די שפּאַניער און די דאָזיגע אינדיאַנער. די שלאַכט האָט זיך געצויגען פיער שעה און האָט זיך געענדיגט צו גונסטען פון די ערשטע. די טלאַכקאַלאַנער האָבען אָפּגעהאַלטען אַ נייעם ראַט און אָנגעפרעגט די געטער דורך די פּריסטער. אַזוי ווי דער כהן־גדול זייערער האָט ערקלערט, אַז די פרעמדע פון מזרח־זייט זיינען זונען־קינדער און זיינען דעריבער אומבאַזיגבאַר אַזוי לאַנג ווי די זון שיינט, אָבער ביינאַכט פאַרלירען זיי זייער געטליכע גבורה און ווערען געוועהנליכע שטערבליכע, איז עס געבליבען, אַז מען זאָל פּרובירען אַטאַקירען די זונען־קינדער ביינאַכט. ווען די דאָזיגע אַטאַקע האָט זיך אָבער געענדיגט דערמיט, וואָס די טלאַכקאַלאַנער זיינען זיך באַלד צעלאָפען אין שרעק, ווי נאָר די שפּאַניער האָבען אָנגעפאַנגען צו שיסען, האָבען זיי זיך אַזוי ווייט אונטער געגעבען, אַז זיי האָבען אָנערקענט די אויבּערהערשאַפט פון שפּאַנישען קעניג און אפילו אָנגענומען דעם שפּאַנישען גאָט, ווי קאָרטעז האָט עס געפאָדערט.

זייט דאַן זיינען די דאָזיגע מוטיגע רעפּובליקאַנער געוואָרען די טרייעסטע העלפער פון די שפּאַניער. זיי האָבער באַגלייט קאָרטעז'ן אין זיין מאַרש און

האָבען אַנטייל גענומען אין אַלע שלאַכטען, ביז די אַצטעקישע מלוכה איז צעשטערט געוואָרען.

קאָרטעץ איז פאַרבליבען אַ פּאָר טעג אין זייער שטאָט, וואו זיי האָבען געזוכט אַרויסצוצייגען פריינדשאַפט צו די אומבאַזיגבאַרע זונען־קינדער, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אַלטער האַנדעלס־שטאָט טשאָלולאַ, וואו עס האָט זיך געפונען דער גרעסטער און באַריהמטסטער טעמפּעל לכבוד קוועצאַל־קאָאַטל אויף אַ פּיראַמידע, וואָס איז הויך געווען 177 פוס און האָט פאַרנומען אַ שטח פון 45 אַקער. אַזוי ווי די פאַנאַטישע קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען צע־שטערט אַלעס, וואָס זיי האָבען געפונען אין דעם דאָזיגען טעמפּעל, וואוהין, עס פלעגען קומען פּילגרימען פון אַלע ווינקלען פון אַנאַהואַק, ווייס מען עד־היום זעהר ווייניג באַשטימטעס וועגען דער געשיכטע פון דעם דאָזיגען אַלטען צענטער פון דער מעקסיקאַנער קולטור. לויט די באַריכטען פון קאָרטעץ און פון בערנאַל דיאַץ, דעם הויפּט־סעקרעטאַר פון זיין עקספּעדיציע, האָבען זיך אין טשאָלולאַ געפונען 20,000 איינוואוינער, אָבער מאָדערנע היסטאָריקער דענקען, אַז דאָס איז אַזוי איבערטריבען, ווי אַלע באַריכטען, רעכענונגען און אָפּשאַצונגען פון די קאָנקוויסטאַדאָרעס.

אין טשאָלולאַ האָבען די שפּאַנישע שווערד־העלדען געצייגט, ווי ווילד־גרויזאַם זיי קענען זיין און וויפיל בלוט זיי קענען פאַרגיסען אין אַ פּאָר שעה. די איינוואוינער האָבען אויפגענומען די אומגעבעטענע געסט העפליך און זאָגאַר פריינדליך, אָבוואָהל זיי האָבען זיך געפונען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון מאָנטעזומאַ. זיי האָבען געהאַט זייערע אייגענע קאַסיקס. זייער אונטערטע־ניגקייט צו מאָנטעזומאַ האָט זיך אויסגעדריקט אין דער צאָלונג פון אַ געוויסער קאָנטריבוציע. מען ווייס ניט אויף ריכטיג, וואָס די קאַסיקס דאָרטען האָבען באַשלאָסען צו טאָן מיט די פרעמדע אין זייער שטאָט, נאָר קאָרטעץ פאַרזיכערט אין זיין באַריכט, דאָס זיי האָבען געפּלאַנעוועט אַרומצורינגלען פּלוצלונג און אויסשלאַכטען די שפּאַניער. דעריבער האָט ער באַשלאָסען זיי צו באַשטראָפען אַזוי, אַז דאָס זאָל אַרויפיאָגען אַ טויט־שרעק אויף אַלע פעלקער אין אַנאַהואַק. ער האָט צוזאַמענגעקליבען די קאַסיקס און די אָנגעזעהענסטע איינוואוינער אין אַ גרויסען הויף, און נאָכדעם ווי ער האָט באַשולדיגט אין אַ פאַררעטערישער פאַרשווערונג און האָט זיך אַנטזאָגט אויסצוהערען זייערע טענות און ערקלע־רונגען, האָט ער געגעבען אַ סיגנאַל זיי אויסצושלאַכטען. „מעהר פון דריי טויזענד זיינען אומגעקומען אין צוויי שטונדען“, אַזוי שטעהט אין אַ בריף, אין וועלכען קאָרטעץ באַשרייבט די דאָזיגע שוידערליכע בלוט־באָד. די טלאַכקאַ־לאַנער, וועלכע האָבען באַגלייט די שפּאַניער און געהאָלפען אין דער דאָזיגער הריגה, האָבען אויך גערויבט, וויפיל זיי האָבען געקענט אוועקשלעפּען.

ווען מאָנטעזומאַ האָט געקראָגען צו וויסען דורך זיינע שליחים און שפּיאָנען אין טשאָלולאַ וועגען דער דאָזיגער בלוט־באָד, האָט ער נאָך מעהר אָנגעפאַנגען צו ציטערען פאַר אַזעלכע שרעקליכע מענשען. די איינוואוינער פון טשאָלולאַ האָבען דאַן בלינד געפאָלגט, ווי די שפּאַניער האָבען געהייסען. ווען קאָרטעץ האָט פאַרלאָזען טשאָלולאַ, אום פאָרטצוזעצען זיין מאַרש צו דער מעקסיקאַנער הויפּט־שטאָט, איז ער באַגלייט געוואָרען ניט נאָר פון די טלאַכקאַלאַנער, וועלכע זיינען העכסט צופרידען געווען מיט אַזעלכע אומבאַזיגבאַרע פריינד, נאָר אויך פון פילע טשאָלולאַנער. קיינער האָט שוין מעהר ניט געזוכט צו שטערען די „קינדער פון קוועצאַלקאַאטל" אויף זייער וועג צום הערליכען טאָל פון מעקסיקאָ. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער מלוכה פון טעכקוקאָ, איז דער יונגער קעניג קאַקאַמאַצין אַרויס זיי אַנטקעגען מיט רייכע מתנות, נאָר ער האָט געבעטען אין נאָמען פון מאָנטעזומאַ, אַז זיי זאָלען זיך צוריקקערען. קאָרטעץ האָט קורץ און שאַרף געענטפערט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט איהם ניט אָפּהאַלטען פון זיין ציל צו דערגרייכען מאָנטעזומאַ׳ס הויפּט־שטאָט. די אורזאַך, וואָס דער דאָזיגער קעניג האָט אָנגענומען אַזאַ שליחות און פאַרוואָס די טעכקוקער האָבען דאַן געהאַט אַ פיל קלענערע באַדייטונג אין פאַרגלייך מיט די אַצטעקען, איז געווען, וואָס אַ ביטערער קאַמף פאַר דעם טראָן איז געפיהרט געוואָרען צווישען צוויי ברידער, די זיהן פון דעם קעניג נעזאַהואַלפּילי. איינער פון זיי, קאַקאַמאַצין, איז געווען אונטערשטיצט פון מאָנטעזומאַ׳ן, און דער אַנדערער, איכטליל־כאָשטיטל, האָט זיך געווענדעט צו דער הילף פון די שפּאַניער, ווי נאָר קאָרטעץ האָט דערגרייכט טלאַכקאַלאַ. די דאָזיגע אינערליכע רייסערייען אין אַנאַהואַק גופא האָבען נאַטירליך געהאָלפען די שפּאַניער אין דער עראָבערונג פון מעקסיקאָ.

דעם 8טען נאָוועמבער 1519, קנאַפּע דריי מאָנאַטען נאָך זיין אָפּפאָהר פון וועראַ קרוז, איז קאָרטעץ אַריין אין טענאָטשטיטלאַן מיט זיינע שווערד־העלדען און פערד, באַגלייט פון עטליכע טויזענד טלאַכקאַלאַנער, וועלכע וואָלטען קיינמאָל ניט געוואָגט צו ציינען זייערע נעזער דאָרטען, וואו מען פלעגט זיי געוועהנליך אָפּפערען צו די געטער, ווען נאָר די אַצטעקישע קריגער פלעגען האָבען דאָס מזל צו פאַנגען איינעם פון זיי לעבעדיגערהייד. מאָנטעזומאַ אַליין, אַרומגערינגעלט פון פּרינצען און די וויכטיגסטע קאַסיקס און גענעראַלען, אַלע געקליידעט אין זייערע טייערסטע צערעמאָניע־קאָסטיומען, האָט אויפגענומען די אומגעבעטענע געסט אין איין פּלאַץ פון זיין הויפּט־שטאָט. קאָרטעץ איז רעספּעקטפול צוגעגאַנגען צו מאָנטעזומאַ׳ן און האָט אָנגעטאָן אויף זיין האַלז אַ גאָלדענע קייט מיט קאָלירטע פּאַטשערקעס. מאָנטעזומאַ האָט העפליך באַגריסט די פרעמדע און באַמערקט, אַז אַזוי איז גאָט׳ס ווילען. דאַן האָט ער זיך צוריקגעצויגען

מיט גרויסע צערעמאניעס, איבערלאזענדיג צוויי פרינצען צו באגלייטען די שפאניער צו דעם פאלאץ, וואס איז באשטימט געווארען פאר זיי.

אויפ׳ן וועג צו דעם דאזיגען פאלאץ האט געהערשט א טויטע שטילקייט, וועלכע האט פאראויסגעזאגט א בלוטיגען שטורעם. מאנטעזומא האט באגריסט די „קינדער פון קוועצאלקאאטל“, ווייל ער האט זיך אנדערש ניט געקענט העלפען, אבער זיינע אונטערטאנען האט ער שטרענג באפוילען ניט צו באווייזען זיך אין די גאסען, ווען די פרעמדע וועלען אריינטרעטען. זיי האבען געפאלגט, און קארטעץ האט פארשטאנען, אז דאס איז א ווארנונג פאר איהם.

די שווערד־העלדען האבען פון זייער זייט געקוקט מיט זעהר פארדעכטיגע אויגען ארום זיך. די ערשטע זאך האבען זיי באפעסטיגט דעם פאלאץ, וואו זיי האבען געלאגערט צוזאמען מיט די טלאכקאלאנער, און אויסגעשטעלט א וואך צו זיין געזיכערט געגען א פלוצליכען איבערפאל, אויף וועלכען זיי האבען זיך געמעגט ריכטען צו יעדער צייט. קארטעץ האט געזוכט צו געווינען די פריינדשאפט פון דעם אצטעקישען קעניג, וועלכער האט אלץ שטארקער גענומען גלויבען, אז ער האט טאקע צו טאן מיט קוועצאלקאאטל׳ס קינדער, און אז מען דארף זיי דעריבער פאלגען. קארטעץ האט גאנץ גוט פארשטאנען, אז ער טאר קיין מינוט ניט פארלירען, ביז ער וועט דערגרייכען זיין רעליגיעז־פאליטישען צוועק, נעמליך: צו שטעלען די אצטעקישע מלוכה אונטער דעם שפאנישען פלאג און צו באוועגען מאנטעזומא׳ן און זיינע אונטערטאנען אנצונעמען די קריסטליכע רעליגיע.

מאנטעזומא (נאך אן אלטער צייכענונג)

וויפיל ער האט זיך געקענט צוזאמענריידען דורך א דאלמעטשער מיט דעם אצטעקישען הערשער, האט ער געזוכט צו ערקלערען די קריסטליכע לעהרע. די אונטערהאנדלונגען זיינען געפיהרט געווארען דורך אן אצטעקישער פרוי, וועלכע איז בעריהמט געוועזן אין דער געשיכטע פון מעקסיקא. ווען קארטעץ האט זיך געפונען אין טאבאסקא, האט ער געקראגען צוזאמען מיט אנדערע מתנות פון דעם קאסיק אויך א צוואנציג יונגע שקלאפינס צו באקען און צו קאכען פאר די שפאניער. ער האט גלייך געהייסען זיי אפטויפען. צווישען זיי האט זיך געפונען איינע, וואס האט געשטאמט פון

אן אנגעזעהענער אצטעקישער פאמיליע, נאר וואס איז פארקויפט געווארען פון איהר מוטער פאר א שקלאפין צו רייזענדע האלענדער, וועלכע האבען איהר געבראכט נאך טאבאסקא און דארטען פארקויפט צום קאסיק. ביים טויפען האט זי געקראגען דעם נאמען מארינא, וואס די אינדיאנער האבען אויסגע־שפראכען מאלינא, ווייל אין זייערע שפראכען פעלט דער קלאנג „ר“. מען האט זיך ניט אומגעקוקט אויף איהר מעהר, ווי אויף די אנדערע שקלאפינס, ביז די שפאניער האבען זיך צוזאמענגעטראפען מיט די אצטעקען. אגילאר האט זיך נאר געקענט צוזאמענריידען מיט די מאיאס, אבער האט ניט פארשטאנען א ווארט פון די נאהוא־דיאלעקטען. ווען מען האט באמערקט, אז מארינא פיהרט א געשפרעך מיט די אנגעקומענע אצטעקען, האט מען איהר גלייך גערופען צו קארטעץ'ן, און זי איז ניט נאר געווארען די דאלמעטשערין, נאר אויך די פרוי פון דעם שפאנישען קאמאנדיר. ביז די אצטעקישע מיידעל, וועלכע האט ארויס־געוויזען זעהר גרויסע פעהיגקייטען, האט אויסגעלערענט די שפאנישע שפראך, פלעגט זי צוערשט איבערזעצען פון אצטעקיש אין דער מאיא־שפראך, וועלכע אגילאר האט אויסגעלערנט אין זיין געפאנגענשאפט, און ער פלעגט שוין אי־בערזעצען אין שפאניש.

ביי אזא דאפעלטער איבערזעצונג האבען נאטירליך געמוזט פארקומען מיספארשטענדעניסען, בפרט נאך ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען רעליגיע און אנדערע הויכע ענינים. דאס האט אבער א האר ניט אפגעהאלטען קאר־טעץ'ן פון זיין פאנאטישען באגעהר צו באקעהרען וואס־שנעלער מאנטעזומא'ן דורך דער פארמיטלונג פון דער דאזיגער געוועזענער שקלאפין. דער אצטעקישער הערשער האט ניט געקענט פארשטעהן פון מארינא'ס מויל, וואס דאס איז אזוינס קריסטענטום און מיט וואס דאס אונטערשיידעט זיך פון זיין רעליגיע, אויסער נאטירליך. וואס די רעליגיע פון שפאניען איז געווען אנטשידען ניט נאר געגען מענשליכע קרבנות, נאר בכלל געגען בלוט־פארגיסונגען ביים גאטעס־דינסט. און אויב ער האט עפעס געקענט דערגעהן דורך איהרע איבערזעצונגען, האט ער עס געוויס געהאלטען ביי זיך און געצייגט דורך זשעסטען, אז ער ווייס ניט, וואס קארטעץ וויל האבען פון איהם. קארטעץ איז אבער ניט נאר געווארען אלץ אומגעדולדיגער מיט יעדען טאג, וואס ער האט פארבראכט אין דער אצטע־קישער הויפט־שטאט, וואו די גאנצע באפעלקערונג האט געקוקט פיינדליך אויף די פרעמדע, נאר ער האט זיך אויך אנגעפאנגען אלץ מעהר צו שרעקען פאר א פלוצליכען איבערפאל.

דעריבער האט ער געפאסט א באשלוס, וואס מוז ארויסרופען באוואונדע־רונג. ער האט, נעמליך, באשלאסען ארייננצוקריגען מאנטעזומא'ן אין זיינע הענד. באנוצענדיג זיך מיט דער געלעגענהייט, וואס איינינע קאסיקס זיינען

געוועז פאַרמישט אין דער ערמאָרדונג פון עטליכע שפּאַניער לעבען ווערא קרוז, האָט קאָרטעץ צוערשט פאַרלאַנגט, אַז מאָנטעזומא זאָל הייסען זיי באַשטראָפען דערפאַר מיט'ן טויט, און נאָכהער האָט ער קורץ און שאַרף געזאָגט, אַז עס וואָלט איבערהויפּט געוועזן בעסער, ווען דער קעניג אַליין זאָל זיך אַריבערציהען אין דעם פּאַלאַץ, וואו די שפּאַניער האָבען זיך געפונען. מאָנטעזומא האָט ניט געגלויבט זיינע אויערען, ווען ער האָט דערהערט אַזאַ פאָרשלאַג. ער האָט זיך נאַטירליך אַנטזאָגט. קאָרטעץ האָט געזוכט איהם איינצוריידען מיט גוטען. אָבער וועלאַסקעץ דע לעאָן, איינער פון קאָרטעץ'ס אַדיוטאַנטען, וועמען עס איז איבערדריסיג געוואָרען צו הערען די טענות, האָט אויסגעשריען, אַז מען דאַרף פּשוט כאַפּען און אוועקשלעפּען מאָנטעזומאַ'ן מיט געוואַלט. דאָס האָט זעהר שטאַרק איבערגעשראָקען און אויך נידערגעשלאָגען דעם אַצטעקישען הערשער. מען ווייס ניט, וואָס ער האָט בשעת מעשה געטראַכט און געפיהלט, נאָר עס איז אַ פאַקט, אַז ער האָט נאָכגעגעבען און געלאָזט זיך אוועקפיהרען פון די שפּאַניער.

אַזוי איז דער קעניג פון די אַצטעקען, וועמעס נאָמען עס פלעגט אַרויפיאָגען אַ שרעק אויף אַלע אַרומיגע פעלקער, אַריינגעקראָכען אין קאָרטעץ'ס הענט. עס קען זיין, אַז דורך דער דאָזיגער מערקווירדיגער פּאַסירונג וואָלט עס קאָרטעץ'ן מאַקע געלונגען אויסצופיהרען זיין געוואָגטען פּלאַן פרידליך און יעדענפאַלס אָהן גרויסע בלוט־פאַרגיסונגען און אָהן דער צעשטערונג פון דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט, ווען ער וואָלט ניט געווען געצוואונגען זיך אַ לאָז צו טאָן צוריק מיט אַ טייל פון זיינע שווערד־העלדען נאָך ווערא קרוז, וואו עס האָט געלאַנדעט אַן אַנדער שפּאַנישע עקספּעדיציע, וועלכע דער גובערנאַטאָר פון קובאַ האָט אַרויסגעשיקט, אום איהם אַרונטערצוזעצען. מען דאַרף וויסען, אַז דער דאָזיגער גובערנאַטאָר האָט חרטה געקראָגען, וואָס ער האָט אָנפאַרטרויט די עקספּעדיציע נאָך מעקסיקאָ צו קאָרטעץ'ן, ווי נאָר זי האָט פאַרלאָזען האַוואַנאַ, און אַז ער האָט גלייך געשיקט אַ שיף מיט אַ באַפעהל, אַז קאָרטעץ זאָל זיך צוריקקעהרען. די דאָזיגע שיף האָט אָנגעיאָגט קאָרטעץ'ס שיפען, און איהר קאַפּיטאַן האָט איבערגעגעבען דעם גובערנאַטאָר'ס באַפעהל; אָבער קאָרטעץ צוזאַמען מיט זיינע שווערד־העלדען האָבען זיך אַנטשידען אַנטזאָגט צו פאָלגען. דורך דעם איז קאָרטעץ'ס פּאָזיציע געוואָרען אַ סך אומרעגעלמעסיגע און אומגעזעצליכע. ווען ער וואָלט דורכגעפאַלען, וואָלט ער נאָך פאַרפאָלגט געוואָרען פאַר אומגעהאָרכזאַמקייט. ווען ער וואָלט אַריינגעפאַלען אין דעם גובערנאַטאָר'ס הענט, וואָלט ער שוין אַ לעבעדיגער פון זיי ניט אַרויסגעקומען.

קאָרטעץ האָט דעריבער באַשלאָסען צו האַנדלען ווייטער אייגענהענטיג און פּשוט צו פאַריאָגען דעם גובערנאַטאָר'ס שליח. דאָס איז איהם שנעל געלונגען.

ער איז פֿלוצלונג באַפֿאַלען דעם לאַגער פֿון דער נייער עקספּעדיציע און האָט געפֿאַנגען דעם קאָמאַנדיר נאַרוואַעץ מיט דעם גרעסטען טייל פֿון זיינע העלפֿער. נאָכהער האָט קאָרטעץ איינינע פֿון זיי איינגערעדט און אַנדערע געצוואונגען צוצושטעהן צו איהם. ער איז דעריבער שטאַרקער געוואָרען אויף דער רעכענונג פֿון דעם קובאַנער גובערנאַטאָר. אויסער נייע סאָלדאַטען און אַ סך געוועהר, האָט ער אויך צוגעקראָגען פֿערד, אין וועלכע ער האָט זיך באַזונדערס גענויטיגט. זיין קליינע קאַוואַלעריע האָט געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע אין די שלאַכטען מיט די אַצטעקען.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט אַזוי שנעל, ווי ער האָט עס נאָר געקענט, האָט ער געפֿונען, אַז זיין שטעל־פֿאַרטרעטער, דאָן פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, האָט מיט זיינע ווילדע און גרויזאַמע האַנדלונגען אַזוי אויפֿגעבראַכט די גאַנצע באַפֿעלקערונג, אַז דער לאַגער פֿון די שפּאַניער איז אַרומגערינגעלט און באַפֿאַלען געוואָרען פֿון אַ צערייצטער מאַסע. אַלוואַראַדאָ איז געווען אַ גוטער סאָלדאַט און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין העלדישען מוט אַפֿילו צווישען די אַוואַנטיוריסטען, וועלכע האָבען צו יעדער מינוט ריזיקירט מיט זייערע לעבענס; אָבער איהם האָט געפֿעהלט דער טאַקט, ווי אויך דער געזונטער פֿאַרשטאַנד פֿון קאָרטעץ׳ן. אָהן קאָרטעץ׳ן וואָלט דער שפּאַנישער לאַגער צעשטערט געוואָרען, און אַלע שווערד־העלדען וואָלטען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען אָדער געבראַכט געוואָרען אַלס אָפּפֿער צו הויצילאָפּאָטשטלי, ווען נאָר די אַצטעקען וואָלטען זיי געפֿאַנגען לעבעדיגערהייד.

אַפֿילו נאָכדעם ווי קאָרטעץ איז אָנגעקומען מיט פֿאַרשטאַרקונגען פֿון ווערא קרוז, האָט זיך די אַטאַקע פֿון די אַצטעקען געענדיגט אַזוי טרויעריג פֿאַר די שפּאַניער, אַז זי טראָגט אין דער געשיכטע פֿון דער עראָבערונג פֿון מעקסיקאָ דעם נאָמען **La noche triste** (טרויעריגע נאַכט). צוערשט האָט קאָרטעץ פּראָבירט פֿאַריאָגען די אַצטעקישע קריגער, וועלכע האָבען באַלאַגערט דעם פּאַלאַץ, וואו די שפּאַניער צוזאַמען מיט מאָנטעזומאַ האָבען זיך געפֿונען. אָבער יעדעס מאָל האָט ער זיך געמוזט צוריקציהען מיט אַלץ קלענערע צאָלען פֿון זיינע סאָלדאַטען. פֿאַר דעם טויט פֿון יעדען שפּאַניער האָבען די אַצטעקען באַצאָלט מיט צענדליגער און אפשר הונדערטער פֿון זייערע, אָבער עס זיינען דאָך אַלץ געבליבען צענדליגער טויזענטער פֿאַר דער ווייטערער באַלאַגערונג.

ענדליך האָט קאָרטעץ באַוואויגען און אפשר געצוואונגען מאָנטעזומאַ׳ן אַרויסצוגעהן אויף דעם פּלאַכען דאַך פֿון דעם פּאַלאַץ צו ציינען זיך פֿאַר זיינע אונטערטאַנען און צו בעטען זיי, אַז זיי זאָלען אויפֿהערען צו באַפֿאַלען די שפּאַניער. אָבער ווען ער האָט זיך באַוויזען אין זיינע קעניגליכע קליידער, באַגלייט

פון זיינע הויפּלייט, און האָט אָנגעפאַנגען צו ריידען צום עולם, וואָס האָט איינ־געהאַלטען דעם אָטעם, אום צו הערען, וואָס ער וויל זאָגען, האָט אויסגעבראָכען אַ שטורעם פון ווילדען צאָרן, ווי נאָר מען האָט דערהערט, אַז זיין ראַט איז, דאָס מען זאָל ווערען גוטע פריינד מיט די שפּאַניער. ניט נאָר האָט מען איהם געענטפערט מיט דונערענדע פּראָטעסטען און געשרייען, אַז ער איז אַ פאַררעטער, נאָר מען האָט גענומען שיסען אויף איהם מיט פיילען פון בויגענס און שליידערען שטיינער. איין שטיין האָט איהם אַזוי געטראָפען אין קאָפּ, אַז אין עטליכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבען פון דער דאָזיגער וואונד.

די אַצטעקען האָבען דאַן אויסגעקליבען פאַר זייער קעניג מאַנטעזומאַ'ס ענערגישען ברודער, גוואַטעמאָזין, וועלכער איז גערעכענט געוועזען פאַר אַ פעהיגען קאָמאַנדיר און וועלכער האָט טאַקע געקעמפט מיט אַ פאַרצווייפעלטען מוט געגען די שפּאַניער. די לאַגע פון די שפּאַניער איז געוואָרען אַזוי געפערליך, אַז קאָרטעז האָט, נאָך אַ באַראַטונג מיט זיינע אַדיוטאַנטען, באַשלאָסען צו פאַרלאָזען די אַצטעקישע הויפּט־שטאָט. דער דאָזיגער פאַרצווייפעלטער פּלאַן איז אויסגע־פיהרט געוואָרען אין דער נאַכט פון 1טען יולי 1520, אויף מאָרגען נאָך מאַנטע־זומאַ'ס טויט און אין קנאַפּע אַכט מאָנאַטען נאָך זייער אַריינפאָהר אין טענאָטש־טיטלאַן. דאָס האָט אָבער געקאָסט אַזוי טייער די שפּאַניער, אַז אפילו קאָרטעז אַליין האָט פאַרלוירען דעם מוט און פאַרגאָסען טרערען אין דער דאָזיגער טרוי־עריגער נאַכט. עס איז אַ וואונדער, ווי אפילו איינער פון די שפּאַניער איז דאַן אַרויס אַ לעבעדיגער פון דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט, וואו פילע בריקען איבער די קאַנאַלען און דאַמבעס זיינען צעשטערט געוואָרען אויף גוואַטעמאָ־זין'ס באַפעהל.

די באַריכטען פון די שפּאַניער איבער זייער פאַרלוסטען אין דער דאָזיגער נאַכט זיינען פאַרשידען. מ'נעמט געוועהנליך אָן, אַז קאָרטעז האָט פאַרלאָרען 450 פון זיינע שווערד־העלדען, 4000 פון די טלאַכקאַלאַנער און אַנדערע אינדיאַנער, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו די שפּאַניער, און אויך 26 פערד און איניגע קאַנאָנען. ווי גרויס עס איז געווען דער פאַרלוסט פון די אַצטעקען, וועט שוין בלייבען אַן אייביגע געהיימניס. מען קען זיך פאָרשטעלען, אַז טויזענטער פון זיי זיינען געפאַלען פון די ביקסען, קאַנאָנען, פערד און שווערדען פון די פאַר־צווייפעלטע שפּאַניער.

מען רעכענט, אַז דער פאַרלוסט פון די שפּאַניער וואָלט אין דער דאָזיגער „נאָטשע טריסטע" געווען פיל גרעסער, ווען די אַצטעקען וואָלטען ניט געזוכט אַליץ צו פאַנגען די שפּאַניער לעבעדיגערהייט, אום זיי מקריב צו זיין אויף דעם בלוטיגען מזבח פון זייער שוידערליכען קריגס־גאָט. איניגע שווערד־העלדען

האָבען טאַקע געהאַט דעם אומגליק געפאַנגען צו ווערען פון די אַצטעקען, און מען דערצעהלט, אַז קאָרטעץ אַליין האָט מיט בלוטיגע טרערען אין די אויגען געזעהן פון דער ווייטענס, ווי די אַצטעקישע פּריסטער האָבען געטריבען אייניגע נאַקעטע שפּאַניער אויף די טרעפּ פון דעם גרויסען טעאָקאַלי צום מזבח פון הויצילאָפּאָטשטלי, און ווי מען האָט אַרונטערגעשליידערט זייערע קערפּערס צו דער ווילדער מענגע אַרום. מען קען זיך פאָרשטעלען, ווי עס איז איהם און די אַנדערע לעבען־געבליבענע שפּאַניער געווען אויפ'ן האַרצען, ווען זיי האָבען געמוזט צוזעהן אַזעלכע שוידערליכע סצענעס. ניט אומזיסט ווערט די דאָזיגע נאַכט גערופען „נאָטשע טריסטע“.

פינפטער קאַפּיטעל.

די צעשטערונג פון דער אַצטעקישער מלוכה

נאָך דער דאָזיגער שוידערליכער נאַכט איז פאַר די שפּאַניער קיין אַנדער אויסוועג ניט געבליבען, ווי צו מאַרשירען צוריק נאָך טלאַכקאַלאַ. קאָרטעז, וועלכער האָט אפילו אַ סעקונדע ניט געטראַכט אויפצוגעבען דעם קאַמף מיט די אַצטעקען, האָט גערעכענט, אַז דאָרטען וועט איהם געלינגען צוזאַמענצוקלייבען נייע קרעפטען פאַר אַן אַטאַקע אויף דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט, פון וואַנען ער האָט זיך קוים גערעטעט מיט גאַנצע ביינער, אָבוואָהל ניט אָהן שום וואונדען. אויפ'ן וועג איז די שפּאַניער אויסגעקומען צו ליידען פּשוט הונגער, ווייל די איינוואוינער פון די דערפלעך אַרום זיינען זיך צעלאָפען אין שרעק אָדער אויף דעם באַפעהל פון דעם נייעם אַצטעקישען קעניג, און וואָס זיי האָבען ניט געקענט מיטשלעפּען, האָבען זיי פאַרניכטעט.

נאָר אין איין אָרט האָבען די אינדיאַנער פּרובירט איבערהאַקען די שפּאַניער דעם וועג. דאָס איז געוועזען לעבען אָטומבאַ. לויט די שפּאַנישע באַריכטען, איז דאָרטען פאָרגעקומען אַ זעהר גרויסע שלאַכט, אין וועלכער די שפּאַנישע שווערד־העלדען און באַזונדערס קאָרטעז האָבען באַוויזען גאָר אויסעראָרדענטליכע גבורות. די באַריכטען וועגען די שלאַכטען ביי אָטומבאַ זיינען געוויס אַזוי איבערטריבען, ווי די אַנדערע, וואָס די קאָנקוויסטאַדאָרעס האָבען איבערגעלאָזען. יעדענפאַלס האָבען די שפּאַניער געקענט פאָרטזעצען נאָך דעם דאָזיגען צוזאַמענשטויס זייער מאַרש נאָך טלאַכקאַלאַ אָהן אירגענד וועלכע באַזונדערע שטערונגען און פּאַסירונגען.

די איינוואוינער פון דער דאָזיגער רעפּובליק זיינען געבליבען טריי צו די שפּאַניער, אָבוואָהל אַ קליינע צאָל פון זייערע קריגער האָבען דערלעבט זיך צוריקצוקערען פון טענאָטשטיטלאַן. קאָרטעז האָט פאַרבראַכט ביי זיי אַ האַלב יאָהר, איידער איהם איז געלונגען צו אָרגאַניזירען אַזאַ מחנה, מיט וועלכער ער האָט געקענט האָפען איינצונעמען די אַצטעקישע הויפּט־שטאָט. אויסער די טלאַכקאַלאַנער זיינען דאַן צוגעשטאַנען צו איהם אַנדערע אינדיאַנער שבטים. באַזונדערס וויכטיג איז געווען פאַר די שפּאַניער די שטיצע פון דעם דערמאָנטען איכטלילכאָטשיטל, וועלכער איז געוואָרען קעניג פון טעכקוקאָ נאָך דעם טויט

פון זיין ברודער, וואָס האָט געקעמפט געגען די שפּאַניער צוזאַמען מיט די אַצטעקען. ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַ גרויסע מחנה און אויך אַ סך שפּייז פאַר דער גאַנצער אַרמיי, וואָס קאָרטעץ האָט צוזאַמענגעבראַכט צווישען די שבטים, וועלכע האָבען געהאַסט די אַצטעקען. לויט די באַריכטען פון די קאָנקוויסטאַדאָרעס, איז די דאָזיגע אַרמיי באַשטאַנען זאָגאַר פון אַ 200,000 מאַן, אָבער דאָס איז זיכער איבערטריבען.

דעם 31טען דעצעמבער 1520 איז קאָרטעץ אָנגעקומען אין טעזקוקאָ, וואו ער איז זעהר פריינדליך אויפגענומען געוואָרען פון דעם קעניג און וואו ער האָט געמאַכט ווייטערע פאָרבאַרייטונגען פאַר זיין אַטאַקע. דאָס האָט איהם גענומען ביז ענדע מאַי 1521, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען די רעגעלמעסיגע באַלאַגערונג פון דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט. צו דער צייט האָט ער אויך געהאַט אַ פלאָטע, וועלכע האָט איהם זעהר פיל געדינט אין דעם פאַרצווייפעלטען קאַמף מיט די אַצטעקען. ווען ער האָט זיך געפונען אין טלאַכקאַלאַ, האָט ער געהייסען אויפבויען אַזעלכע שיפען, וועלכע ער זאָל קענען באַוואָפענען מיט קאַנאָנען און געברויכען צו באָמבאַרדירען די אַצטעקען אויף זייערע אינזלען. אונטער דער לייטונג פון אייניגע שפּאַנישע מאַטראָזען, וועלכע האָבען געהאַט אַ ידיעה אין בויען שיפען, האָבען די אינדיאַנער דאָרטען פלייסיג געאַרבייט און פאַרטיג געמאַכט אַ פלאָטע פון דרייצען אַזעלכע גרויסע און שטאַרקע זעגעל־שיפען, וועלכע די מעקסיקאַנער האָבען פריער קיינמאָל ניט געזעהן. ביי דער דאָזיגער בויאונג הט מען זיך באַנוצט מיט שטיקער און טיילען פון די שפּאַנישע שיפען, וועלכע זיינען געבליבען ליגען ביי די ברעגען פון ווערא קרוז.

טויזענטער אינדיאַנער אין טעזקוקאָ האָבען געאַרבייט ווי בינען אונטער דער קאָמאַנדע פון שפּאַניער ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון די דאָזיגע שיפען און ביי דער אַרונטערלאָזונג אין דעם וואַסער פון דער אָזערע מיט דעם זעלבען נאָמען. קאָרטעץ האָט צעטיילט זיין אַרמיי אין דריי דיוויזיעס אונטער דער קאָמאַנדע פון זיינע בעסטע און פעהיגסטע אַדיוטאַנטען, פּעדראָ דע אַלוואַראַדאָ, קריסטאָבאַל דע אָליד און גאָנזאַלאָ דע סאַנדאָוואַל, וועלכע האָבען זיך אַלע אויך אויסגעצייכענט אין שפּעטערע עקספּעדיציעס. אַליין האָט ער איבערגענומען ספּעציעל די קאָמאַנדע איבער דער פלאָטע.

דער יונגער אַצטעקישער קעניג, גוואַטעמאָזין, האָט אויך ניט געדרעמעלט. ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַלע זיינע קרעפטען און אָנגעגרייט אַזוי פיל שפּייז אין זיין הויפּט־שטאָט, וויפיל ער האָט נאָר געקענט. די גאַנצע שטאָט איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מיליטערישען לאַגער. יונג און אַלט, ווי אויך פרויען, האָבען געהאָלפען די קריגער, און אַלע האָבען געקעמפט מיט אַ ווילדער

און פאנאטישער פארצווייפלונג. די באלאגערונג האט זיך געצויגען אכציג טעג. קארטעז האט געפיהרט די אטאקע פון אלע זייטען. נאך יעדער אטאקע פלעגען טויזענטער אצטעקען פאלען פון די קאנאנען, ביקסען און שווערדען פון די שפא־ניער, ווי אויך פון די פיילען, שטיינער און אנדערע געוועהר פון די טלאכקאלא־נער און אנדערע אינדיאנער מיטהעלפער. די טעמפלען זיינען צעשטערט און פארברענט געווארען. גאנצע גאסען און קווארטאלען זיינען פארניכטעט גע־ווארען. די אינדיאנער־מיטהעלפער פלעגען רויבען, פארברענען הייזער און שלאכטען אויך פרויען און קינדער פון די אצטעקען. די שיפלעך פון די אצטעקען זיינען געזונקען געווארען פון קארטעז'ס שיפען. פילע קאנאלען זיינען פאר־שאטען געווארען מיט די חורבות פון די טעמפלען און הייזער, אום צו שאפען א בעסערען וועג פאר די אטאקירענדע. דערצו נאך האבען די באלאגערטע געלי־טען שרעקליך פון הונגער. דאך האבען זיי זיך ניט געוואלט אונטערגעבען, ביז א שיפעל, אויף וועלכען גוואטעמאזין האט זיך געפונען, איז אנגעיאגט און ארומגערינגעלט געווארען פון די שפאנישע שיפען. זעהענדיג, אז ער קען זיך שוין ניט ארויסדרעהען א לעבעדיגער פון די שפאנישע הענט, האט ער אויסגע־שריען: „איך בין גוואטעמאזין, פיהרט מיך אוועק צו אייער קאמאנדיר!"

דאס איז געשעהן דעם 13טען אויגוסט 1521, קנאפע דריי יאהר נאך קאר־טעז'ס אפרייזע פון קובא און נאהענט פון צוועלף מאנאטען נאך דער „נאטשע טריסטע". דאן האבען זיינע אונטערטאנען אויפגעגעבען דעם קאמף. די שטאט איז אבער געווען אזוי צעשטערט, און אזוי פיל קערפערס האבען זיך געוואלגערט צווישען די חורבות, אז קארטעז האט זיך געמוזט צוריקציהען מיט זיין זיגרייכער ארמיי אין א פארשטאט. אין טענאטשטיטלאן גופא זיינען דאן זעהר ווייניג לעבעדיגע נפשות פארבליבען. ווער עס האט נאר געקענט, איז אנטלאפען אין די בערג און געגענדען ארום. קארטעז האט אבער באשלאסען, אז די הויפט־שטאט פון די אצטעקען זאל פארבלייבען די הויפט־שטאט פון מעקסיקא אונטער דער שפאנישער הערשאפט און דעריבער האט ער באלד געהייסען באגראבען די טויטע, אפראמען די חורבות און אויפשטעלען נייע געביידעס.

אנפאנגס זיינען גוואטעמאזין מיט די אנדערע געפאנגענע פרינצען און קאסיקס פיין און איידעל באהאנדעלט געווארען פון די זיגער. אבער ווען די שווערד־העלדען האבען ניט געפונען די אוצרות, אויף וועלכע זיי האבען זעהר פיל גערעכענט, בשעת זיי האבען געשטעלט אין קאן זייערע לעבענס אין דעם לאנגען און פארצווייפעלטען קאמף מיט די אצטעקען, האבען זיי אנגעפאנגען צו שרייען, אז די אצטעקען האבען ערגעץ באהאלטען די איידעלע מעטאלען און צירונגען, און צו פאדערען, אז מען זאל די הויכע געפאנגענע פייניגען.

אום זיי זאָלען אָנצייגען דעם באַהאַלטענעם אָרט. מען דערצעהלט, אַז קאָרטעץ האָט דאַן געלאָזען פּייניגען אויך דעם אַצטעקישען קעניג צוזאַמען מיט דעם קעניג פון דער קליינער מלוכה טלאַקאַפּאַן. די געפּייניגטע האָבען ערקלערט, אַז אַלע צירונגען זיינען אַפּנים אַריינגעשליידערט געוואָרען אין וואַסער. די שפּאַניער האָבען דאַן געיאָגט אינדיאַנער צו זוכען אויפ'ן גרונד פון דער אָזערע, אָבער מען האָט קיין גאָלד און זילבער ניט געפונען. אויב עס האָבען זיך ווען־עס־איז געפונען אוצרות אין דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט, בלייבט עס אַ געהיימניס ביז היינט־צו־טאָג.

נאָך דער צעשטערונג פון דער אַצטעקישער מלוכה איז שוין לייכט געווען פאַר די שפּאַניער איינצונעמען די מלוכות און לענדער אַרום. קאָרטעץ, וועלכער האָט זיך אַליין ערקלערט פאַר דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פון אַלע לענדער, וועלכע האָבען געקראָגען דעם אַלגעמיינעם נאָמען ניי־שפּאַניען, האָט אַרויסגעשיקט מיליטערישע עקספּעדיציעס און אויך פרידליכע שלוחים צו די פעלקער אַרום, אַז זיי זאָלען אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון שפּאַנישען קעניג. ער האָט דערביי ווידער אַרויסגעצייגט זיינע גרויסע פעהיגקייטען אַלס קאָמאַנדיר און אַלס דיפּלאָמאַט. ער האָט נאָר אָנגעווענדעט געוואַלט, ווען ער האָט ניט געקענט אויספיהרען מיט פרידליכע מיטלען. ער האָט צו־רוה געלאָזען אַזעלכע קעניגען אין מעקסיקאָ, וועלכע האָבען זיך גלייך אונטערגעגעבען און געצייגט זייער טרייהייט צו די נייע הערשער. אין פאַרלויף פון דריי יאָהר האָט ער אַזוי פאַרשפּרייט זיין הערשאַפט אין נאָמען פון שפּאַנישען קעניג, ביי וועמען ער האָט דאַן גאָר ניט געדענקט עפּעס אָנצופרעגען, איבער דעם גאַנצען שטח פון דער היינטיגער מעקסיקאַנער רעפּובליק און אויך איבער געגענדען ווייטער צו צפון און צו דרום.

קריסטאָבאַל דע אָליד, איינער פון זיינע הויפּט־אַדיוטאַנטען, וועלכער האָט דערגרייכט ביז האָנדוראַס, האָט דאָרטען גאָר געוואָלט גרינדען אַן אייגענע מלוכה. דאָס האָט אָבער שנעל געפיהרט צו זיין טויט. און קאָרטעץ האָט דאַן באַשלאָסען אַליין צו מאַרשירען נאָך האָנדוראַס. אויף דעם דאָזיגען וועג האָט דער דאָזיגער מערקווירדיגער מאַן באַגאַנגען אַ גרויל־טאַט, פאַר וועלכע אַלע זיינע ביאָגראַפען פאַרדאַמען איהם באַזונדערס און וועלכע זאָל אויך האָבען געדריקט זיין געוויסען אַ לאַנגע צייט, לויט די פאַרזיכערונגען פון אייניגע פון זיינע שווערד־העלדען. ווען ער איז שוין געווען ווייט פון מעקסיקאָ גופא, האָט ער מיטאַמאָל ערקלערט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ פאַרשווערונג פון די אַצטעקען געגען די שפּאַניער. אין דער דאָזיגער פאַרשווערונג האָט ער ספּעציעל באַשולדיגט דעם אַצטעקישען קעניג, וועלכען ער האָט מיטגעשלעפּט צוזאַמען מיט אַנדערע וויכטיגע געפאַנגענע. מען ווייס ניט, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען,

און אויב דער פאַרדאַכט פון די שפּאַניער האָט טאַקע געהאַט עפּעס אַ ראַיעלען גרונד.. עס איז זעהר מעגליך, אַז קאָרטעץ האָט זיך געוואָלט באַנוצען מיט אַ גינסטיגער געלעגענהייט פּטור צו ווערען פון דעם אַצטעקישען הערשער ווייט פון זיין געוועזענער מלוכה. אַזוי לאַנג ווי גוואַטעמאָזין האָט געלעבט, האָבען די שפּאַניער געהאַט צו רעכענען, טאָמער וועט איהם געלינגען זיך אַרויסצורייסען פון געפאַנגענשאַפט און אַרויסרופען אַן אויפשטאַנד. עס פאַרשטעהט זיך, אַז גוואַטעמאָזין איז שטענדיג געווען אונטער אַ שטרענגער אויפזיכט פון די שפּאַניער. קאָרטעץ האָט איהם מיטגענומען אויף זיין וועג נאָך האָנדוראַס, ווייל ער האָט איהם אפילו אויף אַ מינוט ניט געוואָלט אַרויסלאָזען פון זיינע הענט. יעדענפאַלס האָט זיך די קלאַגע אין אַ פאַרשווערונג געענדיגט דערמיט, וואָס גוואַטעמאָזין צוזאַמען מיט אַ פּאָר קלענערע קעניגע זיינען פאַראורטיילט געווארען צום טויט פון אַ קריגס-געריכט פון עטליכע שווערד-העלדען אונטער דעם פאָרזיץ פון קאָרטעץ גופא און אויפגעהאַנגען געוואָרען אויף אַ בוים נאָכדעם, ווי מען האָט זיי שרעקליך געפּייניגט.*)

*) אין 1889 האָט מען אין דער הויפּט-שטאָט פון מעקסיקאָ אויפגעשטעלט אַ ריזיגע סטאַטוע פון דיזען לעצטען אַצטעקישען קעניג מיט זעהר גרויסע צערעמאָניעס. דער גובערנאַטאָר פון טלאַכקאַלאַ האָט דערביי געהאַלטען אַ רעדע אין דער אַצטעקישער שפּראַך.

זעקסטער קאַפּיטעל.

די קאָלאָניאַלע צייט

ווי נאָר מען האָט געקראָגען אין שפּאַניען באַריכטען וועגען די וואונדער־ליכע גבורות, וואָס קאָרטעץ מיט זיין הייפעלע שווערד־העלדען האָבען באַוויזען אין מעקסיקאָ, האָבען זיך אהין אַ שאָט געטאָן אַנדערע שווערד־העלדען און וואַנטיוריסטען, אום צו „שעפּען גאָלד". אייניגע האָבען זיך אויך אַ לאָז געטאָן צו עראָבערען נייע מלוכות אין דער נייער וועלט, צו פאָלגען דעםביישפּיל פון קאָרטעץ. דאָס האָט אויך גאַנץ שנעל געפיהרט צו דער עראָבערונג פון דער גרעסטער זיד־אַמעריקאַנישער מלוכה אונטער דער קאָמאַנדע פון פראַנציסקאָ פּיזאַראָ, ווי דאָס וועט באַשריבען ווערען, ווען מיר וועלען קומען צו דער גע־שיכטע פון פּערו.

די רעגירונג, וואָס קאָרטעץ מיט זיינע אַדיוטאַנטען האָבען איינגעפיהרט, איז נאַטירליך געווען אַ מיליטערישע. קאָרטעץ איז נאַטירליך געוואָרען דער הויפּט־קאָמאַנדיר און גובערנאַטאָר. ער האָט זיך געפיהרט ווי אַ דיקטאַטאָר. די אינדיאַנער זיינען גלייך פאַרשקלאַפט געוואָרען, מיט דער אויסנאַם בלויז פון די טלאַכקאַלאַנער, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקערט אַהיים מיט די זאַכען, וואָס זיי האָבען צוזאַמענגערויבט אין דער צייט פון דער צעשטערונג פון דער אַצטעקישער הויפּט־שטאָט און וואָס די שפּאַניער האָבען געהאַלטען פאַר ווערט־לאָז. עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די סיסטעם פון „רעפּאַרטימיענטאָס" אָדער „ענקאָמיענדאָס". דאָס איז געווען אַ פאַרטיילונג פון די לענדער צוזאַמען מיט די איינוואוינער צווישען די קאָנקוויסטאַדאָרעס און בכלל צווישען די שפּאַ־ניער. די אינדיאַנער זיינען געווען געצוואונגען צו אַרבייטען אויף די פעלדער און אין די זילבער־מינען פאַר זייערע ווייסע הערשער. זיי זיינען געוואָרען לייבקנעכט אָדער פּאָנסטשיזניקעס אונטער דעם נאָמען „פּעאָנען", וועלכע די מאַסען אין מעקסיקאָ און אין צענטראַל־אַמעריקע טראָגען עד־היום.

נאָך די קאָנקוויסטאַדאָרעס זיינען געקומען די גלחים, וועלכע האָבען זיך אַ נעם געטאָן צו רעטען די נשמות פון די רויטהויטיגע. קאָרטעץ פלעגט אליין

צווינגען די געפאנגענע און באזיגטע אינדיאנער זיך צו טויפען, גאר ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם, אויב זיי האבען עפעס א באגריף וועגען דער דאזיגער קריסטליכער צערעמאניע. צוזאמען מיט זיין ערשטען באריכט צום שפאנישען קעניג, וועלכער איז אויך געווען דער קייזער פון דייטשלאנד אונטער דעם נאמען קארל דער פינפטער, האט ער געשיקט א ביטע, אז מען זאל וואס־שנעלער ארויסשיקען מיסיאנערען צו באקערען און באלערנען די איינגעבארענע. צוערשט זיינען געקומען די פראנציסקאנער גלחים (אין 1524), נאכדעם אנדערע קאטוילישע ארדענס און שפעטער די יעזואיטען, וועלכע האבען זיך די ערשטע צייטען ווירקליך אויסגעצייכענט מיט א טיפען גלויבען, מיט בלינדער געהארכזאמקייט צום פאפסט, מיט גרויסע פעהיגקייטען צו באקערען ווילדע צום קריסטענטום און אויך מיט אפפערוויליגקייט אין זייער מיסיאנערישער טעטיגקייט (דער דאזיגער באריהמטער ארדען איז, ווי באוואוסט, געגרינדעט געווארען פון דעם שפאניער לאיאלא אין 1534 ספעציעל מיט דעם צוועק צו פארשטארקען און פארשפרייטען דעם קאטאליציזם). די גלחים האבען אין א קורצער צייט אפגעטויפט די אינדיאנער און דערמיט איינגעפיהרט ניט נאר דעם קאטאליציזם, נאר אויך די שפאנישע אויבערהערשאפט אין ניי־שפאניען.

אזו שנעל ווי די גלחים האבען זיך באוויזען, האבען אויך אנגעהויבען צו פאסירען קאטוילישע וואונדער. דער ערשטער פון די דאזיגע וואונדער איז געווען א מעשה, דאס גאט׳ס מוטער האט זיך באוויזען פאר אן אינדיאנער אין גוואדאלופ, א פלאץ לעבען דער הויפט־שטאט פון מעקסיקא. צום אנדענקען פון דעם דאזיגען נס האט מען דארטען אויפגעבויט א קירכע, וועלכע ציהט־צו פילגרימען פון אלע עקען פון מעקסיקא אין צענטראל־אמעריקע עד־היום. די גלחים פלעגען מיט ווילדען פאנאטיזם צעשטערען ניט נאר די טעמפלען פון די איינגעבארענע, נאר אויך די היעראגליפישע שריפטען; אבער דאך זיינען אין דער קאטוילישער קירכע פון מעקסיקא פארבליבען אבערגלויבענס און געצענדינערישע צערעמאניעס פון די אצטעקען.

די גלחים האבען אבער אויך איינגעפיהרט שולען און געזוכט צו ציוויליזירען די איינגעבארענע און זיי צו לערנען אייראפעאישע מלאכות. אין 1553 האבען זיי געגרינדעט אן אוניווערזיטעט אין מעקסיקא, אבער מיט 18 יאהר שפעטער האבען זיי אויך איינגעפיהרט די אינקוויזיציע...

אזוי ווי די שפאניער פלעגען געוועהנליך קומען אהן פרויען, זיינען שנעל אנטשטאנען געמישטע ראסען. דאס האט אויך געפיהרט צו א פארטיילונג אין קאסטעס נאך די פארבען פון די געמישטע דורות. די העכסטע קאסטע האבען נאטירליך געבילדעט די ריינע ווייסע. אבער זיי זיינען אויך שנעל צעטיילט

געוואָרען אין צוויי קלאַסען, נעמליך: אין שפּאַניער, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אין איירָאָפּע (זיי האָבען געקראָגען די צונעמענים **Gachupino**, נאָך אַן אַצטעקישען וואָרט, וואָס זאָל באַדייטען „פּיס מיט שפּאָרען") און אין שפּאַניער, וואָס זיינען געבוירען געוואָרען אין די קאָלאָניעס און וואָס האָבען געקראָגען דעם אַלגעמיינעם נאָמען „קרעאָלען". די „גאַטשופּינאָס" זיינען מיט דער צייט געוואָרען אַ זעהר קליינע מינאָריטעט אַפּילו פון דער ווייסער באַפעל־קערונג, אָבער זיי האָבען פאַרנומען די העכסטע רעגירונגס־שטעלען און האָבען געקוקט פון אויבען אַראָפּ אויף די קרעאָלען. דעריבער האָבען די לעצטע שטענדיג פיינט געהאַט די ערשטע און ביסלעכווייז אויך אָנגעהויבען צו רעבעל־לירען. אַנדערע איירָאָפּעער האָבען זיך גאָר ניט געקענט באַזעצען אין נייד־שפּאַניען. די שפּאַנישע רעגירונג האָט פאַרבאָטען אַריינצולאָזען פרעמדע אין איהרע קאָלאָניעס פּשוט אויס גייציגקייט: זי האָט געוואָלט מאָנאָפּאָליזירען אַלעס פאַר זיך, האָט געשטערט די עקנאָמישע אַנטוויקלונג דורך פאַרשידענע באַשרענקונגען און שטייערען און האָט אַפילו איין צייט פאַרבאָטען איינוואַנדער־דער פון שפּאַניען גופא.

אַלע איבעריגע איינוואוינער זיינען צעטיילט געוואָרען ווייניגסטענס אין פינף באַשטימטע קאַסטעס נאָך זייערע פאַרבען: מעסטיזאָס (קינדער פון אינ־דיאַנער און ווייסע), מולאַטאָס (קינדער פון נעגערן און ווייסע), זאַמבאָס (קינ־דער פון אינדיאַנער און נעגערן), ריינע אינדיאַנער און ריינע נעגערן. צווישען זיי זיינען אָבער געווען געוויסע שאַטירונגען אין די הויטפאַרבען, ניט ווייניגער פון אַ טוץ. די, וואָס זיינען געווען נאָהענט צום טיפּ פון אַ ווייסען, זיינען מיט דער צייט אַריינגערעכענט געוואָרען אין דעם קלאַס פון קרעאָלען, וועלכער איז אַזוי אַליין געוואַקסען און האָט דעריבער אויך גענומען שפּילען אַליין אַ גרעסערע פּאָליטישע ראָלע.

קאָרטעז האָט אין אָנפאַנג פון זיין פאַרוואַלטונג איינגעפיהרט די זאָגענאַנ־טע „איונטאַמיענטאָס" אָדער שטאָט־פאַרוואַלטונגען און לאָקאַלע ראַטען. אַלס מוסטער האָט געדינט די פאַרוואַלטונג פון די שטעט און פּראָווינצען אין שפּאַניען. די וויכטיגסטע אויפגאַבען פון די איונטאַמיענטאָס זיינען געווען איינצופיהרען אַ סיסטעם אין דער פאַרוואַלטונג פון די עקזיסטירענדע שטעט, צו גרינדען נייע שטעט, צו פאַרטיילען די גיטער צווישען די קאָלאָניסטען א. אז. וו. מאַנכע פון זייערע איינפיהרונגען זיינען פאַרבליבען אין קראַפט ביז היינט־צו־טאָג.

ניט לאַנג אָבער האָט קאָרטעז געהערשט אין די לענדער, וועלכע ער האָט אויף זיין אייגענעם ריסק איינגענומען אין נאָמען פון שפּאַנישען קעניג. קלאַגען געגען איהם אַליין און געגען זיין אַדמיניסטראַציע זיינען אַלץ שטאַרקער און

צאָלרייכער געוואָרען. אין קעניגליכען הויף האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען איהם סתם ניט פאַרגונען זיין גדולה, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבען אונטערשטיצט די פּרעטענזיעס און קלאָגען פון וועלאַסקעץ, דעם גובערנאַטאָר פון קובא. מען האָט אינטריגירט געגען איהם פון פאַרשידענע זייטען. מען האָט אויך געזוכט אויפצוהעצען געגען איהם דעם קעניג מיט פאַלשע באַריכטען און פאַרלוימדונגען, אַז ער וויל גאָר גרינדען אַן אייגענע מלוכה אין דער נייער וועלט.

דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז דער קעניג האָט אין 1527 געהייסען שיקען אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון פינף פּערזאָן און זיי איבערגעגעבען די ציוויל־פאַרוואַלטונג פון גאַנץ ניי־שפּאַניען. קאָרטעץ איז נאָר פאַרבליבען אַלס מיליטערישער קאָמאַנדיר. אַלע גובערנאַטאָרען פון די פּראָווינצען און קאָרטעץ אַליין האָבען געהאַט צו פאָלגען די באַפעהלען פון דער דאָזיגער ערשטער קעניגליכער קאָמיסיע אָדער, שפּאַניש גערעדט, „אוידיענציא“. די מיטגלידער פון דער דאָזיגער אוידיענציא זיינען געווען זעהר פיינדליך צו קאָרטעץ'ן און האָבען געזוכט איהם צוערגערען און צו שעדיגען אויף יעדען שריט. זייער פּאָרזיצענדער, איינער מיט'ן נאָמען נוניאָ דע גוזמאַן, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכענט מיט זיין גרויזאַמקייט און גייציגקייט. אַלע האָבען זיי זיך אַזוי פאַרהאַסט געמאַכט, אַז די מאַדרידער רעגירונג האָט באַלד געמוזט שיקען אַ צווייטע אוידיענציא, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט אַלעס, וואָס די ערשטע האָט אויפגעטאָן. זי האָט בכלל געשטרעבט צו באַשיצען און צו ציוויליזירען די אינדיאַנער. אין נאָמען פון קעניג האָבען איהרע מיטגלידער ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע, אַז אַלע אינדיאַנער זיינען פ ר י י ע אונטערטאַנען. דאָס האָט אפילו פּאַקטיש ניט פאַרבעסערט פיל די עקאָנאָמישע און אויך ניט די פּאָליטישע לאַגע פון די פעאָנען, אָבער דאָך איז עס נאַטירליך געווען זעהר וויכטיג ניט נאָר פאַר זיי, נאָר פאַר גאַנץ מעקסיקאָ, אַז די פאַרשקלאַפונג פון די אינדיאַנער איז געזעצליך פאַרבאָטען געוואָרען.

קלאָגען האָבען אויך ניט אויפגעהערט געגען דער צווייטער אוידיענציא. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך געווען שווער איינצופיהרען אָרדענונג אין אַזאַ ריזיגער מדינה מיט אַזוי פיל איינגעבאָרענע שטאַמען, פון וועלכע אייניגע האָבען אָנגעהאַלטען זייער אומאָפּהענגיגקייט צווישען די בערג און אין די פאַרוואָרפענע ווינקעלעך אפילו ביז אונזערע צייטען, ווי אויך צוליב די שטענדיגע רייסערייען און אינטריגעס צווישען די שפּאַניער גופא. קיין רעגירונג וואָלט אונטע, אַזעלכע אומשטענדען ניט געקענט איינפיהרען אַ גוטע פאַרוואַלטונג. נאָר די שפּאַניער האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ באַזונדערער אומפעהיגקייט צו פאַרוואַלטען וייערע ריזיגע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט.

דער קעניג האָט ענדליך באַשלאָסען אויסצופּרובירען דעם פּלאַן צו שיקען א וויצע־קעניג נאָך נייע־שפּאַניען. דער דאָזיגער פּלאַן איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין 1535. אָבער אַנשטאָט קאָרטעץ'ן, וועלכער האָט אַלץ געהאָפט, אַז מען וועט איהם באַלוינען מיט דעם דאָזיגען הויכען אמט, האָט קאַרל דער פינפטער אויסגעקליבען גראַף אַנטאָניאָ, איינעם פון די עלטסטע און העכסטע אַריסטאָ־קראַטישע פאַמיליעס אין שפּאַניען. דער דאָזיגער אַריסטאָקראַט איז גראָד געווען אַ נאָבעלער מאַן אויך אין כאַראַקטער און דערצו נאָך אַזאַ ליבעראַל, אַז די גלחים האָבען איהם גאָר ניט געגליכען, אָבוואָהל ער האָט זיי צוליב פּאָליטישע צוועקען זעהר פיל געשטיצט אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען און שטרעבונגען צו ציוויליזירען און צו בילדען די איינגעבאָרענע. ער האָט איינגעפיהרט וויכ־טיגע רעפאָרמען, האָט געגרינדעט נייע שטעט, געהאָלפען די מיסיאָנערען איינ־צופיהרען שולען און האָט געזוכט צו אַנטוויקלען אויך אינדוסטריען און בכלל צו פאַרבעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון גאַנצען לאַנד. אַ יאָהר נאָך זיין אָנקומען איז געדרוקט געוואָרען דער ערשטער בוך אין מעקסיקאָ (און דאָס מיינט אין דער נייער וועלט) אויף אַ פּרעס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון שפּאַניען.

וואָס אַנבאַלאַנגט צו קאָרטעץ'ן, איז ער צו דער דאָזיגער צייט ניט געווען אין מעקסיקאָ. זיין פּאָזיציע איז ביז צום סוף פון זיין לעבען געווען אַן אומ־רעגעלמעסיגע. די שפּאַנישע רעגירונג האָט איהם שליסליך באַהאַנדעלט ניט בעסער ווי קאָלאָמבוס'ען. מען האָט איהם אַפילו ניט איינגעשמידט אין קייטען, אָבער מען האָט איהם געערגערט, ערנידעריגט און זאָגאַר פאַרפאָלגט. ווען די ערשטע אוידיענציאָ איז אָנגעקומען, האָט ער באַשלאָסען צוריקצוקערען זיך נאָך שפּאַניען, אום זיך צו רעכטפערטיגען פאַר'ן קעניג געגען די קלאַגען און באַשול־דיגונגען פון זיינע פיינד און אום צו געווינען מעכטיגע אָנהענגער אין קעניגליכען הויף צו שטיצען איהם געגען די מעכטיגע פריינד פון זיין בלוט־פיינד, דעם קובאַנער גובערנאַטאָר וועלאַסקעץ.

ענדע 1527 איז קאָרטעץ אָנגעקומען אין פּאַלאָס, אין דעם זעלבען פּאָרט, וואו קאָלאָמבוס האָט געלאַנדעט מיט 35 יאָהר צוריק נאָך זיין אַנטדעקונג פון אַ נייער וועלט, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע איבערקערעניש אין דער אַלטער וועלט. דאָס פּאָלק האָט איהם דאַן אויך אויפגענומען מיט אַזאַ ענטו־זיאַזם, ווי קאָלאָמבוס'ען נאָך דער ערשטער רייזע. אין קעניגליכען הויף האָט מען איהם פּשוט געטראָגען אויף די הענט. דער קעניג אַליין האָט איהם גע־צייגט אויסערגעוועהנליכע גנאָדע. ווען דער עראָבערער פון מעקסיקאָ איז גע־וואָרען קראַנק פון פיבער, איז דער שטאָלצער קאַרל דער פינפטער אַליין געקומען

איהם מבקר חולה זיין. אָבער זיין וואונש צו בלייבען דער הויפּט פון דער רע־גירונג אין נײַ־שפּאַניען איז דאָך ניט ערפילט געוואָרען. דער קעניג האָט איהם געשאָנקען דעם הויכען טיטול פון אַ מאַרקיז און ריזיגע מאַיאָנטקעס מיט 20 שטעט אין אָאַכאַקאַ (איצט אַ סטייט פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק); אָבער די פאַרוואַלטונג פון נײַ־שפּאַניען איז איבערגעלאָזען געוואָרען צו אַנדערע. דער קעניג און זיינע ראַטגעבער האָבען אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט זיך קאָרטעז באַנוצען מיט זיין מאַכט אין מעקסיקאָ צו גרינדען אַן אימפּעריע אין דער נייער וועלט. די שפּאַנישע קעניגען און מיניסטאָרען האָבען בכלל געקוקט מיט פאַר־דאַכט אויף די ווייצע־קעניגען און אַפילו גובערנאַטאָרען, וועלכע זיי פלעגען שיקען אין די קאָלאָניעס. די ווייצע־קעניגען פלעגט מען דעריבער ניט לאָזען אַנוואַ־רעמען זיך אויף זייערע פּלעצער. מען פלעגט זיי אָפּט אַרונטערזעצען אָדער שיקען פון איין קאָלאָניע אין אַן אַנדערער.

אין די קנאַפּע 300 יאָהר פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין מעקסיקאָ האָבען זיך דעריבער אומגעביטען ניט ווייניגער פון 64 ווייצע־קעניגען, פון וועלכע די ערשטע צוויי (גראַדע אויך די בעסטע) האָבען רעגירט נאָהענט פון 30 יאָהר. דאָס מעג געמעכענט ווערען פאַר איינע פון די אורזאַכען פון דער קלעגליכער פאַרוואַלטונג פון אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס. מען מוז אָבער צוגעבען, אַז אַזעלכע פאַרדאַכטען זיינען ניט געווען גאַנץ אומבאַגרינדעטע. ניט איינער פון די קאָנקוויסטאַדאָרעס און אַפילו פון די ווייצע־קעניגען האָט געטרוימט וועגען גרינדען אַן אייגענע מלוכה אין דער נייער וועלט. אין יענע צייטען, ווען דער פאַרקער איז געפיהרט געוואָרען דורך קליינע און אומזיכערע זעגעל־שיפען, איז עס געווען באַזונדערס שווער צו פאַרוואַלטען פון דער ווייטענס אַזוי פיל קאָלאָניעס, ווי שפּאַניען האָט פּלוצלונג באַקומען דורך די רייזען פון קאָלאָמבוס און די עראָבערונגען פון קאָרטעז, פּיזאַרראָ און אַנדערע שווערד־העלדען.

אַט אומגעפעהר פינף יאָהר נאָך דעם טויט פון קאָרטעז, האָט מען אַנטדעקט אין מעקסיקאָ אַ פאַרשווערונג פון די גרויסע לאַנדבאַזיצער און פון איינינע שווערד־העלדען צו גרינדען אַ נייע מלוכה אין נײַ־שפּאַניען און אַרויפצוזעצען קאָרטעז׳ס עלטסטען זוהן אויפ׳ן טראָן. דאָס איז געשעהן אין דער צייט פון דעם צווייטע ווייצע־קעניג, דאָן לואי דע וועלאַסקאָ, ווען קאַרל דער פינפטער האָט אַליין אויסגעקליבען אויף דעם פּלאַץ פון מענדאָזאַ, וועלכער איז געשיקט געוואָרען אין 1550 אַלס ווייצע־קעניג פון פּערו. דער דאָזיגער וועלאַסקאָ האָט געוואָלט אָפּשאַפען די סיסטעם פון רעפּאַרטימענטאָס און האָט אָנגענומען אַזעלכע מיטלען צו באַשיצען די אינדיאַנער געגען די אונטערדריקונגען און גייציגקייט פון די שפּאַנישע גוטבאַזיצער, אַז די לעצטע האָבען געוואָלט מאַכען

אַ פאַרזוך פּטור צו ווערען אינגאַנצען פון דער אויבערהערשאַפט פון דעם שפּאַ־ נישען קעניג. די דאָזיגע פאַרשווערונג איז שנעל און גרויזאם אונטערדריקט געוואָרען פון דעם וויצע־קעניג וועלאַסקאָ.

ווען קאָרטעז איז אין 1530 געקומען צוריק אין מעקסיקאָ, האָט ער שוין איינגענטליך קיין אנטייל ניט געקענט נעמען אין דער ציוויל־פאַרוואַלטונג פון ניי־שפּאַניען. ער איז פאַרבליבען מיט זיינע טיטולען אַלס מאַרקיז און גענעראַל־קאַפּיטאַן און מיט זיינע מאַיאָנטקעס, פון וועלכע ער האָט געקענט ציהען אַ יעהרליכען איינקונפט פון 100,000 דאָלאַר. ער האָט אָבער ניט געקענט רוהען און האָט אויסגעגעבען אַ גרויסען טייל פון זיין פאַרמעגען אויף נייע עקספּעדי־ ציעס, וועלכע דער קעניג האָט איהם ערלויבט צו מאַכען. ער האָט אַזוי געמאַכט די רייזע אויף אַרום דעם האַלב־אינזעל קאַליפאָרניא אין 1532, אַ רייזע, וועלכע האָט איהם אַ סך געקאָסט און נאָר פאַרשאַפט אַ סך נייע צרות. אַ געוויסע צייט האָט מען איהם זאָגאַר פאַרהאַלטען צו צייגען זיך אין דער מעקסיקאַנער הויפּט־שטאָט, און ער האָט זיך דעריבער באַזעצט אין דער שטאָט טעצקוקאָ.

אין 1540 איז ער ווידעראַמאָל געפאָהרען נאָך שפּאַניען, אום צו פאַרלאַנגען שוץ און גערעכטיגקייט ביים קעניג. דאָס מאָל אָבער האָט מען איהם פון אַלע זייטען געצייגט, אַז ער איז שוין אַ געפאַלענער שטערן. דער קעניג האָט איהם אויפגענומען זעהר קאַלט. מען פלעגט איהם לאַנג לאָזען וואַרטען, ווען ער האָט געוואָלט זעהן דעם קעניג. נאָכהער האָט מען איהם גאָר ניט צוגעלאָזען און אפילו זיינע בריף און ביטעס זיינע געבליבען ניט געענטפערט. מען דערצעהלט וועגען דעם אַזאַ מעשה: איינמאָל, ווען קאָרטעז'ן איז איבערדריסיג געוואָרען צו וואַרטען אין קעניגליכען הויף, האָט ער זיך דורכגעשטופּט דורך אַ סוויטע, וועלכע האָט אַרומגערינגעלט דעם קעניג'ס קאַרעטע, און האָט דערלאַנגט אַ שפּרונג אויף דעם טרעפּעל. „ווער איז דער דאָזיגער מאַן?" — האָט קאַרל דער פינפטער אַ פרעג געטאָן מיט ענטריסטונג. „דאָס איז איינער, וואָס האָט אייך געגעבען מעהר פּראָווינצען, וויפיל שטעט איהר האָט געקראָגען פון אייערע עלטערען", האָט קאָרטעז געענטפערט מיט שטאָלץ.

אַרום זיבען יאָהר האָט קאָרטעז פאַרבראַכט אין שפּאַניען, האָפענדיג אַלץ צו געווינען צוריק חן אין די אויגען פון דעם קעניג. אָבער מעהר ווי האַריך־ קלעמעניש און ערנידעריגונגען האָט ער ניט געהאַט. ער איז אין די דאָזיגע יאָהרען זעהר שנעל געוואָרען אַלט און געבראָכען. ער האָט שוין ניט דערלעבט צו קומען צוריק צו זיין פאַמיליע אין מעקסיקאָ. ענדע 1547, אויפ'ן וועג צו סעווילאַ, פון וואַנען ער האָט געוואָלט אָפּפאָהרען נאָך ווערא קרוז, איז ער שנעל אויסגעגאַנגען אין עלטער פון 62 יאָהר, פאַרלאָזען כמעט פון אַלעמען.

פון צייט צו צייט פלעגען אויסברעכען אויפשטאנדען פון אינדיאנער, וועל־כע האבען זיך ניט געלאזט פארשקלאפען. די מייסטע וויצע־קעניגען האבען אין נאמען פון די אלגעמיינע אינטערעסען פון נייי־שפאניען אזוי גוט ווי פון אלט־שפאניען געזוכט צו באשיצען די איינגעבארענע, וועלכע די גייציגע שווערד־העלדען האבען אומבארמהערציג געיאגט אין די זילבער־מינען. אין אנפאנג פון 17טען יאהרהונדערט זיינען פארגעקומען גרויסע אויפשטאנדען פון אינ־דיאנער אין די פראווינצען דוראנגא און סענאלאא און אויך אן אויפשטאנד פון די נעגער־שקלאפען אין דער פראווינץ ווערא קרוז (אין 1609).

נעגערס האט מען אנגעפאנגען צו ברענגען אויך אין מעקסיקא אויף דעם פלאץ פון די אינדיאנער. זייער צאל איז אבער דארטען געווען קליין, ווייל די אינדיאנער זיינען פאקטיש געבליבען לייבקנעכט ביז צו ענדע פון 18טען יאהר־הונדערט. פאר די אינדיאנער האבען זיך אויך אנגענומען איינינע גלחים, ספעציעל דער באריהמטער לאס קאזאס, וועמעס פאטער איז געווען א באגלייטער פון קאלאמבוס און וועלכער איז געווארען דער ביסקופ פון טשיאפאס (מעקסיקא). מען רופט איהם „אפאסטעל פון די אינדיאנער", און דעם דאזיגען נאמען פאר־דינט ער כשר. זעהענדיג, אז אלע זיינע טענות, קלאגען און בקשות צו רעטען די איינגעבארענע אין האאיטי און אין קובא פון אונטערגאנג — מען האט אויסגערעכענט, אז 15 יאהר נאך קאלאמבוס'עס רייזע זיינען פון א מיליאן אינדיאנער (די קאריבען) אין האאיטי געבליבען בלויז 60 טויזענט — האט דער דאזיגער איידעלער מאן פארגעשלאגען אין זיין באריהמטער פעטיציע צום קעניג אין 1517 צו ברענגען אויף זייער פלאץ די שווארצע פון אפריקע. נאכהער האט עס געקרענקט זיין געוויסען, וואס ער האט גאר פארגעשלאגען צו פאר־שקלאפען אומשולדיגע מענשען; אבער די שווארצע האבען אויסגעהאלטען אומפארגלייכליך בעסער פאר די רויטהויטיגע די שווערע ארבייט אין די מינען און אויף די פלאנטאציעס אונטער דער טראפישער זון. זיי פלעגען שוין ניט פאלען ווי פליגען אונטער די בייטשען פון זייערע גרויזאמע הערשער. ניט איין אינדיאנער שבט איז גערעטעט געווארען פון פארניכטונג דורך דער נעגער־שקלאפעריי, וועלכע איז זעהר שנעל געוואקסען אין אלע קאלאניעס.

צווישען די פארשידענע ארדענס פון די גלחים זיינען אויך פארגעקומען רייסערייען וועגען דעם קאנטראל איבער די אינדיאנער. די גוטע און פרומע נשמה־רעטערס האבען זיך ניט געקענט איינינען וועגען די מעשר און בכלל גרויסע הכנסות, וועלכע זיי האבען ארויסגעשלאגען פון די זינדיגע קערפערס פון די אינדיאנער. אין 1621, ווען דער וויצע־קעניג מארקיז דע געלוועס, אן ענערגישער רעפארמער, האט זיך אריינגעמישט אין די אינערליכע שטרייטען פון די גלחים, אום צו העלפען בעסער די אינדיאנער, איז ער אריינגעלייגט

געוואָרען אין חרם פון דעם ארכיביסקופ פון מעקסיקאָ. אין 1647 האָט דער ביסקופ פון דער נייער שטאָט פועבלא (אין טלאַכקאַלא), וואָס איז געוואָרען דער צענטער פון דער קאַטוילישער גייסטליכקייט, און וואו עס האָט זיך דעריי־בער אויך געפונען די „הייליגע“ אינקוויזיציע, אַריינגעלייגט אין חרם אפילו די יעזואיטען גופא.

ווי גרויס עס זיינען געוואָרען די פאַרמעגענס און די מאַכט פון דער קירכע אין ניי־שפּאַניען, צייגט אַמבעסטען די פּעטיציע, וואָס די איונטאַמיענטאָ פון דער הויפּט־שטאָט האָט געשיקט אין 1644 (אַלזאָ, אַרום 120 יאָהר נאָך קאָר־טעץ'ס ערָאָבערונג) צום קעניג פון פיליפּ דעם פערטען, אַז מען זאָל אויפהערען צו גרינדען נייע קלויסטערס, ווייל די עקזיסטירענדע באַזיצען שוין אַ העלפט פון דעם איינענטום אין גאַנצען לאַנד, אַז מען זאָל מעהר ניט מאַכען קיין נייע גלחים, ווייל 6000 פון די אַלטע האָבען קיין באַשעפטיגונג, און אַז מען זאָל אָפּשאַפען אַ טייל פון די פייערטעג, ווייל מען האָט שוין איינ־געפיהרט אַזעלכע ווייניגסטענס צוויי יעדע וואָך.

די שפּאַנישע קרוין האָט באַטראַכט מעקסיקאָ און בכלל איהרע ערוואָרבענע לענדער אין דער נייער וועלט ניט אַלס קאָלאָניעס, נאָר איינפאַך אַלס איהרע מאַיאָנטקעס. די מינען, וועלדער און פעלדער זיינען געוואָרען קעניגליך איי־גענטום. אפילו די געגענדען, וואו די אינדיאַנער זיינען פאַרבליבען אַלס מעהר אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיגע אַקערבויער, זיינען גערעכענט געוואָרען אַלס קעניגליכע קאָנצעסיעס אָדער אַרענדעס. דעריבער פלעגט עס דער קעניג ציהען זיין איינקונפט פון די שפּאַנישע פּאָסעסיעס אין דער נייער וועלט ניט אין דער פאָרמע פון שטייערען, נאָר פון רענט פאַר דעם געברויך פון „זיינע“ גיטער. די באַאַמטע זיינען גערעכענט געוועזען פאַר דעם קעניג'ס דינער. דער וויצע־קעניג איז געוועזען דער שטעלפאַרטרעטער פון דעם קעניג, און זיין מאַכט איז גאַנץ ווייניג באַשרענקט געוועזען פון די העכסטע טריבונאַלען אָדער אוידיענציאַס, וועלכע זיינען פאַרבליבען ביז דעם סוף פון דער שפּאַנישער הערשאַפט.

עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פריווילעגיעס, גענאַנט **fueros**, פאַר פאַרשידענע ערטער, קלאַסען און אויך פּראָפעסיעס. עס האָבען עקזיסטירט באַזונדערע געריכטען פאַר זיי, און יעדערער האָט געקענט אויסקלייבען אין וועלכען געריכט זיין פּראָצעס זאָל געפיהרט ווערען. ניין־צענטלעך פון די אינ־דיאַנער און געמישטע זיינען געבליבען פעאָנען אָדער באַטראַקעס און דינער. אויפ'ן פּאַפּיר זיינען זיי גערעכענט געוועזען פאַר פרייע, אָבער אין דער רעגירונג האָבען זיי קיין שום דעה ניט געהאַט.

עס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען פאַרשידענע האַנדעלס־פּריווילעגיעס און

מאַנאַפּאָלען. פרעמדע האָט מען, ווי אויבען באַמערקט, בכלל ניט צוגעלאָזען, ניט נאָר אום אויסצומיידען זייער קאָנקורענץ, נאָר אויך אום צו פאַרהיטען די „געטליכע ריינקייט" פון דער קאַטוילישער קירכע. די גלחים האָבען גלייך נאָך זייער אָנקומען אין מעקסיקאָ פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל איינפיהרען די אינקוויזיציע נאָך דעם היימישען מוסטער. זיי האָבען געציטערט, טאָמער וועלען זיך אַריינ׳גנב׳ענען ניט נאָר אידען און מורען, נאָר אויך פּראָטעסטאַנטען. אַ קעניגליכער באַפעהל געגען דער אַריינלאָזונג פון אידען און מורען אין ניי־שפּאַניען איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען אַזוי פריה, ווי אין 1527; אָבער אָפּצור־רעכענען זיך מיט פּראָטעסטאַנטען און מאַראַנען אויף אויטאָ־דאַ־פעם האָבען די גלחים געקענט ערשט נאָך דער איינפיהרונג פון דער אינקוויזיציע, מיט 48 יאָהר שפּעטער. דער ערשטער פייערדיגער יום־טוב פון דער אינקוויזיציע אין מעקסיקאָ האָט פּאַסירט אין 1574, ווען עס זיינען פאַרברענט געוואָרען, נאָך דעם פּנקס פון אַ פרומען גלח, „21 פאַרפעסטעטע לוטהעראַנער".

די גלחים זיינען געווען אַזוי אומוויסענד דורכשניטליך, ווי גייציג. ווי פיל זיי האָבען געבילדעט דעם עולם, קען מען שליסען דערפון, דאָס קוים אַ צוואַנציג־סטעל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַריינגערעכענט די ווייסע אויך, האָבען אפילו אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט געקענט לעזען און שרייבען.

די ערשטע צייטען פון דער שפּאַנישער הערשאַפט זיינען מאַסען אינדיאַנער אויך אומגעקומען פון די פאַרשלעפּטע עפּידעמישע קראַנקהייטען, באַזונדערס פון פּאָקען. פילע געגענדען, אפילו זעהר פּרוכטבאַרע, זיינען געבליבען כמעט גאָר אָהן באַפעלקערונג און זיינען דעריבער פאַרוויסטעט געוואָרען. די אָרימקייט פון די פּעאָנען, וועלכע האָבען געבילדעט וויינינגסטענס דריי־פערטעל פון דער באַפעלקערונג, איז געווען אַ מורא׳דיגע. זייער איינגעבאַרענע פוילקייט איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרען דורך דער אויסעראָרדענטליך־גרויסער צאָל פעסט־טעג לכבוד די הייליגע, וואָס די גלחים האָבען איינגעפיהרט. די יעזואיטען, ווי אויך די פראַנציסקאַנער און דאָמיניקאַנער, האָבען אייגענטליך נאָר געזאָרגט, אַז די אינדיאַנער זאָלען בלייבען איינגעזונקען אין די גראָבסטע און ווילדסטע אָבער־גלויבענס. מען האָט פאַרשלאָגען די קעפּ פון די מאַסען מיט אָפּטע רעליגיעזע פּראָצעסיעס און אַמוזירט מיט געפּעכטען פון אָקסען און פון הענער.

וואָס מעהר שפּאַניען איז געזונקען נאָך דער הערשאַפט פון קאַרל דעם פינפטען (ער האָט זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון דער קרוין און האָט זיך צוריק־געצויגען אין קלויסטער אין יאַנואַר 1556) און פון זיין זוהן פיליפּ דעם צווייטען (געשטאָרבען אין 1598) — אַלץ ערגער איז עס אויך געוואָרען אין מעקסיקאָ און בכלל אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס. די שטייער־לאַסט איז גע־

וואָרען אַלץ דריקענדער, און די אומצופרידענהייט איז אַלץ מעהר געוואַקסען אויף צווישען די ווייסע, וועלכע האָבען ניט פאַרנומען קיין רעגירונגס־אַמטען. די שפּאַנישע רעגירונג האָט זיך געפיהרט דעספּאָטיש. זי האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען די קלאַגען פון די קאָלאָניסטען.

עס האָט גאָר ניט געקענט זיין קיין רעדע אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס פון זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַלעס איז געפיהרט געוואָרען פון אויבען. דער עולם האָט געמוזט פאָלגען, וואָס די באַאַמטע האָבען געהייסען. די באַאַמטע, באַזונדערס די העכערע, זיינען געוועהנליך געווען שפּאַניער פון מוטערלאַנד. די מיטגלידער פון די אודיענציאָס האָבען געמוזט זיין געבאָרענע פון שפּאַניען. פאַר זיי און פאַר די באַאַמטע בכלל איז ניי־שפּאַניען געווען אַ קוואַל צו שעפּען וואָס מעהר און שנעלער רייכטום. די פּעטע אַמטען פלעגען דעריבער געקויפט ווערען פאַר הויכע פּרייזען, און דאָס האָט נאַטירליך געמוזט פיהרען צו אַלץ מעהר אונטערקויפונגען און קאָרופּציע. אפילו צווישען די וויצע־קעניגען פלעגען די מייסטע זוכען וואָס־שנעלער אָנצוזאַמלען גענוג גאָלד, אַז זיי זאָלען נאָכהער קענען לעבען אין לוקסוס.

נאָר אין די מוניציפּאַליטעטען אָדער איונטאַמיענטאָס האָט דאָס פאָלק געהאַט אַ שטיקעל דעה. זייערע מיטגלידער פלעגען געוועהנליך אויסגעקליבען ווערען פון די איינוואוינער און פלעגען אויך פאַרטרעטען די אינטערעסען פון פאָלק. דאָס זיינען געווען, מעג מען זאָגען, די איינציגע דעמאָקראַטישע אינ־סטיטוציע אין ניי־שפּאַניען. ניט נאָר געמישטע, נאָר אויך עכטע רויטהויטיגע האָבען געקענט ווערען מיטגלידער פון די איונטאַמיענטאָס. שפּעטער אָבער האָט זיך די שפּאַנישע רעגירונג גענומען אריינמישען אויך אין די וואַלען פון די אַלקאַדעס און שטאָט־פאַרוואַלטער און פלעגט נאָמינירען די מייסטע מיטגלי־דער פון די איונטאַמיענטאָס.

זיבענטער קאַפּיטעל.

די רעוואָלוציע און די אָפּשאַפונג פון דער שפּאַנישער הערשאַפט

עס איז שווער צו זאָגען, ווען עס וואָלט געקומען א סוף צו דער שפּאַנישער הערשאַפט אין מעקסיקאָ און אין דער נייער וועלט בכלל, אויב אין פראַנקרייך וואָלט ניט צו ענדע פון 18טען יאָהרהונדערט אויסגעבראָכען א רעוואָלוציע, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַן איבערקערעניש אין דער אַלטער וועלט. די דאָזיגע רעוואָלוציע טראָגט מיט רעכט דעם נאָמען „די גרויסע". מיט איהר פאַנגט זיך אָן א נייע צייט אין דער וועלט-געשיכטע. זי האָט אין העכסטען גראַד אויפגערודערט אַלע ציוויליזירטע פעלקער. זי האָט געעפענט אויך די מוחות פון די פאַרגרעבטע און פאַרפינסטערטע מאַסען.

ווי אָפּגעזונדערט און פּשוט אָפּגעשניטען פון דער אייראָפּעאישער וועלט עס זיינען ניט געווען די שפּאַנישע קאָלאָניעס דורך די פאַרשידענע באַשרענ־קונגען פון דער רעגירונג און דורך די אַרומצאַמונגען פון דער קאַטוילישער קירכע, האָבען זיך דאָך אַריינגע'גנב'עט אַהין די פרייע געדאַנקען, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען פון די הומאַניסטען און ענציקלאָפּעדיסטען אין פראַנק־רייך. עס האָבען זיך אויך אין ניי־שפּאַניען געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען געלעזען די שריפטען פון מאָנטעסקיו, וואָלטער, זשאַן זשאַק רוסאָ, דידעראָ און אַנדערע גייסטיגע פאָטערס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די בליצען פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע האָבען דעריבער דורכגעשניטען די פינסטערע וואָלקענס אויף די הימלען פון אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס. די נאָרד־אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט א יאָהר פריהער פאַר דער פראַנצויזישער, האָט אייגענטליך קיין אָפּקלאַנג ניט געפונען אין דער זאָ־גענאַנטער לאַטיינישער אַמעריקע. די פאַראייניגטע שטאַטען און מעקסיקאָ זיינען דאַן אָפּגעטיילט געווען דורך ריזיגע ווילדע און אויך וויסטע געגענדען. זיי זיינען געווען אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע פיל מעהר, ווי יעדע פון זיי איז געווען אָפּגעטיילט פון דער אַלטער וועלט דורך דעם אַטלאַנ־טישען אָקעאַן. די ערקלערונג פון אומאָפּהענגיגקייט פון די נאָרד־אַמעריקאַנער

קאָלאָניעס איז געבליבען, מעג מען זאָגען, ווי אַ שטימע אין דער וויסטעניש צווישען די נייע נאַציאָנען, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס אין פאַרלויף פון קנאַפּע דריי הונדערט יאָהר.

ווען אָבער די „דעקלערייטשאָן אָוו אינדעפּענדענס" איז אומגעוואַנדעלט געוואָרען אין דער פראַנצויזישער „דעקלאַראַציע פון מענשען־רעכט, האָט עס אויך אָנגעפאַנגען צו שטורמען אין די דאָזיגע קאָלאָניעס. אפילו די אינדיאַנער האָבען געקראָגען מוט צו קעמפען פאַר פּאָליטישע פרייהייטען. יעדער איינער האָט געמוזט הערען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווייל זי האָט געפיהרט ניט נאָר צו זעהר גרויסע שטערונגען אין דעם האַנדעלס־פאַרקער פון די קאָלאָניעס מיט'ן מוטערלאַנד, נאָר אויך צו דער אַרונטערזעצונג פון דער קעניגליכער פאַמיליע אין שפּאַניען. די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבען אַרויסגערופען און געמוזט אַרויסרופען רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדען אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס. אַלע אומצופרידענע מיט דער שפּאַנישער רעגירונג האָבען נאַטירליך אויפגעהויבען די קעפּ, ווי נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרען אין די קאָלאָניעס, אַז פערדינאַנד דער זיבענטער, דער געזעצליכער קעניג, איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען פון פרעמדע, און אַז אויף זיין פּלאַץ איז אַרויפגעזעצט געוואָרען זשאָזעף באָנאַפּאַרטע, נאַפּאָלעאָן'ס ברודער. שפּאַניען איז אין אָנפאַנג פון 19טען יאָהרהונדערט געלעגען אונטער נאַפּאָלעאָן'ס פּיס. ווי אַזוי האָט זי געקענט אָנהאַלטען איהר הערשאַפט אין די קאָלאָניעס?

דער שפּאַנישער קעניג, וועלכער האָט געמוזט אַנטלויפען פון מאַדריד אין 1803, אום ניט אַריינצופאַלען אין פראַנצויזישע הענט, האָט אָנפאַנגס גערעכענט אַריבערצופּעקלען זיך אין מעקסיקאָ. נאָר פון דעם דאָזיגען פּלאַן איז גאָר ניט געוואָרען. אין מעקסיקאָ האָט מען דאַן גלייך אָנגעפאַנגען צו פאַרלאַנגען אומאָפּהענגיגקייט. די איונטאַמיענטאָ פון דער הויפּט־שטאָט האָט אויפגעפאָדערט דעם וויצע־קעניג איטוריגאַראַי אַרויסצולאָזען אַ פּראָקלאַמאַציע וועגען אומאָפּהענגיגקייט. ער האָט דאַן פאָרגעשלאָגען צוזאַמענצורופען אַ נאַציאָנאַלען קאָנגרעס. אָבער די מיטגלידער פון דער אוידיענציאַ צוזאַמען מיט אַנדערע שפּאַנישע באַאַמטע, ווי אויך די מייסטע אַריסטאָקראַטען און גייסטליכע, האָבען אַרויסגערופען אַן אויפשטאַנד געגען איהם אויף דעם גרונד, דאָס ער וויל אַליין ווערען קעניג. זיי האָבען זיך אַריינגעריסען אין וויצע־קעניגליכען פּאַלאַץ, געפאַנגען דעם דאָזיגען ליבעראַלען וויצע־קעניג מיט זיין פאַמיליע און האָבען איהם געהאַלטען איינגעשפּאַרט אין אַ פעסטונג, ביז זיי האָבען איהם געקענט צוריקשיקען נאָך שפּאַניען.

די וויצע־קעניגען האָבען זיך נאָכהער שנעל געביטען, און דאָס גאַנצע

לאנד איז געווען אין אויפרודער. דער שטענדיגער קאמף צווישען די קרעאלען און געבארענע שפאניער איז געווארען פייערדיגער. די גרויסע גרונד־באזיצער, די שפאנישע באאמטע און גלחים האבען זיך פארבונדען געגען די פרייהייטס־קעמפער און בכלל געגען ליבעראליזם. זיי האבען געשטיצט די אלטע שפאנישע ארדענונג, ווייל זיי האבען מורא געהאט צו פארלירען זייערע פריווילעגיעס, ווען מעקסיקא וועט געווינען אומאפהענגיגקייט און ווערען א רעפובליק. דער־מיט ערקלערט זיך , וואס עס האט גענומען צוועלף יאהר זייט דעם אויפשטאנד, אונטער דער לייטונג פון דעם גלח הידאלגא, און טייכען בלוט זיינען אין זייער צייט פארגאסען געווארען, ביז מעקסיקא האט טאקע איינגאנצען ארונטערגע־שליידערט פון זיך דעם שפאנישען יאך.

דער סיגנאל צו אן אויפשטאנד פון א פאלק, צו אזא אויפשטאנד, אין וועלכען די אינדיאנער האבען אויך אנטייל גענומען, איז געגעבען געווארען אין דער נאכט פון 15טען סעפטעמבער 1810 פון הידאלגא אין דעם שטעטעל דאלארעס, וואו ער איז געווען פריסט. ער האט געהערט צו א גרופע פריי־הייטס־קעמפער, וועלכע האט געצויגען די באזונדערע אויפמערקזאמקייט פון שפאנישע באאמטע. איינינע פון זיי זיינען ארעסטירט געווארען אויף דעם גרונד, דאס זיי האבען קאנספירירט צו גרינדען א רעפובליק. הידאלגא וואלט אויך ארעסטירט געווארען, ווען ער וואלט ניט געווארענט געווארען באצייטענס און וואלט ניט באשלאסען גלייך אנצופאנגען אן אויפשטאנד.

דער דאזיגער מערקווירדיגער גלח ווערט פארעהרט פון מעקסיקאנער פאלק און ער פארדינט עס אויך. ער איז טאקע געווען אן אויפריכטיגער פריינד פון די מאסען. אין דער צייט, ווען ער האט זיך צוגעגרייט צו ווערען א פריסט, האט ער אויך שטודירט די פראנצויזישע שפראך און געלעזען די רעוואלוציאנערע פראנצויזישע ליטעראטור. דאס האט איהם געטריבען אין די רייהען פון די פרייהייטס־קעמפער, און שליסליך, ווען ער איז שוין אלט געווארען 57 יאהר (ער איז געבוירען געווארען אין 1753), איז ער געווארען דער פיהרער פון א גרויסען אויפשטאנד און אויך דער קאמאנדיר פון א צאלרייכער ארמיי.

צוזאמען מיט זיין ברודער און א צענדליג באוואפענטע אנהענגער איז הידאלגא אוועק צום געפענגעניס פון דאלארעס אונטער דעם קלאנג פון די גלאקען אין זיין קירכע און האט באפרייט איינינע געפאנגענע און זיי באוואפענט מיט שווערדען. נאכהער האבען זיי זיך א לאז געטאן צו די ארומיגע שטעט און דערפער, וואו זיי האבען געקראגען אלץ מעהר אנהענגער. אין איין ארט איז צו זיי צוגעשטאנען א גאנצער רעגימענט סאלדאטען אונטער דער קאמאנדע פון א געוויסען אלענדע, וועלכער איז געווארען הידאלגא'ס הויפט־לייטענאנט.

שנעל איז געוואקסען די דאזיגע רעוואלוציאנערע ארמיי, וואס עס האט געצייגט, ווי גרויס עס איז געווען דער האס צו דער שפאנישער הערשאפט אין גאנצען לאנד.

„טויט צו די גאטשופינאס!" — האט מען געשריען פון אלע זייטען. אבער די גאטשופינאס האבען געצייגט, אז זיי קענען מוטיג קעמפען פאר זייערע לעבענס און פריווילעגיעס. אנפאנגס האבען די פאטריאטען געזיגט. זייער קריגס-געשריי: „עס לעבע די אמת'ע רעליגיאן, נידער מיט פאלשער רעגירונג!", וואס איז באקאנט אונטער דעם נאמען „גריטא (געשריי) דע דאלארעס", האט געוועקט די מאסען צום קאמף פאר אומאפהענגיגקייט. אין עטליכע טעג האט הידאלגא געהאט א מחנה פון 50,000 מאן, מיט וועלכע איהם איז געלונגען איינצונעמען אזא גרויסע און וויכטיגע שטאט, ווי גואנאכואטא, ניט ווייט פון דער הויפט-שטאט. עס האט ניט פיל געפעהלט, אז די פאטריאטען זאלען זיך אויך אריינרייסען אין דער הויפט-שטאט. אבער הידאלגא און זיינע אדיוטאנ־טען האבען פארלאזען די גינסטיגע געלעגענהייט, און דאס האט שנעל געפיהרט צו זייער נידערלאגע און הינריכטונג.

דער וויצע-קעניג, דאן ווענעגאס, אן ערפארענער גענעראל, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אין די שלאכטען געגען נאפאלעאנען אין שפאניען, האט שנעל ארגאניזירט אן ארמיי פון די שפאנישע סאלדאטען און אויך מאטראזען, וועלכע האבען זיך געפונען אין די שטעט און פארטען פון נייע־שפאניען. אום אפצושוואכען די באוועגונג פאר אומאפהענגיגקייט, האט ער געהייסען באפרייען די אינדיאנער פון טאקסעס. ער האט אויך פארשפראכען אמנעסטיע צו אלע רעוואלוציאנערען, אויסער הידאלגא און זיינע אדיוטאנטען, אלענדע און אלדאמא (א פרייז פון טויזענט דאלאר איז געשטעלט געווארען אויף זייערע קעפ), אויב זיי וועלען גלייך אוועקלייגען די וואפען.

די גלחים האבען געשטיצט דעם וויצע-קעניג און די שפאנישע הערשאפט בכלל מיט אלע זייערע קרעפטען. הידאלגא איז אריינגעלייגט געווארען אין חרם. אין אלע קירכען האט מען געהאלטען פייערדיגע דרשות געגען איהם און זיינע אנהענגער און זיי ערקלערט פאר אפיקורסים, אבוואהל זיי האבען אנגענומען פאר זייער פאהן א וואונדער-שאפענדע איקאנע פון גאט'ס מוטער, וועלכע הידאלגא האט ארויסגענומען פון א באריהמטער קירכע, וואס האט געצויגען פילגרימען און קראנקע פון אלע ווינקעלעך פון מעקסיקא. די אינ־קוויזיציע האט זיך דערמאנט, אז נאך אין 1800 האט מען אריינגעבראכט קלאגען געגען הידאלגא, דאס ער איז גאר א פריידענקער און רעוואלוציאנער, און זי האט ארויסגעלאזען א באפעהל, דאס ער זאל ערשיינען פאר איהר היי־ליגען טריבונאל.

די אינדיאַנער האָבען אָבער געקוקט אויף דעם דאָזיגען בראַוועז מאַן, ווי אויף זייער ערלייזער. אפילו נאָך דער גרויסער נידערלאַגע דעם 7טען נאָוועמבער 1810, ווען ער איז אַטאַקירט געוואָרען פון אַן אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם שפּאַנישען גענעראַל קאַלעכאַ ביי אַ פּלאַץ ניט ווייט פון דער הויפּט־שטאָט, האָט ער אַלץ געקענט צוזאַמענברענגען אַ מחנה פון אַ הונדערט טויזענט מאַן. אין דער שטאָט גוּאַדאַלאַכאַראַ, וואו הידאַלגאָ האָט גענומען זיך באַ־פעסטיגען, האָט ער אָרגאַניזירט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג און זיך ערקלערט פאַר דעם גענעראַליסימאָ אָדער הויפּט־קאָמאַנדיר. ער האָט אויך ארויסגעשיקט אַ דיפּלאָמאַטישען פאַרטרעטער צו דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטען. אָבער די שפּאַניער האָבען דעם דאָזיגען שליח געפאַנגען אויפ'ן וועג. ניט אכ־טענדיג אויפ'ן ראַט פון אַלענדע און אַנדערע זיינע מיליטערישע אַדיוטאַנטען, אַז מען זאָל וואַרטען ביז מען וועט קענען מעהר דיסציפּלינירען און בעסער באַוואפענען די מחנות אינדיאַנער, האָט ער באַשלאָסען צו באַפאַלען עטליכע באַטאַליאָנען שפּאַנישע סאָלדאַטען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל קאַלעכאַ, וועלכע האָבען זיך באַפעסטיגט אין אַ סטראַטעגישען פּונקט מיט'ן נאָמען פּוענטע דע קאַלדעראָן. די דאָזיגע אַטאַקע, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 16טען יאַנואַר 1811, איז געווען פאַטאַל פאַר דעם דאָזיגען אויפשטאַנד און זיינע פיהרער. די רעוואָלוציאָנערען זיינען באַזיגט און פאַריאָגט געוואָרען, און גענעראַל קאַלעכאַ איז אַריין מיט טריאומף אין גואַדאַלאַכאַראַ. הידאַלגאָ האָט זיך דאַן אַ לאָז געטאָן מיט זיינע טרייעסטע אַדיוטאַנטען און מיט אַ טייל פון זיינע מחנות צו די ווייטע און ווייניג־באַפעלקערטע נאָרדליכע פּראָווינצען, וואו ער האָט גע־האָפט צו עטאַבלירען אַ נייע רעגירונג. ער איז אָבער פאַרראַטען געוואָרען און איז אַריינגעפאַלען אין די הענט פון שפּאַנישע סאָלדאַטען אין אַ וויסטען פּלאַץ ניט ווייט פון ריאָ גראַנדע דעל נאָרטע, דעם גרויסען טייך, וואָס גרענעצט היינט אָפּ מעקסיקאָ פון די פאַראייניגטע שטאַטען. אַ קריגס־געריכט אין טשיהוּאַהוּאַ האָט איהם פאַראורטיילט צום טויט, ווי אויך זיינע אַדיוטאַנטען, אַלענדע אַלדאַמאַ און כימענעץ. מען האָט הינגעריכטעט הידאַלגאָ'ן דעם 31טען יולי 1811, צען און אַ האַלב מאָנאַט נאָך דעם אויסברוך פון דעם אויפשטאַנד אין דאָלאָרעס. די קעפּ פון די דאָזיגע פיער מאַרטירער האָט מען צוגענעגעלט צו די פיער ווינקלען פון אַ פעסטונג אין גוּאַנאַכוּאַטאָ, וואו זיי זיינען פאַרבליבען גאַנצע צען יאָהר, ביז מעקסיקאָ האָט ענדליך געוואונען אומאָפּהענגיגקייט. מען האָט באַערדיגט די שאַרבענס פון די דאָזיגע מאַרטירער אין דעם גרויסען קאַ־טהעדראַל פון דער הויפּט־שטאָט.

דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. דער קאַמף פאַר אומאָפּהענגיגקייט איז דאַן פאָרטגעזעצט געוואָרען אונטער דער

אַנפיהרונג פון מאָרעלאָס, אויך אַ גלח. ער האָט אַרויסגעוויזען גרעסערע מיליטערישע פעהיגקייטען און איז געווען ערפאָלגרייכער פאַר הידאַלגאָ'ן. אַבוואָהל ער האָט געליטען אַ שרעקליכע נידערלאַגע אין דער שטאָט קוּאַאוּטלאַ (טראָגט היינט זיין נאָמען, ליגט אַרום 85 מייל צו דרום פון דער הויפּט־שטאָט), וואו ער האָט זיך געהאַלטען 62 טעג (ביז דעם 2טען מאַי 1812) געגען די אַטאַקעס פון דער שפּאַנישער אַרמיי אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל קאַלעכאַ, האָט ער ניט נאָר געקענט פיהרען דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף דריי יאָהר, נאָר אויך צוזאַמענרופען אַ קאָנגרעס אין דער שטאָט טשילפּאַנצינגאָ. דאָס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס פון דער מעקסיקאַנער נאַציע. דער דאָזיגער קאָנגרעס האָט אַרויסגעלאָזען אַ דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיגקייט און האָט באַשטימט מאָרעלאָס'ן פאַר דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רעוואָלוציאָנערע מחנות דעם 15טען סעפּטעמבער 1813, פּונקט דריי יאָהר נאָך דעם אָנפאַנג פון הידאַלגאָ'ס אויפשטאַנד.

נאָך אַ רייהע שלאַכטען מיט שפּאַניער און מיט מעקסיקאַנער ראָיאַליסטען, איז מאָרעלאָס אויך אַריינגעפאַלען אין שפּאַנישע הענט און דעם 22טען דעצעמבער 1815 איז ער פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט פון אַ קריגס־געריכט און דערשאָסען געוואָרען. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אָבער אַלץ ווייטער און טיפער פאַרשפּרייט. די פּאַטריאָטען אונטער דער קאָמאַנדע פון גערעראָ, וועלכער איז געווען זייער וויכטיגסטער פיהרער נאָך דעם טויט פון מאָרעלאָס, האָבען זיך געהאַלטען אין פעלד, געפיהרט שלאַכטען און אויך עטאַבלירט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג ביז 1820, ווען די גרויסע פּאָליטישע ענדערונגען אין שפּאַניען פון איין זייט און די אַמביציע פון אויגוסטין דע איטורבידע, דעם פעהיגסטען קאָמאַנדיר און פיהרער פון די ראָיאַליסטען אין מעקסיקאָ, פון דער אַנדער זייט האָבען געטריבען צו מאַכען אַ סוף פון דעם לאַנגען און בלוטיגען בירגער־קריג און פון דער שפּאַנישער הערשאַפט.

פערדינאַנד דער זיבענטער איז צוריק אַרויף אויף דעם שפּאַנישען טראָן, ווען די פראַנצויזען האָבען זיך געמוזט צוריקציהען פון שפּאַניען אין 1814; אָבער די באַוועגונג פאַר פּאָליטישע פרייהייטען אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז אויך אַלץ שטאַרקער געוואָרען אין דער דאָזיגער גרעסטער פעסטונג פון קאַטאָליציזם און אינקוויזיציע. אין 1820 האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציע אין מאַדריד, און דער קעניג איז געווען געצוואונגען איבערצוגעבען די רעגירונג אין די הענט פון ליבעראַלע מיניסטאָרען, צוזאַמענצורופען די קאָרטעסען (אַזוי רופט מען דעם פּאַרלאַמענט אין שפּאַניען), אָפּצושאַפען די אינקוויזיציע, איינצופיהרען פּרעסע־פרייהייט און צו עטאַבלירען אַ נאַציאָנאַלע מיליץ.

עס פארשטעהט זיך, אז אזא איבערקערעניש אין שפאניען האט געמוזט פארשטארקען די ליבעראלען און פרייהייטס־קעמפער אין מעקסיקא און בכלל אין אלע שפאנישע קאלאניעס, וואו רעוואלוציעס זיינען צו יענער צייט אויס־געבראכען, ווי מיר וועלען עס שפעטער זעהן. די נאכריכטען וועגען די רעוואַ־לוציעס אין מוטערלאנד זיינען אויפגענומען געווארן מיט דער גרעסטער פרייד אין אלע שפאנישע קאלאניעס. די אפשאפונג פון דער אינקוויזיציע און די איינפיהרונג פון פרעסע־פרייהייט זיינען געפייערט געווארען מיט גרוים ענטו־זיאזם אין דער מעקסיקאנער הויפט־שטאט. דאס האט איבערגעשראקען די אריסטאקראטען, גלחים, באאמטע און בכלל אלע פריווילעגירטע. זיי האבען דעריבער קאנספירירט צו עטאבלירען א מאנארכיע אין מעקסיקא. דער וויצע־קעניג אפאדאקא האט אפילו געקראגען א באפעהל פון די קארטעסען אין מאדריד, אז ער זאל איינפיהרען די קאנסטיטוציע אין מעקסיקא; אבער אין דער זעלבער צייט, ווען ער האט עפענטליך געפאלגט דעם דאזיגען באפעהל, האט ער אין געהיים אונטערשטיצט דעם פלאן פון די רעאקציאנערען אריבערצוברענגען פער־דינאנד דעם זיבענטען נאך מעקסיקא און איהם צו ערקלערען פאר אן אומבא־שרענקטען קייזער.

צו דעם דאזיגען צוועק האט אפאדאקא צוזאמענגעקליבען אן ארמיי און איהר געשטעלט אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל איטורבידע, אום ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט דורכצופיהרען דעם דאזיגען רעאקציאנערען פלאן. די מאנארכיסטישע פארטיי האט געלייגט די גרעסטע האפנונג אויף דעם דאזיגען פעהיגען גענעראל, וועלכער האט פון זיינע יונגע יאהרען אן געקעמפט געגען די רעוואלוציאנערען און האט זעהר פיל בייגעטראגען צו זייערע נידערלאגעס, בא־זונדערס צום טראגישען סוף פון מארעלאס. אבער ביסלעכווייז, וואס ווייטער דער רעוואלוציאנערער קאמף האט זיך געצויגען, האט ער זיך ארומגעזעהן, אז עס וועט זיין פיל בעסער פאר איהם פערזענליך און פאר זיין פאטערלאנד (ער איז געבוירען געווארען אין מעקסיקא אין 1783), ווען ער וועט צושטעהן צו די פאטריאטען און זיי העלפען צו געווינען די אומאפהענגיגקייט פון מעק־סיקא. ער איז דעריבער געקומען צו א פארשטענדיגונג מיט גענעראל גערערא, דעם פיהרער פון די רעוואלוציאנערען, און דעם 24טען פעברואר 1821 האט ער ארויסגעלאזען א פראקלאמאציע, וואס טראגט דעם נאמען „פלאן פון איגוא־לא“ און וואס זיינע דריי וויכטיגסטע פונקטען זיינען: 1) די אויפהאלטונג פון דער קאטוילישער קירכע און די אויסשליסונג פון אירגענד וועלכע אנדערע רעליגיעס און סעקטען; 2) די אבסאלוטע אומאפהענגיגקייט פון מעקסיקא אונטער א קאנסטיטוציאנעלער מאנארכיע מיט א מיטגליד פון דער קעניגליכער פאמיליע פון שפאניען אויפ'ן טראן; 3) א פריינדליכע פאראייניגונג פון שפאניער און מעקסיקאנער. די דאזיגע דריי פונקטען האט מען אויך גערופען די „דריי גאראנטיעס“.

ווען אפאדאקא האט דערהערט, ווי אטירבידע האט איהם פאראטען, האט ער צוזאמענגעקליבען אן ארמיי פון 6000 מאן און האט זיך א לאז געטאן געגען די פארבונדענע פאטריאטען; אבער ער האט נאר אויסגעפיהרט, אז ער איז פארלאזען געווארען אפילו פון זיין אייגענער וואך אין פאלאץ און האט געמוזט צוריקפאהרען נאך שפאניען. אטירבידע האט טריאומפירט אויף אלע פונקטען, און פילע פיהרער פון דער ראיאליסטישער פארטיי האבען זיך דאן אויך ערקלערט צו גונסטען פון דעם „פלאן פון איגואלא“.

אויף אפאדאקא'ס פלאץ איז געשיקט געווארען פון מאדריד אן אנדער וויצע־קעניג, איינער מיט'ן נאמען כואן א'דאנאכו, וועלכער האט שוין ניט געקענט צוקומען צו דער הויפט־שטאט. דאס איז געוועזען דער לעצטער פון די שפאנישע וויצע־קעניגען. איטורבידע האט איהם באגעגענט אויפ'ן וועג פון ווערא קרוז צו דער הויפט־שטאט און האט אים ערקלערט, אז אלע אנשטרענגונגען פון שפאניען זיינען אומזיסט. דאן האט א'דאנאכו, זעהענדיג, אז ער וועט גאר ניט אויספיהרען, אונטערשריבען אן אפמאך מיט איטורבידע אויף דעם גרונד פון דעם „פלאן פון איגואלא“. דער דאזיגער אפמאך טראגט דעם נאמען „טראקטאט פון קארדאווא“.

דעם 27טען סעפטעמבער 1821 איז איטורבידע אריין מיט טריאומף אין דער הויפט־שטאט. ער איז געוועזען באגלייט פון אן ארמיי פון 16 טויזענט רעוואלוציאנערע סאלדאטען מיט 68 קאנאנען. דאס איז געוועזען דער לעצטער טאג פון דער שפאנישער הערשאפט, וועלכע האט געדויערט 300 יאהר.

דעם נעקסטען טאג האט זיך צוזאמענגעטראפען א פראוויזארישער רעגירונגס־קאמיטעט, א כונטא, ווי מען רופט עס אויף שפאניש, און האט ערקלערט גענעראל איטורבידע פאר דעם פרעזידענט. די דאזיגע כונטא איז באשטאנען פון 38 מיטגלידער, אלץ נאטירליך באוואוסטע פיהרער. זיי האבען געשוואוירען צו שטיצען דעם „פלאן פון איגואלא“ און דעם „טראקטאט פון קארדאווא“. זיי האבען דעריבער ערקלערט מעקסיקא פאר אן אומאפהענגיגע אימפעריע. אין דער ערוואַרטונג, אז איינער פון דער שפאנישער קעניגליכער פאמיליע וועט קומען פארנעמען דעם טראן פון דער דאזיגער נייער אימפעריע, וועלכע האט פארנומען א ריזיגען שטח פון גוואטעמאלאאין דרום ביז ארעגאן אין צפון (טעקסאס, קאליפארניע, ניו מעקסיקא און אריזאנא אריינגערעכענט), האט די דאזיגע כונטא אנערקענט א פראוויזארישע רעגירונג פון איטורבידע אלס פרעזידענט און פון פינף מיטגלידער, פון וועלכע א'דאנאכו איז געוועזען איינער ביז זיין נאטירליכען טויט אין א מאנאט ארום.

אכטער קאַפּיטעל.

אומענדליכע רעוואָלוציעס און דיקטאַטורען

די וויטערע געשיכטע פון מעקסיקאָ איז פול מיט רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס. אומאָפּהענגיג איז מעקסיקאָ פאַרבליבען, אַ רעפּובליק איז עטאַבלירט געוואָרען, אַ קאָנסטיטוציע איז איינגעפיהרט געוואָרען; אָבער רוה און אָרדענונג פעהלען נאָך עד היום. איין פּאָליטישע איבערקערעניש האָט געפאָלגט נאָך דער אַנדערער; איין דיקטאַטאָר האָט אַרויסגעריסען דעם רעגירונגס־רודער ביי אַן אַנדערען. אין פאַרלויף פון די ערשטע 58 יאָהר פון דער מעקסיקאַנער אומאָפּהענגיגקייט (פון 1821 ביז 1871) האָבען זיך אומגעביטען 53 דיקטאַטאָרם. ווען מען זאָל אַרונטעררעכענען די 17 יאָהר הערשאַפט פון כואַרעץ, מאַקסימיליאַן (קייזער) און פּאָרפירא דיאַץ (זיין ערשטע פּרעזידענטשאַפט), בלייבט 41 יאָהר פאַר 50 פּרעזידענטען און דיקטאַטאָרם, וואָס עס מאַכט אַ דורכשניטליכען טערמין פון 9 מאָנאַטען און 21 טעג.*)

פון ערשטען בליק זעהט עס אויס, אַז די דאָזיגע רעוואָלוציעס זיינען אַרויסגערופען געוואָרען נאָר דורך די אַמביציעס און שטרייטען צווישען די פיהרער

*) אָט איז אַ פאַרקירצטע, אָבער פיל זאָגענדע ליסטע פון דיזע הערשער און פון דער צייט פון זייער הערשאַפט: איטורבידע, פּרעזידענט אין 1821; איטורבידע, קייזער אין 1822; די גענעראַלען גערערא, בראַוואָ און נעגרעטע, דיקטאַטאָרס אין 1823; גענעראַל וויקטאָריאַ, פּרעז. אין 1824; גענ. פּעדראַזאַ, פּרעזידענט אין 1827; גענ. גערעראַ, פּרעז. אין 1828 און דיקטאַטאָר אין 1829; גענ. בוסטאַמענטע, פּרעז. אין 1830; גענ. פּעדראַזאַ ווידער פּרעז. אין 1832; גענ. סאַנטאַ אַננאַ, פּרעז. אין 1833; גענעראַל באַראַגאַן, פּרעז. אין 1835; גענעראַל בוסטאַמענטע, ווידער פּרעזידענט אין 1836; גענעראַל פּאַרעדעס, פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט אין 1841; סאַנטאַ אַננאַ ווידער פּרעזידענט אין 1841 און דיקטאַטאָר אין 1843; גענעראַל העררערא, פּרעזידענט אין 1845; פּאַרעדעס, ווידער פּרעזידענט אין 1846; גענעראַל סאַלאַס, פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט אין 1846; סאַנטאַ אַננאַ, ווידער דיקטאַטאָר אין 1846; גענעראַל פּעניאַ, פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט אין 1847; העררעראַ, ווידער פּרעזידענט אין 1848; גענעראַל אַריסטאַ, פּרעזידענט אין 1851; סאַנטאַ אַננאַ, נאָך אַמאָל דיקטאַטאָר אין 1853; גענעראַל קאַררעראַ, פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט אין 1855; גענעראַל אַלוואַרעץ, דיקטאַטאָר אין 1855; גענעראַל קאָמאָנפאָרט, פּרעזידענט אין 1856; גענעראַל זולאָאַגאַ, פּרעזידענט אין 1858; גענעראַל מיראַמאָן, פּרעזידענט אין 1859; בעניטאָ כואַרעץ, פּרעזידענט אין 1861; מאַקסימיליאַן, קייזער אין 1864; כואַרעץ, ווידער פּרעזידענט אין 1867 און ערוועהלט נאָך אַמאָל אין 1871; גענעראַל לערדאָ דע טעכודאַ, פּרעזידענט אין 1872 און ווידער ערוועהלט אין 1876.

און גענעראלען; אבער ווען מען בעטראכט זיי נעהענטער, געפינט מען פער־שיעדענע געזעלשאפטליכע אורזאכען, וועלכע שטאמען מייסטענס פון דער שפא־נישער הערשאפט. די וויכטיגסטע פון זיי זיינען: דער שטענדיגער ראסען־קאמפף; די רייסערייען צווישען די שפאניער און קרעאלען (דיזע אורזאכע האט ביסלעכווייז אויפגעהערט, ווען די קרעאלען האבען געקראגען די אויבערהאנד); דער קאמפף צווישען די פריווילעגירטע קלאסען און די מאסען; פון צייט צו צייט אויך א קאמפף אין די רייהען פון די פריווילעגירטע קלא־סען, בעזאנדערס צווישען די קירכע און די ארמעע; די שטרייטען צווישען די קאנסערוואטיווע און ליבעראלען אדער, וויא מען רופט זיי אויך צענטרא־ליסטען און פעדעראליסטען. צו דער צענטראליסטישער פארטיי האבען גע־הערט די אפיציערען, גלחים, מאנארכיסטען און בכלל אזעלכע, וואס האבען געזוכט איינצופיהרען א דעספאטישע צענטראל־רעגיערונג; צו דער פעדערא־ליסטישער פארטיי האבען געהערט די ליבעראלען, רעפובליקאנער און בכלל אזעלכע, וועלכע האבען געוואלט פערשטארקען די פראווינציעלע רעגיערונגען און איינפיהרען וואס מעהר האום־רול אדער זעלבסט־פערוואלטונג.

דער קאמפף צווישען די צענטראליסטען און פעדעראליסטען האט זיך אנגעפאנגען נאך אונטער דער שפאנישער הערשאפט, ספּעציעל זייט די רע־פארמען, וואס זיינען איינגעפיהרט געווארען פון א ספּעציעלער קעניגליכער קאמיסיאן מיט א יאהר דריי פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציאן אין דער פערוואלטונג פון די פראווינצען פון ניי־שפאניען. אין אלע שפאנישע קא־לאניעס איז פארגעקומען אן עהנליכער פארטיי־קאמפף אונטער עהנליכע בע־דינגונגען און צוליעב עהנליכע אורזאכען. די רעזולטאטען זיינען דארום אויך געווען עהנליכע, נעמליך: דיקטאטורען, רעוואלוציאנען און קאנטער־רעוואלו־ציאנען. ביז היינט צו טאג זיינען די רעגיערונגען אין אלע רעפובליקען אויף דעם פלאץ פון די שפאנישע קאלאניעס אטאקראטישע, דיקטאטארישע און יעדענפאלס ניט עכט־קאנסטיטוציאנעלע. זייערע פרעזידענטען זיינען מעהר אדער ווייניגער דיקטאטארס. די פעדעראלע רעגיערונגס־סיסטעם, וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין מעקסיקא און אין אנדערע שפאניש־אמעריקאנישע רעפובליקען נאך דעם מוסטער פון יונייטעד סטייטס, האט אייגענטליך עקזיס־טירט אויף'ן פאפיער.

די צענטראליסטען און רעאקציאנערען האבען יעדענפאלס ניט געקענט פערווירקליכען זייער אימפעריאליסטישען פלאן. איטורבידע, דער ערשטער מעקסיקאנער וואס איז פראקלאמירט געווארען אלס אימפעראטאר אונטער דעם נאמען אגוסטין דער ערשטער, האט דערפאר בעצאהלט מיט זיין לעבען.

אזוי וויא די שפאנישע קארטעסען האבען זיך ענטזאגט צו אנערקענען דעם "פלאן פון איגואלא" און דעם "טראקטאט פון קארדאווא", האבען די

פערעהרער און אַנהענגער פון איטורבידע צוזאַמען מיט דיא רעאַקציאָנערען און קלעריקאַלען אָנגעפאַנגען צו אינטריגירען און צו אַגיטירען, אַז דער קאָנגרעס, וואָס איז ערעפענט געוואָרען אין דער מעקסיקאַנער הויפּט־שטאָדט דעם 24טען פעברואַר 1822, זאָל אויסקלייבען גענעראַל איטורבידע פאַר אַ קייזער. דאָס האָט געפיהרט צו אַ פייערדיגען קאַמפּף צווישען דיא אַנהענגער פון איטורבידע, דיא אַנהענגער פון אַ בורבאָנישען פּרינץ (דיא שפּאַנישע דינאַסטיע איז דאַן געווען אַ צווייג פון דיא פראַנצויזישע בורבאָנען) און דיא רעפּובליקאַנער. דיא מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס איז געווען אַ רעפּובליקאַנישע; אָבער איטורבידע האָט געמאַכט אַ "פּראָנונסיאַמענטאָ", דאָס הייסט אַ מיליטערישע רעוואָלוציאָן. דער קאָנגרעס איז דאַן געצוואונגען געווען אונטער דעם מיליטערישען דרוק צו ערקלערען איהם פאַר אַ קייזער.

דעם 21טען יולי 1822 איז איטורבידע געקרוינט געוואָרען אין דעם קאַטהעדראַל פון דער הויפּט־שטאָדט מיט אַלע צערעמאָניעס פון דער אַלטער וועלט ביי אַזעלכע "זאַלבונגען". אָבער ניט לאַנג האָט ער געטראָגען דיא קרוין. גערערא, בראַוואָ און אַנדערע גענעראַלען און פיהרער פון דיא רעפּובליקאַנער האָבען אָנגעפאַנגען אַן אויפשטאַנד. אַרום פיער מאָנאַט נאָך איטורבידע׳ס קאָראָנאַציע איז אין וועראַ קרוץ ערקלערט געוואָרען אַ רעפּובליק אונטער דער לייטונג פון גענעראַל אַנטאָניאָ לאָפּעז דע סאַנטאַ אַננאַ, וועלכער האָט פריהער געדיענט אין דער אַרמעע פון שפּאַניען. דיא רעפּובליקאַנער אַרמעע האָט אַפילו פערלאָרען דיא ערשטע שלאַכט מיט דיא אימפּעריאַליסטען, אָבער דיא אונצופריעדענהייט מיט דער נייער אימפּעריע איז געוואָרען אַזוי גרויס און ברייט, אַז אין אַפּריל 1823 איז איטורבידע געצוואונגען געווען צו ענטזאַגען זיך פון טראָן. דער קאָנגרעס האָט דאַן אַרויסגעלאָזען אַ בעפעהל, אַז איטורבידע מוז פערלאָזען דאָס לאַנד, און האָט איהם בעוויליגט אַ פּענסיע פון 25 טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר, אויב ער וועט פערבלייבען אין אויסלאַנד. ער האָט טאַקע געפאָלגט און איז אַוועקגעפאָהרען נאָך ליוואָרנאָ (איטאַליען). אָבער ער האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט מיט דער אויסרעדע, אַז ער האָט ערפאַהרען, דאָס דיא שפּאַנישע רעגיערונג אינטריגירט געגען דיא אונאַבהענגיגקייט פון מעקסיקאָ, און אַז ער מוז דאַרום ווידער קעמפּפען מיט׳ן שווערד אין האַנד פאַר זיין פאַטערלאַנד. דער קאָנגרעס האָט איהם אָבער ערקלערט אויסערהאַלב געזעץ אַלס אַ פעררעטהער און פעראורטהיילט צום טויט. דאַרום איז ער אַרעסטירט געוואָרען באַלד נאָך זיין לאַנדונג דעם 14טען יולי, 1824, וויא נור מען האָט איהם דערקענט, און נאָך אַ פייערדיגער דיסקוסיאָן אין קאָנגרעס, איז עס אָבגעשטימט געוואָרען, אַז ער מוז בעשטראָפט ווערען מיט׳ן טויט. דער טויט־אורטהייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין דער שטאָדט פּאַדילאַ צוויי וואָכען נאָך דער לאַנדונג פון דעם עקס־אימפּעראַטאָר.

דער קאַמפף צווישען דיא צענטראַליסטען און פעדעראַליסטען איז דאַן געוואָרען בעזאָנדערס ברענענדיג. דיא יונגע רעפובליק איז געוועזען וויא אַ שיף אָהן אַ רודער אָדער, אפשר ריכטיגער, וויא אַ שיף מיט אַ סך רודערס. אונטער דעם פּאָרזיץ פון דעם רעפובליקאַנישען פיהרער וויקטאָריאַ האָבען דיא פעדעראַליסטען דורכגעפיהרט אין אָקטאָבער 1824 אַ קאָנסטיטוציאָן נאָך דעם מוסטער פון יונייטעד סטייטס. נור דיא קלעריקאַלען האָבען דערביי אויסגעפיהרט זייער פאָדערונג, אַז בלויז דיא קאַטאָלישע רעליגיאָן זאָל אַנערקענט ווערען. דיא וויכטיגסטע פונקטען פון דיזער קאָנסטיטוציאָן זיינען יעדענפאַלס געבליבען טויטע בוכשטאַבען.

צו דיא אַלטע שטרייטען זיינען צוגעקומען נייע, ווען מען האָט פּרובירט בעשטימען, וויא פיעל יעדער פון דיא סטייטס האָט ביי׳צוטראָגען פאַר דיא אויסגאַבען פון דער נאַציאָנאַלער צענטראַלער אָדער רעגיערונג. סטאַטיסטישע רעכנונגען האָבען בכלל געפעהלט. דיא ערשטע פאָלקס־צעהלונג וואָס איז געמאַכט געוואָרען אין מעקסיקאָ אונטער דער שפּאַנישער הערשאַפט אין אָנפאַנג פון 18טען יאָהרהונדערט, איז אויך ניט געוועזען אַ גאַנץ ריכטיגע. אין דער צייט פון דער לאַנגער רעוואָלוציאָן געגען שפּאַניען און פון דיא אינערליכע איבערקעהרענעסען און פערשיעדענע בלוט־פערגיעסונגען האָט מען נאַטירליך ניט געקענט אפילו דענקען וועגען אַזעלכע פריעדליכע זאַכען, וויא פאָלקס־צעהלונגען.

דער וועלט־בעריהמטער דייטשער געלעהרטער, אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט, וועלכער האָט געמאַכט אַ פאָרשונגס־רייזע איבער דער לאַטיינישער אַמעריקאַ צו דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, האָט אויסגערעכענט, אַז אין 1803, ווען ער האָט געלאַנדעט אין מעקסיקאָ, האָבען זיך דאָרטען געפונען קנאַפּע 6 מיליאָן נפשות. אזוי איז עס וואַהרשיינליך אויך געוועזען מיט אַ פערטעל יאָהרהונדערט שפּעטער. מען מעג גיכער אָננעהמען, אַז דורך דעם שטענדיגען בירגער־קריעג איז די בעפעלקערונג דאָרטען פערקלענערט געוואָרען. מען האָט דאַן ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסען, וויא פיעל איינוואָהנער עס געפינען זיך אין דיא פראָווינצען און שטעדט, זאָ דאָס ביי דעם בעסטען ווילען, אפילו אונטער דיא רוהיגסטע אומשטענדען, וואָלט עס זעהר שווער געווען צו קומען צו אַ פערשטענדיגונג און אַן אויסגלייך מכח דיא שטייער און בכלל דיא רעכטע און פליכטען פון יעדען סטייט.

אין מעקסיקאָ אָבער, וויא אין אַלע לאַטיינישע רעפובליקען אין דער נייער וועלט, האָט מען געפיהרט דעם פּאַרטיי־קאַמפּף מיט געוועהר אין דיא הענד. דיא הערשענדע פּאַרטיי, ריכטיגער גערעדט, דיא פּאָליטישע גרופּע, ניט זעלטען פּשוט אַ גענעראַל מיט אַ געוויסער צאָהל סאָלדאַטען און אנהענגער, וואָס האָבען פערכאַפּט דיא רעגיערונגס־מאַכט, האָבען איינגעפיהרט אַ דיקטאַטור, און דיא

אפאזיציאן האט געזוכט צו שטירצען דיזע דיקטאטור דורך א רעוואלוציאן אדער, אויף דעם שפאנישען שטייגער, דורך א פראנונסיאמענטא, אום איינצופיהרען איהר אייגענע דיקטאטור אין פאל פון אן ערפאלג. רעוואלוציאנען אנשטאט וואהלען; פראנונסיאמענטאס פון גענעראלען געגען פרעזידענטען, וואס פלעגען אמאל אויסגעוועהלט ווערען לויט דיא פארשריפטען פון דער קאנסטיטוציאן; קוילען אנשטאט באלאטס (שטימצעטלעך), שלאכטען אנשטאט קאמפראמיסען; ניט זעלטען אויך היגריכטונגען פון דיא בעזיעגטע דיקטאטארס אדער פון גענעראלען, וואס האבען ארויסגערופען אויפשטאנדען צו ווערען דיקטאטארס — דאס איז געוועזן דער שיקזאל פון אלע רעפובליקען, וועלכע זיינען אויפגעקומען אין דעם ערשטען פערטעל פון פאריגען יאהרהונדערט אין דיא שפאנישע און פארטוגעזישע קאלאניעס און דאס איז נאך עד היום דיא גרעסטע צרה פון א בעדייטענדען טהייל פון זיי, דארונטער אויך פון מעקסיקא. דורך דיזע רעוואלוציאנען האבען זיי זיך ניט געקענט ענטוויקלען אזוי וויא זייערע נאטירליכע רייכטהימער ערלויבען עס. אפילו אין דיא רעפובליקען, וואו דער געלער פיעבער פלעגט בעזאנדערס שניידען מענשליכע לעבענס, איז עס א פראגע, אויב דיא בעפעלקערונגען האבען געליטען מעהר פון דיזער נאטירליכער מגפה אדער פון דער רעוואלוציאנערער מגפה. דעם געלען פיעבער קען מען שוין, א דאנק דער נאטור-וויסענשאפט, בעקעמפפען און אויסראטען; אבער ווער ווייסט, וויא פיעל עס וועט נאך נעהמען, איידער מען וועט פטור ווערען פון דיא פראנונסיאמענטאס אין דער לאטיינישער אמעריקא?

מען דארף אבער אויך נעהמען אין בעטראכט, ווען מען לעזט דיא געשיכטען פון דיזע רעפובליקען, אז אין דיא פראנונסיאמענטאס האבען געוועהנליך אנטהייל גענומען קליינע צאהלען פון דיא בעפעלקערונגען, מייסטענס קרעאלען. דיא מאסען פון מעקסיקא, און דאס מיינט דיא אינדיאנער, זיינען געבליבען גלייכגילטיג צו דיא אונענדליכע שטרייטען און שלאכטען פון דיא פיהרער, גענעראלען און העכערע קלאסען בכלל. דיא רעוואלוציאנען און קאנטררעוואלוציאנען זיינען אייגענטליך געוועזן דיא בעשעפטיגונג פון בעאמטע, פאליטיקער, מיליטעריסטען, וויא אויך אוואנטוריסטען און באנדיטען אונטער דער קאמאנדע פון פערשיעדענע אמביציעזע גענעראלען און דיקטאטארס. דארום האט עס אויך געטראפען, אז איין דיקטאטאר פלעגט פערכאפען דעם פלאץ פון אן אנדערען כמעט גאר אהן בלוט-פערגיסונג. דיא שוואכערע זייט פלעגט זיך אמאל צוריקציהען אהן א שלאכט. דיא בעזיעגטע דיקטאטארס און גענעראלען פלעגען זיך געוועהנליך אבטראגען נאך אויסלאנד, מייסטענס נאך אייראפא, וואו זיי פלעגען לעבען א גוטען טאג און אויסווארטען אויף א געלעגענהייט צוריקצוקעהרען זיך אנצופאנגען א נייע רעוואלוציאן.

דורך דיזע שטענדיגע אונרוהען און פראנונסיאמענטאס האבען זיך אויף

פערמעהרט באַנדעס פון איינפאַכע רויבער. פון באַנדיטעריי האָט מעקסיקאָ געליטען, מעג מען זאָגען, זייט דיא צייטען פון הערנאַנדאָ קאָרטעז. פיעלע אַצטעקען און אַנדערע קריעגערישע אינדיאַנער שטאַמען האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין דיא ווילדעסטע געבירגיגע געגענדען און האָבען געזוכט צו נעהמען ראַכע פון זייערע ווייסע הערשער דורך רויבערישע אַטאַקעס. אָבער קיין מאָל איז באַנדיטעריי ניט געוועזן אַזוי פערשפרייטעט, וויא אין דעם האַלבען יאָהרהונדערט נאָך דער ערקלערונג פון אונאַבהענגיקייט. לעבען דער הויפט־שטאָדט גופא איז ניט געוועזן זיכער צו רייזען. אפילו דער עלטעסטער און וויכטיגסטער וועג, נעמליך פון דעם גרעסטען און רייכסטען פאָרט וועראַ קרוץ ביז צו דער הויפט־שטאָדט (אונגעפעהר 180 ענגלישע מייל), איז אָפט געוועזן בעלאַגערט פון באַנדיטען. ניט זעלטען פלעגען דיא באַנדיטען אויך אַריינטרעטען אין דיענסט פון דיא אַמביציעזע גענעראַלען. פאַר זיי זיינען דיא פראָנונסיאַמענטאָס געוועזן וויא צוגעמאָסטען.

דיא פאָליטישע פיהרער און גענעראַלען זיינען מאַנכעס מאָל געוועזן ניט בעסער און מענשליכער פאַר דיא אָנפיהרער פון באַנדעס רויבער. זייערע רויבערייען פלעגען זיי קרוינען מיט'ן נאָמען קאָנפיסקאַציע. קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס זיינען בכלל פערבליבען אויף'ן פאַפּיער און פרייהייט האָט אייגענטליך עקזיסטירט נור פאַר דיא זיעגער. דער קאָנגרעס זעלבסט האָט בעוויזען אַ ביישפּיעל פון אונגערעכטיגקייט און גרויזאַמקייט דורך זיין בעפעהל אַרויסצוטרייבען שפּאַניער פון לאַנד. דאָס איז געשעהען אין 1827 אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון דעם זעלבען גענעראַל וויקטאָריאַ, וועלכער האָט עס דורכגעפיהרט אַ קאָנסטיטוציאָן נאָך דעם אַמעריקאַנער מוסטער. דיא מעקסיקאַנער קרעאָלען האָבען דאַן געהאַנדעלט פונקט אַזוי באַרבאַריש געגענאיבער דיא שפּאַניער, וויא דיא שפּאַניער האָבען געהאַנדעלט מיט אַ 300 יאָהר פריהער געגענאיבער דיא אידען און מורען. פיעלע שפּאַנישע פאַמיליען, וועלכע האָבען געמוזט פערלאָזען מעקסיקאָ, האָבען זיך בעזעצט אין דער פראַנצויזישער שטאָדט באָרדאָ.

דעם נעכסטען יאָהר האָט אויסגעבראָכען אין דער הויפט־שטאָדט אַן אויפשטאַנד, וועלכער האָט אויך געפיהרט צו אַ רויבעריי פון רייכע מאַגאַזינען און גרויסע אויסלענדישע געשעפטען. אונטער געשרייען: "וויוואַ לאַ ליבערטאַד!" זיינען מענגעס בעפאַלען דעם האַנדעלס־קוואַרטאַל און האָבען גערויבט אין פערלויף פון עטליכע טעג. דיזע רויבערייען, וועלכע זיינען געוועזן פערבונדען מיט אַ ביטערען קאַמפף צווישען דיא ליבעראַלען און קאָנסערוואַטיווע ביי דיא זאָ־גענאַנטע וואַהלען פאַר אַ פּרעזידענט אויף גענעראַל וויקטאָריאַ'ס פּלאַץ, האָבען אין צעהן יאָהר אַרום געפיהרט צו דער זאָ־גענאַנטער "צוקערלעקעך מלחמה" מיט פראַנקרייך. אַ בעקעריי פון אַ פראַנצויזישען קאָנדיטאָר איז

דאן אויך בערויבט געוואָרען. דער פראנצויז האָט פערלאנגט 60,000 דאָלאר שאדענערזאץ דורך זיין רעגיערונג, און אזוי וויא דיא מעקסיקאנער רעגיערונג האָט זיך ענטזאגט צו צאָהלען, האָט דיא פראנצויזישע רעגיערונג געשיקט עט־ליכע קריעגס־שיפען און געצוואונגען דיא מעקסיקאנער צו בעצאָהלען נאָכדעם וויא פראנצויזישע סאָלדאטען האָבען געלאנדעט און פערנומען ווערא קרוץ און איינינע אנדערע ערטער (ענדע 1838).

דער פעהיגסטער און וויכטיגסטער פון דיא גענעראלען און דיקטאטאָרס אין דיזער אונרוהיגסטער צייט פון דער מעקסיקאנער געשיכטע איז געווען דער אויבען דערמאָנטער סאנטא אננא. ער האָט אָנפאנגס געשטיצט דיא לי־בעראלע פארטיי, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרען א קאָנסערוואטאָר. זיין לעבענס־געשיכטע איז ניט נור אם ענגסטען פערבונדען מיט אלע פּאָליטישע איבערקעהרעניסען אין זיין פאָטערלאנד אין פערלויף פון א האלבען יאָהר־הונדערט, זאָנדערן רעפּרעזענטירט און כאראקטעריזירט זיי אם בעסטען. אין 1810, ווען ער איז אלט געווען 15 יאָהר, איז ער אריינגעטראָטען אלס קאדעט אין דער שפּאנישער ארמעע. ער האָט געקעמפּפט געגען הידאלגאָ און דיא רעוואָלוציאָנערען ביז איטורבידע איז געוואָרען דיקטאטאָר. פאר זיין מוטה און פעהיגקייטען האָט איהם איטורבידע בעלוינט מיט'ן ראנג פון א גענעראל און מיט דעם זעהר וויכטיגען אמט פון גובערנאטאָר פון דער פּראָווינץ ווערא קרוז. אין דיזער פּראָווינץ איז סאנטא אננא געבאָרען געוואָרען, דאָרטען האָט ער געהאט זיינע לאנדגיטער און דאָרטען האָט ער געזוכט צו געווינען פּאָפּו־לאַריטעט, אום נאָכהער דאָס צו בענוצען פאר זיינע אמביציעזע פּלענער.

מיר וועלען שוין, אז ער איז צוגעשטאנען צו דיא רעפּובליקאנער און האָט ערקלערט א רעפּובליק אין זיין פּראָווינץ, ווען איטורבידע איז געקרוינט גע־וואָרען אלס אימפּעראטאָר. ער וואָלט שוין אפשר דאן געקענט ווערען דיקטא־טאָר, ווען ער וואָלט ניט בעשלאָסען צו שטיצען ביז א צייט עלטערע פיהרער. ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין פיעלע שלאכטען מיט זיין קוראזש און אויך מיט גרויזאמקייטען. אין 1829, ווען דיא שפּאנישע רעגיערונג האָט זיך מישב געווען צו שיקען אן עקספּעדיציע, אום וויעדער צו עראָבערען מעקסיקאָ, האָט גענעראל סאנטא אננא שנעל אָרגאניזירט א פּאטריאָטישע ארמעע און פעריאָגט דיא שפּאניער. אין 1838, ווען עס האָט זיך אָנגעפאנגען דיא אויבען דער־מאָנטע "צוקערלעקעך מלחמה" און דיא פראנצויזען האָבען פערנומען ווערא קרוז, האָט ער וויעדער אָרגאניזירט א פּאטריאָטישע ארמעע. ביי איין שלאכט מיט דיא פראנצויזען איז ער פערוואונדעט געוואָרען אין א פוס, וועלכען מען האָט געמוזט אָבשניידען. דאָס האָט איהם ניט געשטערט צו פיהרען שלאכטען ביז זיינע אלטע יאָהרען. מען פלעגט איהם אויך רופען "גענעראל מיט'ן היל־צערנעם פוס".

אין דעם ביטערען קאַמפּף צווישען דיא צענטראַליסטען, וועלכע האָבען
אַרויסגעשטעלט גענעראַל פעדראַזאַ פאַר זייער קאַנדידאַט ביי דיא פּרעזידענטי־
שע וואַהלען אין 1828 (נאָך דעם סוף פון פּרעזידענט וויקטאָריאַ׳ס טערמין),
און דיא פעדעראַליסטען, וועלכע האָבען געשטיצט דיא קאַנדידאַטור פון דעם
רעוואָלוציאָנערען קעמפּפער גערערא, האָט סאַנטאַ אננאַ אויסגעפיהרט דורך
אַ פּראָנונסיאַמענטאָ, אַז גערעראָ זאָל ווערען פּרעזידענט. אָבער דעם נעכסטען
יאָהר איז ער אַרויסגעטראָטען געגען גערעראָ און האָט געהאָלפען דעם וויצע־
פּרעזידענט בוסטאַמענטע צו ווערען דיקטאַטאָר. גערעראָ האָט געענדיגט זיין
לעבען וויא אַ מאַרטירער. דורך אַ נידערטרעכטיגען פעררעטהע איז ער אַריינ־
געפאַלען אין דיא הענד פון זיינע פּאָליטישע געגנער. זיי האָבען אונטערגע־
קויפט אַ קאַפּיטאַן פון אַן איטאַליענישע האַנדעלס־שיף איהם איינצולאַדען צו
אַ מיטאָגשפּייז, און ווען ער איז געקומען, האָט מען איהם געפאַנגען און אַוועק־
געשלעפּט אין אַן אָרט, וואו מען האָט איהם איבערגעגעבען צו אַ מיליטער־
געריכט פון זיינע געגנער, פעראורטהיילט צום טויט און דערשאָסען דעם 15טען
פעברואַר 1831 (ער ווערט פערעהרט פון מעקסיקאַנער פאָלק אַלס איינער פון
דיא מאַרטירער פאַר אונאַבהענגיגקייט און פרייהייט ; איינער פון דיא מעק־
סיקאַנער סטייטס טראָגט זיין נאָמען).

בוסטאַמענטע איז אָבער ניט לאַנג פערבליבען דיקטאַטאָר נאָך אַזאַ טראַ־
גישען סוף פון זיין געגנער. אַ גרויסער אויפשטאַנד האָט אויסגעבראָכען געגען
איהם אין 1832, און סאַנטאַ אננאַ האָט דיזעס מאָל געמאַכט אַ פּראָנונסיאַ־
מענטאָ צו גונסטען פון גענעראַל פעדראַזאַ, וועמען ער האָט פעריאָגט מיט פיער
יאָהר פריהער. ווען אָבער פעדראַזאַ און נאָכהער זיין נאָכפאָלגער, דער וויצע־
פּרעזידענט פאַריאַס (אין 1833), האָבען פּרובירט איינפיהרען וויכטיגע רעפאָר־
מען, נעמליך : אָבשאַפען דיא פּריווילעגיעס פון דיא גלחים און מיליטערישע אָפי־
ציערען, וויא אויך אַרויסרייסען וועניגסטענס דיא העכערע ערציהונג פון דיא
גלח׳ישע הענד, איז סאַנטאַ אננאַ צוגעשטאַנען צו דיא רעאַקציאָנערען און קלע־
ריקאַלען און האָט געמאַכט אַ נייע פּראָנונסיאַמענטאָ, וועלכע האָט זיך געענ־
דיגט ניט נור דערמיט, וואָס ער איז אַליין געוואָרען פּרעזידענט־דיקטאַטאָר,
זאָנדערן אויך דערמיט, וואָס ער האָט אָבגעשאַפט דיא פעדעראַלע קאָנסטיטו־
ציאָן און איינגעפיהרט אַ צענטראַליסטישע (צו ענדע 1836). אַלס דיקטאַטאָר
האָט ער פאַנאַנדערגעיאָגט דעם קאָנגרעס, וואו דיא פעדעראַליסטען און לי־
בעראַלען האָבען געהאַט דיא מאַיאָריטעט, וויא אויך דיא לעגיסלאַטורען אָדער
פּאַרלאַמענטען פון דיא סטייטס, און האָט געמאַכט פאַר גובערנאַטאָרען און
פאַר בירגערמייסטער זיינע טרייעסטע אַנהענגער און נאָכפאָלגער.

דיזע רעאַקציאָנערע קאָנסטיטוציאָן, וועלכע האָט מיט איין קלאַפּ אָבגע־
שאַפט דיא זעלבסטפערוואַלטונגען פון סטייטס און שטעדט, האָט נאַטירליך

אין העכסטען גראד אויפגערעגט דיא פעדעראליסטען. דאס האט אויך טהיילוויז ארויסגערופען דעם אויפשטאנד אין טעקסאס, וואס איז דאן שנעל בעזעצט געווארען פון אמעריקאנער. דיזער אויפשטאנד האט עס געפיהרט צו דער מלחמה צווישען יונייטעד סטייטס און מעקסיקא, וועגען וועלכע מיר ווייסען שוין פון דער געשיכטע פון יונייטעד סטייטס. סאנטא אננא האט זיך א לאז געטהאן מיט אן ארמעע פון אונגעפעהר 6000 מאן, אום צו אונטערדריקען דעם אויפשטאנד אין טעקסאס. צוערשט האט ער געהאט ערפאלג, אבער נאכהער איז ער ניט נור בעזיעגט געווארען פון דיא אמעריקאנער קאלאניסטען און קארבאים אונטער דער קאמאנדע פון סעם האוסטאן, זאנדערן ער איז אליין געפאנגען געווארען. דיא טעקסאסער האבען איהם דאן געצוואונגען צו אונטערשרייבען אן אבמאך, אז טעקסאס זאל אנערקענט ווערען פאר אן אונאבהענגיגע רעפובליק. דער מעקסיקאנער קאנגרעס, וועלכער האט דערווייל אויסגעקליבען דר. אנטאניא בוסטאמענטע פאר פרעזידענט, האט זיך אבער ענטשיעדען ענטזאגט פון דעם דאזיגען אבמאך.

ווען סאנטא אננא האט זיך צוריקגעקעהרט אין 1837 פון זיין געפאנגענשאפט אין טעקסאס, האט מען איהם אויפגענומען זעהר קאלט אפילו אין זיין געבורטס־סטייט ווערא קרוז, וואו ער איז פערבליבען אויף זיינע גיטער ביז ער האט זיך געקענט אויסצייכנען דעם נעכסטען יאהר אין דער דערמאנטער "צוקערלעקעך מלחמה" מיט דיא פראנצויזען. דיא פעדעראליסטען, וועלכע האבען נאטירליך געזוכט צו פערכאפען דיא מאכט אין זייערע הענד און איינצופיהרען צוריק זייער קאנסטיטוציאן, האבען געמאכט א רעוואלוציאן אין 1840. סאנטא אננא איז דאן ארויסגעטראטען אלס א פערמיטלער. זיין פערמיטלונג האט זיך אבער געענדיגט אין 1841 דערמיט, וואס ער איז ווידער געווארען דיקטאטאר. ער האט זיך געווארפען אויף אלע זייטען ביז 1844, ווען עס האט אויסגעבראכען אזא אויפשטאנד געגען איהם אונטער דער פיהרונג פון גענעראל פארעדעס, אז ער האט געמוזט זיך אבטראגען פון מעקסיקא. ווי פאר פרעזידענט איז דאן אויסגעוועהלט געווארען גענעראל הערערא. וויא ווילד און שרעקליך דער קאמפף צווישען דיא גענעראלען פון דיא פערשיעדענע פארטייען און גרופען פלעגט געפיהרט ווערען, קען מען שליסען פון פאלגענדען פאל. איינער פון דיא פייערדיגסטע געגנער פון סאנטא אננא, א גענעראל מיט'ן נאמען מעכיא, איז נאך א שלאכט, וועלכע ער האט פערלארען, געפאנגען געווארען פון סאנטא אננא'ס סאלדאטען. ווען מען האט איהם אנגעזאגט, אז ער איז פעראורטהיילט געווארען צום טויט, האט ער געפרעגט, ווען דער טויט־אורטהייל וועט אויסגעפיהרט ווערען. "אין דריי שטונדען ארום", איז געווען דיא אנטווארט. "אה, ווען סאנטא אננא וואלט אריינגעפאלען אין מיינע הענד, וואלט איך איהם געגעבען בלויז דריי מינוט!" האט ער אויסגערופען.

סאַנטאַ אַננאַ איז פערבליבען אין קובאַ ביז 1846, ווען עס האָט זיך אָנ־געפאַנגען דיא מלחמה צווישען יונייטעד סטייטס און מעקסיקאָ. זיינע אַנהענ־גער האָבען איהם אַרויסגערופען צו בעשיצען דאָס פאָטערלאַנד געגען אַ מעכ־טיגען אויסלענדישען שונא. גענעראַל פּאַרעדעס, וועלכער איז דאַן געווען דיק־טאַטאָר (נאָכדעם וויא ער האָט געמאַכט אַ פּראָנונסיאַמענטאָ געגען גענעראַל הערערא), האָט געמוזט אָבטרעטען זיין פּלאַץ צום וויצע־פּרעזידענט בראַוואָ, ווייל מען האָט איהם פערדעכטיגט אין אַ פערשווערונג צו שטירצען דיא רע־פּובליק און אַריבערצוברענגען אַ בורבאָנישען פּרינץ פון שפּאַניען צו גרינדען אַ מאָנאַרכיע. בראַוואָ האָט פון זיין זייט איבערגעגעבען דיא דיקטאַטור צו סאַנטאַ אַננאַ, וועלכער האָט קאָמאַנדעוועט ביז צום סוף פון דיזער מלחמה (ער האָט געליטען איין נידערלאַגע נאָך דער אַנדערער אין דיא שלאַכטען מיט דיא אַמעריקאַנער), ווען ער איז אַרונטערגעזעצט געוואָרען און האָט ווידער געמוזט פערלאָזען זיין פאָטערלאַנד.

אין 1853, נאָכדעם וויא גענעראַל הערערא איז ווידער געוואָרען פּרעז־זידענט (פון 1848 ביז 1851) און האָט אָבגעטראָטען זיין פּלאַץ פריעדליך צו זיין געזעצליך ערוועהלטען נאָכפאָלגער גענעראַל אַריסטאַ (דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון מעקסיקאָ, אַז דער פּרעזידענט־אַמט איז איבערגעגאַנגען פון איינעם צו אַן אַנדערען אָהן פּראָנונסיאַמענטאָס און אָהן אירגענד וועלכע געוואַלט־אַקטען), וועלכער האָט געמוזט רעזיגנירען אין אָנפאַנג פון 1853 — איז סאַנטאַ אַננאַ נאָך אַמאָל געוואָרען דיקטאַטאָר. ער האָט זיך דאַן ערקלערט פאַר אַ דיקטאַטאָר אויף זיין גאַנצען לעבען מיט דעם טיטול פון אַ פּרינץ. ער האָט אפנים גערעכענט, אַז איהם וועט געלינגען צו ווערען קעניג; אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט דיזע גדולה זיינע. דעם נעכסטען יאָהר (אין פריהלינג פון 1854) האָט אויסגעבראָכען אַן ערפאָלגרייכער אויפשטאַנד פון פעדעראַליסטען און ליבעראַלען געגען איהם, און ער האָט געמוזט פון דאָס נייע זיך אָבטראָגען נאָך אויסלאַנד.

אָבוואָהל ער איז שוין דאַן אַלט געווען 60 יאָהר, האָט ער ניט געקענט זיך בערוהיגען און האָט אַלץ געזוכט אַ געלעגענהייט זיך אַריינצוכאַפּען אין מעקסיקאָ, אום צו מאַכען נאָך אַ פּראָנונסיאַמענטאָ און ווערען ווידער אַ דיקטאַטאָר. זיין לעצטע פּראָבע האָט ער געמאַכט אין 1867. מען האָט איהם אָבער שנעל געפאַנגען און פעראורטהיילט צום טויט. נור דער טויט־אורטהייל איז ניט אויסגעפיהרט געוואָרען צוליעב זיין אַלטקייט, וויא אויך צוליעב מאַנכע פון זיינע גוטע אויפטהואונגען און זיינע פּאַטריאָטישע לייסטונגען אין דיא מלחמות מיט פרעמדע. ער איז שוין געווען געבראָכען, אָבער נאָך אַלץ אַ ליוב, פאַר וועלכען מען האָט מורא געהאַט. מען האָט איהם דאַרום ניט גע־

לאָזען פערבלייבען אין מעקסיקאָ און פעראורטהיילט צו פערבאַנונג אויף 8 יאָהר. מיט איינינע יאָהר שפּעטער האָט מען איהם אויך אַמניסטירט און ער־לויבט צו ענדיגען זיינע יאָהרען אפילו אין דער הויפּט־שטאָדט גופא. געשטאָר־בען איז ער דאָרטען אין 1876, אַ הינקענדיגער און בלינדער זקן פון 81 יאָהר, אין אַרמוטה און פערגעסענהייט.

ניינטער קאפיטעל.

בעניטאָ כוארעץ און מאקסימיליאן

נאָך דער מלחמה מיט יונייטעד סטייטס איז דיא בעוועגונג פאר ראדי־קאַלע רעפאָרמען שטארקער געוואָרען. דיא ביטערע נידערלאגעס ביי יעדען צוזאמעשטויס מיט אמעריקאנער האָבען געעפענט דיא אויגען פון אלע אינ־טעליגענטע מעקסיקאנער אויף דעם קלעגליכען צושטאנד פון זייער פאטערלאנד דורך דיא שטענדיגע פראָנונסיאמענטאָס. עטליכע יאָהר נאָך דעם וויא פריע־דען איז געשלאָסען געוואָרען מיט יונייטעד סטייטס, האָבען זיך דיא פיהרער פון דיא קעמפפענדע פארטייען און דיא אמביציעזע גענעראלען צוריקגעהאל־טען פון אויפשטאנדען און פראָנונסיאמענטאָס. איינער פון דיא גוטע רעזול־טאטען דערפון איז געווען, וויא מיר האָבען עס געזעהען אין פאָריגען קאפיטעל, אז דער געזעצליך ערוועהלטער פרעזידענט אריסטא האָט אין 1851 געקענט פערנעהמען דעם פלאץ פון דעם געזעצליך ערוועהלטען פרעזידענט הערערא אין 1848.

אָבער דער קאמפף צווישען דיא ליבעראלען, וועלכע האָבען פערלאנגט דיא אָבשאפונג פון דיא פריווילעגיעס פון דיא גלחים און אויך דיא פערטהיי־לונג פון דיא לאנדגיטער פון דער קאטוילישער קירכע צווישען דיא פעאָנען, און פון דיא קלעריקאַלען (קלעריגאָס) אָדער קירכען־פארטיי, וועלכע האָט נא־טירליך געוואָלט אָנהאלטען דיזע פריווילעגיעס און לאנדגיטער — דיזער קאמפף איז אזוי פייערדיג געוואָרען אין דעם דריטען פערטעל פון פאָריגען יאָהרהונדערט, אז ער האָט געפיהרט צו א נייע רייהע פון אויפשטאנדען, פראָנונסיאמענטאָס, בלוטיגע שלאכטען און זאָגאר צו א פערזוך צו גרינדען אַן אימפעריע אונטער אַן אייראָפעאישען פרינץ.

דער גרעסטער, פעהיגסטער און בעסטער פון דיא אָנפיהרער פון דער לי־בעראלער פארטיי איז דאן געווען בעניטאָ כוארעץ (געב. אין 1806, געשטאָרבען אין 1872). ער ווערט פערעהרט פון מעקסיקאנער פאָלק ניט נור פאר זיינע וויכטיגע אויפטהואונגען, פאר זיין מוטהיגען און אָפּפערווילליגען קאמפף פאר ליבעראלע רעפאָרמען און אויך פאר דיא אינדיאנער מאסען, זאָנדערן אויך

דערפאַר, וואָס ער איז אַליין געווען אַן אינדיאַנער, דער זוהן פון אַ בויער אין

בעניטא כוארעץ

דעם סטייט אואַכאַקאַ. ער איז געווען דער ערשטער און בלייבט דערוויילע

דער איינציגער אינדיאנער אהן אירגענד וועלכע צומישונג פון בלוט פון א ווייסען, וואס האט דערגרייכט צו ווערען פרעזידענט פון דער רעפובליק. דיא אינדיאנער שטאלצירען מיט איהם. זיין קאריערע, וועלכע איז אם ענגסטען פערבונדען מיט דער געשיכטע פון מעקסיקא אין פערלויף פון א יאהר דרייסיג, האט אויפגעמונטערט דיא אינדיאנער מאסען צו קעמפפען פאר זייערע רעכטע. ער בלייבט זייער אידעאל עד היום.

מען דערצעהלט, אז צו צוועלף יאהר האט בעניטא כוארעץ נאך ניט געקענט אפילו לעזען. ער האט דאן געארבייט ביי א בוכבינדער, נור ער האט ארויסגעוויזען אזעלכע פעהיגקייטען, אז א גלח האט אנגעפאנגען צו לערנען מיט איהם און אז א רייכער מאן האט איהם געשטיצט ביז ער האט געענדיגט א העכערע שול און איז געווארען אן אדוואקאט. זיין ערשטער ארויסטריט אויף דער פאליטישער ביהנע איז געווען אלס מיטגליעד פון דער לעגיסלאטור פון זיין געבורטס־סטייט אואכאקא. ער האט זיך דארט אזוי אויסגעצייכענט, אז אין 1846 האט מען איהם אויסגעוועהלט צום קאנגרעס און א יאהר שפעטער איז ער געווארען גובערנאטאר פון דיזען סטייט. אונטער סאנטא אננא'ס דיקטאטור אין 1853 איז כוארעץ געצוואונגען געווען צו פערלאזען מעקסיקא. ער איז פערבליבען אין יונייטעד סטייטס ביז 1855, ווען סאנטא אננא האט אליין געמוזט זיך אבטראגען פון מעקסיקא. אונטער דער פרעזידענטשאפט פון אלווארעץ איז כוארעץ געווארען יוסטיץ־מיניסטער און האט באלד דורכגעפיהרט אין קאנגרעס (ענדע 1855) א געזעץ, וואס טראגט זיין נאמען און וואס האט אבגעשאפט דיא ספעציעלע געריכטען פאר גייסטליכע און מיליטעריסטען. דיזע געריכטען זיינען געווען אן אונגליק פאר דעם מעקסיקאנער פאלק און האבען געפיהרט צו קארופציאן אין פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען פון מעקסיקא.

דיא פריווילעגירטע קלאסען האבען נאטירליך געקעמפפט מיט אלע כוחות געגען אזא געזעץ. דיא גלחים האבען אויפגעהויבען געשרייען ביז'ן הימעל און האבען געסטראשעט מיט הימלישע שטראפען, אויב אזא גאטלאזער געזעץ וועט פערבלייבען אין קראפט. זייער ווידערשטאנד האט געפיהרט צו א נייער איבערקעהרענעס אין דער רעגיערונג. קאמאנפארט, דער קריעגס־מיניסטער פון פרעזידענט אלווארעץ, האט זיך פערבונדען מיט דיא מעסיגערע ליבעראלען און איז געווארען פרעזידענט און שפעטער דיקטאטאר. ער האט אונטערדריקט אן אויפשטאנד פון קלעריקאלען אין פועבלא (דיא שטאדט פון דער אינקוויזיציאן) אין אנפאנג פון 1856 און האט אויך קאנפיסצירט לאנדגיטער ביי דער קירכע; אבער ער האט פון דער אנדער זייט געזארגט, אז דיא גלחים זאלען ניט פערלירען א סך ביים פערקויף פון דיא קירכען־גיטער. אונטער זיין דיק־

טאַטור איז עס איינגעפיהרט געוואָרען אַ נייע קאָנסטיטוציאָן, וועלכע איז בע־זאָנדערס קאָפּירט געוואָרען נאָך דער קאָנסטיטוציאָן פון יונייטעד סטייטס.

דיזע קאָנסטיטוציאָן האָט זיך אָבער געהאַלטען אַזוי אין דער לופטען, וויא זיין דיקטאַטור. אין אָנפאַנג 1858 איז גענעראַל קאָמאָנפאָרט ניט נור אַרונטערגעזעצט געוואָרען נאָך אַ פּראָנונסיאַמענטאָ פון דעם רעאַקציאָנערען גענעראַל זולאָאַגאַ, זאָנדערן ער איז אויך פעריאָגט געוואָרען פון מעקסיקאָ. אין פערלויף פון אַ יאָהר דריי האָט זיך ניט נור געצויגען אַ ווילדער בירגער־קריעג צווישען דיא ליבעראַלען און קלעריקאַלען, זאָנדערן עס האָבען אויך עק־זיסטירט צוויי רעגיערונגען: דיא ליבעראַלע אונטער בעניטאָ כואַרעז אין וועראַ קרוץ און דיא רעאַקציאָנערע אין דער הויפּט־שטאָדט. כואַרעז האָט זיך ערקלערט פאַר דעם געזעצליכען פּרעזידענט אויף דעם גרונד, דאָס ער איז געוועזען דער העכסטער ריכטער אונטער דער פּרזידענטשאַפט פון קאָמאָנפאָרט. דיא רעאַקציאָנערען זיינען צוערשט אָנגעפיהרט געוועזען פון גענעראַל זולאָאַגאַ און נאָכהער פון דעם יונגען אָפיציער מיראַמאָן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט מיליטערישע פעהיגקייטען, מיט גרויזאַמקייט און מיט געוויסענלאָ־זיגקייט.

אין צוויי שלאַכטען לעבען דיא הויפּט־שטאָדט זיינען דיא ליבעראַלען אָדער, וויא מען האָט זיי דאַן גערופען, כואַריסטען, געשלאָגען געוואָרען פון דיא רעאַקציאָנערען אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל מיראַמאָן. נאָך דער צווייטער שלאַכט (אין אַפּריל 1859) האָבען דיא רעאַקציאָנערען דערשאָסען, מיט דער צושטימונג פון גענעראַל מיראַמאָן, 53 אָפיציערען (דאַרונטער אויך איינינגע דאָקטוירים, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען אַן ענגלענדער) פון דער ליבעראַלער אַרמעע, וועלכע האָט זיך אונטערגעגעבען. דיזע אָפּפער פון דער ווילדער גרויזאַמקייט פון דיא קלעריקאַלען און פון זייער קאָמאַנדיר זיינען בעקאַנט אין דער געשיכטע פון מעקסיקאָ אונטער דעם נאָמען "דיא מאַרטירער פון טאַקובאַיאַ". דאָס צייגט, וויא ווילד דער בירגער־קריעג איז געפיהרט געוואָרען.

דיא רעגיערונג אונטער דער לייטונג פון בעניטאָ כואַרעז איז אַנערקענט געוואָרען פון דער אַמעריקאַנער רעגיערונג. אין יונייטעד סטייטס האָט מען סימפּאַטיזירט מיט דיא מעקסיקאַנער ליבעראַלען בכלל. אַזוי וויא דיא כואַ־ריסטען האָבען קאָנטראָלירט דיא אַטלאַנטישע פּאָרטען, האָבען זיי געקענט אימפּאָרטירען געוועהר פון אויסלאַנד. דיא אַנערקענונג פון יונייטעד סטייטס איז געוועזען בעזאָנדערס וויכטיג פאַר דיא כואַריסטען, ווייל זיי האָבען געקענט ניט נור אונגעשטערט איינקויפען געוועהר, זאָנדערן אויך צוזאַמענקלייבען וואָ־לאָנטירען און אָרגאַניזירען עקספּעדיציעס אין ניו־אָרליענס און אין אַנדערע

אַמעריקאַנער פּאַרטען. אין 1859 האָט כּוארעז ארויסגעלאָזען אַ רייהע פון ליבעראַלע געזעצע, וואָס האָבען געציעלט צו ברעכען דיא מאַכט פון דער קירכע. ער האָט אָבגעשאַפט דיא קאַטאָלישע אָרדענס, איינ־געפיהרט ציוויל־הייראַטהען, איבערגעגעבען דעם קאָנטראָל איבער בית עולם׳ס צו דיא ציוויל־בעאַמטע פון דיא שטעדט, נאַציאָנאַליזירט דיא לאַנדגיטער פון דיא קירכען און קלויסטערס א. ז. וו. דעם זעלבען יאָהר איז געשלאָסען געוואָרען דער זאָ־גענאַנטער מאַקליין־כּוארעז טראַקטאַט, נאָך וועלכען יונייטעד סטייטס האָט געקראָגען ספּעציעלע קאָמערציעלע און אויך פּאָליטישע רעכטע אין מעק־סיקאָ. דער יונייטעד סטייטס סענאַט האָט זיך אָבער ענטזאַגט צו בעשטעטי־גען דיזען אָבמאַך, וואָס איז געווען אַ פערמאַסקירטער פּראָטעקטאַראַט איבער דער מעקסיקאַנער רעפּובליק.

צו דער צייט איז יונייטעד סטייטס אַליין געשטאַנען אויף׳ן שוועל פון אַ בירגער־קריעג. דער שטענדיגער פּאַרטיי־קאַמפּף וועגען דיא נעגער־שקלאַ־ווערייַ, איז געוואָרען אַלץ ביטערער און פייערדיגער. דיא גרויסע נאָרד־אַמערי־קאַנישע רעפּובליק האָט דאַן געהאַט צו זאָרגען פאַר איהר אייגענע עקזיסטענץ און יעדענפאַלס פאַר דיא איינינגקייט פון אַלע איהרע טהיילען. דערמיט האָט זיך בענוצט נאַפּאָלעאָן דער דריטער, אום דורכצופיהרען אַ פּלאַן צו גרינדען אַן אימפּעריע אין מעקסיקאָ — אַ פּאַסירונג וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכע אין דער געשיכטע פון דער נייער וועלט.

דיא אריינמישונג פון אייראָפּעאישע מעכטע אין מעקסיקאָ איז געוואָרען אונפערמיידליך דורך דעם, וואָס דיא אויסלענדער האָבען זעהר פיעל געליטען דורך דיזען בירגער־קריעג. דיא ליבעראַלען זיינען ניט געווען בעסער פאַר דיא קלעריקאַלען אין זייער פּשוט רויבערישע האַנדלונגען געגענאיבער אייראָ־פּעער. דיא מעקסיקאַנער האָבען זיך גאָר ניט געקימערט וועגען אינטערנאַציאָ־נאַלע געזעצע. זיי פלעגען פערכאַפּען אייראָפּעאישע סחורות אין דיא צאָל־אַמטען און געלד אין דיא באַנקען פון אייראָפּעער. פיעלע אייראָפּעער זיינען דאַן ניט נור בערויבט געוואָרען, זאָנדערען אויך ערמאָרדעט גע־וואָרען. דיא ענגלישע רעגיערונג האָט דאַרום אָבגעבראָכען דיפּלאָמאַטישע פערבינדונגען מיט מעקסיקאָ אין אָנפאַנג פון 1859, און דיא רעגיערונגען פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, פּרייסען און שפּאַניען האָבען געפיהרט אין 1860 אונ־טערהאַנדלונגען וועגען שיקען אַ געמיינשאַפטליכע מיליטערישע עקספּעדיציע, אום צו בעשיצען זייערע בירגער און צו צווינגען דיא מעקסיקאַנער צו רעס־פּעקטירען אויסלענדער און צו צאָהלען שאַדענערזאַץ. ענדע 1860 האָט זיך גענעראַל מיראַמאָן ערלויבט זאָגאַר צו פערכאַפּען אין דעם ענגלישען אַמבאַסאַר גופא דיא סומע פון $630,000 אין גאָלד, וואָס איז דאָרטען געלעגען פערזיע־

געלט און וואָס איז בעשטימט געוועז צו צאָהלען דיא פּראָצענטען צו דיא באָנד־האָלדערס אָדער אַקציאָנערען.

אין אָנפאנג פון 1861, ווען בעניטאָ כוארעץ איז אריין מיט טריאומף אין דער מעקסיקאנער הויפּט־שטאָדט, נאָכדעם וויא זיין גענעראל אָרטעגא האָט בעזיעגט דיא אַרמעע פון גענעראל מיראמאָן, האָט ער אויסגעפונען, אַז דיא אויראָפּעאישע רעגיערונגען האַלטען פעראנטוואָרטליך זיין רעגיערונג פאַר אַלע שאָדענס און צרות, וואָס זייערע בירגער האָבען געליטען פון ביידע זייטען, סאַי פון דיא כואריסטען, סאַי פון דיא מיראמאָניסטען. דער כואריסטישער קאָנגרעס האָט זיך אָבער ענטזאָגט צו צאָהלען אירגענד וועלכע חובות. דאַן האָבען ענגלאַנד, פראַנקרייך און שפּאַניען, וואָס זייערע בירגער האָבען בעזאָנדערס געליטען דורך דיא רויבערייען פון דיא מעקסיקאנער, אָבגעמאַכט צווישען זיך צו צווינגען מיט געוואַלט דיא מעקסיקאנער רעגיערונג צו צאָהלען שאָדענערזאַץ.

אין דעצעמבער 1861 איז ווערא קרוץ פערנומען געוואָרען פון שפּאַנישע סאָלדאטען. באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ פראַנצויזישע פלאָטע מיט סאָלדאטען. דער פראַנצויזישער קאָמאַנדיר האָט געהאַט אינסטרוקציעס צו פערכאַפּען אַלע מעקסיקאנער פּאָרטען ביי דיא מזרח־ברעגען און צו קאָלעקטירען אין דיא צאָל־אַמטען דיא אָבצאָהלונגען אויף אימפּאָרטירטע סחורות פאַר דיא ענגלענדער און שפּאַניער אויך, ביז דיא מעקסיקאנער רעגיערונג וועט נאָכגעבען אַלע זייערע פאָדערונגען. די ענגלישע רעגיערונג האָט אויך געשיקט קריעגס־שיפען, אָבער בלויז 700 ענגלישע סאָלדאטען האָבען געלאַנדעט אין ווערא קרוץ.

ענגלאַנד און שפּאַניען האָבען אָבער באַלד (אין מערץ 1862) צוריקגעצויגען זייערע סאָלדאטען, וועהרענד פראַנקרייך האָט געשיקט פערשטערקונגען. דיא אורזאַכע וואָרום ענגלאַנד און שפּאַניען האָבען אַזוי געהאַנדעלט, איז געוועז, ווייל זיי האָבען אויסגעפונען, אַז דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט אויך אַנדערע אַבזיכטען אויסער קאָלעקטירען שאָדענערזאַץ פאַר איהרע בירגער. עס איז אַלץ קלאָרער געוואָרען, אַז נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט געוואָלט ניט נור זיך אריינמישען אין דיא אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון מעקסיקאָ צו גונסטען פון דיא רעאַקציאָנערען, זאָנדערן אויך צו עטאַבלירען אַ מאָנאַרכיע דאָרטען און אַרויפזעצען אויף'ן טראָן דעם אַרכידוקעס מאַקסימיליאַן, דעם ברודער פון עסטרייכער קייזער פראַנץ יאָזעף. דיא מעקסיקאנער רעאַקציאָנערען און קלעריקאַלען, וועלכע האָבען זיך אָבגעטראָגען נאָך פּאַריז, דאַרונטער אויך דער אַרכיביסקופּ פון מעקסיקאָ, האָבען אינטריגירט אין נאַפּאָלעאָן'ס הויף, אַז פראַנקרייך זאָל זיי קומען צו הילפע. זיי האָבען זיך פון איין זייט בענוצט דערמיט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט פאַנטאַסטישע פּלענער וועגען גרינדען אַן אימפּעריע אין צענטראַל־אַמעריקאָ און דורכגראָבען אַ קאַנאַל

אין פאַנאַמאַ מיט יאָהרען פריהער איידער איהם איז געלונגען צו ווערען פּרע־זידענט און נאָכהער קייזער פון פראַנקרייך; און פון דער אַנדער זייט דערמיט, וואָס זיין פרוי, דיא בעריהמטע יוזשעניע, איז געווען א שפּאַניערין — אום ניט נור צו בעזיעגען זייערע פּאָליטישע געגנער, דיא ליבעראַלען, וועלכע האָבען אַלץ מעהר געוואונען און געקראָגען דיא אויבערהאַנד אונטער דער פיהרונג פון בע־ניטאָ כואַרעץ, זאָנדערן אויך מעהר צו פערשטאַרקען דיא קירכע און צו עטאַבלי־רען א צענטראַלע רעגיערונג אונטער זייערען א דיקטאַטאָר אָדער אפילו אונטער א פּרעמדען פּרינץ אַלס קעניג.

דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט זיך דאַן אָנגעכאַפּט אָן דיא קלאַגע פון א באַנקיר מיט'ן נאָמען זשעקער געגען דיא מעקסיקאַנער רעגיערונג. דיזער פינאַנסיסט איז אייגענטליך געווען א בירגער פון דער שווייץ, נור זיינע קרע־דיטאָרען זיינען מייסטענס געווען פראַנצויזען. אין 1859 האָט ער געליהען דער רעגיערונג פון גענעראַל מיראַמאָן דריי־פערטעל מיליאָן דאָלאַר און האָט דערפאַר ארויסגעקראָגען פאַר זיין גרויסען ריסק אָבליגאַציעס אָדער באָנדס, וואָס זייער נאָמינעלער ווערטה האָט בעטראָפען גאַנצע 15 מיליאָן דאָלאַר. דיזע הלואה ליפערט אביישפּיעל, וויא פיעל דיא באַנקירען פלעגען פערלאַנגען און בעקומען, ווען זיי פלעגען אויסהעלפען מיט געלד איינע פון דיא מעקסיקאַנער רעגיערונגען. פון דער אַנדער זייט ערקלערט עס, וואָרום דיא כואַריסטישע רעגיערונג האָט זיך ענטזאַגט צו צאָהלען דיא חובות פון דער קלעריקאַלער רע־גיערונג.

עטליכע מאָנאַט נאָך דיזער פינאַנציעלער אָפּעראַציע האָט זשעקער באַנק־ראָטירט, און גענעראַל מיראַמאָן איז בעזיעגט געוואָרען פון דיא ליבעראַלען. זשעקער האָט דאַן אָבגעמאַכט מיט דעם דיפּלאָמאַטישען פערטרעטער פון פראַנק־רייך אין מעקסיקאָ, אַז פאַר א געוויסען טהייל פון דיא 15 מיליאָן דאָלאַר, וועלכע ער האָט פערלאַנגט לויט זיין אָבמאַך מיט מיראַמאָן'ס רעגיערונג, זאָל ער קריעגען דיא שטיצע פון דער פראַנצויזישער רעגיערונג. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז נאַפּאָלעאָן האָט צוערשט ערקלערט דורך א קייזערליכען בעפעהל דיזען שווייצערשען באַנקיר פאַר א פראַנצויזישען בירגער און נאָכהער אויפגענומען יענעמס קלאַגע געגען מעקסיקאָ. פּאָליטישע אינטריגעס און פי־נאַנציעלע שווינדעל זיינען דורך דעם צוזאַמענגעמישט געוואָרען, און אין 1862 האָט זיך שוין געפונען אין ווערא קרוץ און אומגעגענד א פראַנצויזישע אַרמעע פון 30,000 מאַן.

נאָך אייניגע צוזאַמעשטויסען מיט מעקסיקאַנער פּאַטריאָטען, צווישען וועלכע פּאָרפיריאָ דיאַז, דער צוקינפטיגער דיקטאַטאָר, האָט זיך אָנגעפאַנגען אויסצוצייכנען, זיינען דיא פראַנצויזען אריין אין דער מעקסיקאַנער הויפּט־שטאָדט און האָבען עטאַבלירט א פּראָוויזאָרישע רעגיערונג פון מעקסיקאַנער



מאקסימיליאן

קלעריקאַלען. דיזע רעגיערונג האָט ערקלערט, אַז מעקסיקאָ ווערט אַ מאָנאַרכיע און האָט איינגעלאַדען פּרינץ מאַקסימיליאַן צו פערנעהמען דעם נייען טראָן. ער האָט עס, צו זיין אונגליק, אָנגענומען, און אָנפאַנגס איז אַלעס געגאַנגען וויא געשמירט. נאַפּאָלעאָן האָט געמיינט, אַז ער וועט שוין קענען דורכפיהרען אַלע זיינע פּלענער אין צענטראַל־אַמעריקאַ, און מאַקסימיליאַן האָט איינגעפיהרט אין זיין קייזערליכען מעקסיקאַנער הויף אַזאַ שטרענגע עטיקעטע וויא אין דעם קייזערליכען הויף פון זיין ברודער אין וויען.

אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דיזער טראָן האַלט זיך בלויז אויף דיא פראַנצויזישע באַיאָנעטען, וועגען וועלכע דער זעלבער נאַפּאָלעאָן האָט געזאָגט זעהר וויציג און טיעפזיניג, אַז "מען קען מיט זיי טאָן אַלעס אין דער וועלט, נור זיצען אויף זיי קען מען ניט". וויא פיעל מאַקסימיליאַן האָט ניט געזוכט צו געווינען חן אין דיא אויגען פון דיא מעקסיקאַנער דורך אַ רייהע פון רעפאָרמען, וועלכע האָבען געשיינט זעהר פיין אויף'ן פּאַפּיער (עס איז גאָר ניט מעגליך געווען דורכצופיהרען אירגענד וועלכע רעפאָרמען צוליעב דעם בירגער־קריעג), האָט מען אַלץ געקוקט אויף איהם וויא אויף אַן אויסלענדער. דעם 12טען יוני 1864, ווען מאַקסימיליאַן איז אַריין מיט טריאומף אין דער מעקסיקאַנער הויפּט־שטאָדט אַלס קייזער, האָט כואַרעץ געהאַט עטאַבלירט אַ ליבעראַלע רעגיערונג אין דער שטאָדט סאַן לואי פּאָטאָזי און בעהערשט דיא נאָרדליכע סטייטס. שפּעטער איז ער געצוואונגען געווען אָבצוטראָגען זיך ווייטער צום נאָרד, אין דער הויפּט־שטאָדט פון סטייט טשיהואַהואַ. אָבער אין פערלויף פון דיא אונגעפעהר דריי יאָהר, וואָס מאַקסימיליאַן האָט געפיהרט דיא קייזערליכע גרענדע אין דעם פּאַלאַץ טשאַפּולטעפּעק מיט דער הילפע פון פראַנצויזישע סאָלדאַטען, האָט כואַרעץ אַ מינוט ניט אויפגעגעבען דעם אונגלייכען קאַמפּף און איז פערבליבען נאָמינעל דער פּרעזידענט פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק. פּאָרפיריאָ דיאַז האָט זיך געהאַלטען אין אָאַכאַקאַ (דיא הויפּט־שטאָדט פון דעם סטייט מיט'ן זעלבען נאָמען) געגען דיא פראַנצויזען אַרום צעהן מאָנאַט נאָך מאַקסימיליאַן'ס אָנקומען אין מעקסיקאָ. דיא מעקסיקאַנער פּאַטריאָטען האָבען נור געקענט פיהרען אַ גערילאַ קריעג געגען דיא פראַנצויזישע סאָלדאַטען, וועלכע זיינען נאַטירליך געשטיצט געווען פון דיא מעקסיקאַנער אימפּעריאַליסטען און קלעריקאַלען. דיא פראַנצויזישע קאָמאַנדירען האָבען אָרגאַניזירט קאָנטר־גערילאַס, זאָ־גענאַנטע פליהענדע באַטאַליאָנען, אום צו פאַנגען און פשוט נידערצושיסען דיא פּאַטריאָטישע קעמפּפער. וויא נור דיא פראַנצויזישע סאָלדאַטען פלעגען פערלאָזען איין אָרט, אום צו יאָגען זיך נאָך דיא פּאַטריאָטען אין אַן אַנדער אָרט, פלעגען זיך דאָרט ווידער בעוויזען כואַריסטען.

פון ביידע זייטען איז דער קאַמפּף געפיהרט געוואָרען מיט ווילדע רציחות. געפאַנגענע פלעגט מען מייסטענס נידערשיסען. אין אָקטאָבער 1865, ווען

מאַקסימיליאַן האָט געמיינט, אַז ער זיצט שוין פעסט אויף זיין טראָן, און ווען דיא כואַריסטען האָבען געהאַלטען בעזאָנדערס שמאָל, האָט ער אַרויסגעלאָזען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל איבערגעבען צו מיליטערישע געריכטען און נידערשיסען אַלע רעפובליקאַנישע קעמפפער, ווען מען וועט זיי פאַנגען מיט געוועהר אין דיא הענד. דערמיט האָט ער אונטערשריעבען, מעג מען זאָגען, זיין אייגענעם טויט־אורטהייל. ער האָט נאַטירליך ניט געקענט ערוואַרטען גנאַדע פון זיינע געגנער, נאָכדעם וויא ער האָט זיי אַליין געהייסען אויסשיסען. ווען ער איז שליסליך אַריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא כואַריסטען אַרום 19 מאָנאַט נאָך דיזען גרויזאַמען בעפעהל און איז פעראורטהיילט געוואָרען צום טויט פון אַ מיליטערישען געריכט, האָט מען געזוכט צו ענטשולדיגען איהם דערמיט, דאָס בשעת ער האָט בעפוילען צו מאַכען אַ קורצען סוף פון דיא רעפובליקאַנישע קעמפפער, האָט ער זיך פערלאָזען אויף אַ פאַלשען בעריכט, אַז כואַרעץ איז שוין אַנטלאָפען נאָך יונייטעד סטייטס און אַז עס האָט שוין דאַרום קיין רעפובליקאַנישע רעגיערונג ניט עקזיסטירט אין מעקסיקאָ.

מאַקסימיליאַן'ס סוף איז געקומען, ווען דיא פראַנצויזישע סאָלדאַטען האָבען זיך געמוזט צוריקציהען. נאַפאָלעאָן האָט זיך אַרומגעזועהען, אַז ער איז צו וויט פערקראָכען מיט זיין פּלאַן צו שאַפען אַן אימפעריע אין מעקסיקאָ. דאָס איז געוואָרען אַ צו קאָסטבאַרע און אויך געפעהרליכע אונטערנעהמונג פאַר איהם אַליין. דיא פראַנצויזישע רעגיערונג האָט דאַרום אָנגעפאַנגען צו זוכען אַ וועג, וויא אַזוי אַרויסצוקריכען פון מעקסיקאָ מיט עהרע. דערצו נאָך האָט זיא געמוזט זיך רעכנען מיט דיא אַלץ דרינגליכערע פאָרדערונגען פון דער אַמעריקאַנער רעגיערונג. וויא נור דיא אַמעריקאַנער האָבען געענדיגט זייער אייגענעם בירגער־קריעג, האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו פּראָטעסטירען אין נאָמען פון דער מאָנראָו דאָקטרין געגען דיא אַריינמישונג פון פראַנקרייך אין דיא אינערליכע אַנגעלעגענהייטען פון מעקסיקאָ. דיא סימפּאַטיען פון דיא אַמעריקאַנער זיינען נאַטירליך געוועזען צו גונסטען פון דיא כואַריסטען און בכלל פון רעפובליקאַנער און ליבעראַלען און געגען דיא אימפעריאַליסטען און בכלל רעאַקציאָנערען און קלעריקאַלען.

אין אַנטוואָרט אויף אַ דיפּלאָמאַטישע נאָטע פון דער רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס האָט נאַפאָלעאָן פערשפּראָכען אין אָנפאַנג פון 1866 צוריקצורופען דיא פראַנצויזישע סאָלדאַטען אין פערלויף פון צוועלף מאָנאַטען (פון נאָוועמבער 1866 ביז נאָוועמבער 1867). מאַקסימיליאַן האָט דאַן געטראַכט וועגען ענטזאַגען זיך אין גאַנצען פון דעם געפעהרליכען טראָן; אָבער זיין אַמביציעזע פרוי שאַרלאָטע, דיא טאָכטער פון בעלגישען קעניג לעאָפּאָלד דער ערשטער, האָט איהם אָבגערעדט דערפון. זיא האָט געהאָפט, אַז ווען זיא וועט אַליין קומען בעטען ווייטערע הילפע ביי נאַפאָלעאָן'ען, וועט זיא עס אויס־

פיהרען. זיא האָט דאַרום איבערגעלאָזען איהר מאַן אין דעם פּאַלאַץ פון טשאַפּולטעפּעק און איז אַוועקגעפאָהרען נאָך פּאַריז. נאַפּאָלעאָן האָט איהר אָבער זעהר קאַלט אויפגענומען. ווען זיא האָט געזעהען, אַז זיא קען שוין ניט ערוואַרטען אירגענד וועלכע שטיצע פון דער פראַנצויזישער רעגיערונג, איז זיא אַוועק בעטען הילפע ביים פּאַפּסט אין רוים, אָבער דאָרטען איז זיא פון האַרץ־קלעמענעס אַראָב פון זינען (סעפּטעמבער 1866).

מאַקסימיליאַן האָט זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען. אָנפאַנגס האָט ער פּרובירט קאָקעטירען מיט דיא מעסיגע ליבעראַלען. ער האָט זיך, למשל, ענטזאַגט צוריקצוקעהרען צו דער קירכע גיטער, וואָס זיינען קאָנפיסצירט געוואָרען פון דער פּראָוויזאָרישער רעגיערונג און פערקויפט געוואָרען, אום צו שאַפען געלד פאַר דיא אויסגאַבען. ער האָט אויך געוואָלט, אַז מען זאָל טאָלערירען פּראָטעסטאַנטישע קירכען אין מעקסיקאָ. פאַר דיא קלעריקאַלען איז דיזער קאַטאָלישער פּרינץ געווען צו ליבעראַל. אָבער ווען דיא ליבעראַלען זיינען ניט צוגעשטאַנען צו איהם און דיא פראַנצויזען האָבען זיך גענומען קלייבען אין וועג אַהיים, האָט ער זיך אַלץ ענגער פערבונדען מיט דיא קלעריקאַלען. ווען דיא גאַנצע פראַנצויזישע אַרמעע האָט אין פעברואַר 1867 פערלאָזען מעקסיקאָ, האָט מאַקסימיליאַן צוזאַמענגעקליבען זיינע אַנהענגער אין קווערעטאַראָ (דיא הויפּט־שטאָדט פון אַ סטייט מיט'ן זעלבען נאָמען, ניט ווייט צום נאָרד פון דער שטאָדט מעקסיקאָ). דיא כואַריסטען האָבען דאַן שנעל געוואונען אויף אַלע פּונקטען און האָבען בעלאַגערט דיא קלעריקאַלע אַרמעע אין קווערעטאַראָ. מאַקסימיליאַן צוזאַמען מיט זיינע גרעסטע גענעראַלען, מיראַמאָן און מעכיאַ, זיינען אַריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא כואַריסטען דורך אַ פערראַטה און זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו אַ מיליטער־געריכט, וועלכער האָט זיי פעראורטהיילט צום טויט. דיעזער טויט־אורטהייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען דעם 19טען יוני 1867, ניט אַכטענדיג אויף דיא פּראָטעסטען פון אַלע אייראָפּעאישע רעגיערונגען און פון גרויסע מענער, צווישען וועלכע וויקטאָר הוגאָ און גאַריבאַלדי האָבען פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ.

אַזוי טראַגיש האָט זיך געענדיגט דער פערזוך איינצופלאַנצען אין דער נייער וועלט אַ מאָנאַרכיע.

צעהנטער קאפיטעל.

דיאז, מאדערא און הוערטא

א פאאר טעג נאך דער עקזעקוציע פון דעם צווייטען קייזער פון מעקסיקא זיינען דיא ליבעראלען אריין אין דער הויפט־שטאדט אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל פארפיריא דיאז. א מאנאט שפעטער איז געפאלען דיא לעצטע פעסטונג פון דיא קלעריקאלען. דיא ליבעראלען האבען דאן טריאומפירט אויף אלע פונקטען. דיא מעקסיקאנער זיינען אבער ניט געוואהנט געווארען צו דולדען איין רעגיערונג א לענגערע צייט. ביי דיא וואהלען אין אקטאבער 1867 איז כוארעץ אויסגעוועהלט געווארען פאר פרעזידענט אויף נאך פיער יאהר; אבער אין דיא רייהען פון דיא ליבעראלען האבען זיך אנגעפאנגען פערשיעדענע שטרייטען. גענעראל דיאז, וועלכער האט דאן געוואונען א סך אנהענגער דורך זיינע מיליטערישע פעהיגקייטען, האט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור געגען כוארעץ, אבער ער איז דורכגעפאלען.

אויפשטאנדען האבען אויסגעבראכען אין פערשיעדענע ערטער, ניט נור פון רעאקציאנערען און קלעריקאלען, זאנדערן אויך פון אונצופריעדענע ליבעראלען, און באנדיטען האבען זיך שרעקליך פערמעהרט אין גאנצען לאנד. אין 1870, ווען עס איז ערקלערט געווארען אן אלגעמיינע אמניסטיע, איז עס רוהיגער געווארען, נור דעם נעכסטען יאהר, ווען עס איז געקומען צו נייע וואהלען פון א פרעזידענט, האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט א קאמפף, וואס האט געפיהרט צו א נייער רעוואלוציאן. אלס קאנדידאטען זיינען ארויסגעטראטען כוארעץ, גענעראל דיאז און לערדא דע טעכאדא, דער פארזיצענדער פון העכסטען געריכט אין לאנד. אזוי וויא קיינער פון זיי האט ניט געקראגען א זיכערע מאיאריטעט ביי דיא אלגעמיינע וואהלען, איז עס געבליבען, אז דער קאנגרעס זאל ענטשיידען, ווער עס זאל ווערען פרעזידענט. נור ווען דער קאנגרעס האט אויסגעקליבען כוארעץ'ן, האט דיאז זיך ענטזאגט איהם צו אנערקענען אויף דעם גרונד, אז עס איז בכלל געגען דיא קאנסטיטוציאן, דאס ווער עס איז זאל בלייבען פרעזידענט פון דער רעפובליק מעהר פון איין טערמין. דיא "פארפיריסטאס" אדער "דיאזיסטאס" און דיא "לערדיסטאס" האבען זיך דאן פער־

בונדען געגען דיא "כואריסטאַס", און עס האָט אויסגעבראָכען נאָך אַ בירגער־קריעג, וועלכע האָט זיך געצויגען ביז דעם פּלעצליכען טויט פון כוארעז, דעם גרויסען אינדיאַנער פיהרער, דעם 18טען יולי 1872. לערדאָ דע טעבאַדאַ איז דאַן געוואָרען פּרעזידענט לויט אַ פּונקט פון דער קאָנסטיטוציאָן (ווייל ער איז



גענעראל פּאָרפיריאָ דיאַז

געוועזען פּרעזידענט פון העכסטען געריכט). ער האָט באַלד אַמניסטירט דיא רעבעלען, און דאָס האָט אויף אַ צייט איינגעשטילט דעם פייערדיגען פּאַרטייר־קאַמפּף.

אונטער דער פּרעזידענטשאַפט פון ד׳יעזען ריכטער זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען איינינע וויכטיגע אַנטי־קלעריקאַלע רעפאָרמען. פּראָטעסטאַנטישע

מיסיאָנען האָבען דאַן געקראָגען דיא מעגליכקייט צו עטאַבלירען זיך אין מעק־
סיקאָ. אונגעפעהר דריי יאָהר איז דיא אָרדנונג ניט געשטערט געוואָרען דורך
אויפשטאַנדען און פּראָנונסיאַמענטאָס, און דיא לאַגע פון לאַנד האָט זיך אָנ־
געפאַנגען צו פערבעסערען. דיא וויכטיגע אייזענבאַהן צווישען ווערא קרוץ
און דיא הויפּט־שטאָדט איז עהפענט געוואָרען און נייע אייזענבאַהנען האָט
מען געפּלאַנעוועט. אָבער צו ענדע פון 1875 האָט עס זיך אָנגעפאַנגען צו
רודערען אין לאַנד מכח אַ נייער פּראָנונסיאַמענטאָ. דיא אַנהענגער פון פּאָר־
פיריאָ דיאַז און אַנדערע געגנער פון לערדאָ דע טעכאַדאָ'ס רעגיערונג האָבען
פערשפּרייטעט קלאַנגען, אַז דיזער פּרעזידענט וויל אויך ווערען אַ דיקטאַטאָר.
אין אָנפאַנג פון 1876 האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן אונטער דער קאָמאַנדע
פון גענעראַל דיאַז. אָנפאַנגס האָבען דיא דיאַזיסטען געליטען עטליכע נידער־
לאַגעס און דיאַז אַליין איז שיער ניט אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון זיינע
געגנער; אָבער שליסליך האָבען זיי געזיעגט, און לערדאָ דע טעכאַדאָ האָט גע־
מוזט זיך אָבטראָגען פון מעקסיקאָ אין 1877.

דיאַז איז דאַן געוואָרען פּרעזידענט, ריכטיגער גערעדט, דיקטאַטאָר; נור
ער האָט געוואָלט צייגען, אַז ער האַלט וואָרט מכח איין טערמין פאַר אַ פּרע־
זידענט. זיין פּאַרטיי האָט דורכגעפיהרט אין קאָנגרעס דעם לאַנג־פערשפּראָ־
כענען פערבאָט צו ערוועהלען אַ צווייטען מאָל אַ פּרעזידענט. אין 1880, ווען
עס האָט זיך געענדיגט זיין געזעצליכער טערמין, האָט ער טאַקע קאָנסטיטו־
ציאָנעל אָבגעטראָטען זיין פּלאַץ צו זיין פריינד, גענעראַל גאָנזאַלעץ, וועלכער
איז אויך געזעצליך ערוועהלט געוואָרען. דאָס איז געווען דאָס צווייטע מאָל
אין דער געשיכטע פון דער מעקסיקאַנער רעפּובליק, אַז איין פּרעזידענט זאָל
איבערגעבען דעם רעגיערונגס־רודער אין דיא הענד פון זיין געזעצליכען נאָכ־
פאָלגער אָהן שום רוהעשטערונגען און שטרייטען.

אונטער דער אַדמיניסטראַציאָן פון דיזע צוויי גענעראַלען האָט מעקסיקאָ
געקענט זיך אָברוהען און מאַכען פאָרטשריטע אין האַנדעל און אינדוסטריע.
אין 1878 און דעם נעכסטען יאָהר האָט גענעראַל עסקאָבעדאָ, וועלכער איז גע־
ווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער כואַריסטישער אַרמעע בשעת מאַקסימיליאַן
איז געפאַנגען און הינגעריכטעט געוואָרען, פּרובירט מאַכען אַ פּראָנונסיאַמענטאָ
געגען פּרעזידענט דיאַז; אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען. אין 1884, ווען
עס האָט זיך געענדיגט דער טערמין פון פּרעזידענט גאָנזאַלעץ, האָט דיאַז וויע־
דער אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור, ווייל זיינע אַנהענגער האָבען אויסגע־
פיהרט, אַז מען זאָל ענדערען דעם פּונקט געגען דיא ווידער־ערוועהלונג פון
אַ פּרעזידענט. דיאַז איז נאָכהער קאָנסטיטוציאָנעל ערוועהלט געוואָרען נאָך
אַמאָל און וויעדער אַמאָל פאַר פּרעזידענט. דיזע וואַהלען זיינען אַזוי געוואָרען
אַ מין צערעמאָניע, און דיאַז איז פאַקטיש געבליבען אַ דיקטאַטאָר. ער האָט

געהערשט פון 1884 ביז 1910 וויא א קייזער, אָבוואָהל אָפיציעל האָט ער גע־הייסען פּרעזידענט און יעדע פיער יאָהר פלעגט ער "ערוועהלט" ווערען אויף דעם גרונד פון דער קאָנסטיטוציאָן. זיעבען מאָל כסדר האָט ער זיך געלאָזט ערוועהלען, אום עס זאָל ניט הייסען, אַז ער איז אַ זעלבסטהערשער אָדער לע־בענסלענגליכער דיקטאַטאָר.

מען מוז אָבער געבען קרעדיט דיזען מערקווירדיגען מאַן, וועלכער פער־נעהמט אַ בעזאָנדערס גרויסען פּלאַץ אין דער געשיכטע פון מעקסיקאָ און וועלכער מעג גערעכענט ווערען צווישען דיא גרעסטע און פעהיגסטע הערשער און אַדמיניסטראַטאָרס אין דער נייער וועלט, פאַר זיינע גוטע און וויכטיגע אויפטהואונגען. ער האָט געהערשט מיט אַן אייזערנער האַנד און געהאַנדעלט ניט זעלטען וויא אַ דעספּאָט, ער האָט אויך גרויזאַם פערפאָלגט זיינע געגנער; אָבער דערפאַר האָט ער עטאַבלירט רוהע און אָרדנונג, געבויט אייזענבאַהנען און פּאָרטען, וויא אויך געגרינדעט שולען פאַר'ן פאָלק און זעהר פיעל געזוכט צו ענטוויקלען וואָס שנעלער און מעהר דיא אונפערגלייכליכע נאַטירליכע רייכ־טהימער פון דיזען פיעל געפּלאָגטען לאַנד.

אום בעסער אויסצוראָטען דיא באַנדעס רויבער, וועלכע האָבען זיך בע־זאָנדערס פערמעהרט אין דער צייט פון דעם לאַנגען בירגער־קריעג, האָט ער געשאַפען אַ זשאַנדאַרמעריע פון דיא באַנדיטען, וועלכע פלעגען געפאַנגען ווערען פון זיינע סאָלדאַטען. אַנשטאָט זיי נידערצושיסען, וויא מען פלעגט עס געוועהנליך פריהער טהאָן, האָט ער געהייסען זיי בעגנאַדיגען מיט דער בעדינגונג, אַז זיי זאָלען דיענען דער געזעצליכער רעגיערונג, אום צו פאַנגען זייערע חברים און צו האַלטען אָרדנונג. דיזע זשאַנדאַרמען, דיא זאָ־גענאַנטע „גאַרדיאַס רוראַלעס" האָבען טאַקע אין אַ קורצער צייט געמאַכט אַ קורצען סוף פון דיא רויבערישע באַנדעס.

אום מעהר און שנעלער צו ענטוויקלען דיא אינדוסטריען אין לאַנד, האָט דיאַז איינגעפיהרט הויכע טאַריפען אויף אימפּאָרטירטע סחורות און געשטיצט אויסלענדישע אונטערנעהמער און קאַפּיטאַליסטען. ריזיגע קאַפּיטאַלען פון אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פראַנצויזען און דייטשען זיינען אריינגעלעגט גע־וואָרען אין מינען, פאַבריקען, אייזענבאַהנען און האַפענס פון מעקסיקאָ. דורך דעם זיינען נאַטירליך דיא איינקינפטע פון דער רעגיערונג שנעל געוואַקסען. איינער פון דיא וויכטיגסטע רעזולטאַטען פון דיזער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג איז דאָס אויפקומען פון אַ מיטעלקלאַס אין מעקסיקאָ. אַזאַ קלאַס האָט גע־פעהלט אין אַלע שפּאַנישע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט, און דאָס איז געווען איינע פון דיא גרעסטע אורזאַכען פון זייערע שטענדיגע רעוואָלוציאָנען און פון זייער הינטערשטעליגקייט בכלל. דיא רעגיערונג איז שטענדיג געלעגען אין דיא הענד פון אַ קליינער צאָהל פּריווילעגירטע שפּאַניער און קרעאָלען,

וועלכע האָבען צוטהיילט צווישען זיך דיא בעסטע לאַנדגיטער און וועלכע האָבען געקוקט מיט דער פעראַכטונג פון דער שפּאַנישער אַריסטאָקראַטיע אויף האַנדעל און אינדוסטריע. צווישען דיזע אַריסטאָקראַטען און גוטסבעזיצער פון איין זייט און דיא אינדיאַנער פון דער אַנדער זייט, דיא פּעאָנען וואָס זיינען פּאַקטיש געבליבען שקלאַווען, איז ניט געשטאַנען אַ קלאַס פון קליינע הענדלער, האַנדווערקער, קויפלייטע און פּאַבריקאַנטען, וויא אפילו אין שפּאַניען גופא, אַ קלאַס וואָס שפּיעלט דיא גרעסטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ראָלע אין ציוויליזירטע לענדער זייט דיא גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, אַ קלאַס וואָס זיין עקזיסטענץ איז בעזאָנדערס אָבהענגיג פון רוהע און אָרדנונג און וואָס איז דאַרום דער נאַטירליכער שונא פון אויפשטאַנדען און בכלל פון געוואַלטיגע פּאָליטישע איבערקעהרעניסען.

מען קען ניט זאָגען, אַז אונטער דער לאַנגער אייזערנער דיקטאַטור פון גענעראַל דיאַז זיינען גאָר קיינע אויפשטאַנדען ניט פאָרגעקומען. אין 1890 און 1891 זיינען געמאַכט געוואָרען אַ פּאָאָר פּראָבעס פון אַ פּראָנונסיאַמענטאָ אין דיא נאָרדליכע סטייטס, וואו עס איז געוועהנליך לייכט צו בעקומען געוועהר און אויך וואָלאָנטירען און אַוואַנטוריסטען פון יונייטעד סטייטס. אין 1891 האָט אויסגעבראָכען אַן אויפשטאַנד צווישען דיא אינדיאַנער (דיא מאַיאָס) אין יוקאַטאַן און אין 1899 — אַן אויפשטאַנד פון דיא אינדיאַנער (דיא יאַקים) אין סטייט סאָנאָרא. דיזע אויפשטאַנדען זיינען אונטערדריקט געוואָרען מיט שרעקליכע רציחות און האָבען יעדענפאַלס וועניג געשטערט דיא רעגיערונג דורכצופיהרען איהר עקאָנאָמישען פּראָגראַם.

דיא מעקסיקאַנער רעגיערונג האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען צו פיהלען אַזוי שטאַרק, אַז זיא האָט געקראָגען דיא אַמביציע צו שפּיעלען אין דער נייער וועלט דיא ראָלע פון אַ גרויסמאַכט נאָך יונייטעד סטייטס. אין 1895, ווען צווישען ענגלאַנד און יונייטעד סטייטס זיינען פאָרגעקומען העפטיגע דיפּלאָמאַטישע שטרייטען און אַ שאַרפער קאָנפליקט וועגען דיא חובות און גרענעצען פון דער רעפּובליק ווענעצועלאַ, האָט דיא מעקסיקאַנער רעגיערונג זיך אויסגעשפּראָכען צו גונסטען פון דער מאָנראָו דאָקטרין אין פּרינציפּ, נור האָט דערביי בעמערקט, אַז דיא אויפהאַלטונג פון דיזער דאָקטרין זאָל ניט איבערגעלאָזען ווערען צו יונייטעד סטייטס אַליין און אַז דיא אַנדערע רעפּובליקען זאָלען זיך קענען בעטהייליגען. אין דעם זעלבען יאָהר האָט מעקסיקאָ ניט דערלאָזען דורך איהר אַריינמישונג צו אַ מלחמה צווישען דיא רעפּובליקען פון צענטראַל־אַמעריקאַ. דיא הויפּט־שטאָדט פון מעקסיקאָ איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר דעם פּלאַץ פון דעם ערשטען פּאַן־אַמעריקאַנישען קאָנגרעס (דאָס מיינט פון אַלע רעפּובליקען אין דער נייער וועלט) אין 1901. אויף דעם גרונד פון דעם אָבמאַך מיט דער רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס אין 1907 האָט דיא מעקסיקאַנער רע־

גירונג אנטהייל גענומען אין דער עטאבלירונג פון א שטענדיגען שיעדעס־גע־ ריכט פאר די צענטראל־אמעריקאנישע רעפובליקען אין קארטאגא, קאסטא ריקא. דער צוועק פון דיזען געריכט איז ניט צו דערלאזען צו מלחמות צווישען דיזע רעפובליקען, וועלכע זיינען לאנגע יאהרען געווען פעראייניגט און וועלכע האבען בעדארפט בלייבען פעראייניגט.

די גרעסטע גדולה האט פארפיריא דיאז דערגרייכט צו דער צייט, ווען ער האט זיך צוזאמענגעטראפען מיט פרעזידענט טאפט פון יונייטעד סטייטס לעבען גרענעץ אין טעקסאס. אזא בעגעגעניס האט פאסירט צום ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דיזע רעפובליקען, וואו עס איז איינגעפיהרט, אז א פרע־ זידענט דארף פערבלייבען אין די גרענעצען פון זיין לאנד אין פערלויף פון זיין טערמין. זיי האבען דארום אבגעשטאטעט איינער דעם אנדערען פריינד־ ליכע וויזיטען אין דער גרענעץ־שטאדט על פאסא אין אקטאבער 1909. אלע האבען דאן גערעכענט, אז ענדליך איז מעקסיקא פטור געווארען פון די אויפ־ שטאנדען און פראנונסיאמענטאס, וועלכע האבען איהר פעראונגליקט אזוי וויא אלע אנדערע רעפובליקען אין דער לאטיינישער אמעריקא.

אבער שטורמוואלקענס האבען זיך געצויגען אלץ ווייטער איבער דעם שיינבאר קלארען פאליטישען הימעל פון דיזען פיעל געפרופטען לאנד. עס פערשטעהט זיך, אז אין דער צייט פון אזא לאנגער דיקטאטור האט די צאהל פון געגנער געמוזט וואקסען. די אונצופריעדענהייט איז געווארען אלץ גרע־ סער אויך צווישען די אינדיאנער מאסען, וועלכע פלעגען פריהער זיך ניט מישען אין די פאליטישע איבערקעהרעניסען. דורך די פערמעהרונג פון פאלקס־שולען, פאר וועלכע דער גרויסער דיקטאטאר האט שטענדיג געזארגט, איז נאטירליך געוואקסען די צאהל פון אזעלכע וואס קענען לעזען און שריי־ בען. די ענטוויקלונג פון האנדעל און אינדוסטריע האט געפיהרט אין מעק־ סיקא, אזוי גוט וויא איבעראל, צו דער ענטשטעהונג פון א נייעם קלאס פון פאבריק־ארבייטער, אייזענבאהן־ארבייטער און בכלל פראלעטאריער. די פע־ אנען האבען אלץ העכער און ענערגישער פערלאנגט די לאנג־פערשפראכענע פערטהיילונגען פון קהל'שע לאנד און בכלל אגראר־רעפארמען, פון וועלכע עס האבען גאר ניט געוואלט הערען די "סיענטיפיקאס", וויא מען האט א נאמען געגעבען די מיניסטארען און גובערנאטארען וואס האבען ארומגערינגעלט דעם דיקטאטאר.

עס קען זיין, אז מען וואלט פון דעסטוועגען ווייטער געדולדעט דיזע דיק־ טאטור און אז מען וואלט געלאזט דיאז'ן ענדיגען זיינע יאהרען אלס פרע־ זידענט, ווען ער וואלט זיך ניט איינגעשפארט, אז ראמאן קאראל, איינער פון די בעזאנדערס פערהאסטע "סיענטיפיקאס", זאל פערבלייבען וויצע־פרעזי־ דענט. אזוי וויא דיאז איז דאן אלט געווען 81 יאהר (ער איז געבארען געווארען

אין 1828), איז עס נאַטירליך בעזאָנדערס וויכטיג געוועזען, ווער עס וועט פּערנעהמען זיין פּלאַץ. אין 1904 האָט מען איינגעפיהרט דעם אַמט פון אַ וויצע־פּרעזידענט נור צוליעב דיא אַלטקייט פון דעם דיקטאַטאָר. מען האָט געוואָלט אויף דיזען וועג אויסמיידען רוהע־שטערונגען און פּראָנונסיאַמענטאָס אין פּאַל פון זיין טויט. מען האָט אויך גערעכענט, אַז ער וועט אפשר מוזען רעזיגנירען אין מיטען פון זיין אַמט צוליעב קראַנקהייט און אַלטקייט. ווען מען האָט אָנגעפאַנגען צו פּראָטעסטירען אַלץ מעהר, וואַרום ער טרעט ניט אָב דעם פּלאַץ צו אַן אַנדערען און לאָזט ניט צו אינגערע מענשען צום רעגיערונגס־רודער, האָט ער געלאָזט פּערשפּרייטען קלאַנגען, אַז ער וועט שוין מעהר ניט זיין אַ קאַנדידאַט פּאַר פּרעזידענט און וועט זיך בכלל צוריקציהען פון פּאָליטישען לעבען. ווען עס איז אָבער געקומען צו דיא וואַהלען אין 1909, האָט ער ניט נור ווידער אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור, וואָס עס האָט געמיינט, אַז קיין אַנדערער זאָל גאָר ניט וואַגען אַרויסצוטרעטען אַלס קאָנקורענט, און איז נאַטירליך ערוועהלט געוואָרען אויף דעם אַלטען שטייגער, זאָנדערן ער האָט אויך געצוואונגען, אַז ראַמאָן קאָראַל זאָל ווידער ווערען וויצע־פּרעזידענט. ווען עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בעוועגונג, אַז גענעראַל בערנאַרדינאָ רעיעס, גובערנאַטאָר פון סטייט נועוואָ ליאָן, וועלכער איז געוועזען פּאָפּולער אין דער אַרמעע, זאָל אַרויסטרעטען אַלס קאַנדידאַט פּאַר פּרעזידענט, האָט דיאַז איהם אַוועקגעשיקט נאָך אייראָפּאַ כלומרשט צו פּאָרשען דיא מיליטערישע סיסטעמען אין אייראָפּאַ.

דאָס אַלעס האָט שליסליך געטריבען צו אַן אויפשטאַנד אין 1910 אונטער דער פיהרונג פון אַ יונגען ראַדיקאַל מיט'ן נאָמען פראַנציסקאָ מאַדעראָ, וועלכער האָט זיך צוערשט אויסגעצייכענט מיט אַ בוך געגען דיא גאַנצע רעגיערונגס־סיסטעמע אונטער דער דיקטאַטור פון גענעראַל דיאַז. ער האָט צוערשט פּרובירט אַרויסטרעטען אויף אַ געזעצליכען וועג אַלס קאַנדידאַט פּאַר פּרעזידענט געגען דעם אַלמעכטיגען דיקטאַטאָר; אָבער ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרען און איהם איז געלונגען צו אַנטלויפען נאָך יונייטעד סטייטס, האָט ער בעשלאָסען צו אָרגאַניזירען אַן אויפשטאַנד און צו מאַכען אַ פּראָנונסיאַמענטאָ נאָך דיא אַלטע מוסטערס. דאָס איז איהם געלונגען שנעלער און בעסער, וויא מען האָט עס געקענט ערוואַרטען און וויא ער אַליין האָט עס געהאָפט. ער איז געוועזען אַ זעהר רייכער גוטסבעזיצער און זיין פאַמיליע, וועלכע האָט איהם געשטיצט, איז איינע פון דיא רייכסטע אין מעקסיקאָ. דאַרום האָט ער געהאַט געלד צו קויפען געוועהר און צוזאַמענצוקלייבען קאָמאַנדעס פון רעוואָלוציאָנערען און בכלל אונצופריעדענע מיט דער דיקטאַטור פון גענעראַל דיאַז. ער האָט נעקראָגען שטיצע און אַנהענגער פון פיעלע זייטען, ניט נור אין מעקסיקאָ, זאָנדערן אויך אין יונייטעד סטייטס, וואו דאָס פּאָלק האָט סימפּאַטיזירט מיט

דיזער רעוואָלוציאָן אין נאָמען פון פרייהייט געגען דיא טיראַניי פון אַ דיקטאַטאָר. מאַדעראָ איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ זעהר ראַדיקאַלען פּראָגראַם. ער האָט פערשפּראָכען ניט נור דורכצופיהרען דעם פּונקט וועגען בלויז איין טערמין פאר אַ פּרעזידענט, זאָנדערן אויך דיא גרעסטע, וויכטיגסטע און אויך דיא שווערסטע פון אַלע רעפאָרמען, נעמליך: אַ פערטהיילונג פון לאַנד צווישען דיא פּעאָנען.



פראַנציסקאָ מאַדעראָ

דער רעזולטאַט פון דיזער שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג איז געווען, דאָס דיאַז איז געצוואונגען געווען צו רעזיגנירען אין מאַי 1911. ער האָט דאַן אויך פערלאָזען מעקסיקאָ און איז אַוועק ענדיגען זיינע יאָהרען אין אייראָפּאַ, וויא פיעלע אַנדערע אַרונטערגעזעצטע דיקטאַטאָרס פון מעקסיקאָ און פון אַנ־

דערע רעפּובליקען פון דער לאַטיינישער אַמעריקאַ האָבען עס געטהאָן. לויט אַן אָבמאַך צווישען דיא פערטרעטער פון פּאָרפּיריאָ דיאַז און פון פראַנציסקאָ מאַדעראָ איז פראַנציסקאָ דע לאַ באַראַ, וועלכער איז דאַן געוועז געזאַנדטער פון מעקסיקאָ אין וואַשינגטאָן, געוואָרען דער פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט ביז נאָך דיא נייע וואַהלען פאַר אַ רעגעלמעסיגען פּרעזידענט. דיא פּאָפּולאַריטעט פון מאַדעראָ איז דאַן געוועזען אַזוי גרויס, אַז ניט נור איז ער איינשטימיג אויסגע־וועהלט געוואָרען, זאָנדערן ער האָט אויך געצוואונגען אַרונטערצושלינגען זיין אייגענעם קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט, געגען וועמען עס האָבען פּראָטעס־טירט אַ גרויסער טהייל פון דיא פיהרער און גענעראַלען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דער רעוואָלוציאָן געגען דיאַז.

דעם 6טען נאָוועמבער 1911 איז מאַדעראָ געוואָרען דער געזעצליכער פּרע־זידענט. אָבער פעסט איז ער אפשר דיא ערשטע פּאָר מאָנאַט געזעסען אויף׳ן פּרעזידענט־שטול אין דעם נאַציאָנאַלען פּאַלאַץ און אין טשאַפּולטעפּעק. וואָס האָ־בען געזעהען אַזוי פיעל ענדערונגען אין פּאָריגען יאָהרהונדערט. די שטרייטען מיט זיינע אַדיוטאַנטען וועגען דעם קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט האָבען גע־פיהרט צו אַ נייעם אויסברוך פון אויפשטאַנדען, וועלכע הערען ניט אויף. מען האָט איהם בעשולדיגט אַלץ מעהר, דאָס ער האַלט ניט וואָרט און וויל ניט אויספיהרען דיא פערשפּראָכענע ראַדיקאַלע רעפּאָרמען, ספּעציעל מכח דיא פער־טהיילונג פון לאַנד צווישען פּעאָנען. אין דעם ערשטען יאָהר פון זיין פּרעזי־דענטשאַפט זיינען שוין געמאַכט געוואָרען צוויי פּראָבעם פון פּראָנונסיאַמענ־טאָס, דיא ערשטע פון דעם אויבען דערמאָנטען אַלטען גענעראַל בערנאַרדינאָ רעיעס, וועלכער האָט געהאָפט בעזאָנדערס אויף דער שטיצע פון דיא קלערי־קאַלען און קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען, און דיא צווייטע פון גענעראַל פעליקס דיאַז, אַ פּלעמעניק פון פּאָרפּיריאָ דיאַז, וועלכער האָט געהאָפט אויף דער שטיצע פון דיא פערעהרער פון זיין אָנקעל. דיזע פּראָנונסיאַמענטאָס זיינען זעהר שנעל דורכגעפאַלען, אוןביידע גענעראַלען זיינען געפאַנגען און איינגעשפּאַרט געוואָרען אין פעסטונגען.

אַ פיעל וויכטיגערער אויפשטאַנד איז אין דעם זעלבען יאָהר געוועזען אונ־טער דער פיהרונג פון גענעראַל אָראָזקאָ, וועלכער איז געוועזען מאַדעראָ׳ס הויפּט־גענעראַל אין דער ערפּאָלגרייכער רעוואָלוציאָן געגען פּאָרפּיריאָ דיאַז. צוליעב פּערזענליכע גרינדע איז ער צוגעשטאַנען צו דיא אונצופריעדענע מיט מאַדעראָ׳ס רעגיערונג. איהם איז אָנפאַנגס געלונגען צו פערכאַפּען איינינגע וויכטיגע שטעדט לעבען דער אַמעריקאַנער גרענעץ אין דיא נאָרדליכע סטייטס טשיהואַהואַ און סאָנאָראַ, אָבער ער האָט זיך דאָרטען ניט געקענט האַלטען געגען דיא סאָלדאַטען פון מאַדעראָ׳ס רעגיערונג און האָט געמוזט אַנטלויפען נאָך יונייטעד סטייטס.

צום אָנפאַנג פון 1913 האָט מען שוין געקענט מיינען, וועניגסטענס פון

ווייטענס, אַז מאַדעראָ וועט וויא עס איז ענדיגען זיין געזעצליכען טערמין אָהן אויפשטאַנדען און פּראָנונסיאַמענטאָס. אָבער אויסגעלאָזען האָט עס זיך, אַז אין פעברואַר איז דיזער יונגער טרוימער, וועמעס אַבזיכטען עס זיינען געווים געווען גוטע און עהרליכע, ניט נור אַרונטערגעזעצט געוואָרען מיט געוואַלט פון זיינע אייגענע מיליטערישע קאָמאַנדירען, זאָנדערן אַז ער איז אויך ערמאָר־דעט געוואָרען צוזאַמען מיט זיין וויצע־פּרעזידענט כאָזע פּינאָ סואַרעץ.

עס האָט דאַן פּאַסירט עטוואָס אונגעוועהנליכעס אפילו אין דער געשיכטע פון מעקסיקאַנער פּראָנונסיאַמענטאָס און פּאָליטישע איבערקעהרענעסען. דעם 9טען פעברואַר 1913 האָט זיך ניט נור אָנגעפאַנגען אַ מיליטערישער אויפ־שטאַנד אין דער הויפּט־שטאָדט גופא, זאָנדערן אויך אַ שיסעריי מיט קאַנאָנען אין רעכטען מיטען שטאָדט. די אָנהענגער פון גענעראַל פעליקס דיאַז, וועמען עס איז געלונגען צו אַנטלויפען פון געפענגניס (מאַדעראָ האָט געוואָלט צייגען גנאָדע און האָט ניט געלאָזען אויספיהרען דעם טויט־אורטהייל פון דעם מיליטערישען געריכט, וואָס האָט גע'משפט דיאַז'ן פאַר רעבעליאָן), און פון אַלטען גענעראַל בערנאַרדינאָ רעיעס, וועלכער איז געזעסען אין דער מיליטע־רישער תפיסה פון דער הויפּט־שטאָדט, האָבען זיך פערבונדען און האָבען צו־געצווינגען אויף זייער זייט אַ טהייל פון דעם גאַרניזאָן.

זייער פּלאַן צו בעפאַלען פּלוצלונג דעם פּרעזידענט'ס פּאַלאַץ און צו פאַנ־גען מאַדעראָ'ן האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבען. זייער ערשטע אַטאַקע איז צוריקגעשטויסען געוואָרען, און גענעראַל בערנאַרדינאָ רעיעס, וועמען די פער־שווערער האָבען אַרויסגעשלעפּט פון געפענגניס, איז געווען איינער פון די געטויטעטע אין דיזער אַטאַקע. די רעבעלען האָבען זיך דאַן בעפעסטיגט אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל פעליקס דיאַז אין אַרסענאַל, פון וואַנען זיי האָבען גענומען באָמבאַרדירען דעם פּרעזידענט'ס פּאַלאַץ, ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס זייטיגע מענשען, אונשולדיגען איינוואָהנער פון שטאָדט, האָבען געמוזט דערביי פערוואונדעט און געטויטעט ווערען. פון פּאַלאַץ, וואו עס האָ־בען זיך צוזאַמענגעקליבען די מיליטערישע פערטהיידיגער פון פּרעזידענט מאַ־דעראָ אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל הוערטאַ, האָט מען געענטפערט מיט קאַנאָנען־שיסערייען אויף'ן אַרסענאַל.

דיזער שרעקליכער אַרטילערישער דועל אין צענטער פון אַ שטאָדט, וואָס צעהלט אַרום אַ האַלבען מיליאָן נפשות, האָט זיך געצויגען גאַנצע 9 טעג און האָט אומגעבראַכט, וויא ווייט מען האָט עס געקענט אויסרעכענען, אַרום 3000 נפשות, מייסטענס אָרימע איינוואָהנער, וועלכע האָבען געמוזט ריזיקירען מיט זייערע לעבענס אויף די גאַסען. עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז אַ סך הייזער זיינען דערביי בעשעדיגט און צושטערט געוואָרען, אָבוואָהל די אַרטילעריסטען פון ביידע זייטען האָבען זיך געסטאַרעט צו טרעפען ריכטיג אין זייערע ציעלען.

עס איז שווער צו זאָגען, ווען און וויא אזוי דיזער אַרטילערישער דועל וואָלט זיך געענדיגט, וויילביידע זייטען זיינען געווען כמעט גלייך אין קראַפט, אויב עס וואָלטען זיך ניט אַריינגעמישט פון איין זייט דיפּלאָמאַטישע פער־



גענעראַל וויקטאָריאַנאָ הוערטאַ

טרעטער, וועלכע האָבען נאַטירליך געזוכט צו מאַכען אַן ענד פון אַזאַ שרעק־ליכען צושטאַנד, און פון דער אַנדער זייט גענעראַל וויקטאָריאַנאָ הוערטאַ, אויף וועמעס מיליטערישע פעהיגקייטען מאַדעראָ האָט בעזאָנדערס פיעל גערעכענט. דיזער גענעראַל, וועלכער האָט זיך נאָך אויסגעצייכענט אַלס קאָמאַנדיר אונטער

דער פּרעזידענטשאַפט פון פּאָרפיריאָ דיאַז און וועלכער האָט אויך אונטערדריקט אָראָזקאָ'ס אויפשטאַנד געגען מאַדעראָ'ן (ער האָט איבערהויפּט געזוכט צו דיע־נען דיא געזעצליך־עטאַבלירטע רעגיערונגען וויא אַ סאָלדאַט, וואָס האַלט זיין טרייהייטס־שבועה), האָט אין געהיים אָבגעמאַכט מיט גענעראַל פעליקס דיאַז, אַז מאַדעראָ זאָל אַרונטערגעזעצט ווערען. ער האָט נאָכהער ערקלערט, אַז עס איז איהם פּשוט אונמעגליך געווען ווייטער צו האַלטען זיך אין פּאַלאַץ געגען דיא באָמבאַרדירונג פון דיא רעבעלען אין אַרסענאַל. אויך האָט ער זיך ענט־שולדיגט דערמיט, וואָס דער פערלאַנג פון דיא רעבעלען, אַז מאַדעראָ זאָל רע־זיגנירען, איז אַלץ מעהר אונטערשטיצט געוואָרען ניט נור פון אַלע קלאַסען פון פּאָלק, זאָנדערן אויך פון דיפּלאָמאַטישע פּערטרעטער, דער אַמעריקאַנער אַמבאַ־סאַדאָר הענרי לעין ווילסאָן אריינגערעכענט.

יעדענפאַלס זיינען מאַדעראָ און סואַרעז אַרעסטירט געוואָרען אויף הוער־טאַ'ס בעפעהל דעם 18טען פעברואַר, און דיא שוידערליכע באָמבאַרדירונג האָט דאַן אויפגעהערט. לויט אַן אָבמאַך צווישען דיא גענעראַלען דיאַז און הוערטאַ איז דער לעצטער געוואָרען דער פּראָוויזאָרישער פּרעזידענט ביז דער קאָנגרעס וועט עס פאָרמעל אַנערקענען, וואָס עס איז אויך באַלד געשעהען. דער פּער־מיטלער צווישען זיי איז גראַדע געווען דער דערמאָנטער אַמעריקאַנער אַמבאַ־סאַדאָר.

מאַדעראָ און סואַרעז זיינען געהאַלטען געוואָרען אונטער אַרעסט אין פּאַ־לאַץ ביז דער נאַכט פון 22טען פעברואַר, ווען דיא פּראָוויזאָרישע רעגיערונג אונטער הוערטאַ'ס קאָמאַנדע האָט בעשלאָסען זיי אריבערצופיהרען אין אַ געפענגניס. לעבען דיזע געפענגניס האָט מען זיי אָבער דערשאָסען אויף טויט. וויא אַזוי דיזע טראַגעדיע האָט פּאַסירט און וואָס פאַר אַ ראָלע עס האָט אין איהר געשפּיעלט גענעראַל הוערטאַ, וועלכער איז געוואָרען דיקטאַטאָר — דאָס וועט דער צוקינפטיגער אונפּאַרטייאישער היסטאָריקער קענען אָנווייזען בע־שטימט. עס פערשטעהט זיך, אַז גענעראַל הוערטאַ האָט געהאַט אַן אינטערעס אָבצוראַמען פון וועג אַזעלכע געגנער, און עס פערשטעהט זיך אויך, אַז ער האָט זיך אָבגעטרייסעלט פון יעדער פּעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דיזען מערדערישען אַקט. דיא מאַדעריסטען וואַרפען, נאַטירליך, דיא שולד אויף איהם, און דיא אַנטי־מאַדעריסטען ערקלערען גאָר, אַז דיא מערדער זיינען געווען דיא פריינדע פון דעם קאָלאָנעל ריוועראָל, וועמען מאַדעראָ זאָל האָבען דערשאָסען אויף טויט, בשעת יענער איז געקומען איהם אָנזאָגען אין נאָמען פון דיא גענעראַלען הוערטאַ און בלאַנקעט, אַז ער זאָל רעזיגנירען.

נור אויב דיא הוערטיסטען, דיא דיאַזיסטען און אַלע אַנדערע אַנטי־מאַדע־ריסטען האָבען גערעכענט, אַז נאָך מאַדעראָ'ס טויט וועלען זיי ניט האָבען צו שרעקען זיך שטאַרק פאַר אויפשטאַנדען, האָבען זיי אַ גרויסען טעות געהאַט.

וויא נור עס איז בעקאַנט געוואָרען דער טראַגישער סוף פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלען פּרעזידענט, האָט אויסגעבראָכען אַ רעוואָלוציאָן געגען דעם דיקטאַטאָר אין נאָמען פון דער קאָנסטיטוציאָן. דיזע רעוואָלוציאָן ציהט זיך נאָך צו דער צייט, ווען מיר שליסען דיזע געשיכטע (אָנפאַנג פון 1914), און מען דאַרף טאַקע זיין אַ נביא פאָרויסצוזאָגען, ווען זיא וועט זיך ענדיגען. דער הויפּטפיהרער פון דיזער רעוואָלוציאָן, וועלכע איז בעזאָנדערס שטאַרק אין דיא שיטער בעפעלקערטע נאָרדליכע סטייטס, וויא געוועהנליך ביי אַלע אַנדערע מעקסיקאַנער רעבעליאָנען, ווייל מען קען אַהין פערהעלטניסמעסיג לייכט אַריינשמוגלען געוועהר פון יונייטעד סטייטס, — איז איינער פון דיא מאַדעריסטישע גוּבערנאַטאָרען מיט'ן נאָמען קאַראַנזאַ. ער האָט ערקלערט, אַז ער קעמפּפט איבערהויפּט פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגיערונג און אַז ער וועט ניט אַוועקלייגען דיא וואַפען ביז גענעראַל הוערטאַ וועט רעזיגנירען אָדער פעריאָגט ווערען און ביז עס וועט אויסגעוועהלט ווערען אַ געזעצליכער פּרעזידענט לויט דיא פאָרשריפטען פון דער קאָנסטיטוציאָן.

אָבער דיזע פּראָוויזאָרישע רעגיערונג האַלט זיך אַלץ, און פיעל פעסטער וויא מען האָט עס געקענט רעכענען באַלד נאָך דער ערמאָרדונג פון מאַדעראָ, צום טראָץ ניט נור פון דיא קאַראַנזיסטען אָדער קאָנסטיטוציאָנאַליסטען און פון אַלע איהרע אינערליכע פיינד, וועלכע אָרגאַניזירען אויפשטאַנדען אפילו אין דער נאָהענטער נאַכבאַרשאַפט פון דער הויפּט־שטאָדט און פון דעם גרעסטען און וויכטיגסטען מעקסיקאַנער פּאָרט וועראַ קרוץ, זאָנדערן אויך צום טראָץ פון דער אַמעריקאַנער רעגיערונג אונטער דער לייטונג פון דעם דעמאָקראַטישען פּרעזידענט וואודראָו ווילסאָן, וועלכער האָט זיך ענטזאַגט צו אַנערקענען הוערטאַ'ס דיקטאַטור אין נאָמען פון מאָראַליטעט, הומאַניטעט און קאָנסטיטוציאָנאַליטעט (זעה דיא געשיכטע פון יונייטעד סטייטס).

ניט אַכטענדיג דערויף, וואָס אַלע אַנדערע רעגיערונגען האָבען אַנערקענט הוערטאַ'ס דיקטאַטור אַלס דיא פאַקטישע רעגיערונג, לויט דיא אַלטע אינטערנאַציאָנאַלע מנהגים, האָט דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס בעשלאָסען צו האַנדלען אין דיזען פאַל גאַנץ אַנדערס און צו געהן אויף איהר אייגענעם דיפּלאָמאַטישען וועג, אין דער האָפנונג אַז דאָס וועט זיין אַ גוטע לעהרע פאַר אַלע לאַטיינישע רעפּובליקען זיי זאָלען אויפהערען צו מאַכען רעוואָלוציאָנען און זיך צוגעוואָהנען צו אמת קאָנסטיטוציאָנעלע פיהרונגען און געזעצליכע וואַהלען פון פּרעזידענטען. עס קען זיין, אַז פּרעזידענט ווילסאָן האָט דערביי זעהר פיעל געהאָפט, דאָס אָהן דער אַנערקענונג פון יונייטעד סטייטס וועט הוערטאַ'ס דיקטאַטור מוזען קומען צו אַ גאַנץ שנעלען סוף, זאָ דאָס דיא קאָנסטיטוציאָנאַליסטען וועלען קענען דורכפיהרען זייער פּראָגראַם און אַ נייער פּרעזידענט וועט טאַקע ערוועהלט ווערען אַזוי פריי און געזעצליך, וויא דאָס איז נור מעגליך אין מעק־

סיקאָ; אָבער פּאָסירט האָט עס גראַדע, דאָס דיא פּאָזיציע פון דיזען מיליטער־ רישען דיקטאַטאָר איז גאָר שטאַרקער געוואָרען דורך דעם, וואָס ער האָט זיך זעהר געשיקט בענוצט מיט דיא האַנדלונגען פון דער אַמעריקאַנער רעגיערונג, אום צו צייגען, אַז ער איז ניט בלויז אַן אָפּפערוויליגער מעקסיקאַנער פּאַטריאָט, וואָס קעמפּפט מיט אַלע כחות פאַר דיא אונאַבהענגיגקייט פון זיין פאַטערלאַנד, זאָנדערן אויך אַ קעמפּפער פאַר דיא גאַנצע לאַטיינישע אַמעריקאַ געגען דיא דיקטירונג און איבערמאַכט פון יונייטעד סטייטס מיט איהר מאָנראָו דאָקטרין.

גענעראַל הוערטאַ שניידט זיך יעדענפאַלס אויף דעם וועג פון דעם אַלטען דיקטאַטאָר פּאָרפּיריאָ דיאַז, וועלכער האָט דערלעבט צו האָבען נקמה אָן דעם אונגליקליכען מאַדעראָ און וועלכער קען נאָך אפשר ענדיגען זיינע יאָהרען (ער איז שוין 83 יאָהר אַלט) ניט אין גלות אין דער פראַנצויזישער הויפּט־שטאָדט, נור אין דער הויפּט־שטאָדט פון זיין פאַטערלאַנד אַלס פּרעזידענט. ווער קען פאָרויסזאָגען, וואָס פאַר איבערקעהרענישען עס קענען פאָרקומען אין אַזאַ לאַנד וויא מעקסיקאָ אפילו אין אַ יאָהר אַרום?

צענטראל אמעריקא

גוואַטעמאַלאַ, האָנדוראַס, סאַלוואַדאָר, ניקאַראַגוואַ,
קאָסטאַ ריקאַ און פּאַנאַמאַ.

ערשטער קאפיטעל.

אינערליכע איבערקעהרעניסען און געגענזייטיגע מלחמות

צענטראל אמעריקא איז היינט צוטהיילט אין זעקס אונאבהענגיגע רעפובליקען, ניט רעכענענדיג דעם טהייל, וואס טראגט דעם נאמען בעליזע אדער בריטיש האנדוראס און וואס געהערט צו ענגלאנד. דיזע רעפובליקען זיינען (אין דער ריכטונג פון נארד צו זיד): גוואטעמאלא, האנדוראס, סאלוואדאר, ניקאראגוא, קאסטא ריקא און פאנאמא. דיא ערשטע פינף זיינען א געוויסע צייט געווען פעראייניגט אונטער איין פעדעראלער רעגיערונג. זייער געשיכטע איז אויך מעהר אדער וועניגער געווען פערבונדען מיט דער געשיכטע פון מעקסיקא. אבער דיא זעקסטע רעפובליק, וועלכע איז דיא אינגסטע פון זיי און פון אלע אנדערע רעפובליקען אין דער נייער וועלט, איז ביז 1903 געווען א פראווינץ פון דער רעפובליק קאלאמביא און איז אין אלגעמיין געווען פערבונדען מיט זיד־אמעריקא. איהר הויפט־שטאדט פאנאמא ביי דיא ברעגען פון דעם גרויסען אדער שטילען (פאסיפיק) אקעאן, וועלכען דיא שפאניער האבען גערופען זידליכער ים, איז דיא עלטעסטע שטאדט אויף דעם אמעריקאנער קאנטינענט (איז געגרינדעט געווארען אין 1519) און איז געווארען דער צענטער פאר דיא שפאנישע עקספעדיציעס נאך פערו און נאך זיד־אמעריקא בכלל. דיזע נייע קליינע רעפובליק, וואס צייכענט זיך נור אויס מיט איהר געאגראפישער לאגע אין רעכטען מיטען און אין דעם שמאלסטען פאס פון דער נייער וועלט. — דער איסטהמוס פון פאנאמא — פערנעהמט דארום א גאנץ בעזונדערען פלאץ אין צענטראל אמעריקא.

קאלומבוס איז צוגעשוואומען צו די ברעגען פון צענטראל־אמעריקא, נעמליך פון האנדוראס, אין 1502, אין דער צייט פון זיין פיערטער רייזע. דאן האבען זיך געפונען דארטען, ספעציעל אויף דעם האלב־אינזעל יוקאטאן, אייניגע אינדיאנער מלוכות, פון וועלכע מיר ווייסען היינט מייסטענס פון דיא חורבות וואס זיינען איבערגעבליבען פון דיא אמאליגע טעמפלען און פאלאצען (זעה דיא געשיכטע פון מעקסיקא). דיא ציוויליזירטעסטע שטאמען זיינען געווען דיא מאיאס, וועלכע האבען איבערגעלעבט אלע אונטערדריקונגען און גרויזאמקייטען פון זיי־

ערע שפאנישע הערשער. נאך דיא עקספעדיציעס פון פעדרא דע אווילא, וועלכער האט איינגענומען דיא טעריטאריע פון דער יעצטיגער רעפובליק קאסטא ריקא אין 1513, און פון הערנאנדא קארטעז, וועלכער האט דערגרייכט פון מעקסיקא ביז האנדוראס אין 1525, וויא דאס איז בעשריעבען אין דער געשיכטע פון מעקסיקא, איז צענטראל אמעריקא געווארען א בעזונדערע שפאנישע קאלאניע אונטער דעם נאמען גוואטעמאלא. זיא איז פערוואלטעט געווארען אין פערלויף פון 300 יאהר, ביז דעם שלום פון דעם קאמפף פאר אונאבהענגיגקייט אין 1821, פון א גענעראל-קאפיטאן און איז צוטהיילט געוועזן אין פינף גרויסע דערפארטאמענטען אדער פראווינצען, וועלכע האבען געטראגען דיא נעמען און פערנומען אונגעפעהר דיא טעריטאריעס פון דיא היינטיגע רעפובליקען גוואטעמאלא, האנדוראס, סאלוואדאר, ניקאראגוא און קאסטא ריקא. אלע אינדיאנער שבטים זיינען פערשקלאווט געווארען דארטען וויא אין דיא אנדערע שפאנישע קאלאניעס. זיי זיינען אבער ניט אומגעקומען און ניט פערשוואונדען, וויא דיא שווארצע קאריב-שטאמען אויף דיא וועסט-אינדישע אינזלען.

ביסלעכוויז האבען דיא מאיאס און אנדערע אינדיאנער אין צענטראל אמעריקא איבערגענומען דיא רעליגיאן און אויך דיא שפראך פון זייערע הערשער און זיי בילדען היינט דיא מאיאריטעט פון דער בעפעלקערונג, וועלכע איז העכסט וואהרשיינליך ניט אזוי צאהלרייך וויא צו דער צייט פון קאלומבוס'עס ענטדעקונג, אבער וועלכע פערשפרעכט אלץ מעהר צו פערמעהרען און צו ענטוויקלען זיך. אין דיא נארדליכע טהיילען פון צענטראל אמעריקא, ספעציעל אין גוואטעמאלא, וועלכע גרענעצט זיך מיט מעקסיקא, האבען זיך דיא איינגעבארענע גאנץ וועניג אונטערשיידעט פון דיא איינגעבארענע אין דיא טהיילען פון יוקאטאן, וויא אויך אין טשיאפאס און אאכאקא, וועלכע געהערען יעצט צו דער מעקסיקאנער רעפובליק. אויך היינט, אבוואהל זיי בלייבען פאליטיש אבגעזונדערט, אונטערשיידען זיך זייערע בעפעלקערונגען פיעל וועניגער אין זייערע פיהרונגען, אין זייער קולטור, אין זייער אבשטאמונג א. ז. וו., וויא דיא בעפעלקערונג פון איינינע נארדליכע און זידליכע שטאאטען פון מעקסיקא גופא. אין בעצוג אויף רעליגיאן — דיא קאטאלישע קירכע איז פעסט איינגעווארצעלט געווארען אין דער גאנצער לאטיינישער אמעריקא — אין בעצוג אויף שפראך — דיא שפאנישע — אין בעצוג אויף ראסע — אלץ מעהר אדער וועניגער עהנליכע אינדיאנער שטאמען און דיא זעלבע מישונגען מיט שפאניער — אין בעצוג אויף געשיכטע און סאציאל-פאליטישע ארגאניזאציאנען — אלץ רעפובליקען, וואו דיא מינאריטעטען פון קרעאלען בעהערשען דיא מעסטיזאס און ריינע אינדיאנער — קענען גערעכענט ווערען פאר איין נאציאן ניט נור דיא איינוואהנער פון דעם האלבען דוצענד רעפובליקען פון צענטראל אמעריקא, זאנדערן אויך פון מעקסיקא.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציאָן געגען שפּאַניען זיינען די פינף פּראָווינצען פון גוואַטעמאַלאַ צוגעשטאַנען צו מעקסיקאָ. אין 1822 זיינען זיי אריינגערעכענט געוואָרען אין דער מעקסיקאַנער אימפּעריע אונטער איטורבידע. אָבער דעם נעכסטען יאָהר האָבען זיך דיזע פינף פּראָווינצען אָבגעזונדערט פון מעקסיקאָ און געבילדעט א רעפּובליק אונטער דעם נאָמען "פערייניגטע שטאאטען פון צענטראל אמעריקא".

דיזער פערבאנד האָט אָבער אויך ניט געדויערט לאנג. די געשיכטע פון צענטראל אמעריקא זייט די אָבשאפונג פון דער שפּאַנישער הערשאפט אין 1821, איז ניט נור פול מיט אויפשטאנדען, רעוואָלוציאָנען, פּראָנונסיאמענטאָס א. ז. וו. וויא אין מעקסיקאָ און אין אלע שפּאַניש-שפּרעכענדע רעפּובליקען, זאָנדערן אויך מיט שטרייטען און מלחמות צווישען איהרע פינף שטאאטען. די רוהיגסטע צייטען פאר דיזע לענדער זיינען נאָך אלעמען געוועזען אונטער דער שפּאַנישער הערשאפט. די אינדיאנער פון צענטראל אמעריקא האָבען אזוי שנעל איבערגענומען די רעליגיאָן, די שפּראך און די קולטור פון זייערע ווייסע הערשער, וויא די אינדיאנער פון מעקסיקאָ. זיי האָבען זיך אויך ביסלעכוויז אזוי צוזאמענגעמישט, אז עס איז צו דער צייט פון זייער בעפרייאונגס-קאמפף אויפגעקומען, מעג מען זאָגען, א נייע ראסע. די הויטפארב-פראגע האָט קיין מאָל ניט געשפּיעלט אזא ראָלע אין די קאָלאָניעס פון שפּאַניען און בכלל פון די לאטייניש-שפּראַכיגע לענדער, וויא אין די קאָלאָניעס פון ענגלאנד. די קרעאָלען האָבען נאטירליך פערנומען דעם אויבען-אָן און געהאלטען אין זייערע הענד די רעגיערונג, אָבער דאָס איז געקומען ניט אזוי דורך זייערע יחסן'ישע הויטפארב, וויא דורך זייערע פעהיגקייטען. אזוי איז עס אויך היינט צו טאָג. אָבער מעסטיזאָס און אפילו ריינע אינדיאנער זיינען ניט אויסגעשלאָסען געוואָרען פון רעגיערונגס-פלעצער בלויז צוליעב זייער הויטפארב. אין צענטראל אמעריקא, אזוי וויא אין מעקסיקאָ און אין אלע אנדערע שפּאַניש-שפּרעכענדע רעפּובליקען, זיינען די פּאָליטישע רעכטע פון די רויטהויטיגע און אפילו פון די שווארץ-הויטיגע געזעצליך ניט בעשרענקט געוואָרען. א געבילדעטער אינדיאנער איז היינט אזא יחסן וויא א שפּאַניער. אונטער דעם וואָרט "לאדינאָ" (לאטיינער) פערשטעהט מען דאָרטען א געבילדעטען מאָן, אָבגעזעהען פון זיין הויטפארב.

די צומישונג פון נעגערישע בלוט איז בכלל געווען א קליינע אין די שפּאַנישע קאָלאָניעס, מיט אויסנאהמע פון די וועסט-אינדישע אינזלען, וואו די אינדיאנער, די קאריב-שטאמען, זיינען אויסגעשטאָרבען אין א קורצער צייט נאָך קאָלומבוס'עס ענטדעקונג און וואו זייערע פלעצער זיינען פערנומען געוואָרען פון שווארצע שקלאַווען. דאָרטען וואו די אינדיאנער האָבען געקענט אויסהאלטען די אונטערדריקונגען און רציחות פון די שפּאַנישע עראָבערער

און אוואנטוריסטען, איז ניט נויטיג געווען צו אימפארטירען שווארצע שקלאווען. אין צענטראל אמעריקא זיינען געווען געגנוג אינדיאנער שקלאווען פאר דיא שפאנישע הערשער, אזוי וויא אין מעקסיקא און אין זיד־אמעריקא. דארום זיינען דיא בלוט־מישונגגען דארטען כמעט אויסשליסליך פון דער ווייסער און רויט־הויטיגער ראסען.

דיא שטענדיגע רייסערייען און בלוטפערגיסונגגען אין צענטראל אמעריקא נאך דער ערקלערונג פון אונאבהענגיגקייט זיינען געווען דער רעזולטאט פון דיא זעלבע אורזאכען, וועלכע זיינען ערקלערט געווארען אין דער געשיכטע פון מעקסיקא און וועלכע האבען געפיהרט גלייכצייטיג צו בירגער־קריעג אין אלע שפאנישע קאלאניעס. אזוי שנעל וויא דיא "פעראייניגטע שטאאטען פון צענטראל אמעריקא" זיינען געגרינדעט געווארען, האט זיך אנגעפאנגען א ביטערער און לאנגער קאמפף צווישען דיזע שטאאטען גופא צוליעב דעם, וואס אין איינעם האבען געקראגען דיא אויבערהאנד דיא קלעריקאלען און אין אן אנדערען — דיא ליבעראלען.

אין גוואטעמאלא זיינען דיא צענטראליסטען און קאנסערוואטארס, דיא געוועזענע שפאנישע בעאמטע און דיא גלחים אריינגערעכענט, געווען בעזאנדערס שטארק. זיי האבען אינטריגירט געגען דיא ליבעראלען און פעדעראליסטען, וועלכע זיינען געווען בעזאנדערס שטארק אין האנדוראס. דאס האט געטריבען צו א שפאלטונג אין דעם פערבאנד. אונטער דער לייטונג פון גענעראל ראפאעל קארערא האט זיך גוואטעמאלא ערקלערט פאר אן אונאבהענגיגע רעפובליק אין 1837. דיא ליבעראלען האבען עס ניט געוואלט צולאזען, נור זיי זיינען בעזיעגט געווארען. דאן איז דער פערבאנד צופאלען געווארען. אין 1842 האבען דיא ליבעראלען ווידער פרובירט ארונטערזעצען גענעראל קארערא, וועלכער איז געווארען דער שטענדיגער דיקטאטאר פון גוואטעמאלא, און איינפיהרען א פעדעראלע צענטראל־אמעריקאנישע רעפובליק; אבער זיי זיינען וויעדער בעזיעגט געווארען. זייער פיהרער, גענעראל פראנציסקא מאראזאן פון האנדוראס, איז דאן געפאנגען און דערשאסען געווארען פון דיא קלעריקאלען. אין 1850 האבען זיך האנדוראס, סאלוואדאר און ניקאראגוא פערבונדען, אום צו עטאבלירען צוריק דיא פעראייניגטע שטאאטען פון צענטראל אמעריקא, אבער זייערע ארמעען זיינען בעזיעגט געווארען פון דיא גוואטעמאלער אונטער דער קאמאנדע פון קארערא.

אזוי וויא גוואטעמאלא צעהלט מעהר פון א דריטעל פון דער בעפעלקערונג פון גאנץ צענטראל אמעריקא, דארום איז זיא דיא שטארקסטע. קארערא איז דערצו נאך געווען א פעהיגער דיקטאטאר. דארום האט ער געקענט בעזיעגען דיא ליבעראלע ארמעען פון וועניגסטענס צוויי אנדערע רעפובליקען. איין צייט האט ער געפיהרט דיא גרענדע כמעט אין גאנץ צענטראל אמעריקא. זיין אמבי־

ציע איז יעדענפאלס געווען צו ווערען דער פרעזידענט פון אלע פינף רעפובליקען. אין גוואטעמאלא גופא האט ער אין 1854 אויסגעפיהרט דורך אן ענדערונג אין דער קאנסטיטוציאן, אז ער זאל אנערקענט ווערען פאר פרעזידענט אויף זיין גאנצען לעבען.

אבער אין 1863, ווען דיזער דיקטאטאר האט אינטריגירט געגען גענעראל זשעראררא באריאס, דעם פרעזידענט פון סאלוואדאר, האט ער ערליטען א נידערלאגע אין א שלאכט מיט דיא ליבעראלען. סאלוואדאר איז דיא קלענסטע פון דיא צענטראל־אמעריקאנישע רעפובליקען, אבער דערפאר איז זיא זעהר געדיכט בעפעלקערט. זיא צעהלט מעהר איינוואהנער פאר ניקאראגוא און האנדוראס צוזאמען, וועלכע פערנעהמען איבער 13 מאל מעהר לאנד פאר איהר (זעה דיא סטאטיסטיק אין דעם פארווארט צו דער געשיכטע פון דער לאטיינישער אמעריקא). האנדוראס איז דאן צוגעשטאנען צו סאלוואדאר; אבער ניקאראגוא און קאסטא ריקא האבען אונטערשטיצט גוואטעמאלא. דארום האט עס קארערא, וועלכער האט אליין געקעמפפט פאר דיא יעזואיטען און בכלל דיא קלעריקאלען, געקענט פערבלייבען דער דיקטאטאר פון גוואטעמאלא ביז זיין טויט אין 1865.

זיין קאנסערוואטיווער נאכפאלגער, גענעראל צערנא, איז ארונטערגעזעצט געווארען אין 1871, ווען דיא ליבעראלען זיינען שטארקער געווארען. דיא יעזואיטען און אפילו דער ארכיביסקופ פון דער הויפט־שטאדט גוואטעמאלא האבען דאן געמוזט זיך אבטראגען. נור גענעראל רופינא באריאס, וועלכער איז געווארען פרעזידענט אין 1873 אלס פיהרער פון דיא ליבעראלען, האט זיך באלד אנגעפאנגען צו פיהרען וויא א דיקטאטאר. זיין אמביציע איז דאן געווארען צו פערבינדען אלע צענטראל־אמעריקאנישע רעפובליקען. אנפאנגס האט ער עס פרובירט דורכפיהרען דורך אונטערהאנדלונגען אויף א דיפלאמאטישען וועג. אבער ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז מיט פריעדליכע מיטעל וועט ער גאר ניט אויספיהרען, האט ער זיך אליין ערקלערט אין 1885 פאר דעם הויפט־קאמאנדיר פון גאנץ צענטראל אמעריקא. דאס האט ארויסגערופען געגען איהם א פערבאנד פון סאלוואדאר, ניקאראגוא און קאסטא ריקא. ער האט זיך דאן אריינגעריסען אין סאלוואדאר מיט זיין ארמעע; אבער אין דער שלאכט איז ער געפאלען טויט.

דיא לעצטע פראבע צו עטאבלירען דיא פעראייניגטע שטאאטען פון צענטראל אמעריקא איז געמאכט געווארען אין 1895. ניקאראגוא, סאלוואדאר און האנדוראס האבען זיך דאן פעראייניגט, אנגענומען א פעדעראלע קאנסטיטוציאן און איינגעלאדען גוואטעמאלא און קאסטא ריקא אריינצוטרעטען. אבער דיא לעצטע האבען ניט אנגענומען דיא איינלאדונג, און אין 1898 איז סאלוואדאר אויך ארויסגעטראטען פון דיזען פערבאנד.

אין 1892 איז אן אנדער גענעראל מיט'ן נאמען באריאס ערוועהלט געוואָרען פאר פרעזידענט אין גוואטעמאלא. ער האט זיך "געלאָזט אויסוועהלען" א צווייטען מאל אין 1897, נור איז עטליכע מאָנאט שפּעטער ערמאָרדעט געוואָרען, וואס עס האט ניט איין מאל געטראָפען מיט דיקטאטאָרס אין אלע לאטיינישע רעפובליקען. זיין פּלאץ איז פערנומען געוואָרען פון דעם וויצע-פּרעזידענט, וויא עס איז פאָרגעשריעבען אין דער קאָנסטיטוטיאָן; אָבער באלד האט זיך געפונען א נייער דיקטאטאָר אין דער פּערזאָן פון גענעראל קאברערא, וועלכער האט זיך "געלאָזט אויסוועהלען" אין 1898 און נאכהער א צווייטען מאל ביז 1911. זיין דיקטאטור האט ארויסגערופען בעזאָנדערס גרויסע אונצופריעדענהייט אין גאנץ צענטראל אמעריקא. מען האט איהם בעשולדיגט אין גרויזאמקייטען צו זיינע פּאָליטישע געגנער, וויא אויך אין אינטריגעס און פערשווערונגען געגען זיינע שכנים. דער רעזולטאט איז געווען, אז אין 1906 האט אויסגעבראָכען אן אויפשטאנד געגען איהם. גוט בעוואפענטע מחנות, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך געפונען אמעריקאנער אוואנטוריסטען, האבען זיך אריינגעריסען אין גוואטעמאלא פון מעקסיקא, סאלוואדאר און אויך פון בריטיש האנדוראס. דיזער אויפשטאנד האט שנעל געפיהרט צו א מלחמה צווישען דיא פינף רעפובליקען. סאלוואדאָר, האנדוראס און קאסטא ריקא זיינען ארויס געגען דעם דיקטאטאָר קאברערא, וועהרענד ניקאראגוא האט געהאלטען מיט איהם.

דיזע מלחמה האט עס געפיהרט צו אן אריינמישונג פון יונייטעד סטייטס און מעקסיקא אין דיא אינטערעסען פון פריעדען. דאן איז געשלאָסען געוואָרען אן אָבמאך, וועלכער איז אונטערשריעבען געוואָרען פון דיא פערטרעטער פון גוואטעמאלא, האנדוראס, סאלוואדאָר און קאָסטא ריקא, אָבער ניט פון ניקאראגוא. נאָך דיזען אָבמאך זיינען זיי פערפליכטעט איבערצוגעבען אלע זייערע שטרייטען צו א שיערס-געריכט פון יונייטעד סטייטס און מעקסיקא.

אויסער זייערע מלחמות מיט גוואטעמאלא האבען דיא אנדערע פיער רעפובליקען געהאט קאָנפליקטען צווישען זיך. יעדע פון דיזע רעפובליקען האט געהאט איהרע אינערליכע רייסערייען צווישען דיא קאָנסערוואטאָרס, צענטראליסטען און קלעריקאלען פון איין זייט און דיא ליבעראלען און פעדעראליסטען פון דער אנדער זייט; יעדע האט געהאט איהרע פּראָנונסיאמענטאס און דיקטאטאָרס און יעדע האט געהאט איהרע מלחמות צוליעב איהרע גרענעצען אָדער צוליעב דיא אינטריגעס, פערשווערונגען און אמביציעס פון דיקטאטאָרס. אלע האבען דורכגעלעבט דיא זעלבע צרות און פּאָליטישע איבערקעהרעניסען זייט זייער אונאבהענגיגקייט.

ניקאראגוא האט זיי אָבער אלעמען איבערטראָפען אין בלוטיגע שטרייטען און אין פּראָנונסיאמענטאס. דיזע רעפובליק איז געווען דיא סצענע, מעג מען

זאָגען, פון אן אונאויפהערליכען בירגער־קריעג. דורך דיא אויפשטאנדען און פראָנונסיאמענטאָס, וויא אויך דורך מלחמות מיט קאָסטא ריקא, סאלוואדאָר און האָנדוראַס צוליעב איהרע גרענעצען, איז איהר בעפעלקערונג, כמעט אויס־שליסליך פון אינדיאנער און מעסטיזאָס אָדער לאדינאָס, ניט נור פעראָרימט און פערווילדעט געוואָרען, זאָנדערן אויך בעדייטענד פערקלענערט געוואָרען. דער שטענדיגער ביטערער קאמפף צווישען דיא ליבעראלען, וועלכע האָבען גע־האט זייער צענטער אין דער שטאָדט לעאָן, און דיא קאָנסערוואטאָרס, וועלכע האָבען געהאט זייער צענטער אין דער שטאָדט גראנאדא, האָט אויך געפיהרט צו דער דיקטאטור פון דעם בעריהמטען אמעריקאנער אוואנטוריסט וויליאם וואָקער (Walker) אין 1856.

דיעזער גרעסטער און מערקווירדיגסטער פון אלע אמעריקאנער, וועלכע האָ־בען אנטהייל גענומען אין דיא רעוואָלוציאָנען און קאָנטר־רעוואָלוציאָנען פון דיא רעפובליקען אין דער לאטיינישער אמעריקא, האָט זיך צוערשט אויסגעציי־כענט מיט אן עקספעדיציע נאָך דעם האלבאינזעל קאליפאָרניא, וואָס געהערט צו מעקסיקאָ. ער האָט דערביי אויך געהאט פאָליטישע צוועקען, נעמליך: צו אונטערשטיטצען דיא שקלאווען־האלטערס אין יונייטעד סטייטס דורך דיא גרינ־דונג פון נייע שטאאטען, וואו די נעגער־שקלאווערייט זאָל געזעצליך אנערקענט ווע־רען. ער האָט צוערשט פּראקטיצירט אלס אדוואָקאט אין זיין געבורטס־שטאָדט נעשוויל, טענעסי (ער איז דאָרט געבאָרען געוואָרען אין 1824); אָבער ער האָט עס שנעל אויפגעגעבען, אום צו שטודירען מעדיצין. עטליכע מאָנאט האָט ער פּראקטיצירט מעדיצין אין פילאדעלפיא. נאכהער איז ער אוועק נאָך נירא̈רלי־ענס, וואו ער האָט אָנגעפאנגען א קאריערע פון א זשורנאליסט אין דיא אינ־טערעסען פון דיא שקלאווען־האלטערס. צו דער צייט פון דער קאָכרייי נאָך דער ענטדעקונג פון גאָלד אין קאליפאָרניא האָט ער אריבערגעוואנדערט נאָך סאן פראנציסקאָ, וואו ער האָט אָנגעפאנגען ארויסצוגעבען א צייטונג אין 1850.

דאָן האָט וואָקער אויך אָנגעפאנגען צו פּלאנעווען, וויא דורכצופיהרען זיינע פאנטאזיעס וועגען עראָבערונגען און וועגען גרינדונגען פון נייע שקלאווערייי־שטאאטען. אין אָקטאָבער 1853 איז ער ארויס פון סאן פראנציסקאָ אויף א שיף מיט א באנדע אוואנטוריסטען צו פערכאפּען מעקסיקאנער טעריטאָריע און אין יאנואר 1854, נאָכדעם וויא זיי האָבען געלאנדעט אויף דעם קאליפאָרניער האלבאינזעל, האָט ער ערקלערט דיזע געגענד און אויך דעם מעקסיקאנער שטאאט סאָנאָרא פאר אן אונאבהענגיגע רעפובליק. דיזע עקספּעדיציע האָט זיך אָבער באלד געענדיגט זעהר אונגליקליך. דיא אוואנטוריסטען האָבען געליטען פון דיא אטאקעס פון דיא אינדיאנער און נאָך מעהר פון הונגער. א טהייל פון זיי זיינען אומגעקומען, און דיא איבריגע האָבען זיך קוים דערשלעפּט ביז צום אמעריקאנער גרענעץ. וואָקער האָט זיך דאן ווידער גענומען צו זיין זשורנא־

ליסטישער פּעדער, אָבער זיינע פאַנטאַסטישע פּלענער וועגען ערָאָבערונגען אין דער לאַטיינישער אַמעריקאַ האָט ער ניט אויפגעגעבען.

אין 1855 איז וואָקער איינגעלאַדען געוואָרען פון איינינע ליבעראַלען פון ני־קאַראַגוּאַ צו קומען זיי העלפען מיט אַ באַנדע אַמעריקאַנער אַוואַנטוריסטען אין זייער קאַמפף מיט די קאָנסערוואַטאָרס. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דיזער געלעגענהייט צו פערווירקליכען זיינע טרוימען. ווען ער איז אָנגעקומען מיט זיין "מחנה", וועלכע איז בעשטאַנען פון 56 אַמעריקאַנער גליק־זוכער, זיינען צוגעשטאַנען איינינע ליבעראַלען פון ניקאַראַגוּאַ, וועלכע האָבען איהם געהאָל־פען צו פערכאַפּען אַ דאַמפף־שיף פון אַן אַמעריקאַנער האַנדעלס קאָמפּאַניע אויף דער לעיק (אָזערע) ניקאַראַגוּאַ. מיט דער הילפע פון דיזער שיף איז איהם געלונגען איינצונעהמען די שטאָדט גראַנאַדאַ, וואָס איז געווען דער צענטער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. די פיהרער פון ביידע פּאַרטייען האָבען דאַן אָבגעמאַכט צווישען זיך אויסצוקלייבען פאַר דעם פּראָוויזאָרישען פּרעזי־דענט אַן אונפּאַרטייאישען מאַן. אָבער וואָקער איז ניט נור געבליבען דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער אַרמעע, זאָנדערן האָט אויך אָנגעפאַנגען צו פיהרען זיך ווי אַ דיקטאַטאָר.

צו יענער צייט האָט זיך שוין געפונען דאָרטען אַן אַמעריקאַנער קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם טראַנספּאָרט פון סחורות און פּאַסאַ־זשירען אויף דעם וועג, וואָס ציהט זיך פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק גרעסטענ־טהיילס דורך די לעיק ניקאַראַגוּאַ, די גרעסטע און וויכטיגסטע אין צענטראַל אַמעריקאַ. דאָס איז דער וועג פון דעם פיעל־מאָל געפּלאַנעוועטען, אָבער דער־ווייל נאָך ניט אויסגעפיהרטען ניקאַראַגוּאַ קאַנאַל. דיזע קאָמפּאַניע איז קאָנ־טראָלירט געווען פון דעם מיליאָנער קאָרנעליוס וואַנדערבילט. איינינע פון איהרע מיטגליעדער האָבען צוליעב זייערע קאָמערציעלע אינטערעסען געשטיצט פינאַנציעל וואָקער'ס עקספּעדיציע און דיקטאַטור. זיא האָט אויך טראַנס־פּאָרטירט אויף איהרע שיפען רעקרוטען פון ניו־אָרליענס און פון אַנדערע אַמע־ריקאַנער פּאָרטען נאָך ניקאַראַגוּאַ צו בעפעסטיגען וואָקער'ס דיקטאַטור. די דעמאָקראַטען אין יונייטעד סטייטס האָבען סימפּאַטיזירט מיט דיזער אוואַנ־טורע. אין מאַי 1856 האָט די וואַשינגטאָנער רעגיערונג אונטער פּרעזידענט פיערס זאָגאַר אָפיציעל אָנערקענט די נייע רעגיערונג אין ניקאַראַגוּאַ. דעם נעכסטען מאָנאַט האָט די קאָנווענציאָן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אויס־געדריקט איהר סימפּאַטיע מיט די "אָנשטרענגונגען אויפצולעבען ניקאַראַגוּאַ". פון זיין זייט האָט וואָקער אָבגעשאַפט די געזעצע, וועלכע האָבען פערבאָטען שקלאַווערייַ דאָרטען, ווי נור ער האָט זיך "געלאָזט אויסוועהלען" פאַר פּרע־זידענט פון דיזער רעפּובליק. זיין צוועק איז געווען צו געווינען מעהר סימפּאַ־

טיע און צו קריעגען מעהר הילפע אין געלד און רעקרוטען אין דיא שקלאווערײ־שטאאטען פון יונייטעד סטייטס.

אבער ניט לאנג האט אנגעהאלטען וואקער׳ס דיקטאטור. דיא אנדערע רעפובליקען פון צענטראל אמעריקא האבען זיך פערבונדען געגען איהם, ווייל זיי האבען זיך דערשראקען פאר דיא אריינמישונג פון אמעריקאנער (דערצו נאך האבען זיך אויך געפונען אמעריקאנער קאפיטאליסטען, וועלכע האבען גע־שטיצט פינאנציעל וואקער׳ס געגנער), און דער רעזולטאט איז געווען, אז אין מאי 1857 האט וואקער זיך געמוזט רעטען אויף אן אמעריקאנער קריעגס־שיף, וועלכע האט איהם אוועקגעפיהרט נאך יונייטעד סטייטס. ער האט אבער ניט געקענט רוהען און האט ארגאניזירט נייע עקספעדיציעס פון אוואנטוריסטען אין דיא זידליכע פארטען פון יונייטעד סטייטס. נאך אייניגע אונגעלונגענע פערזוכען האט ער זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון מאביל, אלאבאמא, אין אגוסט 1860 אויף א שיף מיט א באנדע אוואנטוריסטען און האט געלאנדעט אין האנדוראס. נור דארטען איז ער געפאנגען געווארען פון א קאפיטאן פון אן ענגלישער קריעגס־שיף, וועלכער האט איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון דער רעגיערונג פון האנדוראס. דאן האט מען מיט איהם קיינע צערעמאניעס ניט געמאכט. א מיליטער־געריכט האט איהם באלד פעראורטהיילט צום טויט, און דער טויט־אורטהייל איז אויסגעפיהרט געווארען דעם 12טען סעפטעמבער 1860.

וואקער׳ס טראגישער סוף האט ניט אבגעשראקען אנדערע אמעריקאנער אוואנטוריסטען צו נעהמען אנטהייל אין דיא רעוואלוציאנען און קאנטער־רעוואלוציאנען, וועלכע זיינען געווען דיא גרעסטע קללה פון אלע לאטיינישע רע־פובליקען אין דער נייער וועלט אין 19טען יאהרהונדערט, בעזאנדערס אין דיא ערשטע פופציג יאהר נאך דער אבשאפונג פון דער שפאנישער הערשאפט. דיא אנפיהרער פון דיזע רעוואלוציאנען, דיא אמביציעזע גענעראלען, וועלכע האבען געזוכט צו פעריאגען א דיקטאטאר, אום נאכהער אליין צו פערנעהמען זיין פלאץ, פלעגען אויך קריעגען זייט וואקער׳ס עקספעדיציעס פינאנציעלע שטיצע ביי ספעקולאנטען, באנקירען און בעזאנדערס געוועהר־הענדלער אין יונייטעד סטייטס. דיא בעזיעגטע גענעראלען, וועלכע עס פלעגט געלינגען צו אנטלויפען מיט גאנצע ביינער, פלעגען ארגאניזירען עקספעדיציעס, נאטירליך געהיים, אין דיא זידליכע פארטען פון יונייטעד סטייטס.

צוליעב דיזע אוואנטוריסטען איז אויך דיא וואשינגטאנער רעגיערונג ניט איין מאל געצוואונגען געווען זיך אריינצומישען אין דיא אינערליכע אנגעלע־גענהייטען פון דיזע רעפובליקען. עס פערשטעהט זיך, אז דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס האט ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צום שיקזאל פון איהרע בירגער, וועלכע האבען ריזיקירט מיט זייערע ביינער אין דיא שלאכטען צווישען דיא פארטייען אין דיא לאטיינישע רעפובליקען אדער צווישען דיזע רעפובלי־

קען גופא. ווען א געפאנגענער אמעריקאנער אוואנטוריסט פלעגט פעראורטהיילט ווערען צום טויט, איז עס געווען נאטירליך, אז דער אמעריקאנער דיפלאמאטישער פערטרעטער זאל זוכען איהם צו רעטען און זאל פערלאנגען ווענינגסטענס אן אונפארטייאישען געריכט. אין פאל א געפאנגענער אמעריקאנער אוואנטוריסט פלעגט דערשאסען ווערען אויף דעם בעפעהל פון א דיקטאטאר, איז עס אויך געווען נאטירליך, אז דיא אמעריקאנער רעגיערונג זאל פראטעסטירען געגען דעם און פערלאנגען בעפריעדיגונג.

א שלאגענדען ביישפיעל פון אזא פאל האט געליפערט ניקאראגוא אזוי ניט לאנג צוריק וויא אין 1909. דער דיקטאטאר איז דאן געווען דער בעריהמטער גענעראל כאזע סאנטאס זעלאיא, וועלכער האט פערכאפט דיא רעגיערונג נאך א פראנונסיאמענטא אין 1893 און האט זיך ״געלאזט אויסוועהלען״ פאר פרעזידענט עטליכע מאל כסדר. דיא אויפשטאנדען, וועלכע זיינען אויסגעבראכען געגען זיין דיקטאטור, זיינען אלע אונטערדריקט געווארען מעהר אדער ווענינגער שנעל. זיינע פאליטישע געגנער זיינען אלץ ניט געווען גענוג שטארק איהם ארונטערצוזעצען. נאך דער מלחמה צווישען ניקאראגוא און האנדוראס אין 1907, וועלכע האט זיך געענדיגט צו גונסטען פון ניקאראגוא, איז זעלאיא׳ס פאזיציע אזוי שטארק געווארען, אז מען האט אנגעפאנגען איהם צו פערדעכטיגען, דאס ער פלאנעוועט גאר צו בעהערשען גאנץ צענטראל אמעריקא. אלץ שטארקער איז דאן געווארען דיא אונצופריעדענהייט מיט זיין רעגיערונג, ספעציעל מיט זיינע איינפיהרונגען פון האנדעלס-מאנאפאליעס און בעוויליגונגען פון וויכטיגע קאנצעסיעס צו געוויסע אויסלענדישע קאפיטאליסטען און ספעקולאנטען, וואס עס האט אלץ רייכער געמאכט איהם און זיינע טרייע אנהענגער אויף דער רעכנונג פון גאנצען לאנד און וואס עס האט אויך ארויסגערופען אינטריגעס און פערשווערונגען פון איין גרופע אויסלענדישע ספעקולאנטען און אוואנטוריסטען געגען דיא אנדערע. שליסליך האט עס געפיהרט צו א רעוואלוציאן אונטער דער לייטונג פון גענעראל עסטראדא, וועלכער איז זעהר פיעל געשטיצט געווארען פינאנציעל און אויך מיט רעקרוטען אין געוויסע פינאנציעלע קרייזען פון יונייטעד סטייטס. זעלאיא, וועלכער האט בכלל ארויסגעוויזען פיינדשאפט צו יונייטעד סטייטס, האט זיך דערפאר זעהר גרויזאם אבגערעכענט מיט צוויי אמעריקאנער אוואנטוריסטען, וועלכע האבען געדיענט אין גענעראל עסטראדא׳ס רעוואלוציאנערער ארמעע און האבען געהאט דעם שלים-מזל געפאנגען צו ווערען פון דעם דיקטאטאר׳ס סאלדאטען. מען האט בעהויפטעט, אז זעלאיא האט זיי געהייסען זאגאר פייניגען; נור עס איז זיכער, אז אויף זיין בעפעהל זיינען זיי נידערגעשאסען געווארען, ניט אכטענדיג אויף דיא פראטעסטען און ווארנונגען פון דער וואשינגטאנער רעגיערונג. דאס האט שוין געפיהרט צו אזא אריינמישונג פון יונייטעד סטייטס, אז זעלאיא האט געמוזט

אנטלויפען אויף א מעקסיקאנער שיף, אום זיך מעהר ניט צוריקצוקעהרען. ניקאראגוא איז אזוי ענדליך פטור געווארען פון דיזען לאנגיעהריגען דיקטאטאר, וועלכער וועט שוין אפשר זיין דער לעצטער דארטען, ווייל דיא רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס ווערט אלץ מעהר געצוואונגען דורך דעם בעזיץ פון פאנאמא קאנאל צו זארגען פאר רוהע, ארדנונג און אמת'ע קאנסטיטוציאנעלע פיהרונגען אין גאנץ צענטראל־אמעריקא.

וואס אנבעלאנגט צו האנדוראס, זא האט זיך דארטען בעזאנדערס אויסגעצייכענט אן אמעריקאנער אוואנטוריסט מיט'ן נאמען לי קריסמאס, וועלכער איז פריהער געוועזן אן אייזענבאהן־ארבייטער. ער האט אויך גענומען אנטהייל אין 1907 אין דער מלחמה צווישען ניקאראגוא אונטער דער דיקטאטור פון זעלאיא און האנדוראס אונטער דער דיקטאטור פון גענעראל באנילא. פריהער האט ער זיך בעטהייליגט אין איינינגע רעוואלוציאנען און קאנטער־רעוואלוציאנען פון האנדוראס, נור ספעציעל האט ער געזוכט צו העלפען גענעראל באנילא. אין איינער פון דיא שלאכטען מיט דיא ניקאראגואנער איז ער געטויטעט געווארען.

צווייטער קאפיטעל.

פאנאמא: איסטמוס, קאנאל און רעפובליק

דער אנפאנג פון דער רעפובליק פון פאנאמא איז דער לעצטער אקט פון דעם קאנאל, וואס איז שוין געפלאנעוועט געווען א קורצע צייט נאך באלבאא'ס ענטדעקונג פון פאסיפיק אקעאן און וואס ווערט ענדליך אויסגעגראבען פון אמעריקאנער. די גאנצע בעדייטונג פון דיזער קליינער און וועניג־בעפעלקער־טער רעפובליק ליעגט אין איהר געאגראפישער פאזיציע. איהר טעריטאריע ציהט זיך איבער דעם שמאלסטען פאס לאנד, וואס טהיילט אב די גרעסטע צוויי אקעאנען: דעם פאסיפישען און אטלאנטישען. דער וועג פון דער שטאדט קאלאן ביי די ברעגען פון אטלאנטישען אקעאן ביז צו דער שטאדט פאנאמא ביי די ברעגען פון פאסיפישען אקעאן, ד. ה. דער וועג פון פאנאמא קאנאל, איז אייגענטליך ניט דער קירצעסטער. א ביסעל ווייטער צו מזרח זייט פון דער שטאדט פאנאמא געפינט זיך דער איסטמוס (דאס איז א גריכיש ווארט וואס בעדייטעט: א שמאלער דורכגאנג) פון סאן בלאז, וואס איז בלויז 31 מייל לאנג, מיט 4 מייל קירצער פאר'ן פאנאמא איסטמוס. נאך ווייטער צו מזרח זייט און אויך ארונטער צו דרום געפינט זיך דער דריטער קירצעסטער וועג, דער איסטמוס פון דאריען, וואס זיין לענג איז 46 מייל. די וויכטיגסטע מעלה פון דעם פאנאמא וועג בעשטעהט אין דעם, וואס די קארדילערען, די בערג וואס ציהען זיך דורך די גאנצע לענג פון דער נייער וועלט אין מערב זייט, מעהר אדער ווייניגער נאהענט פון די ברעגען פון פאסיפישען אקעאן, זיינען גראדע דארטען נידריגער וויא אין די אנדערע איסטמוסען פון צענטראל אמע־ריקא, מיט אויסנאהמע בלויז פון דעם וועג דורך ניקאראגוא. די הויכקייט פון די קארדילערען צווישען קאלאן און פאנאמא איז בלויז 300 פוס.

דארום האט מען עס נאך פיעלע רייזען און פארשונגען אין די שמאלסטע ערטער פון צענטראל אמעריקא פאר א קאנאל שליסליך אויסגעקליבען דעם פאנאמא־וועג. עס איז דארטען לייכטער און בעקוועמער צו גראבען א קאנאל. אבער מיט 400 יאהר צוריק, ווען די שפאנישע שווערד־העלדען האבען זיך א לאז געטהאן אויף דעם וועג, וואס באלבאא האט זיי געצייגט, האבען זיי גע־

וואוסט בלויז פון דעם איסטמוס פון דאריען. ווען קאָלומבוס איז געפאָהרען ביי דיא ברעגען פון צענטראַל אַמעריקאַ אין 1502, האָט ער געגרינדעט ניט ווייט פון דער יעצטיגער שטאָדט קאָלאָן (זיא טראָגט טאקע זיין נאָמען; דיא שפּאַניער רופען איהם קריסטאָבאַל קאָלאָן) א קאָלאָניע, וועלכע ער האָט א

וואסקא נוניעץ דע באלבאא (1475—1517).

נאָמען געגעבען נאָמברע דע דיאָס און וועלכע איז באַלד צושטערט געוואָרען פון דיא אינדיאַנער. מיט אַכט יאָהר שפּעטער האָט ענסיזאָ, א לייטענאַנט פון אַלאָנסאָ דע אָכעדאָ, געגרינדעט א קאָלאָניע לעבען דעם טייך און דעם גאָלף דאריען און האָט איהר א נאָמען געגעבען סאַנטאָ מאַריא לאַ אַנטיגאַ דעל

דאַריען. דיזער פּונקט, וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען צו רופען קורץ דאַריען, איז עס בענוצט געוואָרען פון באַלבאָאַ און פון אַנדערע שפּאַנישע שווערד־העלדען און גאָלד־זוכער פאַר עקספּעדיציעס אַלץ ווייטער אין זיד־אַמעריקאַ. דיא בייליעגענדע לאַנדקאַרטע צייגט דיא טייכען, דיא בערג און דיא ערשטע שפּאַנישע קאָלאָניעס אַרום דעם גאָלף אָדער בעי פון פּאַנאַמאַ.



דיא לאַנדקאַרטע פון דאַריען, פּאַנאַמאַ און זידליכען ים (פּאַסיפישער אָקעאַן).

צווישען דיא אַוואַנטוריסטען, וואָס האָבען אַנטהייל גענומען אין דיא עקספּעדיציעס פון אָכעדאָ און פון ענסיזאָ לעבען דיא מזרח־ברעגען פון צענ־טראַל אַמעריקאַ, האָבען זיך געפונען באַלבאָאַ און פּיזאַראָ, פון וועלכער דער

ערשטער האָט זיך אונשטערבליך געמאַכט מיט דער ענטדעקונג פון פּאַסיפישען אָקעאַן און דער צווייטער — מיט דער עראָבערונג פון פּערו. אין 1511, ווען באַלבאָאַ מיט עטליכע אַנדערע אַוואַנטוריסטען האָט זיך אַ לאָז געטהאָן פון אַנטיגאַ דעל דאַריען צו זוכען גאָלד, דעם ענדציעל פון אַלע שפּאַנישע שווערד-העלדען, האָט ער זיך דערוואוסט פון אַן אינדיאַנער עלטסטען דאָרטען, אַז צו דרום-זייט געפינט זיך אַ גרויסער ים, וואָס זיינע ברעגען זיינען בעוואָהנט פון רייכע און ציוויליזירטע פעלקער. דאָס האָט איהם אונטערגעיאָגט צו זוכען דיזע געהיימניספאָלע געגענדען. זיין פּלאַן האָט ער אָבער געקענט אויספיהרען מיט צוויי יאָהר שפּעטער. אין דער בעגלייטונג פון 190 שפּאַניער, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען פראַנציסקאָ פּיזאַראָ, און פון אַ טויזענד אינדיאַנער האָט ער אָנגעפאַנגען דעם 1טען סעפּטעמבער 1513 זיין בעריהמטע רייזע דורך די טראָפּישע וועלדער און איבער די בערג פון דעם איסטמוס פון דאַריען צו דערגרייכען דעם אונבעקאַנטען ים און צו ענטדעקען נייע לענדער. דער וועג איז געווען אַ זעהר שווערער. מען האָט געמוזט אויסהאַקען פּלאַץ פאַר יעדען שריט דורך די געדיכטע טראָפּישע וועלדער. אָבער די שפּאַנישע אַוואַנטוריסטען האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט פאַר קיינע שוועריגקייטען. זיי האָבען בראַווירט די גרעסטע געפאַהרען און געקוקט דעם טויט גלייך אין די אויגען. ווען זיי האָבען, נאָך גרויסע מאַטערניסען אין פערלויף פון דריי וואָכען, דורכגעהאַקט זיך אַ וועג ביז צום שפּיץ פון אַ באַרג, פון וועלכען מען האָט געקענט זעהען דעם געהיימניספאָלען ים, וויא די אינדיאַנער האָבען עס פּערזיכערט, האָט באַלבאָאַ זיך אַ לאָז געטהאָן פאָרויס, אום צו כאַפּען דעם ערשטען בליק; אָבער אין דער לויפענעס נאָך דעם כבוד צו דערגרייכען די ברעגען פון דיזען ים דער ערשטער איז ער איבערגעיאָגט געוואָרען פון פראַנציסקאָ פּיזאַראָ.

אַנדערע אַוואַנטוריסטען האָבען זיך באַלד אַ לאָז געטהאָן אויף דיזען וועג, אום צו געפינען נייע לענדער מיט גאָלד און שקלאַווען. די שווערד-העלדען, וועלכע האָבען אין פערלויף פון די ערשטע צוואַנציג יאָהר נאָך קאָלומבוס'עס ערשטע רייזע ניט נור צוזאַמענגעקראַצט דאָס גאָלד, וואָס האָט זיך געפונען אין היספּאַניאָלאַ (האַאיטי), זאָנדערן אויך אויסגעראָטעט די שוואַכע אינדיאַנער דאָרטען און אויף די אַנדערע וועסט-אינדישע אינזלען, האָבען געזוכט אַלץ נייע פּלעצער צו שעפּען גאָלד. נאָך דיזע פּיאָנערען האָבען געפאָלגט נייע אַוואַנטוריסטען, זאָ דאָס אין אַ זעהר קורצע צייט האָבען זיי איינגענומען אַלע מלוכות פון די האַלב-ציוויליזירטע אינדיאַנער און אויך דערגרייכט ביז צו די פּערוואָרפּענסטע ערטער פון זיד-אַמעריקאַ — די העכסטע בערג, וואָס זיינען בעדעקט מיט אייביגען אייז, און די טיעפסטע טהאָלען, וואָס זיינען אימער גרין, פייכט און שטיקענד.

דער וועג דורך דעם איסטמוס האָט געדיענט ניט נור צו עראָבערען דיא מלוכות פון זיד־אַמעריקאַ, זאָנדערן אויך צו גרינדען קאָלאָניעס ביי דיא ברעגען פון פּאַסיפישען אָקעאַן, וועלכע זיינען פיעל געזינטער און פּאַסען בעסער פאַר אייראָפּעער, וויא דיא זומפּיגע, פייכטע און פיעבער־ברענגענדע אַטלאַנטישע ברעגען פון צענטראַל אַמעריקאַ. אויסער דעם געפינען זיך אויך בעסערע האַ־פענס דאָרטען ביי דיא פּאַסיפישע וויא ביי דיא אַטלאַנטישע ברעגען. דיא וועסטליכע טהיילען פון אַלע צענטראַל־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען, וויא אויך פון זיד־מעקסיקאָ, זיינען טאַקע בעדייטענד מעהר בעפעלקערט פאַר דיא אָסט־ליכע טהיילען. אויף דיא פּלאַטאָס (הויכלענדער) פון דיא קאָרדילערען און אַנדערסען קענען אייראָפּעער וואָהנען אפילו אונטער דעם סאַמע עקוואַטאָר. דיא געגענדען ביי דיא אַטלאַנטישע ברעגען (געגנויער: ביי דיא ברעגען פון מעקסי־קאַנער גאָלף און פון קאַריבעער ים) פון צענטראַל אַמעריקאַ טויגען ניט פאַר אייראָפּעער אפילו אין אונזערע צייטען, ווען מען האָט שוין געפונען היילף־מיטעל געגען דיא שרעקליכע מגפה פון געלען פיעבער. דיא אינדיאַנער זיינען דאָרטען ביז היינט צו טאָג געבליבען כמעט אַזוי ווילד וויא אין באַלבאָאַ'ס צייט. דיזע שרעקליך אונגעזונדע ערטער זיינען אָבער זעהר פּרוכטבאַר, און דאָס האָט געפיהרט צו דער נעגרישער שקלאַווערייַ אויף דיא פּלאַנטאַציעס דאָרטען.

באַלבאָאַ האָט פיעלע מאָל אריבערגעשפּרייזט דעם איסטמוס פון דאַריען און האָט אויך געזוכט אַנדערע וועגען, אום צו דערגרייכען צו דיא זידליכע מלוכות, וועגען וועלכע ער האָט אַלץ עפּטער געהערט פון דיא אינדיאַנער ארום דעם גאָלף פון פּאַנאַמאַ. ער האָט אויך געפּלאַנעוועט, וויא איינצונעהמען דיא גרויסע אימפּעריע אין פּערו, וואו גאָלד האָט זיך פּשוט געוואַלגערט, וויא דיא אינדיאַנער האָבען עס דערצעהלט. ער האָט שוין אָנגעהויבען צו קלייבען מאַ־טעריאַלען צו בויען שיפען. צוויי זעגעל־שיפען איז איהם געלונגען אויפצור־בויען און צו בעוואָפענען ביי דיא ברעגען פון פּאַנאַמאַ גאָלף. מיט דיזע שי־פען איז ער צוגעקומען צו דיא פּערל אינזלען (זעה דיא אָביגע לאַנדקאַרטע), וועלכע האָבען געקראָגען דיזען נאָמען, ווייל דאָרטען האָט מען בעקומען און מען בעקומט אויך היינט פּערל, און עס קען זיין, אַז ער וואָלט זאָגאַר צוגעשוואומען ביז צו דיא ברעגען פון פּערו, ווען דאָס וועטער וואָלט דאַן געווען גינסטיגער פאַר אַזאַ רייזע.

נור איהם איז ניט בעשערט געווען אויסצופיהרען דיזען גרויסען פּלאַן. פיער יאָהר נאָך זיין גרויסער ענטדעקונג איז ער ער געפאַלען פון דיא הענד פון זיינע לאַנדסלייט, וועלכע האָבען איהם ניט פערגונען זיין גדולה. דיא שפּאַ־נישע רעגיערונג האָט איהם בעהאַנדעלט אַזוי שלעכט, וויא קאָלומבוס'ען און דיא מייסטע אַנדערע ענטדעקער און עראָבערער, וועלכע האָבען אַלץ פערגרע־

סערט איהר ממשלה אין דער נייער וועלט. דער קעניג האט איהם אפילו בעלוינט פאר די ענטדעקונג פון פאסיפיק מיט'ן טיטול "אדעלאנטאדא פון זידליכען ים", אדער אדמיראל פון דעם נייעם ענטדעקטען ים; אבער אלס גובערנאטאר פון דא־ריען גופא איז געשיקט געווארען אן אדעליגער מיט'ן נאמען פעדרא אריאס דע אווילא. צווישען דיזען גובערנאטאר און באלבאא האבען זיך אנגעפאנגען ריי־סערייען. דיא פריינד פון דעם נייען גובערנאטאר האבען געמאכט א בלבול אויף באלבאא'ן, אז ער וויל גאר גרינדען אן אייגענע מלוכה — אזא בלבול האט מען אויך געמאכט אויף קאלאמבוס'ען, קארטעץ'ען און אנדערע — און אויף דעם גרונד האט מען איהם ניט נור גע'משפט און פעראורטהיילט צום טויט פאר האכפערראטה, ווען ער האט זיך געלאזט ארייננארען אין דיא הענד פון זיינע געגנער, זאנדערן דער טויט־אורטהייל איז אויך באלד אויסגעפיהרט געווארען אין 1517.

באלבאא'ס עראבערונגס־פלענער זיינען אויסגעפיהרט געווארען פון פראנ־ציסקא פיזארא, וויא מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען קומען צו דער געשיכטע פון פערו. אין פערלויף פון 16טען יאהרהונדערט, ווען שפאניען האט דערגרייכט איהר העכסטע פאליטישע גדולה, ווען איהר אימפעריע האט זיך אויך צושפרייט איבער בראזיליען און איבער פארטוגאל גופא, און אין פערלויף פון 17טען יאהרהונדערט, ווען זיא האט אלץ מעהר און שנעלער אנגעהויבען צו זינקען, האט דער איסטמוס פון פאנאמא געדיענט אלס דער איינציגער פראק־טישער וועג צווישען איהר און איהרע פאסעסיעס אין זיד־אמעריקא ביי דיא ברעגען פון פאסיפישען אקעאן. דיא אוצרות פון פערו זיינען געפיהרט גע־ווארען אויף שיפען ביז צום פארט פאנאמא. נאכהער זיינען זיי טראנספארטירט געווארען איבער דעם איסטמוס ביז צו אן אטלאנטישען פארט, פון וואנען שיפען פלעגען אבפאהרען נאך שפאנישע פארטען, מייסטענס נאך קאדיקס. אויף דיזען וועג פלעגט מען פיהרען סחורות פון שפאניען ניט נור נאך פערו און בכלל דיא לענדער פון דער אינקא אימפעריע, זאנדערן אפילו נאך ארגענטינע און אנדערע קאלאניעס, וואס זייערע נאטירליכע האנדעלס־וועגען זיינען נור דורך דיא אטלאנטישע פארטען. דיא אורזאכע דערפון איז געלעגען אין דער קאלאניאלער סיסטעם, וועלכע האט רואינירט דיא גאנצע שפאנישע אימפעריע, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דער געשיכטע פון דיא זיד־אמעריקאנישע רע־פובליקען. אן ערגערע סיסטעם צו פערוואלטען קאלאניעס, וויא דיא שפאנישע רעגיערונג האט איינגעפיהרט, איז גאר שווער אויסצוטראכטען.

דיא פערבינדונגען צווישען דיא פראווינץ פאנאמא און נייע־גראנאדא (נאכ־הער דיא רעפובליק קאלאמביא), צו וועלכער זיא האט פאליטיש געהערט, זיי־נען געפיהרט געווארען דורך'ן ים. דער טיעפער טהאל פון דעם טייך אטראטא, וואס פאלט אריין אין דעם גאלף פון דאריען, האט איבערגעהאקט דעם יבשה־

וועג דורך דיא גערדיכטע און פייכטע טראָפּישע וועלדער (דיא געגענדען דאָרטען זיינען בעזאָנדערס רעגענדיגע). אויך אין אונזערע צייטען איז עס זעהר שווער צו דערגרייכען פון קאָלאָמביא ביז צו פּאַנאַמאַ אויף יבשה־וועגען. דאָס האָט פּאָקטיש געמאַכט דיא איסטמוס־פּראָווינץ אונאָבהענגיג פון דיא וויצע־קעניגע און נאָכהער פון דיא פּרעזידענטען פון ניי־גראַנאַדאַ אָדער קאָלאָמביא. דאָס האָט אויך לייכטער געמאַכט דאָרטען דיא מרידות געגען דיא קאָלאָמביאַנער רעגיערונג און שליסליך מיטגעהאָלפען אין דער גרינדונג פון אַן אונאָבהענגיגער רעפּובליק אין פּאַנאַמאַ אין 1903.

אויסער דיא פּאָרטען פון דעם איסטמוס זיינען קיינע שפּאַנישע בעזעצונגען ניט געוועזען אין דיזען טהייל פון צענטראַל אַמעריקאַ. דיא וויצע־קעניגע אין באָגאָטאַ, דיא הויפּט־שטאָדט פון קאָלאָמביא, האָבען זיך איבערהויפּט זעהר ווייניג געקימערט וועגען דיא פּאַנאַמאַ־פּראָווינץ, צו וועלכער מען האָט נור געקענט צוקומען אויף שיפען איבער'ן ים און וועלכע איז געוועזען בעזאָנדערס אונגעזונד פאַר אייראָפּעער.

דערמיט האָט זיך צו ענדע פון 17טען יאָהרהונדערט בענוצט אַ מערקווירדיגע פּערזאָן צו גרינדען דאָרטען אַ קאָלאָניע פון שאָטלענדער מיט דער הילפע פון דער ענגלישער רעגיערונג אין דיא אינטערעסען פון וועלט־האַנדעל און פון רעליגיעזע פרייהייט. דיא געשיכטע פון דיזער קאָלאָניע, וועלכע האָט ליידער געהאַט אַ זעהר קורצען און טרויעריגען סוף, איז בכלל זעהר אינטערעסאַנט.

דער גרינדער איז געוועזען דער שאָטלענדער וויליאַם פּאַטערסאָן, וועלכער איז אויך געוועזען דער גרינדער פון דער בענק אָוו אינגלענד און האָט זיך אויסגעצייכענט ניט נור אַלס קויפמאַן און פינאַנסיסט, זאָנדערן אויך אַלס שרייבער און טרוימער. אין איינער פון זיינע שריפטען ווערט ערקלערט "אַ פּאָרשלאַג צו עטאַבלירען אַ קאָלאָניע אין דאַריען צו פּערטהיידיגען דיא אינדיאַנער געגען שפּאַניען און צו עפענען זיד־אַמעריקאַ פאַר דעם האַנדעל פון אַלע נאַציאָנען". דיזע שריפט צייגט, וואָס פאַר אַ וויטען און ברייטען בליק ער האָט געהאַט איבער דער וועלט.

מיט אַ פּלאַן צו גרינדען אַ גרויסע האַנדעלס־קאָלאָניע אין דעם איסטמוס פון דאַריען האָט זיך פּאַטערסאָן, דער זוהן פון אַ פּאַרמער אין שאָטלאַנד, אַרומגעטראָגען עטליכע יאָהר, נאָכדעם וויא ער האָט געלעבט אַ געוויסע צייט אין דיא באַהאַמאַ אינזלען, וועלכע געהערען אויך היינט צו ענגלאַנד (אויף איינעם פון דיזע אינזלען האָט עס קאָלומבוס צוערשט געלאַנדעט אין דער נייער וועלט). ער האָט געזוכט אונטערשטיצונג ניט נור אין שאָטלאַנד און אין ענגלאַנד, זאָנדערן אויך אין דיא האַנדעלס־פּאָרטען פון האָלאַנד, דייטשלאַנד און בכלל פון פּראָטעסטאַנטישע לענדער.

אין 1695 איז איהם שליסליך געלונגען צו גרינדען אין עדינבורג אַ האַנ־

דעלס-קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך אונטערנומען דורכצופיהרען זיין פּלאַן וועגען די קאָלאָניזירונג פון דעם איסטמוס פון דאַריען פאַר דעם פרייען האַנדעל פון דער גאַנצער וועלט. דיזע קאָמפּאַניע האָט געהאַט אין אויג ספּעציעל די קאָמערציעלע אינטערעסען און אויך די פּאָסעסיע פון אַ פּונקט, וואָס איז "דער שליסעל פון דעם וועלט-האַנדעל", וויא וויליאַם פּאַטערסאָן האָט עס ער-קלערט. ער אָבער האָט דערביי געהאַט אין זינען אויך רעליגיעזע און פּאָלי-טישע פרייהייטען.

זיין זאָ-גענאַנטער "דאַריען פּלאַן" האָט געוואונען די סימפּאַטיע פון פאָלק אין שאָטלאַנד. דורך אַן עפענטליכע סובסקריפּציאָן האָט מען דאָרטען צוזאַ-מענגעקליבען גענוג געלד צו שיקען אין 1698 אַ גרויסע עקספּעדיציע מיט דער צושטימונג פון שאָטלענדישען פּאַרלאַמענט. אַרום צוועלף טויזענד שאָטלענ-דער האָבען דעם יאָהר געלאַנדעט אין דאַריען, אום צו רעאַליזירען פּאַטערסאָן'ס טרוימערישען פּלאַן וועגען די גרינדונג פון אַ פרייער האַנדעלס-אימפּעריע אין רעכטען מיטען פון דער נייער וועלט. אָבער דיזע אונטערנעהמונג האָט זיך געענ-דיגט אַזוי שנעל ווי טרויעריג, די מייסטע קאָלאָניסטען זיינען אומגעקומען פון קראַנקהייטען און אויך פון מאַנגעל אין שפּייז. פּאַטערסאָן'ס פרוי און קינד זיינען געוועזען צווישען די ערשטע אָפּפער פון דעם שרעקליך-אונגעזונדען קלימאַט ביי די אַטלאַנטישע ברעגען פון איסטמוס. ער אַליין איז קוים גע-קומען אַ לעבעדיגער מיט אַ טהייל פון די קאָלאָניסטען צוריק נאָך שאָטלאַנד צו ענדע פון 1699.

נאָך אַזעלכע הערצרייסענדע ערפאַהרונגען האָט פּאַטערסאָן דאָך ניט אויפ-געגעבען זיינע פאַנטאַסטישע פּלענער. ווען עס זיינען נאָכהער אָנגעקומען אַ פּאָאַר שיפען פון שאָטלאַנד מיט נייע ענטהוזיאַסטען, האָט זיך שוין אין דאַריען געפונען אַ שפּאַנישע פלאָטע מיט סאָלדאַטען צו פעריאָגען די אונגעבעטענע געסט פון אַזאַ וויכטיגען סטראַטעגישען און קאָמערציעלען פּונקט. אַזוי וויא די ענגלישע רעגיערונג איז געווען גלייכגילטיג צו דיזער אונטערנעהמונג, האָ-בען די איבערגעבליבענע שאָטלענדער זיך אונטערגעגעבען צו די שפּאַניער, און די פּראָווינץ טיעראַ פירמאַ, וויא מען האָט דאַן אָפיציעל גערופען די טעריטאָריע פון דער היינטיגער פּאַנאַמאַ רעפּובליק, איז געבליבען אין פערלויף פון די נעכסטע צוויי יאָהרהונדערטע אַ טהייל פון דעם וויצע-קעניגטהום נועוואַ גראַנאַדאַ און נאָכהער פון דער רעפּובליק קאָלאָמביאַ.

די וויצע-קעניגע און, נאָך דער אָבשאַפונג פון דער שפּאַנישער הער-שאַפט אין 1819, די פּרעזידענטען פון קאָלאָמביאַ האָבען זיך ווייניג געקימערט וועגען דיזע ווייניג בעפעלקערטע און אונגעזונדע פּראָווינץ, וועלכע האָט נור געדיענט אַלס אַ דורכוועג אין איהרע שמאָלסטע ערטער פאַר דעם פערקעהר און האַנדעל מיט די לענדער ביי די פּאַסיפישע ברעגען פון דער נייער וועלט.

אין 1841 האבען דיא פראווינצען פאנאמא און ווערגוא פרובירט זיך אבטהיילען פון קאלאמביא, אבער דאס איז זיי ניט געלונגען. א צווייטע פראבע צו גרינדען א זעלבסטשטענדיגע רעפובליק אין דער פראווינץ פאנאמא איז געמאכט געווארען אין 1857, עטליכע יאהר נאכדעם, וויא דיא קאנסטיטוציאן פון נייגראנאדא, וויא מען האט צו יענער צייט גערופען דיא פעראייניגטע שטאאטען פון קאלאמביא, האט געגעבען דיא שטאאטען דאס רעכט זיך אבצוטהיילען. אבער דאס האט אויך קיין קיום ניט געהאט.

פאנאמא וואלט וואהרשיינליך עד היום פערבליבען א שטאאט פון קאלאמביא, טראץ אלע אינערליכע רייסערייען וועגען דעם קאנאל זייט דיא פראנצויזען האבען טאקע אנגעפאנגען צו גראבען דארטען און טראץ אן אויפשטאנד אין 1895, ווען דיא רעגיערונג און דער קאנגרעס אין באגאטא וואלטען געהאנדעלט קליגער און פארזיכטיגער מיט דער רעגיערונג אין וואשינגטאן אונטער דער פרעזידענטשאפט פון טהעאדאר רוזוועלט. דיא געשיכטע פון דעם קאנאל און פון דער עטאבלירונג פון דער רעפובליק פאנאמא אונטער דעם שוץ פון יונייטעד סטייטס איז שוין איבערגעגעבען געווארען אין א קאפיטעל פון דער געשיכטע פון דער מעכטיגער נארד־אמעריקאנער רעפובליק (זעה זייטע 97 און 98). מיר וועלען עס דא ניט ווידערהאלען. דא בלייבט נור צוצוזעצען, אז דיא קאלאמביאנער רעפובליק הערט ניט אויף צו פראטעסטירען געגען דיא האנדלונגען פון דער אמעריקאנער רעגיערונג אין נאוועמבער 1903, ווען דיא רעפובליק פאנאמא איז אין איין נאכט געשאפען געווארען אהן א שאס פולווער, און אז זייט דאן הערשט דארטען רוהע און ארדנונג.

דיא אינגסטע פון אלע רעפובליקען אין דער נייער וועלט האט א גלענצענדע צוקונפט ניט נור א דאנק דעם קאנאל, וועלכער וועט איהר מאכען פאר דעם צווייטען גרעסטען צענטער (נאך זועץ קאנאל) פון שיף־וועלטהאנדעל און פאר וועלכען זיא קריעגט פון יונייטעד סטייטס א יעהרליכע רענט פון א פערטעל מיליאן דאלאר, זאנדערן אויך א דאנק דער וויסענשאפט, וועלכע האט שוין ביינעקומען דיא שרעקליכע מגפה פון געלען פיעבער און וועלכע וועט מעגליך מאכען פאר ווייסע צו בעזעצען זיך און צו פערמעהרען זיך דארטען.